אלע ווערק



אברהם רייזען

יידישע
פאלקס ביבליאטעק

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

אברהם רייזען

געזאַמלטע שריפטן

פאַרלאַג „אידיש"
ניו יאָרק, 1930

זיבעטער באנד:

שטילע ליעבע.

שטילע ליעבע.

אייזען.

א קליינע אינטימע געזעלשאפט, וואס איז בעשטאנען פון פינף מענער אין עלטער פון דרייסיג ביז פינף און דרייסיג יאהר, האבען געפיהרט א געשפרעך וועגען מיסטיציזם, ספּירימואליזם און וועגען עהנליכע ענינים פון העכערע מאטעריען, ביז זיי זיינען ענדליך ארויפגעקומען אויף דער טעמע וועגען דער בעדייטונג פון ווערטער.

איינער פון דער געזעלשאפט, א הויכער, מאגערער ברונעט, מיט שווארצע ברענענדיגע אבער פערבענקטע אויגען, מיט שווארצע לאקען, צעווארפען אין חנ'עוודיגער אונארדנונג אויפ'ן שטערן, איז ביי דער דאזיגער טעמע ווי לעבהאפטער געווארען, אונגעדולדיג אויסגעהערט די מיינונגען פון די איבעריגע און גענומען די ערלויבניש צו דערצעהלען א קורצען עפּיזאד פון זיין נאהענטער פערגאנגענהייט.

— ניט ערווארט עפּעס העכסט אינטערעסאנטעס, — האט ער אנגעהויבען אביסעל שעמעוודיג און זיין שטים האט עטוואס געציטערט,—דאס, וואס איך וויל אייך דערצעהלען, איז א קורצע אונבעדייטענדע פּאסירונג אין מיין לעבען. די פּאסירונג אליין וואלט שוין לאנג פערשוואונדען געווארען פון מיין זכרון, ווען ניט א ווארט, וועלכעס ליעגט דארט אזוי טיעף בעהאלטען, און הערענדיג דאס ווארט פון אנ'אנדערן אדער אליין דערמאהנענדיג עס, ווערט מיר מאדנע באנג און מיר דאכט, אז דאס ווארט

האט פאר מיר א סימבאלישע בעדייטונג: דאס ווארט איז
א י י ז ע ן . . .

— אייזען? האבען די איבעריגע ווי אין איין שטים אויס־
געשריען.

און איינער האט צוגעגעבען:

— זעהר אינטערעסאנט: אייזען! דערצעהלט.

— אייזען! האט דער ברונעט געהיימניספול געפליסטערט.
זאגט מיר קופער, האט עס פאר מיר קיין בעדייטונג, מעש—א
פוסטער קלאנג, בלעך, צין, בליי — אבער אז איהר זאגט מיר
אייזען, ווערט מיר אזוי באנג, אזוי טרויעריג.

אבער צו וואס די סענטימענטאליטעט! איך וועל אייך דער־
צעהלען. נאר, איך בעט אייך, ערוואַרט נישט קיין בעזונדערעס.
עס איז א נארישע געשיכטע, אדער בעסער — גאר קיין געשיכ־
טע נישט.

עס איז געווען מיט פינף יאהר צוריק. איך בין דאמאלסט
אלט געווען פינף און צוואנציג יאהר, האב שוין ביז דער דאזי־
גער עלטער צוויי מאל געליעבט און ביידע מאל נאריש ענט־
טוישט געווארען; איך האב אבער געוואלט ווידער ליעבען און
ווידער גענארט ווערען און האב געזוכט ליעבע אין די גרויסע
גאסען פון דער גרויסער שטאדט... נאטירליך האב איך געוואוסט,
אז ליעבע געפינט מען נישט דאן, ווען מען זוכט זי. די ערשטע
צוויי ליעבעס זיינען צופעליג געקומען און צופעליג פערשוואונ־
דען. אבער בעת דאס הארץ בענקט, קוקט מען נישט אויף
חשבונות. דאס הארץ זוכט.

האב איך איינמאל אזוי נעבלאנזשעט אין א גרויסער טו־
מעלדינגער אידישער גאס, א גאס פון קראמען; ביי די אפענע
טירען פון די קראמען זיינען דאס רוב געשטאנען מיידלעך,
שעהנע מיידלעך; איך האב זיי אלע אין די אויגען אריינגעקוקט,
חאטש איך האב געוואוסט, אז עס איז נישט שעהן, נאר ווידער—
א הארץ! ווייס דען א הארץ צו שעמען זיך! געקוקט אין די

אוינעז פון די פערשידענע יונגע אידישע טעכטער און אלע זיינען מיר געפעלען געווארען און קיינע איז מיר נישט געפעלען געווארען.

ענדליך איז מיין בליק געפאלען אויף צוויי אויגען: צוויי גרויסע, שווארצע, אבער זעהר קאלטע אויגען פון א מיידעל, וואס איז געשטאנען ביי א טיר פון א קראם. איך האב מיך מאמענטאל פערקירעוועט צום שוועל. דאס מיידעל איז אריין אין קראם און האט זיך געשטעלט אויף איהר פלאץ, מיך אנגעקוקט און רוהיג און קאלט געפרעגט:

— וואס פערלאנגט איהר?

איך בין געווארען מבולבל; איך האב געווארפען מיינע פערווירטע בליקען איבער'ן קראם און, וואו מיין בליק איז געפאלען האט עס געזעהען בלויז אייזען און אייזען... גאט מיינער! א קראם פון אייזען! איך דארף דאך אבסאלוט קיין אייזען נישט האבען... וואס־זשע טהו איך דא אין געוועלב?

— אלזא, וואס פערלאנגט איהר? האט דאס מיידעל ווידער רוהיג, אבער שוין שטרענגער געפרעגט.

— אייזען! האב איך אויסגעפראלט...

— אייזען? — האט זי קאלט געשמייכעלט און איהרע שווארצע אויגען האבען ווי מיט אייזען געגלאנצט, — גוט, עס איז א קראם פון אייזען. וואס ברויכט איהר אבער?

איך האב ווידער געווארפען ווילדע בליקען. מיין בליק איז ענדליך געפאלען אויף א האמער, א שווערער האמער. דער שפיץ אביסעל פערראסטעט... איך האב אויסגעפראלט פערווירט:

— א האמער...

— אט אזוי רעדט... איז זי ווייכער געווארען. — א האמער פערשטעהע איך...

— האט מיר שמייכלענדיג דערלאנגט דעם האמער.

איהר האט זעלטען־שעהנע אויגען!

— איהר קויפט דאך אייזען... האט זי שטרענג בעמערקט.

— אייזען... אייזען.. האָב איך איהר נאָכגעגעבען... גע־קוקט אין די גרויסע שווארצע אויגען און געפרעגט: וואָס קאָסט אַט דער האמער ?

— דער האמער קאָסט נישט פיעל, — האָט זי שוין גאָר ווייך גערעדט, — דער האמער קאָסט דרייסיג קאָפּיקעס...

— טאקי ביליג ! — האָב איך אויסגערופען בעגייסטערט... זעהר ביליג...

— נו, טאָ בעצאָהלט און נעהמט עס... איז זי געוואָרען ווידער שטרענג און איהר יעדעס וואָרט האָט געקלונגען דומפּ, ווי אייזען וואָלט זיך אָן אייזען געריבען..

איך האָב ארויסגענומען אן אסיגנאציע, געבעטען א רעשט און דערוויי׳ל געקוקט אויף איהרע אויגען..

— אך, מיין גאָט ! וואו האָט איהר גענומען אזוינע אוי־גען ? האָב איך זי, בשעת זי האָט דאָס געלד געצעהלט, גע־פּרעגט...

— איהר דאַרפט דאָך אייזען... וואָס גערען איך אָן מיינע אויגען ? — האָט זי, דערלאַנגענדיג מיר דאָס רעשט, טרוקען געזאָגט, — איינפּאַקען איך דעם האמער ?

— פּאַקט איין, אודאי... פּאַקט איין !

זי האָט קאַלט און רוהיג געוויקעלט דעם האמער, פערבונ־דען איהם מיט א שווארצען פאָדים, דערלאַנגט מיר און זי איז ארויס צום טיר...

איך בין ארויס פון קראָם, ווי איך וואָלט די גרעסטע נאַ־רישקייט אָבגעטהאָן... דעם האמער האָב איך געהאַלטען אונטע׳ן אָרים און ער האָט מיר געקיהלט דאָס בלוט, און דאָך איז מיר געוועזן אזוי הייס. אין די שלייפען האָט מיר געקלאַפּט, פאַר די אויגען האָט מיר געפינטעלט, און דער האמער איז געוועזן מיר אזוי שווער, אזוי שווער...

איך בין געקומען אין מיין איינזאם צימערל, עס איז שוין

געווען עלף א זייגער אין אווענד... דעם האמער האב איך פאר־גאנדערגעפאקט, אוועקלעגעט אויפ'ן טיש און בעטראכט איהם.

אויפ'ן טישעל איז געלעגען א בילד, אן אלט בילד. אמאל איז עס געווען צוגעשלאגען צו א וואנד, נאר די לעצטע צייט האט עס זיך ארומגעוואלגערט... איך האב זיך געמאכט פארווירפע, וואס איך בין גישט קיין בעל־הבית, אלץ געהט ביי מיר לאיבוד... און דאס בילד איז דאך אזוי שעהן...

יא, דאס בילד וועל איך צושלאגען צו דער וואנד...

— וואר־זשע נעהמט מען פיער טשוועקעלעך?

— טשוועקלעך דארף איך איצט נויטיג האבען... אך. ווען עס איז ניט אזוי שפעט, וואלט איך געלאפען צו דעם מיידעל פון אייזען... מארגען וועל איך גלייך געהן אין קראם...

אויף מארגען בין איך דאך ניט אזוי גיך געגאנגען. איך האב מיך געשעמט און אביסעל ווי מורא געהאט — איהרע אויגען. איהרע אויגען, — מיין גאט! ווי זיי וועלען מיך אנקוקען...

אבער אז עס איז פינסטער געווארען, בין איך ווי מוטיגער געווארען, בין פארביי די קראם — זי איז ביים טיר ניט געווען. איך האב ארייגגעקוקט אינווייניג — זי איז געשטאנען ביים פלאץ, וואו מען פערקויפט. זי האט ווי דערפיהלט מיינע בליקען, האט מיך אנגעקוקט און קאלט מיך ערוואַרט.

איך בין אריין.

— וואס פערלאנגט איהר?

— טשוועקעס...

— דאס קריגט איהר ביי מיר וויפיעל איהר ווילט... א סך?...

— ניין! נאר א בילד צוצושלאגען צו דער וואנד — זעהר א שעהן בילד, ווען איהר קוקט עס אן.

זי האט מיך שטרענג אנגעקוקט און ווידער נעפרעגט:

— א סך טשוועקעס?...

— א טויז... האָט איהר ניט עפּעס שעהנע טשוועקלעך בעגילדעטע?

— ניין; גאַנץ געוועהנליכע.

זי האָט מיר ארויסגעשאָטען פון עטליכע קעסטעלעך שווארצע שפּיציגע טשוועקעס. זיי האָבען זיך געשאָטען אזוי קאַלט און הארט אויפ'ן טיש, און איך האָב זיי געקליבען, געקוקט אויף זייער מאָס און ענדליך אויסגעקליבען צוועלף טשוועקעס.

— דריי קאָפּעקען! — האָט זי זיך אָנגערופען און א געניץ געטהאָן.

— אך, איהר געניצט!... האָב איך זיך בעלעדיגט... אייך אינטערעסירט ניט דאָס לייזונג...

— מעהר דארפט איהר גאָרניט?

— ניין! האָב איך אָבגעהאַקט, גענומען די טשוועקלעך, איינגעוויקעלט אליין אין א שטיקעל פּאַפּיר, געוואָרפען אויף איהר א בליק, נאָכהער אויפ'ן קראָם און ניט קענענדיג אוועקגעהן, האָב איך געפרעגט:

— אויסער אייזענווארג האָט איהר גאָר נישט?...

— בלויז אייזען!.. האָט זי געענטפערט.

איך בין ארויס.

איך בין אוועק אהיים, גענומען דאָס בילד און צוגעשלאָגען עס מיט פיער טשוועקלעך צום וואנד. די איבעריגע אכט האָבען זיך יתומדיג געוואַלגערט אויפ'ן טיש.

אלזא, דעם האַמער מיט די טשוועקלעך האָב איך שטארק נויטיג געהאַט, — האָב איך מיך געטרייסט — דאָס בילד איז ווירקליך שעהן, עס העננט איצט פּונקט קעגענאיבער מיין בעט; איך וועל ליגען, איידער איך ווער אנטשלאָפען, און קוקען... דאָס בילד איז פּראַכטפול...

אבער מאָרגען? מעהר ווי אייזען געפינט זיך ניט אין קראָם... איך האָב בעטראַכט מיין טיר... אבסאָלוט אָהן א ברע־

קעל שלאָם... די ווירטין פערזיכערט אפילו, אז גנב'ענען וועט מען נישט, אָבער ווער קען עס גלויבען... אין צימער ליגען ביי מיר אזוי פיעל נויטיגע פאַפּירען, און מיין אנצוג איז אויך עפּעס ווערט... דאָס צימער מוז ביי מיר פון היינט אָן זיין פערשלאָסען... אַך, מיין גאָט, ווי אזוי האָב איך עס גאָר ביז היינט צו־געלאָזען אָהן א שלאָס?...

אויף מאָרגען האָב איך קוים דערלעבט, עס זאָל פינסטער ווערען. (זונדערבאר, פאר דער ליכטיגקייט האָב איך ניט גע־האַט קיין מוט אריינצוגעהן).

דאָס מיידעל איז אין קראָם געשטאַנען אינגאַנצען ווי אויס־געגאָסען פון אייזען, נאָר די צוויי שווארצע אויגען האָבען קלוג און רוהיג געקוקט אויף מיר און זיך בעוועגט:

— וואָס פערלאַנגט איהר?

— איך ברויך א שלאָס...

— דאָס קריגט איהר ביי מיר...

— איך בעט אייך, — האָב איך ווי וויינענד אויסגערו־פען... איהר האָט אזוינע זעלטענע אויגען.. און אז ניט קיין שלאָס...

זי האָט מיך קאַלט אָנגעקוקט און געפרעגט:

— ווילט איהר א גרויסען אָדער א קליינעם?...

— א גרויסען, זעהר א גרויסען... מיין צימער געפינט זיך אין א געפעהרליכער גאַס... איהר פערשטעהט... איך מוז האָ־בען א גוטען שלאָס...

זי האָט מיר דערלאַנגט א גרויסען שווערען שלאָס. איך האָב איהם אהיים געבראַכט און ענטציקט אויסגערופען:

— אָט אזא שלאָס האָב איך ווירקליך געדאַרפט!...

ער האָט זיך אָבגעהאַקט, אָנגעקוקט די געזעלשאַפט און צוגעגעבען, ווערענדיג שוין אביסעל בלאַס:

— איך וועל אייך לאנג ניט אויפהאלטען, פאר אייך קען זיין די געשיכטע נאריש... אפשר פאר מיר אויך. אָבער אין פער־לויף פון א מאָנאַט צייט האָט זיך מיין צימער פערוואנדעלט אין אן אייזען־געשעפט. דאָרט האָט זיך געפונען פון כל המינים: שערעלעך, מעסערס, צוואנגען, שלעסער און שליסלען און צולעצט שטיקער אייזען, סתם שטיקער אייזען...

דאָס האָב איך זיך אלע יעדען טאָג איינגעקויפט א נייע אייזערנע זאך...

די גאנצע וועלט האָט מיר דאמאָלס אויסגעזעהן אזוי הארט און קאלט און טרוקען, ווי אייזען. און עד־היום האָב איך א גרוים אינטערעס אין אייזען....

ער איז שטיל געבליבען; אין צימער האָט געהערשט א מאָדנע שטילקייט.

די גנבה.

די ליעבע מיט פרידען איז געווען צו ענדע. הערמאן האט עס שוין פאראויסגעזעהן מיט א צייט צוריק. די שיידונג, וואס האט געמוזט אין גיכען קומען, האט איהם ניט ערשיטערט ווי די ערשטע שיידונגען, וואס זיינען פארגעקומען מיט פאריגע מיידלעך. הערמאן איז שוין געווען פערהארטעוועט און האט דעם שיידונגס־קלאפ געקענט פערטראגען ווי א העלד. אמת, נאך זיין מיינונג איז פרידע געווען די בעסטע און שעהנסטע פון אלע. אבער הערמאן איז שוין געווען געניט און האט געוואוסט, אז צו געוויינען צוריק א פערלארען הארץ איז אונמעגליך. צו וואס זשע זאל ער זיך נאריש מאכען?

ניין! ער איז א מאן און איז גענוג שטארק צו פערטראגען דעם דאזיגען קלאפ. זיין הארץ האט זיך אפילו אביסעל געבונטעוועט און האט איהם געשלעפט נאך אמאל צו איהר, צו דעם בלאנדען, שלאנקען און זיסען מיידעל. דאס הארץ זיינס האט געלעכצט נאך די קושען, אומארמונגען און דריקונגען פון די שעהנע, ווייסע, נאקעטע הענד. אבער הערמאן האט דעם הארץ בעפוילען: רוהיג! און איז צו פרידען מעהר ניט געגאנגען.

גלאט זיך שיידען איז אבער ניט קיין שטייגער. דאס שיידען זיך מוז צוגעהן מיט א געוויסער עטיקעט און צערעמאניע. פרידע האט פון איהם בריעף, פאטאגראפיעס מיט די זיסטע אויפשריפטען און מתנות. פאר די מתנות איז ער גענוג גרויס־מוטיג, זיי זאלען ביי איהר בלייבען. ער וועט זיי אפילו ניט

דערמאַהנען. דאָס ריהרט איהם גאָר ניט אָן. אָבער די בריעף און די פאָטאָגראַפיעס מוז ער צוריק בעקומען...

הערמאַן וויל ניט, אַז זיינע געפיהלען, וואָס ער האָט אויס־געדריקט אין די פיעלע בריוועלעך צו איהר, ניט קוקענדיג, וואָס זיי ביידע האָבען געוואוינט אין איין שטאָדט, — הערמאַן וויל ניט, אַז די דאָזיגע בריוועלעך זאָלען בלייבען ביי איהר... אויך ניט זיינע פאָטאָגראַפיעס.

געדאַכט האָט זיך איהם אָבער, אַז ניט אַזוי גיך וועט זי עס וועלען אומקעהרען צוריק. אַזוינע בריעף, ווי ער האָט איהר געשריבען, בעקומט מען ניט פון יעדען. ער ווייס גוט איהר הויכע מיינונג וועגען זיינע בריעף. ער ווייס אפילו דאָס שעהנע קעסטעלע, אין וועלכען זי האַלט זיי...

זי וועט איהם די בריעף זיכער ניט אומקעהרען...

און כאָטש הערמאַן האָט פון איין זייט בעשלאָסען, אַז די וועלט מעג אונטערגעהן, וועט ער די בריעף בעקומען, האָט ער דאָך פון דער אנדער זייט ווי גאָט געבעטען, אַז זי זאָל זיך איינשפּאַרען און די בריעף מיט זיינע בילדער ניט אומקעה־רען. ביים צווייטען פאַל וואָלט ער, מעגליך, געהאַט די גוטע געלעגענהייט צו קומען צו איהר און מינדליך מיט איהר וועגען דער דאָזינער אנגעלעגענהייט איבעררעדען:

— די בריעף מוזט איהר מיר, פרידע, אָבגעבען...

— איך קען אייך ניט אָבגעבען...

— פאַרוואָס, פרידע? וועט ער פרעגען און ער זעהט שוין, ווי פרידע ווערט רויט און שטאַמעלט קוים ארויס:

— ווייל איך האָב דיך ליעב, ליעב...

און פאַלט איהם אויפ'ן האַלז און פאַנגט איהם אָן צו קושען...

און פרידע איז צוריק זיינע...

עס איז אָבער ניט געווען, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט: אויף זיין קורצען, געקינסטעלטען, קאַלט־געשריבענעם צעטעלע

צו איהר, זי זאָל איהם זיינע בריעף און פאָטאָגראפיעס אבשי־קען, האָט זי איהם נאָך קירצער און נאָך קעלטער געענטפערט, אז עס פרעהט איהר זעהר אומצוקעהרען איהם אלעס, אלעס, וואָס זי האָט פון איהם בעקומען, אבער פאַראוים פאָדערט זי אונבעדינגט, ער זאָל איהר אָבשיקען איהרע אלע בריעף מיט איהר בילד...

איבערלעזענדיג דעם בריעף, האָט ער פערביסען מיט די ליפּען און, אויסקרעכצענדיג ווי פון א שווערען וועהטאָג, איז ער צוגעגאנגען צום טשעמאָדאן, וואו אלע איהרע בריעף זיינען געלעגען פערוויקעלט אין דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט, האָט זיי ארויסגענומען און זיי גענומען צעהלען...

— איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף...

ער האָט זיי גענומען לעזען. מאנכע האָבען געקלונגען קאלט און הערמאן האָט אין זיי שוין געהערט קלינגען דעם טאָן פון דער צושיידונג... אייניגע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט א שטארקען געפיהל, און לעזענדיג די דאָזיגע הייסערע בריעף, האָט הערמאן אויף דאָס ניי דורכגעלעבט די ליעבע און האָט די בריעף געדריקט צום הארץ און געקושט...

איבערהויפּט האָט פון די פּאָר הייסערע בריעף איהם גע־פּאקט איינער, וואו פרידע רופט איהם אָן אויבען „מיין גאָל־דענער טרוים"...

אויף דעם דאָזיגען בריעף האָט הערמאן געוואָרפען אָן אויג, ווי א קארגער אויף א טייערען דימענט... אין קאָפּ איז איהם דורכגעפלויגען א מחשבה...

ער האָט זיך פערשעמט, ווי ער וואָלט געגאנגען טהאָן א גרויס פערברעכען און מען האָט איהם געחאפּט, אבער די מחשבה האָט אלץ שטארקער געפּאָדערט צו פערווירקליכט ווערען.

„געדענקט זי דען אלע בריעף?" האָט ער זיך בערוהיגט...

„און פון וואנען ווייס איך, אז זי וועט מיך ניט בע׳גנב׳ע־נען?“... האט ער זיך נאך מעהר בערוהיגט... „איך בין זיכער, אז יא... זי וועט גנב׳ענען נאך מעהר ווי אייגעם. איך קען זיי. די חברה“...

ער איז אויפגערעגט און בייז געווארען. געוואלט אבער האט ער, אז זי זאל איהם אויך אזוי בע׳גנב׳ענען. נאר ער האט געפיהלט, אז אין דער דאזיגער הינזיכט איז זי אנשטענדיגער פאר איהם: זי וועט איהם זיכער אבשיקען אלע בריעף, ביז איי־נעם, מיט די פאטאגראפיעס, מיט די מתנות...

יא, זי איז אן אנשטענדיגע מיידעל. און ער?

ער האט זיך געשטארקט, האט פערוויקעלט אלע בריעף— ער וועט זיי אלע אומקעהרען!...

נאר פלוצים האט איהם א געוואלטיגע מאכט נעגעבען א ציה צוריק, צום בריעף פון „גאלדענעם חלום“. ער האט איהם ארויסגענומען פון פעקעל, איהם בעטראכט, און ארומקוקענדיג זיך ווי א גנב, טיעף ארייננעלעגט אין א וועסטען־טאש...

גע׳גנב׳עט דעם „גאלדענעם חלום“! ער וועט איהם סיינ־מאל, קיינמאל ניט אומקעהרען!...

בעליידיגט א פרוי.

(דערצעהלט פון אן אונערפאהרענעם)

דאס איז געווען א מיידעל פון א יאהר צוויי־און־צוואנ־ציג. איהר וואוקס איז געווען שלאנק, און איהר רונד פנימעל— זעהר חנעוודיג און תמימותדיג. איהרע אויגען — שווארץ און גרויס — האבען געקוקט ווי מיט א שטילען געבעט, און ווי זיי וואלטען טיילמאל געפרעגט: איז עפּעס דא שעהנעס אויף דער וועלט? און עס האט זיך איהר טיילמאל געוואלט ענטפערן: א, יא, עס איז דא שעהנעס אויף דער וועלט...

איך בין מיך מודה, אז דאס ערשטע מאל דערזעהענדיג זי, האב איך דערפיהלט א זיסען ציטער אין מיין גאנצען קער־פער: אט מיט דעם מיידעל וואלט כדאי געווען בעקאנט צו ווערען. איך וואלט מיך געפיהלט יום־טוב'דיגער, הייליגער, און איבערהויפּט אין א רעגען־טאג, ווען די טראפּען פּויקען אזוי מאנאטאן אויף די שויבען, וואלט אזוי גוט געווען צו זיצען מיט איהר צוזאמען אין צימער און ריידען מיט איהר וועגען שעהנע ערהאבענע זאכען, האלטענדיג דעמאלט איהר קליינע האנד, מיט די לאנגע ווייסע פינגערלעך.

און וואס איהר וואלט אויף מיר ניט זאגען, — אין דער דאזיגער הינזיכט בין איך גראד געווען א שטיקעל בריה; זע־הענדיג זי איינמאל אין טעאטער, וואו מיין פּלאץ איז גראד געווען נעבען אידען, האב איך זי, חלילה ניט בכיון, אנגעטראטען אויפ'ן פוס, איך ווייס ניט, ווי אזוי עס האט געקאנט געשעהן אזא

אונפּאַרזיכטיגקייט פון מיין זייט, ניכער האָט געקענט שולדיג זיין אין דעם די ענגשאַפט אין טעאַטער. מען האָט געשפּיעלט א העכסט מאָדערן שטיק, און די שטאָדטישע אינטעליגענץ איז אין יענע טעג געווען זעהר מאָדערן געשטימט. איך בין זיכער, אז נאָר דערפאַר האָט די אונפּאַרזיכטיגקייט פּאַסירט. זאָנסט וואָלט אזא אונטאַקטישקייט ניט געקענט פּאַסירען פון מיין זייט. צום גליק איז דאָס אַנטרעטען ניט געווען בעזונדערס שטאַרק; זי האָט נאָר א שטילען „אוי!“ ארויסגעלאָזט. דאָך בין איך פערציטערט געבליבען. איך האָב זיך ענטשולדיגט אין דריי שפּראַכען. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע שווארצע אויגען, און געענטפערט אין רוסיש: „ניטשעוואָ!“

אין דערזעלבער מינוט האָט צווישען איין אקט און צווייטען דער אָרקעסטער געשפּיעלט טשייקאָווסקים באַרקאַראָלא. נאָר דער „ניטשעוואָ“, וואָס איז ארויסגעזאָגט געוואָרען פון איהר קליין שעהן מיילכעל, האָט מיר פיעל זיסער געקלונגען פאַר דעם העכסט מוזיקאַלישען שטיק פון געניאַלען קאָמפּאָזיטאָר... איך האָב גלייך דערפיהלט, אז דער „ניטשעוואָ“ האָט אין דער אמת'ן א גרויסע, זעהר גרויסע בעדייטונג, און פון דעם „ניטשעוואָ“ וועט זיין א גרויסער עטוואָס...

און אזוי איז געווען.

פון קינפטיגען אנטראַקט האָט פּאַסירט די אַלטע געשיכטע מיט דעם אראָפּגעפאַלענעם טיכעל. איך האָב מיך שנעל איינגעבויגען און מיט דער העכסטער עלעגאַנץ און אינטעליגענץ אין מיין גאַנצער האַלטונג, איהר דערלאַנגט דאָס טיכעל. דאָס גראַציעזע מיידעל איז געוואָרען טיעף געריהרט. זי האָט א זיסען שמייכעל מיר צוגעוואָרפען און בעדאַנקט אין רוסיש: „בלאַגאָדאַריו“. עס האָט געהאַט א בעזונדער קלאַנג! ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מעלאָדיען וואָלט מען איהם געקענט איבערגעבען. איך וויים ניט פאַר וואָס. אָבער איך האָב דערפיהלט, אז אָט דאָס מיידעל איז צו מיר

צוגעלאָזט... איך קען האָבען די גרויסע געלעגענהייט מיט איהר בעקאַנט צו ווערען.

און אַזוי איז געווען. ביים פיערטען אקט האָב איך שוין געוואוסט איהר נאָמען: קאַטיאַ גאָלד. אַזוי האָט זי געהייסען. מיין נאָמען האָב איך, נאַטירליך, גלייך אויך ענטפּלעקט פאַר איהר, און גלייך האָבען מיר זיך צורעדט וועגען ליטעראַ־טור:

— האָט איהר געלעזען אנדרעיעוו?

— אָ, יאָ! — האָב איך אונטערגעכאַפּט. איך בין דער גרעסטער פערעהרער זיינער. איהר מיינט מסתמא — האָב איך מיך צוהיצט — זיין „רויטען געלעכטער“?

— אַך, וואונדערבאַר! האָט זי זיך ענטציקט... און „זעקס און צוואַנציג און איינע“ גאָרקים?

— אָ, יאָ! גאָרקי איז אויך געוואַלדיג גרויס... אבער אַנ־דרעיעוו האָט איהם אריבערגעשטיגען.

— און ארציבאַשעוו? — האָט זי פּלוצים אויף מיר אויסגעשטעלט איהרע גרויסע אויגען.

איך האָב פערשעמט אראָבגעלאָזט מיינע אויגען און ניט געוואָלט זאָגען קיין גלייכע מיינונג: צו ריין האָט זי מיר אויסגעוויזען אין יענעם שעהנעם מאָמענט, איך זאָל מיט איהר פערפיהרען אַ שמועס וועגען ארציבאַשעוו'ן. איך האָב דעם ראָזיגען חנעוודיגען מיידעל ניט געוואָלט נעבען אָנצוהערען. אַז איך וויים עפּעס פון אַזוינע זאַכען.

אָ, איך שעץ זעהר די פרוי!

אין פערלויף פון אַ וואָך האָב איך זי צופעליג (עס הייסט נאָר צופעליג) עטליכע מאָל בעגעגענט, און אלץ אין אַזוינע ערטער, וואו דער פּלאַץ איז בעשטימט פאַר העכערע געגענשטאַנ־דען: איינמאָל אין ביבליאָטעק, אַ צווייטען מאָל אויף אַ רעפעראַט וועגען עמיגראַציע, וואו די שעהנסטע אינטעליגענץ פון שטאָדט האָט זיך פערקליבען, און אַ דריטען מאָל — אויפ'ן פּלאַץ, וואו

מען האָט מיט א האַלבע שעה פריהער געוואָרפען א באָמבע גלאַט אין דער וועלט אריין, און דאַ טאַקי האָב איך מיט איהר בערפיהרט א געשפרעך וועגען טעראָר:

— איך בין אבסאָלוט קיין אַנהענגער פון טעראָר — האָב איך איהר איינגערוימט. — די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן...

איך האָב ניט דערענדיגט מיין מיינונג, ווייל א פּאָלי־ציאַנט איז צוגעקומען און האָט דעם עולם צוטריבען.

— אך, מיין גאָט! — האָט זי זיך אויפגערעגט, — דער אבסאָלוטיזם איז נאָך אזוי שטאַרק!... קומט!

און געהענדיג האָבען מיר בעשפּראָכען אנדרעיעווס נייעס־טעס ווערק. זי האָט געהאַט וועגען איהם זעהר א הויכע מיינונג. איך בין געווען, נאַטירליך, איינשטימיג.

— און „סאַנין“? — האָט זי גאַנץ שטיל א פרעג געטאָן.

— עכטע פּאָרנאָגראַפיע... — האָב איך בייז אויסגע־שריען: זאָל זי זעהען, ווי מאָראַליש איך בין.

— וואוהין רעכענט איהר צו געהן איצט, קאַטיא? — האָב איך זי נאָך א קליינער פּויזע געפרעגט.

— איצט? — האָט זי חנעוודיג איבערגעפרעגט — איך רעכען געהן אין ביבליאָטעק.

אך, וואָס פאַר א מיידעל דאָס איז, מיין גאָט! — האָב איך זי אין געדאַנק געריהמט, — איך, צום ביישפּיעל, וואָלט נאָר געוואָלט געהן אהיים צו מיר... מיט איהר, נאַטירליך. ווי אזוי לאַדט מען זי אָבער איין? ווי אזוי גיט מען איהר צו פערשטעהן, אז איך מיין ניט קיין בייז... נאָר אָט אזוי... עס איז איצט אין דרויסען הערבסטליך... דער אָווענד איז שוין לאַנג, אָט וואָלט מען געשמועסט...

— ווייסט איהר, קאַטיא, אז איך האָב שעהנע ביכער...— האָב איך ווי פּלוצים איהר געמאָלדען.

— יאָ, ווירקליך? — האָט זי אויסגעשריען...

— אָ, איך האָב זעהר א שעהן ביבליאָטעקעל, — האָב איך בעגייסטערט אויסגערופען.

— האָט איהר אמאָל „איסטאָריא ציוויליזאציאי וו'אנג־ליאי ?" — האָט זי מיט ברענענדיגע בליקען געפרעגט.

— אך, מיין גאָט ! — האָב איך מיך ווי געחרושט — ווי דען ? דאָס איז איינס פון מיינע טיש־ביכער.

— אויב אזוי, געה איך ! — האָט זי ענטציקט זיך אָנ־געכאפּט — וואו וואוינט איהר ?

שכור פאר גליק פון איהר איינשטימונג, האָב איך דאָך מיט א געוויסער פאַרזיכטיגקייט פערשוויגען מיין ווייטע וואוינונג.

— איך וואוין אין זעהר א שטילער געגענד...

— איז דאָרטען דאָ ביימער ? — האָט זי געפרעגט.

— אך, ווי פּאָעטיש איהר זענט, קאַטיא, — האָב איך פון איהר אָנגעקוואָלען — צום גליק, איז דאָס געסעל, וואו איך וואוין, איינגעטונקט אין ביימער, — עס איז א קריסטליך גע־סעל: איך וואוין טאַקי ביי א קריסט... זעהר בעוואוסטזיננינגע קריסטען, ד״י לעזען דעם „ריעטש"... אבער איך וואוין גאַנץ סע־פּעראט... צוויי צימערן... קאָסט ניט טייער...

אויסשיטענדיג ־אָס אלעס, האָב איך געציטערט, טאָמער האָב איך איבערגעכאפּט די מאָס. ערשט אָנקוקענדיג זי, האָב איך מיך בערוהיגט: זי איז וויליג צו געהן צו מיר.

אין הארץ האָט מיר פאר פרייד עפּעס אָנגעהויבען צו זיננען צעהנדליגער מעלאָדיען: זי געהט מיט מיר, זי געהט! זי געהט, דאָס ליעבע, זיסע, פיינע, העכסט אינטעליגענטע מיידעל !

איך האָב געמאכט כללים, ווי אזוי צו האלטען זיך מיט איהר, צופיעל ניט זיין נאָהענט, ניט ארויסווייזען די זינליכע זייט פון מאַן: „דארפסט וויסען, — האָב איך זיך אין געדאנק

נעלערנט — אז דאָס איז א מיידעל מיט די שעהנסטע אידעאַלען, מיט'ן ריינסטען בליק אויפ'ן לעבען; זעה, זיי א מענש!"

איך האָב זי אין מיין צימערל אריינגעפיהרט, ווי איך וואָלט אריינגעפיהרט דאָס גליק. שטיל און פאַרזיכטיג. מיין וואוינונג, פון צוויי קליינע צימערן, איז געווען ניט בעלויכטען. איך האָב מיך ענטשולדיגט פאר דעם פינסטערניש, און האָב מיך בעמיהט ניט אַנצוריהרען זי. דאָס הארץ האָט מיר שטארק געקלאפט!...

איך האָב אויף שנעל אנגעצונדען דעם לאָמפּ. עס איז בעלויכט געוואָרען דאָס ערשטע קליינע צימערל. זי האָט עס בעטראַכט, געוואָרפען א בליק אויפ'ן בעט, און האָט זיך, דאַכט זיך, פערשעמט; איך — זיכער. איך האָב זי אריינגעפיהרט אין צווייטען צימער, וואו עס איז געשטאַנען א טישעל, א כאָפּע און מיין ביבליאָטעקעל. זי האָט זיך גלייך א וואָרף געטהאָן צו די ביכער...

— איהר האָט ווירקליך א שעהנע ביבליאָטעק! — האָט זי געריהמט, און האָט זיך גענומען בלעטערן א בוך נאָך א בוך.

— אך, היינעס האָט איהר אויך! — האָט זי זיך אָנגעהאפּט מיט פרייד, — איהר וועט מיר עס באָרגען?

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען...

מיר האָבען זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן סאָפע און האָבען זיך צורעדט. איך האָב געקוקט אויף דער גאַרדין פון מיין פענסטער, וועלכע איז געווען ניט אראָבגעלאָזט. איך ווייס ניט פאַרוואָס, אבער עס האָט מיך שטארק, שטארק געצויגען אראָבצולאָזען די גאַרדין, צו וואָס?... ווער האָט עס געוואוסט?.. איך האָב אָבער מורא געהאט, זי זאָל מיך חלילה ניט חושד זיין אין שלעכטע געדאנקען... גאָט זאָל מיך אויסהיטען! בעליידיגען א פרוי?... אזוינס טו איך ניט...

— וואָס קוקט איהר אזוי אין פענסטער? — האָט זי מיך ענדליך פאַרשענד געפרעגט...

איך בין געבליבען פערציטערט זיצען, און האָב קוים געֿ־
ענטפערט:

— עס דוכט זיך אייך, קאַטיא! איך קוק ניט...

מיר האָבען ווידער גערעדט און גערעדט... אך, מיין גאָט!
עס איז דאָך דאָ וועגען אזוי פיעל אינטערעסאנטע זאכען צו
ריידען... זי איז אזוי קלוג און בעלעזען, און מיינע מיינונגען, צו
מיין גרויסען גליק, אינטערעסירען זי אזוי שטארק...

ענדליך האָט זי זיך אזוי ווי אויפגעכאַפּט:

— איך בעט אייך, ווי שפּעט איז איצט?

— איך האָב ארויסגענומען מיין זייגערל פון טאַש און בין
געבליבען ווי איבערראשט: איינס א זייגער! ווי אזוי איז עס
אריבער אזוי שנעל.

— איהר וועט גאָרניט גלויבען, ווי שפּעט, — האָב איך
געשמייכעלט, און דאָס הארץ האָט מיר שטארק געציטערט
ביים געדאַנק, אז אָט באלד געהט דאָס גליק אוועק.

— וויפיעל? — האָט זי געפרעגט.

איך האָב איהר געזאָגט און געוואַרט אויפ'ן איינדרוק.

זי האָט רוהיג אויסגעהערט, און האָט שטיל מיט איהרע
קליינע ליפּעלעך א מורמעל געטהאָן:

— ווירקליך שפּעט... ווייט צו געהן...

— ווען איך וואָלט געוועזן א מיידעל, — האָב איך אָנגע־
הויבען דיפּלאָמאַטיש — וואָלט איהר שוין דאָ גענעכטיגט...

— זייט איהר דאָך ניט קיין מיידעל... — האָט זי גע־
לאַכט...

— צו מיין גרעסטען בעדויערן... — האָב איך מיך גע־
וויצעלט, און האָב אייגענטליך אין דער דאָזיגער מינוט זיך
געוואונשען צו זיין א מיידעל...

— בעדויערט עס ניט... — האָט זי טרויעריג זיך אָנגע־
רופען, און איז געבליבען זיצען — מיר, פרויען, זיינען די אומ־
גליקליכסטע בעשעפענישען.

איך בין אזוי גערירט געוואָרען פון איהר טרויעריגען טאָן, אז איך האָב פערגעסען אָן אַלע מיינע כללים, וואָס איך האָב אָבגעמאַכט מיט זיך אַליין פריהער, ניט צו בעגעהן אזעל־כעס, וואָס קען זי, חלילה, בעליידיגען, האָב זי אָנגענומען פאַר דער האַנד און זי געטרייסט:

— אַך, קאַטיא! אין אייך, פרויען איז דאָס אזוינס, וואָס מאַכט אייך שעהן און ערהאָבען, און פאָלגליך, זייט איהר שוין גליקליך.

זי האָט דערויף גאָר ניט געענטפערט. זי האָט בלויז שטום געקוקט אויף מיר, און ענדליך זיך אָבגערופען:

— איהר וועט גלויבען, אז איך פיהל מיך דאָ גאַנץ אָנ־גענעהם.

— עס פרעהט מיך זעהר... — האָב איך געשטראַהלט פאַר גליק — אויב אזוי, פאַרוואָס זאָלט איהר טאַקי ניט בליי־בען דאָ נעכטיגען... צוויי צימערן זענען דאָ.. גלויבט מיר...

— אָ, איך האָב ניט קיין מורא... האָט זי געלאַכט... — נאָר מיר דאַכט, אז ביי אייך איז קאַלטליך...

— יאָ, קאַלטליך איז, — האָב איך צוגעגעבען, חאָטש מיך האָט געוואָרפען אין היץ — קאַלטליך איז טאַקי, ס'איז שוין שפּעט אין הערבסט, און מען הייצט נאָך דאָ ניט... איך וועל אייך אָבער געבען אויסער מיין קאָלדרע אויך מיין מאַנטעל...

— און איהר? — האָט זי אזוי גוטהערציג, ווי א שוועס־טער, געפרעגט...

— אָ, פאַר מיר זאָרגט ניט, — איך וועל מיך שוין צו־דעקען מיט עפּעס אַנדערש...

— אַלזאָ, בלייב איך טאַקי... — האָט זי רוהיג בעשלאָ־סען.

— בלייבט! בלייבט! — האָב איך זי איינגערעדט, ניט גלויבענדיג אַליין אין דעם גליק.

* * *

אין א האלבע שעה ארום איז זי שוין געלעגען אין מיין בעט, איינגעדעקט מיט מיין קאָלדרע און מאנטעל.

איך בין געלעגען אין צווייטען צימערל אויף דער סאָפע, צוגעדעקט מיט מיין זומערדיגען מאנטעל, מיט א קליין קישע־לע צוקאָפּענס, און האָב אויף דער וואך געטרוימט פון גרויסע גליקען.

ענדליך האָב איך ניט אויסגעהאלטען און האָב פון מיין צימערל ארויסגערופען:

— קאַטיא, איהר שלאָפט?...

— עס איז מיר קאַלט... — האָט זי זיך קינדיש געקלאָגט...

ניט מיינענדיג קיין בייז, גאָר פשוט אוים פריינדליכקייט צו איהר, בין איך אראָבגעשפרונגען פון סאָפע, איינגוויקלענדיג זיך אין מיין צווייטען מאנטעל, בין צו איהר צוגעגאנגען, און שטיל געפליסטערט:

— קאַטיא, אייך איז קאלט?

— דעקט מיך צו בעסער! — האָט זי זיך געבעטען.

איך האָב זי גלייך בעסער איבערגעדעקט, איינגעוויקעלט איהרע זיסע פים אין דער קאָלדרע און מאנטעל, און זייענדיג ענטציקט פון דער הייליגער מיסיע, האָב איך מיך ערלויבט נאָר איין קוש טהאָן זי...

— אך, וואָס טהוט איהר? — האָט זי שטיל אויסגע־קרעכצט...

איך בין א דערשראָקענער צוריק אוועק צו מיין סאָפע און האָב מיך געלעגט, נישט קענענדיג איינשלאָפען א גאנצע נאכט... „דו האָסט זי בעליידיגט, בעליידיגט!“ — האָב איך מיך גע'מוסרט און דאָס געוויסען האָט מיך א גאנצע נאכט געפּלאָגט...

ערשט שפעט אין טאָג אריין בין איך איינגעשלאָפען... אז איך בין אויפגעשטאַנען, איז שוין קאַטיא געשטאַנען אָן אָנ־געטאָנענע און האָט זיך געקליבען צו געהן.

— איהר געהט שוין, קאטיא? — האָב איך ווי צוטומעלט אויסגעשריען...

—יאָ, איך מוז שוין געהן!

איך האָב בעמערקט אין איהר שטים א קאלטקייט, און עס האָט מיר זעהר לייד געטהאָן אויפ׳ן קוש, וואָס איך האָב איהר געגעבען.

— קאָטיא! — האָב איך גערופען זי בעטענדיג, — ענטשולדיגט מיך! איך האָב קיין בייז ניט געמיינט...

— אך, לאָזט מיך צורוה! — האָט זי זיך ווי געבייזערט... איך דארף געהן.

און דערלאַנגענדיג מיר די האנד, האָט זי געזאָגט שמייכלענדיג שוין:

— נו, אדיע! א דאנק פאר נאכטלעגער! און איז ארויס.

איך בין געבליבען אליין און האָב מיך ווידער גענומען מוסרן:

— אז א מיידעל פערטרויט זיך דיר און בלייבט ביי דיר נעכטיגען, דארף מען נישט זיין גראָב, און מען קושט זי נישט...

נאָר דאָס אָבגעטאָנענע קען מען צוריק נישט כאַפּען...

די תשובה קומט אלע מאָל שפּעט...

אין א פּאָר וואָכען ארום האָב איך זי בעגעגענט שפּאַצירען מיט מיינעם א פריינד; איך האָב זי שוואך בעגריסט און בין א פערשעמטער אוועק, נישט אָבשטעלענדיג זיך.

איך האָב אָבער בעשלאָסען צו געפינען מיין פריינד און אויסדערצעהלען איהם מיין הארץ.

אויף מאָרגען בין איך צו איהם אוועק:

— קענסט קאטיען?... — האָב איך איהם פאַרשעמטער נעפרעגט.

— אָ, יאָ! — האָט ער מיט א געוויסען שטאָלץ געענט־פערט, — זעהר א וואויל מיידעל... דאכט זיך, דיינע אויך א בעקאנטע?...

— יאָ, א שטיקעל בעקאנטע...

איך האָב איהם פאַרשעמנד אָנגעקוקט און בעשלאָסען אויס־צודערצעהלען איהם מיין הארץ. און איך האָב איהם אלץ דער־צעהלט, ענדיגענדיג מיט די ווערטער:

— אמת, איך האָב זי בעליידיגט?...

— נאַטירליך... — האָט ער געשמייכעלט, און נאָכהער האָט ער זיך אָנגערופען:

— שוטה, א יונג מיידעל בלייבט ביי דיר נעכטיגען, קומסטו אָב מיט איין קוש... זי איז דאָך א פרוי, פערשטעהסט, א פרוי... לאָזטו זי איינע אליין א גאנצער נאכט... איינע אליין... דאָס איז איינע פון די גרעסטע בעליידיגונגען.

— אך, מיין גאָט, דו מיינסט עס ערנסט? — האָב איך מיך אָנגעכאפּט ווי זיך אויסניכטערנדיג.

— ערנסט... ערנסט... דו האסט זי ווירקליך בעליידיגט, און דערפאר איז זי אזוי בייז....

און ארויפלעגענדיג די האנד אויפ'ן אקסעל, האָט ער לאַ־בענדיג געזאָגט:

— א צווייטען מאָל זיי פאַרזיכטיגער: זאָלסט די פרוי נישט בעליידיגען...

שכנים.

דאָס ערשטע ליעד פון דעם יונגען דיכטער איז ערשיענען אין א קליינעם ליטעראַרישען זאַמעלבוך. דאָס איז געווען א קליין ליעבע־ליעדעל, חאָטש דער יונגער דיכטער האָט נאָך דע־מאָלט קיינעם נישט געליעבט. די ליעבע האָט ער נאָר געזעהן אין דער פאַנטאַזיע. דערפאַר טאַקי איז דאָס ליעד אַזוי שטאַרק גע־ווען און האָט געמאַכט ערשיטערן יעדען לעזער מיט איהר טרויי־עריג־קלינגענדיגען טאָן.

דאָס זאַמעלביכעל איז ערשיענען ווייט פון דעם אָרט, וואו דער דיכטער האָט זיך געפונען, און קיין איינציגען מיטאַרבייטער פון בוך האָט ער פּערזענליך נישט געקענט. דאָך האָט ער לויט'ן אינהאַלט פון יעדען אַרטיקעל, פון יעדען ליעדעל, פון יעדער ערצעהלונג און אַפילו לויט די בוכשטאַבען פון יעדער אונ־טערשריפט, זיך פאָרגעשטעלט די געשטאַלט פון יעדען שרייבער און דיכטער.

און אַזוי האָט ער פאַר זיינע אויגען געזעהן קאָלעגען אַלטע און יונגע, גליקליכע און אומגליקליכע, פרייליכע און טרויעריגע. אָבער נישט די אַלע האָבען איהם אינטערעסירט. דער יונגער דיכטערס האַרץ האָט געפאַנגען דער נאָמען פון א שריפטשטע־לערין, וואָס האָט אין זאַמעלביכעל געוואוינט וויזאַווי מיט איהם. זיין ליעד איז געווען אויפ'ן זעלבען בלאַט, אויף וועלכען איהר ערצעהלונג האָט זיך געענדיגט, אַזוי אַז ווען דאָס בוך איז געווען פערמאַכט האָבען זיי זיך געקושט... דאָס האָט געזאָלט

זיין זעהר א יונג, שעהן מיידעל... לויט'ן אינהאלט פון דער ערצעהלונג און לויט די בוכשטאבען פון איהר נאמען האט זי געהאט בלאהע אויגען, גאלדענע לאקען, שלאנק ווי א גאזעל און א שטימע ווי פון א הארפע...

וואו געפינט זיך אבער דאס דאזיגע שעהנע מיידעל? ער וואלט אויסגעפאהרען די גאנצע וועלט און זי געזוכט, און ווי גרויס וואלט געווען זיין גליק, ווען ער וואלט זי געפונען...

זי וואלט איהם זיכער פריינדליך עמפפאנגען: זיין ליעד איז דאך אזוי שעהן... אלעמען געפעלט זי, בפרט איהר, וואס זי איז דאך די אמת'ע מבינ'טע... זי, זיין נאהענטע שכנה און זיין ווייטע געליעבטע...

עס זיינען פערגאנגען א פאר יאהר. דעם יונגען דיכטער איז די שטאדט, וואו ער האט זיך געפונען, ענג געווארען און אט האט ער זיך געלאזען אין דער גרויסער וועלט אריין.

ער איז געקומען אין דער רעזידענץ־שטאדט, טאקע אין דערזעלבער שטאדט, וואס דאס זאמעלבוך מיט זיין ערשטען ליעד איז דארט ערשיענען. אך, אין דער דאזיגער שטאדט קען ער געפינען דאס מיידעל מיט די בלאהע אויגען און גאלדענע לאקען... דאס מיידעל, וועלכעס איז איהם די גאנצע צייט אזוי נאהענט געווען, וואס מיט איהר נאמען האט זיך זיין נאמען אזוי שטארק צוזאמענגעהעפט אין בוך אויף איין בלאט...

ער וועט זי אויפזוכען, די גאלד־געלאקטע שכנה זיינע, די שלאנקע, די לאכענדיגע, וואס איהר קול קלינגט ווי א הארפע... ער וועט זי זיכער ליעב האבען...

און די ערשטע טעג, געפינענדיג זיך אין א קרייז פון יונגערע און עלטערע ליטעראטען, שריפשטעלער און דיכטער, האט ער ביי איינעם מיט א קלאפענדיג הארץ געפרעגט:

— קענט איהר מיר נישט זאגען, ווער איז די יעניגע, וואס האט געדרוקט איהר ערשט ווערק אין דעם בוך?...

און דער דיכטער האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון זאמעל־בוך און פון דער שריפטשטעלערין.

דער געפרעגטער האט א שמייכעל געטהאן און, צורופענדיג א מאן אין די מיטעלע יאָהרען, מיט שיטערע האָהר אויפ'ן קאָפּ און גראָהע אויגען, האָט ער צו יענעם זיך אָנגערופען:

— א יונגער דיכטער וויל זיך מיט דיר בעקענען... ער האט דיך געלעזען, ווען דו האָסט נאָך געהאט א ווייבערשען נאָמען...

— זעהר אנגענעהם! — האט דער מאן אויסגעצויגען א קאַלטע ביינערנע האנד דעם דיכטער...

דער דיכטער האָט מיט שרעק קוים אָנגעריהרט די שפּיץ פינגער און קוים אויסגעשטאמעלט:

— דאָס זענט איהר! מיין גאָט... א מאן!...

און איז פערשוואונדען...

דער מויז אין "רענעסאנס".

דער אייגענטימער פון קאבארעט „רענעסאנס" איז ערנסט קראנק געוואָרען.

די ידיעה איז אָנגעקומען אין גרויסען זאַל „רענעסאַנס" א זייגער צוועלף ביינאכט, ווען דער עולם איז נאָך נישט געווען איינגאנצען.

דער שותף, האוועלע, א מאן פון א יאָהר פינף־און־פערציג, מיט איינגעפאלענע באקען און א לייכטען פליך אויפ'ן האלב־ווייסען קאָפּ, האָט די ידיעה אויפגענומען מיט א שמייכעל:

— מסתמא האָט ער זיך צופיעל איבערגעליעבט.. עס וואָלט איהם שוין צייט געווען אָבצורוהען...

און גלייך איז ער צוגעגאנגען צו דער שעהנער ראָזאַלדע, א שפאנישע טענצערין, וואָס רעדט געלויפיג אידיש, און האָט איהר מיט א שמייכעל געמאָלדען:

— אונזער הערר איז קראנק.

— אזוי? — האָט זי גאנץ נאאיוו געפרעגט, און האָט זיך געכאפּט מיט א האנד פאר דער ענטבלויזטער ברוסט, — א שאָד!

נאָר באלד האָט זי זיך ערמונטערט:

— ער וועט געזונד זיין, אונזער הערר. ער איז א וואוילער קערל.

זי איז אריין אין דער אונטערשטער לאָזשע, וואו עס איז געזעסען א יונגער דראגונער־אָפיציר און, שוין האלב־שכור'ליך,

האָט ער געגלעט די ווייסע הענטלעך פון דער בלאָנדער וויענער סוברעטין.

— אונזער הערר איז קראנק, — האָט זי אריינגעוואָרפען.

— פגר׳ט ער אוועק! — האָט דער אָפיציר אויסגעשריען לוסטיג און האָט די טענצערין אוועקגעזעצט נעבען זיך, און האָט פער׳שכור׳ט געבעטען: טרינקט מיט אונז!...

— טרינקען? — האָט זיך די טענצערין ווי פערטראכט... עס ווילט זיך היינט עפּעס נישט טרינקען. א מאָדנע זאך!

— איהר וועט היינט האָבען א מפּלה ביים טאַנצען, — האָט דער אָפיציר איהר נביאות געזאָגט, — איהר הערט! איהר וועט זיך אויסגליטשען און וועט א פוס צוברעכען.

די שפּאנישע טענצערין, זייענדיג זעהר אבערגלויביג, האָט זיך דערשראָקען פאר דער נביאות און, א קלאַפּ טוענדיג איהם איבער דער האנד, האָט זי געוואָרענט:

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטען!

און זי האָט אויסגעטרונקען א גלעזעל שאמפּאַניער און נאָכדעם צוגעגעבען:

— ווי מיינט איהר, וועט אונזער פערוואלטער געזונד ווערען?

— פגר׳ט ער! — האָט זיך דער אָפיציר געהאלטען ביי זיינס.

א זייגער איינס איז דער קאבארעט „רענעסאנס“ איבערפולט געוואָרען מיט געסט. אלע קליינע טישלעך זיינען געווען בעזעצט מיט פּאָרלעך פון פערשידענער עלטער און שטאַנד. ביי מאנכע טישלעך האָט מען געקענט זעהן אלטע לייט מיט הוילע קעפּ, די עטליכע איבערגעבליבענע האָהר עקאָנאָמיש צושפּרייט אויפ׳ן ווייסען שארבען, זיצען מיט אכצעהן־יעהריגע מיידלעך מיט שווארצע געדיכטע לאָקען. דאָ שפּיעלט די צאָהל יאָהרען קיין ראָלע נישט, ווייל דער אלטער לאכט דאָ פּונקט אזוי ווי

דאָס יונגע מיידעל. און געדאכט האָט זיך, אז די מיידלעך פער־קויפען נישט נור זייער ליבע, נאָר אויך זייער יוגענד, און שענ־קען אוועק פאר די עטליכע רובעל אויך א טייל פון זייערע יאָהרען...

אין די ברייטע דורכגאנגען האָבען ארומשפאצירט רייכע עפענטליכע פרויען. אויף זייערע ענטבלויזטע בוזימס און גאנץ נאַקעטע הענד האָבען געפינקעלט בריליאנטען און דימענטען. זיי האָבען קאָקעטיש זיך דורכגעוואָרפען מיט ווערטלעך מיט מאנכע בעקאנטע העררען, וואָס זיינען שוין, ליידער, געווען פערנומען מיט אנדערע, און האָבען געוואַרט אויף דער רייהע.

נאָר אָט האָט מען אויף דער רעכטער זייט פון דער עס־טראַדע געוויזען אין עלעקטרישען פייער די „נומער צעהן". די יעניגע פון פובליקום, וואָס האָבען געקענט די נומער, האָבען אָנגעהויבען מיט גרויס התלהבות צו פאטשען און אויסצו־שרייען: טאַמפּסאָן, סערוועסקאַיאַ! דאָס האָבען זיי מקבל פנים געווען דאָס לוסטיגע פאָרעל, וואָס איז בעשטאַנען פון א נעגער מיט זיין ווייסער פרוי. מיט פרעהליכע געזיכטער האָבען זיי ביידע אריינגעטאַנצט אויף דער סצענע און אָנגעהויבען וואַרפען מיט די פיס און אויסארבייטען פערשידענע וואַריא־ציעס, דרעהענדיג זיך ווי א וויכער איבער דער סצענע.

אין דערזעלבער מינוט איז אריינגעלאָפען אין זאַל א פרוי פון א יאָהר פינף־און־פערציג, רייך געקליידט, מיט צושויבערטע האָהר, און האָט מיט ווילדע בליקען געזוכט דעם שותף, האָוועלען.

דערזעהענדיג איהם שטעהן מיט א שאַנסאָנעטין, האָט זי איהם בייז אָבגעשטופּט און ווילד אויסגעשריען:

— שטעלט אָב! ער איז געשטאָרבען... שטעלט אָב!

דער שותף, האָוועלע, האָט א פיהר געטהאָן מיט דער האַנד איבער'ן פליכעוואַטען קאָפּ און רוהיג בעמערקט:

— אונמעגליך... זיי זיינען אלע שכור..

— ער איז געשטאָרבען! שטעלט אָב! — האָט דעם פער־וואלטערס פרוי געשריען.

— מען קען נישט! מען קען נישט! — האָט דער שותף איהר רוהיג ערקלעהרט, — זיי זיינען אלע טויט־שכור...

די פרוי האָט געוואָרפען פערצווייפעלטע בליקען אויפ'ן פובליקום, אויף דער סצענע... זי האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף א טישעל און האָט אויסגעשריען:

— אהיים! ער איז געשטאָרבען!

ראָזאלדע, די אידיש־שפּאנישע טענצערין, וועלכע איז א בעטרונקענע ביים טישעל געזעסען, האָט לוסטיג אויסגערופען:

— זעהט, ווי שעהן אונזער פערוואלטערין איז! וואו איז דער פערוואלטער? לאָז ער קומען! — האָט זי געלאכט, — איך האָב איהם ליעב, ער איז א וואוילער קערל...

— ער איז געשטארבען! — האָט די פרוי מיט ווילד אויס־געגלאָצטע אויגען געשריען, — ער איז געשטאָרבען... איהר פערשטעהט — ער איז געשטאָרבען!...

— אך, וואָס דרעהט איהר א קאָפּ? — האָט א הערר פון די, וואָס זיינען געזעסען ביים טישעל מיט ראָזאלדען, פער־שכור'ט געבייזערט זיך, — וואָס געשטאָרבען, ווען געשטאָר־בען... אָט קוקט בעסער, ווי מען טאנצט...

— געשטאָרבען, זאָל איך אזוי... — די פרוי האָט נישט געקענט געפונען קיין ווערטער, ווי אזוי צו ערקלערען זיי. זי איז אומגעלאָפען פון טישעל צו טישעל, פון לאָזשע צו לאָזשע; זי האָט געוויינט, זיך געבעטען, נאָר קיינער האָט נישט פער־שטאנען, וואס זי וויל, וואָס זי וויינט.

אז אלטער גענעראל, ביי וועלכען זי האָט געהאָפט געפינען אן ענטפער אויף איהר בקשה, האָט, א פער'שכור'טער, זי א גלעט געטהאָן ביים האלז און קינדיש־נאאיוו געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו, טייבעלע? געשטארבען? הא? גע־שטאָרבען? — וואָס איז דאָס געשטאָרבען?

און ער האָט זי גוטמוטיג אוועקגעזעצט נעבען זיך אין מכבד געווען מיט א באָקאַל שאמפאניער...

ביכער.

זי איז געוועזן הויך, שלאנק און שעהן, איבערהויפּט — שעהן! אויסער איהר שעהנקייט האָט זי געהאַט אַ בעזונדער ציִ־ציהונגסקראַפט. אין וואָס איז עס בעשטאַנען, איז געוועזן שווער צו בעשטימען: צי אין ליעבען, איינגעהאַלטענעם שמייכעל, אין די פיינע מאַנירען, אין קלינגענדען העלען קול?

הויך און שלאַנק און שעהן — האָט זי אויסגעזעהען מאַ־יעסטעטיש. אָבוואָהל זי האָט זיך געהאַלטען איינפאַך, האָט דאָך קיינער פון איהרע פיעלע פערעהרער נישט געוואַגט ארויסווייזען איהר אַ צייכען פון צו נאָהענטער בעציהונג. אַ מעהר דרייס־טער פערעהרער פלעגט נאָר, אין בעזונדערע מינוטען פון ענט־ציקען, אויף איהר וואַרפען אַ דרינגענדען בליק, אויף וואָס זי פלעגט ענטפערן צוריק מיט אַ שטרענגען, שטומען פאָרוואורף, ווי זי וואָלט מיט דעם געוואָלט וואָרנען:

— אזוי קוקט מען נישט.

אין איהר אנוועזענהייט האָט דער סאַמע דרייסטער יונ־גערמאַן פערלאָרען זיין דרייסטקייט, און דער גרעסטער דאָן־זשואַז פלעגט נישט וואגען איהר מאַכען אַ קאָמפּלימענט, זאָ־גאַר קיין וואונק אויף אַ קאָמפּלימענט.

זי איז געוועזן געבילדעט, און אין איהר אנוועזענהייט האָט מען גערעדט וועגען ליטעראַטור, קונסט און טעאַטער, מאַנכמאָל אויף וועגען פּאָליטיק. האָטש זי איז געוועזן ראַדיקאַל געשטימט, האָבען דאָך די פּאָליטישע און פילאָזאָפישע געשפּרעכען, וואָס

פלעגען פאַרקומען אין איהר צימער, נישט געמראַגען קיין היציגען חאַראַקטער. עס איז געווען מעהר קאַבי־נעט־געשפרעך איידער דעבאַטען, אָדער דיסקוסיאָנען. איהר אנוועזענהייט האָט רוהיג און געמטליך געשטימט די געסט.

ווי געזאָגט, האָט זי געהאַט פיעל פערעהרער און בעקאַנטע. דער גרעסטער טייל האָבען זי טיעף און ריהרענד געליעבט. מאַנכע פון זיי האָבען זייערע ליעבעס־געפיהלען אין ליעדער איבערגעדריקט. טייל ליעדער, אין א זעהר רוהיגען טאָן געשריבען, פלעגען איהר די פערעהרער אין איהר אלבום אריינטראגען. אָבער ווייטער פון דעם איז קיין פערעהרער און פערליעבטער נישט געגאַנגען — איהר האַלטען זיך מיט יעדען פון זיי איז געווען אזא, וואָס האָט נישט געמאַכט קיין וועג צוצוטרעטען נעהענטער צו איהר. איהר שלאַנקע פיגור, איהר גאָלדענע, אין דער אויפמערקזאַמסטער אָרדנונג פערקעמטע, פריזור, האָט ווי געוואָרענט: נאָר נישט צו נאָהענט! און ווירקליך איז קיין מענ־ליכקייט געווען צוצוגעהן נאָהענט צו איהר. עס האָט זיך גע־דאַכט, אז ווען מען זאָל זי נאָר איין קוש געבען, וואָלט פאַרגע־קומען דאָס גרעסטע וואונדער אין דער גאַנצער אָרדנונג פון דער וועלט.

יעדען יאָהר האָט זי געפייערט איהר געבורטסטאָג. די פערעהרער האָבען איהם צום אָנדענקען ביכער געשענקט; בי־כער — וואו עס דערצעהלט זיך און וואו עס ווערט בעזונגען די ליעבע, און די לוסט, און די פרייד פון לעבען. די דאָזיגע ביכער האָט זי געהיט און טייער געהאַלטען מעהר פון אלץ. אין פערלויף פון עטליכע יאָהר האָט זיך ביי איהר אָנגעזאַמעלט א גרויסע ביבליאָטעק פון אזוינע ביכער. זיי זיינען געווען אויסגעלעגט אין דער גרעסטער אָרדנונג אין א שעהנער עטאַזשערקע און האָ־בען פון דאָרט ערנסט ארויסגעקוקט און נעהיט די איינענטימע־רין פון אלדאָס בייז.

די יאָהרען זיינען שטיל און ארטיג, ווי איהר לעבען, גע־פלאָסען. אומבעמערקט פאר איהר, זיינען די פערעהערער ווע־גער געוואָרען. זי האָט דאָס צוגעשריבען דער נייער צייט, וועלכע איז נישט מסוגל פאר אזוינע רוהיגע אנגענעהמע צואמענקונפ־טען, ווי אין די פריהערדיגע פּאָר יאָהר. זי האָט דאָס בעדויערט, אָבער נישט חושד געווען, אז שולדיג אין דעם איז איהר הערבסט...

איהר געבורטסטאָג האָט זי נאָך אלץ געפייערט, אבער שוין אָהן אזא אינהאלט ווי אמאָל. די פּאָר ביכער, וואָס זי האָט בע־קומען צום לעצטען געבורטסטאג, זיינען געווען קליין און דאָר אינערליך און אויסערליך. זי האָט זיי אוועקגעלעגט גאנץ הינ־טען אין דער עטאַזשערקע און האָט בעזונדערס פריינדליך צו איינעם פון די געסט זיך געווענדט:

— איך וואָלט איצט וועלען ערגיץ געהן!

פון די עטליכע האָט זיך נאָר איין גאסט אָבגערופען:

— קומט אביסעל.

די איבעריגע האָבען געזאָגט, אז זיי זיינען פערנומען און האָבען קאלט אבשייד גענומען.

דעם איינעם האָט זי אויף דער גאס גענומען אונטערן אָרים און ליעב ארייגעקוקט אין די אויגען.

ער האָט איהר אָבגעענטפערט מיט׳ן זעלבען בליק. זי אָבער האָט זיך בעליידיגט און אינסטינקטיוו איהר האנד ארויסגעצויגען.

זי האָט א ווייל׳ע געשוויגען. ענדליך האָט זי אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, און דערזעהענדיג אראָבקויקלען זיך פון דאָרט א שטערן, האָט זי ווי פערוואונדערט אויסגערופען:

— אך, ווי ער איז אראָבגעפאלען, דער שטערן!

— און פערלאָשען געוואָרען! — האָט דער אמאָליגער פערעהרער צוגעגעבען.

עס איז געווען א ווינטער־אווענד. דער ווינד האָט א־ן פענסטער געקלאַפּט און ווי עפּעס דערצעהלט און געמאָהנט. דיין געבורטסטאג און קיינער איז ניט געקומען!

עס איז איהר געוואָרען טרויעריג און באנג. זי האָט ארויס־גענומען א בוך פון די געשענקטע צו די געבורטסטעג איהרע און בענומען לעזען.

דאָס בוך האָט גערעדט פון זומער־נעכט, קושען און ליע־בע.

זי האָט דורשטיג געשלונגען יעדעס וואָרט.

און דער ווינד האָט דורכ'ן פענסטער געלאכט און גע־לאכט:

— דו האָסט דערפון נישט געוואוסט, נישט געוואוסט!

און זי האָט זיך געשעמט פאר דעם בוך, האָט עס פערמאכט און קוקענדיג אויף דער עטאזשערקע ביכער, האָט זי געטראכט:

— מעהר ווי דאָס האָט מיר מיין שעהנהייט נישט געגע־בען...

מיט א לייכטער אויפרעגונג, האָט זי זיך אָנגעצויגען און זיך געקליבען געהן ערגיץ — געהן צום לעבען מיט א בעזוך... די נאכט איז אָבער קאַלט און פינסטער געווען, און זי האָט זיך אויסגעטאָן און זיך גענומען מיט א זיפץ צוריק צום בוך.

די צווייטע ראזע.

האָבענדיג א קאָפּ מיט געדיכטע שווארצע האָר, צוויי שווארצע אויסדרוקספולע אויגען, אן אנגענעהמע שטימע און עטליכע שעהנע פראזען, האָט הערמאן געהאט גליק ביי פרויען. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך פערלאָזט א קליין בערדיל, וואָס האָט ארומגעפאסט זיין וויים געזיכט, האָבען פיעל בעקאנטע מיידלעך געשוואָרען, אז ער זעהט אוים, ווי אן אמת'ער קריסטוס. און אזוי ווי די מיידלעך זיינען אלע געווען פּאַרטגעשריטענע איז דאָס געווען דער גרעסטער לויב פאר א מאן... פיעל מיידלעך פון די פּאַרטגעשריטענע, ווי קורסיסטקעס, דענטיסטקעס און סתם שטודירענדע, וועלכע האָבען זיך אלע געצויגען פאר דער פּראָ־ווינץ קיין ווארשוי, זיינען מיט הערמאנען געווען בעקאנט און דאָס רוב פון זיי זיינען געווען אין איהם פערליעבט מיט דער סאמע הייסער ליעבע, וואָס מען ברענגט פון דער פּראָווינץ אראָב קיין ווארשוי. הערמאן אליין, האָבענדיג א היבשען זאפּאס גע־ליעבטע, האָט דאָך געקארגט און פלעגט זיך פערליעבען פון צייט צו צייט נאָר אין איינער. ערשטענס, איז ער געווען אביס'ל בעשעפטיגט מיט לעקציעס און צווייטענס, איז ער געווען א מאַ־ראליסט... זענענדיג פערליעבט אין איינער איז ער איהר געווען שטארק טריי און איבערגעגעבען און פלעגט איהר שווערען היי־סע ליעבע און קושענדיג זי ליידענשאפטליך, האָט ער געהאט א טבע צו רופען די געליעבטע ביים נאָמען.

און אַט די דאָזיגע געוועהנהייט האָט איהם פערשאַפט א ביסעל אונאַנגענעהמליכקייטען. האָבענדיג געביטען אין פערלויף פון א יאָהר עטליכע געליעבטע, פלעגט ער זיך טועה זיין אין די נעמען און קושענדיג בערטע'ן פלעגט ער רופען דעם נאָמען פון דער פאָריגער געליעבטע. די נייע געליעבטע פלעגט זיך אויפכאַפּען פון צוויבער, אָבהאַקען איהם די קושען און פלעגט בייז און פערדריסליך איבערפרעגען.

— ווי אזוי האָסטו מיך גערופען?

—אַך, מיין גאָט! — פלעגט זיך הערמאַן פערענטפערן, — איך קאָן בשום אופן ניט פערגעסען מיין שוועסטער.

— אזוי — דאָס איז דיינע א שוועסטער — עפּעס אַן אינטערעסאַנטע מיידעל? פלעגט די געליעבטע פרעגען און ווידער ערלויבען זי צו קושען.

איינע פון הערמאַנ'ס לעצטע ליעבעס איז געווען א יונג מיידעל — ראָזע. די ליעבע איז געווען די שטאַרקסטע און ערנסטסטע, און געצויגען האָט זי זיך ביי א האלב יאָהר צייט. איהר נאָמען האט זיך איהם אזוי שטארק איינגעשניטען אין קאָפּ, אז די צווייטע געליעבטע נאָך איהר — בערטע — האָט ער נאָכאַנאַנד ראָזע גערופען און חאָטש דער תירוץ, אז ראָזע איז זיינע א שוועסטער, האָט די ערשטע צייט געווירקט, האָט אָבער בערטע ענדליך אָנגעהויבען שטארק חושד זיין, אז ראָזע איז אודאי ראָזע די דענטיסטקע, צו וועלכער זי האָט געהאט א שנאה און בערטע האָט נאָך יעדען קוש זיך געקווינקעלט און אז ער פלעגט זי פאָרט רופען ראָזע, פלעגט זי זיך אויפשטעלען און זאָגען מיט פאָרוואורף:

— געה צו ראָזע'ן!

אַלזאָ האָט די ליעבע מיט בערטע'ן זיך געצויגען א גאַנץ קורצע צייט — קנאַפּע פיער וואָכען. און אפילו די פיער וואָכען זיינען אויך געווען אָהן נחת: הערמאַן איז געוועהנט געווען, אז די קושען זאָלען געהן, אונגעשטערט, אָהן אן איבעררייסונג, אָהן

זייטיגע בעמערקונגען. ער האָט זיך אליין בעשולדיגט אין א שוואכען זכרון, גע'חזר'ט נאָכאנאנד: בערטע! בערטע! ס'האָט אָבער ניט געהאָלפען. ווי אויף צו־להכעיס פלעגט זיך ארויסכאַ־פּען ביים ערשטען קוש דער נאָמען פון דער פערגאנגענער גע־ליעבטע: ראָזע! און טהו זיך עפּעס.

פאר גרוים עגמת־נפש האָט הערמאן גאנצע צוויי וואָכען געלעבט אָהן ליעבע. און ווער ווייסט. ווי לאַנג ער וואָלט זיך אָבגערוהט, ווען ער וואָלט זיך אין טעאטער נישט בעקענט מיט א יונג, שעהן מיידעל, וועלכע א פריינד האָט איהם פאָרגע־שטעלט, אָנרופענדיג זי ביים לעצטען נאָמען: ראבינאָוויטש!

טרעפענדיג זיך מיט איהר אויף מארגען, האָט ער פעסט בע־שלאָסען, אז ביי איהר וועט ער שוין קיין טעות ניט מאכען. ראָזע'ן האָט ער שוין ערשטענס אין גאנצען פערגעסען און צווייטענס, וועט ער טאקע פון היינט אָן א געליעבטע רופען ניט ביי'ן נאָמען, נאָר אזוי ליעבליך: מיין טייערע. מיין שטערען! מיין חלום! און דעסגלייכען.

* *
*

טרעפענדיג זיך מיט פריילין ראבינאָוויטש נאָך עטליכע טעג בעקאנטשאפט און געבענדיג איהר דעם ערשטען קוש נאָך דער ליעבעס־ערקלעהרונג, האָט ער, פערגעסענדיג אן אלץ, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, ווידער ליידענשאפטליך אויסגערו־פען:

— מיין ראָזע!

דאָס מיידעל האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט:

— פון וואנען ווייסט איהר מיין פאָר נאָמען?

— וואָס הייסט? איהר הייסט טאקע ראָזע! אח, וואָס פאר א גליק! מיין גאָט!

דאָס מיידעל האָט איהם ניט פערשטאַנען און האָט געדריקט מיט די פּלייצעס!

— וואָס פאר א גליק?

דאַן איז הערמאַן געקומען צו זיך און האָט געענטפערט:

— ראָזע! ליעבע ראָזע! וואָס פאר א הערליכער נאָמען!

— אהאָ, אפילו מיין נאָמען געפעלט אייך.

— יאָ, יאָ! דער נאָמען געפעלט מיר זעהר! זעהר! — האָט הערמאַן ענטציקט גערעדט, קושענדיג זיין נייע געליעבטע און טראַכטענדיג:

— נו, דאנקען גאָט — אבי זי הייסט אויך ראָזע. איצט וועל איך מיך ניט דארפען היטען, און ענטציקט האָט ער זיך צורו־פען:

— ראָזע! ראָזע! ראָזע!

און דאָס מיידעל האָט שטיל, אָבער שטימונגספאָל געפּלים־טערט:

— אך, מיין גאָט, ווי שטארק איהר קאָנט ליעבען!

דאס פאלקס קינד.

(פון דעם טאגע־בוך פון אן אינטעליגענט)

1905 יוני... אויסלאנד.

א שעהנע, א ריינע, א פרישע, א יונגע האט זי צו מיר אין טהיר אנגעקלאפט און איידער איך האב צייט געהאט צו זאגען דעם בעל־הבית׳שען „ביטע“ איז זי שוין איבער מיין שוועל געשטאנען און האט געשמייכעלט, ווייזענדיג איהרע שעה־נע ווייסע צייהנדלעך.

איך האב זי אנגעקוקט און מיר האט זיך געדאכט, אז איך האב זי ערגיץ געזעהן. איך האב זי אבער קיינמאל ניט געזעהן. סיידען אין מיין פארשטעלונג, ווען איך האב וועגען שעהנע, ליעבע זעלען געטרוימט.

— דאס זענט איהר טאקי? — האט זי געשמייכעלט שוין ווי פערשעהמט.

— איך!

— מען האט מיך געשיקט טאקי צו אייך...

— אזוי? — האב איך געשטאמעלט און האב שיער ניט ארויסגערעדט: לאנג לעבען זאל יענער, וואס האט מיר אזא שעה־נעם מלאך געשיקט. איך וואלט עס אפשר ארויסגערעדט, נאר זי איז אין גאנצען צו זיך געקומען און האט פריי גענומען ריידען:

— קוים געפונען אייך! כא־כא־כא! קיינער ווייס ניט וואו איהר וואוינט. דאכט זיך אזוי בעוואוסט.

איך האב זיך פערשעהמט און האב זיך נעסטארעט א וויץ צו זאגען:

— מסתמא דערפאר ווייל איך האב זעלטען א דירה...

— עס קען זיין ! — האָט זי זיך דערפרעהט מיט מיין ווייז און האָט זיך צולאכט מיט א ריינעם קלינגענדיגען געלעכ־טער — ביי „אונזערע ברידער“ טרעפט עס אמאָל...

הערענדיג ווי זי נעהמט מיך אריין אין צאָהל פון איהרע ברידער בין איך אויך פרעהליך געוואָרען. לעבענדיג אליץ צווישען פרעמדע ווילט זיך דאָך האָבען אזא שעהן גוט־שוועסטער'ל...

אין א ווייל'ע ארום איז זי שוין מיט מיר אזוי נאָהענט גע־וועזן, אז איך האָב מיך קוים איינגעהאלטען איך זאָל איהר „דו“ ניט זאָגען. געוואָלט האָב איך עס זעהר. עס האָט מיר אָבער גע־פעהלט די פרייהייט דערצו. און ניט פרייערהייט זאָגען „דו“ איז עס ניט קיין ליעבליכקייט נאָר א בעליידיגונג. און איך וואָלט בעסער מיך לאָזען דעם קאָפּ אראָבנעהמען איידער בעליידיגען אזא ליעבעס וועזן...

זי האָט מיר א סך דערצעהלט, דערצעהלט פון די לעצטע פּאסירונגען, פון די קרבנות, דערצעהלט און געשמייכעלט. איך האָב זי אבער ניט בעשולדיגט אין שלעכט־הערציגקייט. זי קען פּשוט טרויעריג ניט זיין, אזוי פיעל לעבען האָט זי! און איהר לעבען איז אזוי שעהן און אזוי ערהאבען און אזוי ניצליך...

זאָל זי לאכען! אזא געלעכטער קען פערטרייבען דעם שארפסטען טיעף איינגעגעסענעם טרויער וואָס עס איז אויף פיעלע הערצער אָנגעוואקסען. מיר איז אודאי אזא לאכען נויטיג, אזא לאכען היילט מיך.

און זי האָט דערצעהלט און געלאכט, און דערצעהלענדיג און לאכענדיג האָט זי מיר צייטענווייז ביי'ן קלאפּע אָנגענומען און גאָר ניט חושד געווען, אז אונטער דער קלאפּע שלאָגט מיין הארץ עפּעס אזוי מאָדנע; און גאָר ניט חושד געווען, אז אונטער דער קלאפּע געפינט זיך א הארץ, וואָס האָט זיך שוין לאנג פער־בלוטיגט...

און וואָס זי האָט מיר דערצעהלט האָב איך שוין לאנג אליין געוואוסט, אין פערשיעדענע צייטונגען געלעזען. איהר אָבער

האָב איך עס נים געזאָגט. עס איז מיר געווען א שאָד צו איבער־שלאָגען זי. אזוי נתפעל איז זי געווען, אזוי בעגייסטערט האָ־בען איהרע צוויי שווארצע אויגען געפלאַמט און מיט שטראה־לען, ממש מיט שטראהלען געשאָטען !...

איך האָב געדארפט זיין א גרויסער נאר צו זאָגען איהר, אז דאָס וויים איך שוין און זי זאָל אויפהערען צו רעדען, צו קלינ־גען ווי א גלעקעלע. אָ, מיר פעהלט נאָר אביסעל גלויבען, גלוי־בען. קיין שכל אָבער נישט... פערקעהרט — צו פיעל האָב איך איהם.

און איך האָב זי טאקע ניט איבערגעשלאָגען, געמאכט א מי־נע, ווי איך הער דאָס דאָס ערשטע מאָל און האָב געשטוינט.

זי האָט געמיינט אז איך האָב געשטוינט פון איהרע ער־צעהלונגען, איך האָב אָבער געשטוינט: וואו נעהמט זיך אזוי פיעל גלויבען, אזא טיעפער קוואל ביי אַזאַ יונג קינד.

— ...האָט דער „בונד" גלייך א פראָקלאמאציע ארויסגעלאָ־זען... מען האָט עס געכאפט פון די הענד... אין מיטען גאס ! אז מען האָט גאָר קיין מורא ניט געהאט ! פאר די פאָליציי אין די אויגען ! זיי האבען זיך בעהאלטען... כא—כא—כא !

און אין די פראָקלאמאציעס גלויבט זי ווי אין דער תורה און אין „בונד" ווי אין גאָט.

— דער „בונד" ארבייט נוט ? האָב איך זי אין מיטען א פרעג געטהאָן.

זי איז נאָך מעהר בעגייסטערט געוואָרען:

— וואָס פרעגט איהר ? נאָר דער „בונד" ! די ס. ס. — גאָר ניט ! אבסאָלוט גאָר ניט ! אז די ס. ס. זיינען אמת'ע בורזשו־אזיע... געה טענה מיט זיי ! זיי שטערען נאָר !...

ביים וואָרט „שטערען" איז זי ערנסט געוואָרען און זי האָט אויסגעזעהן, ווי א קינד, וואָס פערטראכט זיך ווען מען פרעגט ביי איהם: ווי פיעל איז 2 מיט 2...

— איהר זייט א בונדיסטקע? האָב איך זי געפרעגט מיט א שמייכעל.

— א פראגע! — האָט זי זיך ווי בעלעדיגט.

— שוין לאנג?

— שוין דריי יאָהר! האָט זי מיט א שטאָלצען שמייכעל געענטפערט.

— נו, און „געזעסען" זענט איהר שוין?

— כאַ—כאַ—כאַ! א קשיא! דריי מאָל: 4 חדשים אין פאוויאק, דריי חדשים אין 10טען פאוויליאָן און א חודש אין ראַטוש.

— און ווי פיעל זענט איהר אלט? האָב איך אויך געשמייכעלט, ווערענדיג פרעהליך געשטימט פון איהר „ביאָגראפיע".

— אָ, אלט בין איך שוין גענוג — אכצעהן יאָהר!

— און אזוי פיעל האָט איהר שוין געארבייט!

— אָ, דאָס איז נאָך גאָר נישט! — האָט זי לאכענדיג אויסגערופען. איך הויב ערשט אָן...

באלד איז זי אבער ערנסט געוואָרען און האָט זיך אָנגערופען:

— איין זאך איז יעצט שלעכט: ניטאָ קיין ליטעראטור, זעהר שווער צו שוואַרצען יעצט. די ארבייטער האָבען ניט וואָס צו לעזען, אויסער פראקלאמאציעס.

— אין רוסלאנד דרוקט זיך דאָך אויך.

— עט! — האָט זי א מאך געטהאָן מיט דער האנד — עס קלעקט ניט אויף א צאָהן. מען דארף האָבען די אויסלענדישע.

און וועגען דעם איז זי טאקע געקומען. אָט דאָס קליינע אכצעהן־יעהריגע מיידעלע, האָט געשוואַרצט דעם גרענעץ און איז אהער געקומען איבערצופיהרען ליטעראטור פאר די ארבייטער אין רוסלאנד.

איך האָב מיך געשעהמט, אָבער איך האָב זעהר געוואָלט זאָגען:

— מען דארף ניט. מען וועט אייך ארעסטירען...

אודאי קען מען זיך שעהמען צו זאָגען אזוינס, ווען פאר דיר שטעהט אזא מוטהיגע זעלע.

און צו מיר, וואָס האָט דאָס געוואָלט זאָגען איז זי נאָך הילף געקומען....

ווי גליקליך איז מיט איהר גלויבען!

ווי פרעהליך איהר איז.

און ווי אומעטיג מיר איז!

איך האָב געוואָלט קושען דאָס יונגע, פרישע ריינע קינד פון פאָלק וואָס לעבט און ברענגט לעבען! איך האָב אָבער גוי מורא געהאט...

פאר אלץ האָב איך מורא...

און דאָס יונגע קינד, דאָס קינד פון פאָלק האָט פאר קיין זאך קיין מורא ניט. זי וועט איהר שעהנע יונגע ריינע לייב מיט בראָשורען ארומוויקלען און וועט אזוי שווארצען דעם גרענעץ, צו ברענגען גייסטיגע שפייז פאר די הונגעריגע ארבייטער. און טאָמער וועט איהר דער גראָבער בעאמטער אין א צימער ערגיץ בע־זוכען, און גראָב מחלל זיין די הייליגקייט, וועט אבער איהר נשמה אלץ ריין, אלץ קלאָר, אלץ מוטהיג בלייבען.

זי גלויבט און האָט ניט קיין מורא?

א גליקליך וועג דיר, ליעבעס פאָלקס־קינד!

דער קעלנער.

אין דער נאכט־קאפע איז צום הערבסט־סעזאן אנגעקומען א נייער דאמען־ארקעסטער, וואס איז בעשטאנען פון זעקס פריילינס.

נישט קוקענדיג אויף די רעגענדע וועטערס, זיינען זיי אלע געגאנגען געקליידעט אין זאמט־אונשולד־ווייסען. דער דאזיגער אנצוג האט זיי זעהר געפאסט. איבערהויפט אבער האט אין דעם ווייטען אנצוג בלענדענד־שעהן אויסגעזעהן די ערשטע פידלערין, א יונגע ברונעטין, וואס האט דיריזשירט שטעהענדיגערהייד. זויך און שלאנק, מיט דעם סמיטשיק אין דער האנד, האט זי אויסגעזעהן ווי א יונגע קעניגין, וואס אט אט לאזט זי ארויס א בעפעהל, און אלע, סיי דער ווירטה, סיי די קעלנערס, סיי די געסט וועלען זיך א לאז טהאן צו ערפילען איהם. נאר די דאזיגע ברונעטין פלעגט נאך יעדער שטיק זיך אוועקזעצען אויף איהר ארט. איבערוואַרפען זיך מיט די קאלעגינען איהרע מיט עטליכע ווערטער און פון צייט צו צייט ווארפען רוהיגע גלייכע בליקען אויף די געסט.

די געסט, דאס רוב יונגע לייט, האבען ניט געקאנט אברייסען פון איהר זייערע בליקען. נישט איינער פון זיי האט זיך ניט געוואגט צוגעהן צו איהר און מכבד זיין איהר מיט וויין אדער קאניאק, ווי מען פלעגט זיך אין דער דאזיגער נאכט־קאפע נוהג זיין מיט די ביזהעריגע שעהנע דיריזשארינס פון דער דאמען־קאפעליע. מאנכע געסט, וואס די בלענדענדע ברונעטין האט זיי

צופיעל בעאונרוהיגט, האָבען צוגערופען דעם אָבער־קעלנער. א הויכער בלאָנדין, מיט גרויסע, לאנגע וואָנסען, אין א שווארצען פראק, און איהם געפרעגט, אנווייזענדיג מיט׳ן בליק אויף דער פידלערין:

— ביטע זעהר, איזט זי צום האבען?

דער קעלנער פלעגט אויפהויבען זיין בליק צום אָרקעסטער, זיך פערטראכטען און ענטפערן ניט ווי זיין שטייגער איז, בייז און אויפגערעגט:

— אָ, ניין! גאָט בעהיטע!..

געוואוסט האָט אבער דער קעלנער, אז ער זאָגט דאָ א ליי־גען און ער דיענט דערמיט ניט עהרליך זיין ווירטה; פערקעהרט, זיין פפליכט איז זיך נעהנטער צו בעקענען מיט איהר, איבער־געבען איהר, ווי אזוי זי פאנגט הערצער, און פיהרען אונטער־האנדלונגען, פון וועלכע אי ער, אי דער ווירטה פון קאפע זאָלען קאָנען פערדיענען.

נאָר דאָס ערשטע מאָל, זייט ער איז א קעלנער דענקט ער ניט פון טרייהייט און פון פערדיענסט. די דאָזיגע גייע געפֿיה־לען בעאונרוהיגען איהם: „וואָס איז דאָס פאר א קרענק?" טראכט ער, און בעשליסט צוצוגעהן צו איהר, ווען זי געהט אריין אין גארדעראָב־צימער, און איבערגעבען איהר דאָס, וואָס א קעלנער דארף איבערגעבען, אויב ער וויל זיין אן עהרליכער, טרייער קעלנער... אבער זיין בעשלוס ווערט פערשוואונדען, ווען ער הויבט נאָר אויף זיין בליק און דערזעהט זי שטעהענדיג מיט דעם סמיטשיק אין דער האנד און די אויגען פינקלען און לייב־טען אזוי רוהיג, אזוי ריין...

— איזט זי צום האבען? — שלאָגט איהם איבער מיט א פראגע, א הויכער, דיקער גאַסט.

— אבער ניין! וואָס זאָגען זי? — ווערט ער ווי בייז, און דערשרעקט זיך אליין פאר זיין טאָן.

דער ווירטה האָט איהם שוין אויסגערעדט, אז די לעצ־טע צייט בענעהט ער זיך ניט העפליך מיט די געסט.

— זי פערגעסען זיך ! — האָט איהם דער ווירטה גע־מוסר׳ט.

און ער האָט זיך אויף זיך גענומען צו ווערען גוט און פרום און דערנעהן ביי „איהר“, אויב זי „איזט צום האבען“.

און עס איז כדאי געווען צו דערנעהן: דער נייער גאסט איז געווען דער באנקיר ל י ע ב ע ר ה א ה ן, איינער פון די בע־וואוסטע לעב־קינדער. פון אזא גאסט קאָן מען גליקליך ווערען.

און ווען דער דאָזינער באנקיר איז צו איהם צוגע־גאנגען און געפרעגט, ווייזענדיג אויף דער ברונעטין:

— איז זי צום האבען ?

האָט ער, ווי ווייט מעגליך, העפליך געענטפערט:

– גלייך ערפאהר איך עס, הערר באנקיער.

די ברונעטין איז גראד ארוים אין גארדעראָב־צימער צו פעררירכטען איהרע האָר. ער איז גלייך נאך איהר ארייננעגאנגען, און בלייבענדיג מיט איהר אליין, איז ער ווי צומומעלט געווארען פון איהר בלענדענדער שעהנהייט.

— וואס וואָלען זי, הערר „אָבער“ ? — האָט זי איהם גוט־מוטהיג געפרעגט, ארויפלעגענדיג איהר ווארמע, ווייכע האנד אויף זיין נאקען.

— ביטע זעהר — האָט ער זיך געמוטהיגט — פיעלע געסט זיינען פון אייך בעצויבערט... אבער זיי זיינען אלע לומפען.. באנקיער ל י ע ב ע ר ה א ה ן פרעגט, אָב... איהר זייט צו האבען...

— באנקיער ל י ע ב ע ר ה א ה ן!... — האָט זי מיט א קלינגענדער שטימע געענטפערט — אָ, יא ! איך האבע פון

איהם געהערט... ער איזט ווירקליך זעהר רייך: ביטע זעהר. זאַגען זי צוייעלב איהם וועל איך פריי ווערען פריהער...

א שוואַרצער וואָלקען האָט פערדעקט דעם קעלנערס פּנים. און ער האָט אונרוהיג וויעדער איבערגעפרעגט:

— ווירקליך?...

— נון, יאָ! — האָט זי געלאַכט, — זאגען זי איהם, אום צוויי אוהר בין איך פריי...

— דאנקע זעהר! — האָט דער קעלנער קוים ארויסגעַרעדט און איז ארויס.

— אלזאָ? — האָט דער באנקיר געפרעגט, דערזעהענדיג איהם.

דער קעלנער האָט שוין געוואָלט ארויסרעדען זיין מיטטהיילונג: „יא, צום האבען". נאָר עפּיס ווי דורך א כשוף האָט זיך די צונג א דרעה געטהאָן, אין די אויגען איז דונקעל געוואָרען און ער האָט געענטפערט:

— גאָט זאָל אויסהיטען! זי איז א פיין — אנשטענדיג מיידעל!...

דער באנקיר האָט קאָמיש אראָבגעלאָזט די נאָז.

דער קעלנער האָט טריאומפירט...

זומערדיגע בעקאנטשאפט.

(דערצעהלט פון א „דאָן זשואַן“).

עס האָט פּאסירט אין אן אנדער צייט און אין אנדער לאנד. אָבער שרעקט זיך ניט! — מיינט ניט, אז איך געה אייך דער־צעהלען א היסטאָרישע פּאסירונג. גאָט זאָל מיר אָבהיטען פון היסטאָרישע פּאסירונגען. דערצו נעהמען זיך אזוינע לייט, וואס האָבען אליין גאָר נישט דורכגעלעבט און שעפּען אלץ פון בוך... איך געהער דוקא צו דעם סאָרט מענשען, וואָס איין פּרוי־ען־בליק מאכט אויף מיר מעהר איינדרוק ווי הונדערטער עפּי־זאָדען פון היסטאָריע... אבער ניט דאָס בין איך אויסען.

אלזא, עס האָט פּאסירט אין אן אנדער צייט — מיט עטלי־כע יאָהר צוריק; אין אן אנדער לאנד, אין איינער פון די שעהנסטע לענדער פון אייראָפּא. עס איז געווען א שעהנער לייכטזיניגער פריהלינגס־טאָג. דעם דאטום געדענק איך ניט, אָבער לויט די גראדוסען פון ליעבע, וואָס דער באראָמעטער האָט אין מיין ברוסט דאמאָלט געצייגט, שטעל איך מיך פאָר, אז עס האָט געמוזט זיין ארום ערב מאי. דער טאָג איז געווען לייכט־זיניג, ווי איבערהויפּט די ערשטע פריהלינגס־טעג, אבער איך בין נאָך לייכטזיניגער געווען. איך האָב פּשוט זיך פערליעבט אין יעדער פארבייגעהענדיגער מיידעל, נישט קוקענדיג צי דאָס מיידעל געהט אליין, צי מיט א בעגלייטער. עס האָט געהאלטען שיער־שיער ביי אָבשטעלען יעדער מיידעל אין מיטען גאס, פאַ־לען אויף די קניע און אויסזיפצען: איך ליעב דיך, קום מיט מיר

ערגעץ אוועק אין א שטילען גארטען, אדער אין א שטילען צימער, וואו איך און דו, און איך און די ליעבע...

מעהר וואלט אבער ניט געפעהלט אזוינס אין מיטען דער גאס צו טהאן! מענשען וואלטען גלייך עמפערט געווארען פאר א"א פרייהייט, כאטש דאס לאנד וואו עס האט פאסירט איז גע־ווען ניט קיין פרייע רעפובליק ווי די פעראייניגטע שטאאטען און ליעבע איז דארט דוקא ניט געווען פערבאטען. פערקעהרט, אין יענעם לאנד פון מאנארכיע און זעלבסטהערשונג איז די איינציגע כשר'ע סחורה געוועזען די ליעבע. רעוואלוציאנערען, אז זיי פלעגען וועלען אבווענדען פון זיך דעם פערדאכט, פלעגען זיי זיך לפנים פערליעבען אין זייערע חבר'טעס און ווען די פא־ליציי פלעגט אמאל איינברעכען צו זיי אין צימער, וואו עס האט זיך פראדוצירט בשתיקה פון'ם לאנד די פרייהייט פאר די ביר־גער — פלעגען זיי זיך כאפען קושען מיט די חבר'טעס, כדי צו בעווייזען, אז זיי זיינען נישט געפעהרליך פאר'ן לאנד.

אבער אין מיטען גאס פאלען אויף די קניע איז אפילו אין יענעם לאנד געווען נישט ערלויבט. די גאס האט געדיענט פאר מעהר ערנסטע צוועקען. און דעריבער איז אין די דאזיגע פריה־לינגס־טעג מיט דער ליעבע אויך דארט געווען שווער זיך אן עצה צו געבען.

אבער פערקירעווענדיג זיך פון די רוישענדע גאסען אין א שטילער גאס, ניט ווייט פון א קליינעם גערטענדעל, האב איך זיך בעגעגענט מיט א מיידעל, וואס האט אין יענעם טאג מיין הארץ אנגעצונדען גלייך מיט'ן ערשטען בליק. מיט'ן צווייטען בליק האט זיך שוין אנגעכאפט דער קאפ און איך האב דערפיהלט אז איך ווער פערברענט, דאן האב איך, אום צו רעטען זיך פון דער דראהענדער געפאהר אין גאנצען ניט פערברענט צו ווערען, אויסגעשריען:

— פריילין!

און האב איהר אריינגעקוקט טיעף אין די אויגען אריין.

— וואָס איז? — האָט זי זיך אָבגעשטעלט און מיך צוריק אָנגעקוקט. געדאַכט האָט זיך מיר, אז זי אַליין איז אויך אביסעל אַנגעצונדען.

— איך האָב אייך ערגעץ געזעהען און קען מיך ניט דער־מאָנען וואו... — האָב איך זיך געפּרואווט פעררופען אויף אַן אַלטער סגולה.

— יאָ.. מיר דאַכט זיך אויך אַזוי... — האָט זי געענטפערט.

— אַלזאָ, וואו און ווען? — האָב איך זיך ערנסט פער־טראַכט.

— יאָ, איך געדענק אייך פון ערגעץ... — האָט זי פער־שעהמט געשמייכעלט.

— אָט איז ניט ווייט דער גאָרטען! — האָב איך איהר געזאָגט, אָנווייזענדיג מיט'ן האַנד אויפ'ן גאָרטען, וועלכער האָט זיך ניט ווייט פון אונז געפונען... מיר וועלען אהין אריינגעהן, זיך אני. ערזעצען...

— יאָ, איך בין טאַקע אביסעל פערמאַטערט פון געהן...— האָט זי זיך עווודיג געפּליסטערט. אבער מיין גאָט! — האָט זי זיך געכאַפּט ענדליך — איך קען דאָך אייך ניט...

— איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אז אייך דאַכט זיך, אז איהר האָט מיר אויך ערגעץ געזעהן, — האָב איך איהר בערו־היגט, — הייסט עס, אז מיר זיינען בעקאַנט.

— איך קען מיך אָבער נישט דערמאָנען ווען און וואו... — האָט זי געשמייכעלט און איז מיר נאָכגעגאַנגען.

— צייט און אָרט עקזיסטירען ניט פאַר אונז... — האָב איך געפּרואווט צוצוציהען זים יט העכערע אויסדריקע.

זי האָט געשמייכעלט, מיך אָנגעקוקט און זי איז קענטיג צופריעדען געבליבען. אבער אז מיר זיינען שוין ביידע גאַנץ נאָהענט איינע נעבען די אנדערע געזעסען אויף א באַנק אין א שטילער אַלעע, און די גוטע מענשען האָבען אונז געלאָזט אונ־געשטערט זיצען און האָבען זיך ארומגעדרעהט אין אנדערע ווינק־

לען, פאר וואס איך בין זיי שטארק דאנקבאר געווען. האט זי זיך ווידער אנגערופען:

—ווירקליך, איך קען מיך ניט דערמאהנען, וואו האב איך אייך געזעהן.

איך האב אנגענומען איהר האנד, א שטארקען דריק געטהאן און געענטפערט:

— צו וואס דעם קאפ ברעכען? עס איז אזא שעהנער פריהלינגס־טאג...

— יא... דער טאג איז ווירקליך א שעהנער, — האט זי מודה געווען און האט מיך אנגעקוקט פון פראפיל. אבער ווירקליך — עס טהוט מיר לייד, וואס מיר קומט אוים צו זיצען מיט א מענשען, וועלכען איך קען ניט...

איך האב זי פריינדליך אנגעקוקט. נאכדעם האב איך זי א דריק געטהאן אין מיינע ארעמס און זי א שטארקען קוש געגעבען און נאכדעם ערשט האב איך זיך אנגערופען:

— אט קענען מיר זיך שוין אביסעל...

— אך! — האט זי אויסגערופען מיט א געמאכטער אונ־צופריעדענהייט — אט דאס הייסט ביי אייך קענען זיך? מיין גאט!...

— נאטירליך, דאס איז ווייניג... איך פערשטעה... אבער באלד... דער אווענד וועט קומען... מיר וועלען זיך נעהנטער בע־קענען און מיר וועלען ענדליך פריינד ווערען.

איך האב געגלעט איהרע הענד, געקוקט איהר אין די אויגען און געווארט אויף אן ענטפער.

זי האט געשוויגען... אבער איז דאס ניט געווען דער שעהנסטער ענטפער?

די ענטוישטע.

(דערצעהלט פון א „חבר“)

וואס וויל האבען פון מיר די לעצטע צייט שטערקע, ווייס איך אליין נים. זי איז. דאכט זיך, שוין נים קיין יונגע מיידע־לע, זי דארף פערשטעהן, אז איך בין נים שולדיג, אז מיר טהוט אויך וועה דאס הארץ, קוקענדיג וואס פון דער בעוועגונג איז גע־ווארען; קען מען דערצו עפעס העלפען? זי האט טענות צו די ארבייטער, וואס זיי האבען זיך גענומען חתונה האבען? נו, וואס בין איך שולדיג? א י ך האב דאך נים חתונה און זי אויך נים... וואס געהט דיר אן ווער עס האט חתונה?... אלע קענען דאך נים זיין אזוי הייליג ווי דו. די בעסטע יאהרען אוועקגעגעבען דער בעוועגונג און פון אייגענעם גליק אפילו קיין טראכט נים געגעבען, פונקט ווי מען קען זיין גליקליך אהן גליק...

נאטירליך, איך פערשטעה גאנץ גוט, אז עס איז פערדראָ־סיג. האסט געמיינט, אז אלץ איז אזוי הייליג, מיט אמאל איז אזוי וואכעדיג געווארען, ווי א קאלטע גרויע האנד וואלט זיך פלוצלונג צוגעשטעקט צו אלץ, וואס ס'איז הייליג געוועזן און עס פערשוועכט; אדער ווי טויזענדער לצים וואלטען זייערע צינגער אויסגעשטעלט און אלץ אויסגעלאכט, אויסגע'חוזק'ט... נו, מילא, וואס זאל מען טהאן? איך פרעג אייך, וואס זאל מען טהאן? מען דארף איבערוואַרטען, איבערוואַרטען געדולדיג ביז דאס הייליגע פייער וועט ווידער די הערצער אויפפלאקערען.

איבערוואַרטען!... איך פערשטעה, אז איהר, שטערקע'ן, הייסט עס, איז ניט אזוי לייכט צו וואַרטען. זי איז שוין דרייסיג יאָהר... דרייסיג יאָהר! א סך אבגעלעבט, א סך געאַרבייט! זי איז פון די ערשטע געווען! אמאָל האָט מען זי פאַרגעטערט... א קליינינקייט — שטערקע! צו איהר אין צימעריל אריינגעגאַן איז געווען א זכיה! ווער פלעגט אריינגעהן צו איהר? שוין דער סאַמע טהוער, וועמען מען האָט געקענט אַנפערטרויען. איך געדיינק מיין גליק, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל ביי איהר געוועזן. ס'איז געווען א ווינטער־נאַכט. איהר קליין צימעריל האָט בעלויכטען א קליין לעמפעל, וועלכער האָט געברענט, אזוי האָט מיר דאַמאָלס געדאַכט, ניט מיט א געוועהנליכען פייער, נור ווי עפּעס א פייער ביי א הייליגער צערעמאָניע... אפילו די מאשינקעלע, וואָס זי האָט דאַמאָלס אנגעצונדען און געמאַכט טהעע פאַר מיר, האָט אויך ניט געוועהנליך געברענט, אפילו געזשושעט האָט דאָס פייער אזוי זיס־אנגסטליך... דאַמאָלס איז זי געוועזן יונג; נאָר ווער האָט זיך אויף יוגענד אומגעקוקט?.. איהרע האָר זיינען געווען געשאָרען, ניט חלילה ווייל ס'איז געווען א מאָדע, שטערקע האָט אויף מאָדע קיינמאָל נישט געקוקט, נאָר זי האָט טאַקע פיינט געהאַט איהרע לאַנגע שעהנע האָאָר... זיי זיינען צו שעהן געווען און זי האָט זיי אָרונטערגעשניטען... דאָס איז געווען אן אונבעוואוסטער קרבן דער אידעע... איצט טראָגט זי ווידער לאַנגע האָאָר, נאָר זיי זיינען שוין ניט אזוי שעהן ווי אמאָל. זיי זיינען שיטערלאַך און האָבען שוין וואו ניט וואו ווייסע פעדים... איך קוק אויף זיי און עס טהוט מיר אזוי באַנג, אזוי באַנג וואָס ביי דער גוטער איידעלער שטערקע'ן האָבען זיך אזוי גיך ווייסע האָאָר בעוויזען. זי וויים זיכער דערפון. איך האָב בעמערקט, אז זי קוקט אָפט אין שפּיגעל...

אָט איז זי נעכטען ביי מיר געווען.

— נו, וואָס הערט זיך? — פרעגט זי מיך.

איך ענטפער, פון יוצא וועגען:

— אל־דאס גוטס!

— יא, אל־דאס גוטס... — שמייכעלט זי ביטער — איהר ווייסט, אז יאשקע געהט חתונה האבען מיט חאנקען.

— נו, מזל טוב אונז! — פרוב איך זיך וויצלען.

זי בלייבט ניט צופריעדען מיט מיין טאן און בייזערט זיך:

— ביי אייך איז אלץ א וויץ... איהר ווייסט אז יאשקע מיט חאנקע'ן זיינען געווען די איבערגעבענסטע „טהעור".

— נו, דאריבער דארפען זיי ניט חתונה האבען? — פרעג איך.

— חתונה האבען... — מורמעלט שטערקע — וואס עפעס האבען זיי אלע גראד איצט חתונה, עפעס גראד איצט...

— איצט — לאך איך — איז די בעסטע צייט. די בעוועגונג איז שטיל, האפט מען אריין, שפעטער וועט ווידער קיין צייט ניט זיין...

זי פערטראכט זיך א ווייל'ע און ענטפערט:

—אמאל פלעגען אנדערע פון דער בעוועגונג אויך חתונה האבען, נאר עס פלעגט עפעס ארויסקומען אזוי שעהן, אזוי ער־האבען... מען פלעגט זינגען רעוואלוציאנערע ליעדער, מען פלעגט זאמלען געלד פאר'ן בונד... דאס חתונה האבען איז געווען מעהר צוליעב דער בעוועגונג, ווי צוליעב זיך.. און יעצט האבען זיי חתונה ווי די הינט, פערגעסען אן אלץ.

— און אז זיי האבען ניט חתונה איז אייך בעסער? — פרוב איך זי בערוהיגען — סיי ווי סיי אינטערעסירט זיי גאר נישט...

— וואס הייסט זיי אינטערעסירט גאר נישט — רעדט זי ווידער בייז — אט בין איך אייערנעכטען אריין צו לייבען, ער איז געווען דער איבערגעבענסטער טהוער, ערשט איך טרעף איהם ביי א ביכעל.. ווי ער האט מיך דערזעהן, בעהאלט ער דאס ביכעל... וואס בעהאלט איהר זיך פון מיר? פרעג איך איהם,

וואס מיינט איהר, אז איך בין אויך א פּראוואקאטארשע גע־
ווארען... האט קיין מורא ניט, ווייזט א קוק טהאן... דער בחור
ניט ניט... און רויט איז ער ווי א בורעק, מילא איך בין דאך אן
עקשן'טע, איך האב מיך איינגעשפארט און פארט א קוק געטהאן.
ערשט טרעפט וואס ער לעזט?...

— וואס? — פעראינטערעסיר איך מיך מיט אן אמת.

— וואס — ברומט זי בייז — ניט „די העלדען פון דער
קאמונע". און ניט „ווי אזוי מען בויט באריקאדען". און אפילו
ניט „די מעשה מיט די פיער ברידער"...

— וואס־זשע דען? — פרעג איך.

— וואס זשע דען? — האקט זי מיר איבער בייז, ווי איך
וואלט שולדיג געווען — וואס־זשע דען? ס'איז א חרפה צו זאג־
גען — שטעלט זיך פאר, אז ער האט געלייענט פון די היינטיגע
פארנאגראפישע ביכלאך: מיטלען ווי אזוי צו פערהיטען זיך
פון קינדער האבען...

איך פערשעהם מיך פאר'ן נאמען, ווער רויט, מאך אבער
א וויץ און זאג גלייכגילטיג ארויס:

— מסתמא געהט ער אויך חתונה האבען...

מיין ענטפער געפעלט איהר ניט און זי זידעלט מיך:

— איהר זייט א ציניקער!.. אייך ארט קיין זאך ניט!...
איהר וועט אודאי אויך אין גיכען געהן חתונה האבען!..

זי טהוט מיר זעהר באנג, איך וויל זי טרייסטען, בערוהי־
גען, זאגען איהר א גוט ווארט, אליין בין איך אבער אויך
פערביטערט און עס רייסט זיך ביי מיר ארויס:

— וואס מיינט איהר — זאל זיך נאר מארען א רעכט
מיידעל...

— אך, מיט אייך איז אויך ניטא וואס צו רעדען — ענט־
פערט זי מיר האלב בייז און נעהמט ווי אויטאמאטיש דאס
קליין שפיעגעלע, וואס ליעגט ביי איהר אויפ'ן טיש און זי קוקט
זיך איין...

איך ענטפער איהר נישט, גיט האַבענדיג וואָס. מיין גיט ענטפערען ענטמוטהיגט זי נאָך מעהר. זי דרעהט א ווייל׳ע אין האנד עפּעס א זאך, וואָס זי געפינט אויפ׳ן טיש, לעגט עס אוועק, געהט אום הין און צוריק איבער׳ן צימעריל און זאָגט ענדליך ארויס...

— עה, מען דארף געהן.

— וואוהין ? — פרעג איך גלאַט אזוי.

— וואוהין ? איך וויים דען וואוהין ? — ענטפערט זי און פערטראכט זיך מאָדנע...

איך פיהל, אז מיין חוב איז צו פערהאלטען זי, אין אַזאַ צושטאנד טאָר איך זי ניט אוועקלאָזען, איך געפין אָבער קיין וואָרט וואָס צו זאָגען איהר. זעהענדיג ווי זי טהוט זיך אָן שווייג־זאַך, ווי איך וואָלט דערמיט געזעגענט: געה טאַקי, ביזט לאנגווייליג...

זי גיט מיר קאלט די האנד, נאָר די אויגען ברענען מיט אַן אונהיימליכען פייער. איך וואָלט שווערען, אז ס׳איז ניט שטער־קע׳ס אויגען...

זי געהט ארויס. איך זעה דורכ׳ן פענסטער, ווי זי גערדט און וואקעלט זיך. איך וויל זי רופען צוריק. איך וועל איהר טרויסטען. איך וועל זאָגען, אז...

נאָר איך האָב איהר גאָר נישט וואָס צו זאָגען... גאָר נישט... גאָר נישט...

דער נייער יחוס.

כאַטש אונזער פריינד ליפּמאַן איז ניט געווען אין פּיעלע הינזיכטן רייכער פאַר אונז, האָט ער אָבער דערפאַר געהאַט אַ פּאַרצוג איבער אונז מיט דעם, וואָס ער איז געווען פערהייראַט. זיין יונג ווייבעלע, וועלכע מיר האָבען גערופען פערצייגען „גיטעלע“, איז געווען אויך ניט באַזונדערס שעהן, דערפאַר אָבער האָט זי בעזעסען דעם ספּעציפּישען חן פון אַ ווייב, וואָס האָט ליעב דעם מאַן, און זי איז געווען צו אונז אַזוי גאַסטפריינדליך, אַז וויפיעל עס זאָלען ניט ארויפקומען אין אָווענד, אין זייער צימער, פלעגט זיך אויסמאַרקירען צו מאַכען פאַר אַלעמען אַן אָווענד־ברויט. און אין יענע צייטען, ווען דאָס רוב פון אונזער „חברה“ איז געווען ווייט ניט בעזאָרגט מאַטעריעל, זיינען די דאָזיגע אָווענד־ברויטען, וואָס זיינען איבעריגענס בעשטאַנען בלויז פון פּוטער־ברויטלעך מיט טיי, געווען גענוג צוציהונגס־קראַפט.

אָבער ניט נאָר דער אָווענד־ברויט אליין האָט אונז געלאָקט צו ליפּמאַנ׳ען. זיין צימער האָט געהאַט פאַר אונז, יונגע בחורים, וואָס דורשטען נאָך בעקאַנטשאַפט מיט מיידלעך, נאָך אַ צוציהונג. דאָס זיינען געווען גיטעלע׳ס חבר׳טעס, וועלכע מיר פלעגען טרעפען כמעט יעדען אָווענד און גיטעלע פלעגט אונז פאַר זיי פאָרשטעלען מיט די גרעסטע טיטלען.

— דאָס איז הערר וויגדאָרטשיק, אַ גרויסער דיכטער, און דאָס איז הערר יאַנקעלעוויטש, אַ טאַלאַנטפאָלער נאָוועליסט,

און דאָס איז הערר באסיין, א גוואלדיגער פילאָזאָף, און דאָס איז הערר דאווידאָוויטש, א גרויסער מוזיקער.

דאָס רוב פון די מיידלעך, וואָס פלעגען ארויפקומען צו ליפמאנ׳ס ווייבעלע, גיטעלע׳ס חבר׳טעס, זיינען געווען פון דער פרעמד, וואָס זיינען געקומען אין דער פוילישער הויפט־שטאָדט זיך לערנען. גערעדט האָבען זיי אלע רוסיש און ווען מיר, נאַציאָנאל־געשטימטע, פלעגען אמאָל אריינווארפען א אי־דישען וואָרט, פלעגט עס זיין אויפ׳ן חשבון פון זייער אויפ־מערקזאמקייט. גיטעלע אליין, וואָס האָט געשטאמט פון ווייטען דרום האָט גערעדט א פראכטפולען רוסיש, אבער א דאנק איהר ליעבע צו ליפמאנ׳ען, פלעגט זי פון צייט צו צייט יא אריינווואר־פען אידישע ווערטלעך איז איהר געשפרעך. נאָך יעדען ווער־טעל פלעגט זי אָנקוקען ליפמאנ׳ען מיט שמייכלענדע אויגען און זאָגען:

— זעהסט, ליפמאן, ווי איך רעד אידיש, ווי אַן אמת׳ע אידישע טאָכטער.

און ליפמאן פלעגט איהר ליעבליך א גלעט טהאָן איבער׳ן קאָפּ און ענטפערען:

— יאָ, דו ביזט א אידישע טאָכטער!

איינמאָל, קומענדיג אין אָוועגד צו ליפמאנ׳ען, האָבען מיר דאָרט געטראָפען א נייע חבר׳טע, וועלכע האָט געצויגען אונזער אויפמערקזאמקייט מיט איהר אריסטאָקראטישען אויס־זעהן, זי איז געווען הויך און שלאנק און זעהר בויגיג. איהרע אויגען, גרויס און גרין, האָבען אָבגעשפּיעגעלט גאנצע דורות פערגאנגענהייט... גיטעלע האָט איהר געשענקט אויפמערק־זאמקייט מעהר ווי די איבעריגע, און האָט בכלל זיך געהאל־טען מיט איהר ווי מיט מיינער, וואָס איז געקומען פון ווייטע פאנטאסטישע לענדער. פארשטעלען אונז פאר איהר, האָט זיך דאָס מאָל גיטעלע ניט געאיילט. אז איינער פון אונז האָט

שטילערהייד גיטעלע׳ן געבעטען וועגן דעם, האָט זי א שמייכעל געטהאָן און זיך אָנגערופען:

— פאַרדאָן, מיינע הערען, איך האָב אייך ניט פאַרגע־שטעלט. דאָס איז...

און אָבגעבענדיג אונז די געוויסע טיטלען, וואָס דאָס איז שוין ביי איהר געגאַנגען ווי א מזמור, האָט זי ענדליך אָנגערופען אויך דעם נאָמען פון דער פריילין: איגר.

— איגר! — האָט איינער פון אונז אויסגערופען — עפּעס א בעקאַנטער נאָמען. און פערקנייטשענדיג דעם שטערען האָט ער זיך ענדליך דערמאָנט:

— אָ, איגר! דאָס איז דאָך א בעריהמטע פאַמיליע... ר׳ עקיבא איגר...

די נייע אָנגעקומענע האָט א שמייכעל געטהאָן, ווי איג־נאָרירענדיג.

אָבער יענער איז געוואָרען אזוי בעגייסטערט פון דעם דאָזיגען נאָמען, אז ער האָט אַלץ געהאַלטען אין איין בעוואונ־דערען:

— ר׳ עקיבא איגר... איינער פון די גרעסטע געלעהרטע ביי אידען. געוועזען ראש ישיבה אין פּרעשבורג... פאַרדאָן, שטאַמט איהר טאַקע פון דער דאָזיגער פאַמיליע? — האָט ער ענדליך פאַרזיכטיג א פרעג געטהאָן אין רוסיש.

די ניי אָנגעקומענע פריילין האָט ווידער א שמייכעל גע־טהאָן מיט׳ן זעלבען איגנאָרירענדען שמייכעל און שטיל ארויס־געמורמעלט:

— דא. טאַק אָטיעץ גאָוואָריט...

דאָס הייסט, אז איהר טאַטע זאָגט אזוי.

— אָ, ר׳ עקיבא איגר! — האָט זיך יענער ווידער גע־נומען היצען, — ער איז געווען א גרויסע פערזענליכקייט. זיין ווערק חתם סופר..

— טשטאָ?... — האָט זיך די אור־אור־אייניקעל צולאַכט.

— „חתם סופר" — אזוי הייסט זיין ווערק.

— טשטאָ עטאָ זנאַטשיט ? — האָט זי קאָקעטיש געפרעגט און זיך ווידער צולאכט.

— קאָניעטשנאָ — האָט יענער זיך פערשעמט. — אייך איז עס ניט בעקאַנט... וואו האָט איהר שטודירט ? אין מאָס־קווע... קיין אידיש קענט איהר ניט..

— ווי קום איך צו אידיש ?... מיין פאָטער האָט מיר אָב־געגעבען צו זיעבען יאָהר אין דער רוסישער פאָלקס־שולע, און נאָכדעם אין גימנאַזיע — האָט זי רוהיג ערקלערט און מאָדנע געשמייכעלט.

— יאָ. נאַטירליך — האָט יענער זיך ווי צוטומעלט, — איך פערשטעה... אָבער ווען איהר ווייסט ווער ר׳ עקיבא איגר איז געוועזן...

— א שטיקעל פאַנאַטיק ! — האָט ליפּמאַן, וועלכער איז געוועזן אמאָל א ישיבה־בחור, ארויסגעמורמעלט.

— יאָ... דאָס איז וואס אנדערש... אָבער דער יחוס ! דער יחוס...

און דער בעגייסטערטער יונגערמאַן האָט מיט דאָרשטיגע בליקען אָנגעקוקט דער נייער פריילין. יענע אָבער איז געוועזן אייז־קאַלט. זי האָט זיך עפּעס געשושקעט מיט גיטעלע׳ן און געשמייכעלט, און ענדליך זיך גענומען זעגענען.

אז זי איז ארויס, בעגלייט פון גיטעלע׳ן ביז׳ן קאָרידאָר. האָט ליפּמאַן אונז ערקלערט:

— יאָ, איהר אלטער יחוס איז גרויס, אָבער ווען איהר ווייסט איהר נייעם יחוס !

מיר האָבען אלע אָנגעשטעלט אונזערע אויערען.

— אַ, איהר נייער יחוס איז גאָר געוואלדיג. זייט וויסען, ברידער, — האָט ליפּמאַן אָנגענומען בלומרשט אן ערנסטען פּנים, — אז די אור־אור־אייניקעל פון ר׳ עקיבא איגר איז פער־ליעבט אין א רוסישען סטודענט פון טאַמבאָווער גובערניע, א

דיאַקאַנ׳ס א זוהן... ער טראָגט אויך א געוואַלדיגען נאָמען.

— ווי אזוי איז זיין נאָמען? — האָבען מיר זי אלע פערר־אינטערעסירט.

— קאַפּיטאַ...

— קאַפּיטאַ! — האָבען מיר אלע אויסגערופען און זיך צולאכט... — הייסט עס, אויב דער דיאַקאָן קאַפּיטאַ זאָל מסכים זיין אויף דעם שידוך מיט ר׳ עקיבא איגר׳ס אייניקעל, וועלען מיר האָבען א יחסנ׳טע אין אונזער פּאָלק.

באַלד איז אריין גיטעלע.

— ווי הייסט דער סטודענט איהרער? — האָט ליפּמאַן מיט א שמייכעל געפרעגט. — דאכט זיך, קאַפּיטאַ...

— אָ, דו טראַכסט אוים א בלבול! — האָט גיטעלע ערנסט גענומען זיין פראַגע. — ער הייסט קאַבילקין!

— אך, פאַרדאַן, קאַבילקין! נאָך א גרעסערער יחוס...

מיר האָבען זיך נאָך העכער צולאכט. אבער באַלד האָבען מיר זיך פערשעהמט פאר אונזער געלעכטער און האָבען זיך טרויעריג פערטראַכט, יעדער אין זיין ווינקעל.

גיטעלע, בעמערקענדיג אונזער טרויער, האָט זיך צו אונז געווענדעט מיט א שמייכעל:

— וואָס האָט איהר אזוי אראָבגעלאָזט די קעפּ? עס קאָן נאָך זיין, אז דערפון וועט גאָרנישט ניט ווערען.

— פאר וואָס? — האָט זיך דער אויפגערעגטער יונגערמאַן מיט פרייד אָנגעכאַפּט.

— פאַרוואָס? — האָט גיטעלע געשמייכעלט, — ווייל זי האָט זיך פאר מיר געקלאָגט, אז דער טאַטע זיינער, דער דיאַקאָן, וויל ניט...

מיר האָבען זיך ווידער צולאכט, און באַלד ווידער טרויעריג געוואָרען...

גיטעלע אָבער האָט אונז געמינטערט מיט טהעע און מיט אידישע ווערטלעך.

דער איינציגער בחור.

(א חיימיש בילד).

מעג עס קלינגען אונגלויבליך, אבער די זאך איז אזוי געווען: אין דער פאראבאצקער גאס, איינע פון די זעקס שטעטישע גאסען, האט זיך געפונען נישט מעהר ווי אן איינציגער בחור און געהייסען האט ער בעריל.

בעריל איז ניט קיין זעהר שעהנער נאמען. ווער עס האט האט אן אויער פאר קלאנגען, דערשפירט גלייך, אז עס גרילצט. אבער אין יענער גאס האט דער נאמען בעריל געקלונגען, ווי א שעהן שטיקעל מוזיק געשפיעלט אויף א חתונה...

מיט בערל'ען איז די גאס געווען פערנומען טאג און אבענד. מיר זאגען ניט טאג און נאכט, ווייל אין גאס האט מען זיך דאס רוב געלעגט שלאפען ווי נאר אבענד. אויסער אין תמוז, ווען עס איז געווען זעהר הייס און מען פלעגט זיך ערלויבען זיצען אויף די פריזבעס און גאניקעס אביסעל שפעטער.

וועגען בערל'ען האבען גערעדט מעהר ווי אלע די מיידלעך פון גאס. מיידלעך האט שוין דוקא די גאס פערמאגט א סך. די גאס האט מיט מיידלעך געשוויבעלט און געגריבעלט. לייבע דער בעקער, למשל, אליין האט פערמאגט זעקס מיידלעך, ניט אריינרעכענענדיג די איננסטע, וואס האט שוין צו פערצעהן יאהר איבערגעוואקסען אין הויך איהרע שוועסטער. גרונם דער מלמד, א איד א חלוש, האט געצעהלט זיין פערמעגען א קליין שטיבעלע, א שטעלכעל מיט א ציעג און זיעבען מיידלעך. ערשט

צו דער עלטער־צו האָט איהם דאָס ווייב געבוירען א קדיש — היינט געה וואַרט ביז ער וועט ווערען א בחור!.. די „רייכערע" און גליקליכערע בעלי־בתים פון גאַס האָבען פערמאָגט צו פיער מיידלעך. געווען אויך גאָר א גליקליכער איד אין גאַס, וואָס האָט בלויז געהאַט צוויי טעכטער. דער דאָזיגער איד האָט גע־הייסען משה אליה׳ס און צו איהם פלעגט מען קומען אָפט נאָך א גרויסער נדבה:

— נישקשה, — פלעגט מען טענה׳ן — ער קען געבען. ער האָט ניט קיין סך טעכטער.

בעריל׳ס טאַטע אליין האָט אפילו געהאַט ביי א פינף טעכ־טער, אָבער ווי באַלד גאָט האָט איהם געבענשט מיט א זוהן, וואָס די נאָס קלינגט מיט איהם, האָט ער שוין די טעכטער אָנ־גענומען פאַר ליעב און געהאָפט, אז דער נדן, וואָס בעריל וועט נעהמען, וועט איהם אויסהעלפען חתונה צו מאַכען די טעכ־טער.

דעם אמת מעג מען זאָגען, אז אויב מען זאָל אריינגעהמען אין חשבון די זיהן פון חאַצקעל דעם דאָפּס־שניידער און העניך דעם שוסטער און בינם דעם שמיעד, האָט די גאַס פערמאָגט ביי א זעקס בחורים, אויסער בעריל׳ען. אָבער די זיהן פון די דאָזיגע בעלי־מלאכות זיינען אין חשבון ניט אריין. סיי די בעלי־בתים אליין, סיי זייערע טעכטער, האָבען אויף בעלי־מלאכה׳שע בחורים ניט געקוקט ווי אויף אמת׳ע זכרים. דאָס איז געווען גאָר א בעזונדער מין. דער אמת׳ער מין וואָס זיי האָבען גע־ברויכט איז געווען טאַקע ווידער אמאָל בעריל.

אָבער בעריל האָט געוואוסט זיין יחוס. קודם איז זיין טאַטע איינער פון די רייכסטע תבואה־הענדלער; צווייטענס איז ער טאַקע א גרויסער פאַרשוין: דריטענס, שרייבט ער פיער שפּראַך: אידיש, לשון קודש, רוסיש און דייטש. און אז ער וויל שטאַרק, קען ער ענגליש שרייבען אויך. ער האָט שוין איבער־געשריעבען נאָך א קאָנווערט אן ענגלישען אדרעס, און עס איז

א סברה, אז עס איז אנגעקומען. די אידענע, וועלכער ער האט דעם אהרעס אנגעשריבען, איז גראד נאכדעם אוועקגע־פאהרען אין אמעריקא, און ער וויים נישט געניי צי דער בריעף איז אנגעקומען צי ניט, אבער איבערגעשריבען האט ער יא!

ווידער שפיעלט ער פיעדעל „פא־סלוכו“. פון נאטען האט ער ניט געהאלטען, אבער „פא־סלוכו“ שפיעלט ער אוים א לערליי מארשען, א פאלקע מאזורקע און א וואלץ. ער קען אויך אוים'ן פיעדעל מעביר זיין די סדרה, אויסשפיעלען דעם ניגון פון שיר השירים, איכה און כל נדרי.

דערצו איז ער דער איינציגער אין גאס, וואס טראגט סיי וואך און שבת א געפרעסטע העמד מיט א קראנען און א שניפ־סעל. אויך איז ער דער ערשטער אין גאס, וואס טראגט א ווי־זיטקע. אזוינס טראגען האט זיך נאך ביז איהם אין שטעדטעל קיינער נישט ערלויבט!

און צו די אלע מעלות איז ער א לעבעדיגער, פרעהליכער יונג! ער היט אבער שטאט. אבער אמאל אז עס מאכט זיך א געלעגענהייט האט ער ליעב צו ראמאנסירען מיט די גאסיגע מיידלעך.

די מיידלעך זיינען טיעף אין הארצען אלע פערליעבט אין איהם. אבער בייז זיינען זיי אלע אויף איהם און מען רעדט אויף איהם אוים כל דבר אסור.

און בייז איז יעדערע אויף איהם בלויז דערפאר וואס ער האט צו טהאן מיט אלע און ניט מיט איהר אליין. אט דאכט זיך שטעהט ער מיט איהר נעבען גאניק און מאכט איהר א קאמפלימענט, אז זי איז די שעהנסטע און די קליגסטע אין דער וועלט און גיט איהר אנצוהערעניש, אז מארגען, שבת בייטאג וועט ער זיין ארום די קארען... קומט ער אבער צו איהר חבר־טע זאגט ער כמעט דאסזעלבע דער הבר'טע און אז מען טרעפט

זיך שבת ארום די קאָרען איז בעריל ארומגעריננעלט פון א סטאדע ווייסע מיידלעך, ווייל די זומערדיגע מאָדע אין שטעדטעל איז געווען ווייסע קליידער און אז בעריל פלעגט געהן פאָר־אוים און זיי נאָך איהם פלעגט אויסקומען ווי א סטאדע שע־פעלעך לויפען נאָך זייער געטרייען פאסטוך.

אָבער די בערעדערינס און רכילות טרייבערינס און אָב־לאכערקעס, וואָס די גאס האָט, ווי דער שטייגער איז אין דער גאנצער וועלט, האָבען בערלען פערגליכען צו א באראן, נאָך וועמען די שאָף לויפען נאָך...

דאָך קיין גרויס פערגעניגען האָט בעריל פון די מיידלעך ניט געהאט און טאקע בלויז דערפאר וואָס זיי האָבען איהם אלע געהיט, קיינמאָל איהם ניט געלאָזט אליין מיט איינער, ווי עס פאסירט אמאָל אין דער גרויסער וועלט. בעריל איז געווען שטענדיג ביי די גאסיגע מיידלעך אויפ׳ן אויג. האָט ער זיך בשתיקה אָבגערעדט צו טרעפען מיט איינער פלעגט אויך ווי־סען די צווייטע, ווייל די ערשטע האָט דעם דאָזיגען גליק ניט געקענט האלטען בסוד און האָט עס געמוזט פערטרויען איהר איינציגער חבר׳טע. די חבר׳טע האָט דאָס איהר שוין ניט פער־גונען און האָט שוין פאר א דריטער אָבגעדערצעהלט מיט א שטעכווערטיל:

— ווי געפעהלט דיר? בעריל האָט אָבגעמאכט מיט בייל־קען צו טרעפען זיך מאָרגען ארום די קאָרן.

— א ליעבע! — פלעגט די דריטע בייז חוזק מאכען.

— וועסט קומען מאָרגען וועלען מיר אלע געהן — לעגט פאָר די צווייטע.

און אויף מאָרגען האָבען שוין אלע גאסיגע מיידלעך כלומר׳שט ווי צופעליג, זיך געטראָפען ארום די קאָרען.

נאטירליך, א מענש איז ניט פון אייזען און בעריל פלעגט

זיך אמאָל פער׳גנב׳ענען מיט אן אויסגעוועהלטע מיידעל צווי־שען די שמאָלע שטעגעלעך אין די קאָרען. אבער אזוינס האָט מען שוין ניט איהם און דער עיקר ניט איהר פערגונען. עס פלעגט גלייך ווערען א זוכעניש און מען פלעגט דאָס פּאָרי־פּאקען מיט א געלעכטער און שטעכווערטלעך:

— בעריל וויל זיך לערנען ערד־ארבייט! — גיט א זאָג א מיידעל וועמעס טאַטע איז א חובב־ציוניק און זי ווייס, אז עס איז דאָ אזא חברה וואָס וויל אז אידען זאָלען בעארבייטען די ערד...

און בעריל ווערט ניט נתפעל און פערענטפערט זיך:

— אין די קאָרען איז קיהלער...

און דאָס מיידעל מיט וועלכער מען פלעגט איהם כלומרשט פּאקען, פּאָכט זיך מיט׳ן ארבעל און קרעכצט חנ׳עוודיג:

— עס איז זעהר היים...

— האָסטו זיך, הייסט עס, געוואָלט מיט בערלען אבקיה־לען...

און די איבעריגע מיידלעך שיסען אויס א געלעכטער און צושיטען זיך אין אלע זייטען.

האָט שוין מורא בעריל, אז די מיידלעך וועלען די ראַזיגע געשיכטע אויף טעלערלעך צוטראָגען און עס וועט איהם שאדען צו א שידוך, לויפט ער זיי נאָך, פערייניגט זיי און לעגט פּאָר מען זאָל אלע שפּיעלען אין עפּעס א שעהנעם שפּיעל!

— אין כאפּעניש! — לעגט איינער פּאָר.

און אלע שטימען פּאר כאפּעניש... אדרבא, זאָל ער זיי כאפּען!...

און בערלען קומט אויס צו כאפּען יעדע מיידעל.

אין פערלויף פון א שטונדע קומט איהם אויס איבערצוכאַ־פּען ביי א פּאָר טוץ מיידלעך, ארומצונעהמען אזוי פיעל טאַ־

ליעס, מאנכע אין קאָרסעטען און מאנכע לייזע... דאָס מאַכט ייִהם זעהר מיעד און עס הויבט איהם אָן שטארק צו דאָרשטען...

און בעריל שלאָגט פאָר א פּלאַן:

— מען זאָל זיך לאָזען צו דער קרעניצע!...

און אלע מיידלעך דערפיהלען זיך דורשטיג און מען לאָזט זיך נאָך בערלען צו דער קרעניצע...

טויט־שרעק.

ליזע. א האלב אינטעליגענטע ארבייטער־מיידעל, האט אנ־געהויבען מורא צו האבען צו שלאפען אליין אין איהר קליי־נעם צימער, וואס האט א בעזונדער טהיר פון קארידאר. די אורזאכע פון דער פאמעליכדיגער אנגעקומענער מורא ווייס זי אליין ניט. ליזע איז אן ענטוויקעלטע מיידעל, ס'הייסט ענט־וויקעלט ניט קערפערליך נאר גייסטיג. קערפערליך איז זי דוקא כאנער, אבער אויף איהר גייסטיגער ענטוויקלונג קען זי זיך ניט בעקלאגען. זי האט פיעל געלעזען, פיעל לעקציעס געהערט און וועגען פיעלעס דעבאטירט מיט איהרע בעקאנטע, גאנץ אויפגעקלעהרטע יונגע לייט, צווישען וועלכע עס האבען זיך גע־פונען זאגאר א צוויי דריי סטודענטען פון פערשיעדענע פא־קולטעטען.

און דאך האט זי מורא צו בלייבען ביי נאכט אליין אין איהר צימער. זי האט שוין איינמאל געלאזען די גאז ברענען א גאנצע נאכט, האט זי אבער ניט געקענט פאר דער ליכט שלאפען. פערלעשט זי די גאז און בלייבט אין דער פינסטער, שרעקען איהר די שאטענס אויף די וועגד, וואס בילדען זיך פון דעם ליכט פון די גאס־לאנטערנעס וואס דרינגען אריין דורכ'ן פענסטער אין צימער, און דער ווייסער מאנטעל, וואס הענגט געגען איבער, דאכט זיך איהר אויס א מת. זי לאכט פון זיך אליין, שפרינגט אראב פון בעט און מאכט זיך תארץ,

טאפט אַן און זעהט בעשיינפּערליך אז עס איז א מאנטעל.

דאן מוסר'ן זי זיך אויס, וואס זי איז געוואָרען אזוי אבערגלויביש און קען אַן אונשולדיגען מאנטעל אָננעהמען פאר א מת. זי לעגט זיך צוריק אין בעט, דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע ווערט איהר שטארק היים. זי דעקט זיך אָב און קוקט מיט שטארע בליקען אויף די ווענד. דער מאנטעל בלייבט שוין טאקע ניט מעהר ווי א מאנטעל, אבער דאָס ווייסע אונטער־קליידעל, וואָס איז איבערגעוואָרפֿען אויפ'ן שטוהל, זעהט אויס פונקט ווי איהר חבר'טע זעלדע, וואָס האָט מיט א יאָהר צוריק בעגאנגען זעלבסטמאָרד, ניט געפינענדיג קיין ציעל און קיין גליק אין לעבען.

אך, די דאָזיגע זעלדע איז געוועזען אזא גוטע מיידעל. זי, ליזע, האָט זי אזוי ליעב געהאט, איבערהויפט ווען זי פלעגט שמייכלען, עס איז א מאָדנער שמייכעל געווען. דאָס אונטער־קליידעל שמייכעלט איצט אויך אזוי, אָט פונקט ווי זעלדע... און אין גאנצען ציטערענדיג, שפרינגט זי אראָב פון בעט, כאפט אראָב פון שטוהל דאָס ווייסע אונטער־קלייד און בעהאלט זי ערגעץ אין א ווינקעל.

זי לעגט זיך צוריק אין בעט און בעקומט געוויסענביסע, וואָס זי, אזא טרייע חבר'טע, וויל זיך בעפרייען פון דער זע־הונג. אזוי וועט מען אמאָל, אז זי וועט שטארבען, אויך מורא האָבען פאר איהר געשטאלט, וואָס וועט ארויסגערופען ווע־רען אין זכרון ביי איהרע פּאָר בעקאנטע.

און זי שווידערט ביים געדאנק...

אזוי האָט זיך ליזע געפלאָגט איינינגע נעכט..

און אָפט דאכט זיך איהר, אז דאָס ווערט זי געשטראפט דערפאר, וואָס זי האָט ענטזאגט איהר חבר'טע לאה'קע, מיט וועלכער זי האָט זיך דאָ בעקענט, צו שלאָפען צוזאמען. לאה'קע האָט איהר זאָגאר געוואָלט געבען צושטייער אויף די דירה־

נעלד, נאר זי, ליזע, האט זיך איינגערעדט, אז זי האט ליעב איינזאמקייט. זי קען ניט זיין אין איין צימער מיט נאך א מענ־שען...

לאה׳קע איז דאן א ברוגז׳ע אוועק. „אט האסטו דיר איצט איינזאמקייט!" — שטראפט זי זיך אליין!

איצט וואלט ליזע געשלאפען ניט נאר מיט לאה׳קען, נאר מיט וועמען עס זאל זיך ניט מאכען. איז אבער ווען דו דארפסט דעם מענשען, קריגסטו איהם ניט.

און ליזע בעשליסט, אז מארגען וועט זי מוזען געהן ערגעץ שלאפען, זאל זיין כאטש צו א בעקענטען מאנסביל. אויב קיין חבר׳טעם האט זי איצט ניט...

זי וועט שוין אויסטראכטען א תירוץ, פאר וואס זי איז געקומען נעכטינגען. יא, זי וועט זאגען, אז די ווירטהין האט איהר ענטזאגט פון דער וואהנונג, און זי איז געבליבען אהן א צימער, כאטש נעכטיג אויף דער גאס...

און אויפ׳ן צווייטען אבענד האט זי אנגעקלאפט צו איהר בעקאנטען סטודענט, דעם לאנדסמאן, פינקעלשטיין.

די טיהר פון פינקעלשטיין׳ס צימער האט זיך לאנגזאם, ווי מיט פערדאכט, געעפענט און פינקעלשטיין, א הויכער ברייט־בייניגער בחור, דערזעהענדיג ליזע׳ן, האט פער׳חדוש׳ט אויס־גערופען:

— ליזע! — אזוי שפעט!

ליזע האט זיך מאמענטאן פערלארען. זי האט קוים בעוויי־זען ארויסצומורמלען:

— לאזט מיך אריין, נאכדעם וועל איך אייך דערצעהה־לען.

זי האט מיט וואקלענדע טריט אריבערגעשפרייזט די שוועל און איז שטעהן געבליבען אין מיטען פון קליינעם, אבער זעהר געמיטליכען סטודענטישען צימערל. די גאז, אין א רונדער גלאז,

האָט רונד אַרום העל געברענט און ווי נאַסט־פריינדליך צוגעוואוּנ־קען.

— וואָס איז מיט אייך, ליזע — אַזוי שפּעט ? — האָט פינקעלשטיין ווידער געפאָרשט.

ליזע, געפינענדיג זיך איצט אין דער געזעלשאַפט פון א גוטען־בעקאַנטען, איז צו זיך געקומען. זי האָט שוין געוואָלט דערצעהלען די אמת'ע סבה, וואָס האָט זי אַהער געבראַכט, נור א קוק טהוענדיג אויף די אָנגעוואָרפענע ביכער אויפ'ן טיש, אויף די שטוהלען און אפילו אויפ'ן פּאָדלאָגע, — האָט זי זיך פערשעהמט און געענטפערט נישט זיכער, ווי דער שטיינער איז ווען מען גרייט זיך צו זאָגען א ליגען:

— מיין בעל הבית'טע... א העזה.. נעהמט פּלוצים און זאָגט מיר אָב דעם צימער...

— אין מיטען דרינען... — האָט פינקעלשטיין זיך נאָך שטאַרקער גע'חדוש'ט...

אָבזאָגענדיג דעם ערשטען ליגען, איז שוין ליזע'ן בעקוועמער געוואָרען און זי האָט געגעבען די ווייטערדיגע ערקלעהרונגען אָהן שום אָבהאַלט:

— צו מיר איז ארויף עפּעס א בעקאַנטער יונגערמאַן. זאָגט זי, די בעל־הבית'טע, אז זי וויל מיך ניט... עס פּאַסט איהר ניט... האָב איך זיך מיט איהר צוקריעגט און געבליבען אָהן א צימער...

— נו, זענט איהר צו מיר געקומען נעכטיגען ? — האָט פינקעלשטיין געלאַכט — איהר ווילט, אז מיין בעל־הבית'טע זאָל מיך אויך ארויסוואַרפען...

— וועלען מיר ביידע זוכען א צימער — האָט ליזע זיך גע־וויצעלט, באַטש אויפ'ן הארצען איז איהר ווי א שטיין געלעגען און עס האָט זיך איהר געוואָלט וויינען אויף איהר עלענדקייט.

— א שעהן געשעפט! — האָט פינקעלשטיין געמור־מעלט....

ליזע האָט ענדליך דרייסט און שנעל, ווי מען נעהמט איין א מעדיצין, ארויסגעזאָגט:

— איך וועל טאקע היינט נעכטיגען ביי אייך. א יאָ פינקעל־שטיין ?...

— ביי מיר ? — האָט פינקעלשטיין געשמייכעלט. — איהר זעהט דאָך, איך האָב דאָך בלויז איין בעט...

— נו, מיט אייך צוזאמען טאָר מען ניט ? — האָט זי בלומר'שט געלאכט.

פינקעלשטיין האָט אויך געלאכט...

— יאָ, פאר וואָס ניט... ווען איך קען ניט אייער טאָ־טען !...

ליזע האָט אנגעקוקט דעם ברייטביינינגען הויכען פינקעל־שטיין און געטראכט:

— אָה, ווי זיכער מען איז, ווען שלאָפט צוזאמען מיט אזא יונג... און פאר וואָס איז ער אזא נאר... א גוטער איז ער דאָך יאָ....

פינקעלשטיין, בעמערקענדיג ליזע'ס פערטראכטקייט, איז געריהרט געוואָרען. ער איז צו איהר צוגעגאנגען, ארויפגעלעגט איהר די האנד אויפ'ן נאקען און ברידערליך זיך אנגערופען:

— נו, שוועסטער, זאָרג נישט... וועסט האָבען וואו צו שלאָפען.

ליזעס פנים האָט זיך צושטראהלט, זי האָט בעגייסטערט אויסגערופען :

— איך ווייס שוין פון לאנג, אז איהר זענט א גוטער...

און אין איהר דמיון האָט זיך שוין געמאָלט דאָס גלית, ווי אזוי זי וועט די ראָזינע נאכט פריי ווערען פון דעם טויט־שרעק, וואָס האָט איהר די לעצטע נאכט געפייניגט. זי וועט אזוי רוהיג שלאָפען !

פינקעלשטיין, וועלכער איז אין זיין צימער געוועזען אהן א ראָק, האָט גענומען אנטהון דעם ראָק.

— צו וואָס טהוט איהר זיך אָן ? — האָט ליזע ווי אונ־רוהיג געפרעגט:

— איך לאָז אייך איבער דאָס צימער און איך געה שלאָ־פען אין א האָטעל...

ליזע איז בלייך געוואָרען... זי האָט קוים אויסגערעדט:

— צו וואָס ? צו וואָס ?...

— וואָס הייסט ? האָט פינקעלשטיין גוטהערציג געשמיי־כעלט, ווי באלד, אז איהר האָט ניט וואו צו שלאָפען.. אייך וועל איך דאָך אין א האָטעל ניט שיקען, נאַטירליך...

ליזע האָט געוואָלט פרעגען:

— און צוזאמען ! פאר וואָס ניט צוזאמען ?...

אָבער בעמערקענדיג זיין עהרליכען, צנועה'דיגען פּנים, האָט זי בעגריפען, אז ער וועט דאָס בלויז אָננעהמען פאר א וויץ און זי האָט געשוויגען...

אין א ווײַלע ארום איז שוין פינקעלשטיין געווען אָנגע־טהון און גרייט אוועקצוגעהן. ער האָט אבער געפיהלט פאר זיין פליכט פאר זיין אוועקגאנג צו זאָגען איהר א פּאָר פריינדליכע ווערטער.

— איך האָף, אז אייך וועט ניט זיין אומעטיג.

— אָ, ניין ! האָט זי ווי היסטעריש געלאכט — אומעטיג גאָר !... מיר איז קיינמאָל ניט אומעטיג — און האָט זיך ווילדער צולאכט...

— און טאָמער איז אייך אליין אומעטיג — האָט פינקעל־שטיין זיך געוויצעלט, ווי זיין שטייגער איז — איז אָט זעהט איהר דאָס קעפּעל פון סקעלעט, וועלכען איך שטודיר... ער וועט אייך כי... כי... כי... אמוזירען...

און איידער ער האָט בעטראַכט די טויט־בלאַסקייט, וואָס האָט בעדעקט ליזעס געזיכט, איז ער, זאָגענדיג א גוטע נאַכט, ארויס פון צימער מיט א גוטען שמייכעל, צופריעדען פון זיין נאַסט־פריינדליכקייט...

ליזע האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן אויפ'ן ראַנד פון קאַמין שטעהן דעם קאָפּ פון אַ סקעלעט. די צוויי לעבער אויגען האָבען אויף איהר ווילד געקוקט. עס האָט זי אָנגעכאַפּט אַ דורכדרינגענדער שרעק... זי האָט זיך געוואָרפען צום טהיר און געוואָלט שרייען:

— פינקעלשטיין! פינקעלשטיין!

עס האָט איהר אָבער די שטים ניט געדיענט און אין גרויס פערצווייפלונג האָט זי זיך געוואָרפען צום קאַמין, גענומען דעם סקעלעט אין האַנד, אַריינגעקוקט אין זיינע לעבער־אויגען און ווי זיך געריי צט:

— אַ, איצט האָב איך שוין קיין מורא ניט!

די ענטדעקונג.

1.

צו דרייצעהן יאָהר האָט שוין לאה געטראכט וועגען א תכלית. אָבער דעם דאָזיגען תכלית האָט זי אין איהר אייגע־נער געבורטס־שטעדטעל נישט געקענט דערגרייכען. דער טאַטע, אן אָרימער תבואה הענדלער, האָט איהר מעהר ווי אן אָרט וואו צו שלאָפען נישט געקענט געבען. און כאָטש דאָס אָרט איז געוועזן קליין און בעשריינקט, ערגיץ צופוסענס פון א דערוואקס־סענעם מיטגליעד פון דער פאמיליע, האָט לאה אויפ'ן דאָזיגען אָרט, איידער זי איז איינגעשלאָפען, גרויסע געביידען געבויט. אין דער פריה זיינען די געביידען צופאלען, אָבער אויף דער נאכט זיינען זיי ווידער אויפגעשטעלט געוואָרען נאָך העכער, גרעסער און פאנטאסטישער.

און מאנכמאָל פלעגט זי אויך ביי טאג טראכטען פון די געבויטע גליקען ביי נאכט — פלעגט איהר דאָ דער פערביטער־טער טאַטע, דאָ פאר דער צייט פערעלטערטע מאמע איינמאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל רופען:

— וואָס חלום'סטו?... עס איז דאָ גענוג ארבייט אין שטוב...

פלעגט לאה א שמייכעל טהאָן פול מיט בעדייטונג, ווי זי וואָלט שוין אזוי אלט און אזוי קלוג געוועזן ווי טאַטע און מאמע און פלעגט ענטפערען:

— איך חלום גאָר ניט.. איך טראכט...

— וואָלט איך געוואָלט וויסען, וואָס דו טראַכסט? — פלעגט דער טאַטע ווערען טשיקאַווע.

און די מאַמע פון איהר זייט פלעגט נאָך בייזער ווערען:

— זי טראַכט... פרעג וואָס טראַכט זי... ביי לייט׳ן אַזאַ מויד איז אַ ברכה אין אַ שטוב, וואָשט שוין גרעט אַליין — און זי — גאָר נישט... פרעג איהר בחרם!

אָבער די אַלע שטעכווערטלעך פון טאַטע און מאַמען און אפילו פון די עלטערע ברידער און שוועסטער האָבען לאה׳ן טיעף ניט אָנגעריהרט. זי איז געבליבען ביי איהרס: בעפרייען זיך פון דעם דאָזיגען אָרימען שטיבעל, פון די דאָזיגע מענשען און אוועקפליהען...

וואוהין און צו וואָס און צו וועמען — האָט זי דייטליך נישט געוואוסט.

פאַר איהרע אויגען האָט זיך עפּעס געטראָגען אַ גרויסע שטאָדט, מיט גרויסע ווייטע הייזער, מיט אַ סך מענשען און אַלע מענשען לויפען און איילען און יעדער מענש טראָגט אונטער׳ן אָרים אַ בוך...

אַזוי ווי דאָ דעם אַפּטייקער׳ס ווייב, אָדער די אַקושערקע, אויף וועלכע אַלע קוקען ווי אויף אַ בייזען וואונדער...

אויסער זי, לאה.

זי שלינגט זייערע בעוועגונגען, ווען זי זעהט זיי אַמאָל דורכגעהענדיג דורך זייער געסעל.

זיי זיינען גרויסשטאָרטיגע, געלערענטע און געווים גליק־ליכע.

איבערהויפּט די אַקושערקע!

די גאַסיגע מיידלעך לאַכען פון איהרע געשאָרענע האָר. די עלטערע אידען שילטען זי, וואָס זי וואוינט ביי אַ גוי אין אַ שטיבעל אין עק גאַס און עסט אודאי טרפות. אָבער זי, לאה, איז איהר אַלץ מוחל. זי האָט זי אפילו ליעב.

עס קען זיין אז דאָס איז א זינד, אזא ליעב צו האָבען, אָבער זי קען זיך נישט העלפען.

זי וואָלט נור געוואָלט אויך אזוי „קענען" ווי די אַקור־שערקע.

אָבער ווי אזוי? מעהר ווי דאַוונען אין א גראָבען סדור וואו זי פערשטעהט איין וואָרט ניט, האָט מען איהר נישט גע־לערנט. אויסלערנען איהר דאַוונען אין דאָזיגען גראָבען סדור האָט געקאָסט דעם טאַטען ביי פינף גילדען. פינף חדשים האָט זי געלערענט א שעה אין טאָג ביי דבורה דער רביצין... דער טאַטע האָט יעדען חודש ארויסגעהמענדיג דעם גילדען, גע־זיפצט:

— נאָדיר נאָך פאר א מיידעל צאָהלען! טאַמער איז ווע־ניג פאר די אינגלעך שכר לימוד...

פרעג ווער האָט איהם געבעטען.

אַט ווען ער וואָלט זי אָבגעגעבען צום רוסישען לעהרער לערנען זיך רוסיש!...

רוסיש קען זי נאָר איין וואָרט... ניין, צוויי... זדראסטוואוי־טע און פּאַזשאַלוסטאַ... זדראווסטוואויטע איז גוטמאָרגען און פּאַזשאַלוסטאַ איז זייט־זשע מוחל... אָ, ניין. זי קען נאָך א וואָרט... פּראַטשאַיטע... זיי געזונד...

פּאַזשאַלוסטאַ... זדראווסטוואויטע... פּראַטשאַיטע...
אזוינע שעהנע ווערטער! אבער דאָס איז אזוי ווייניג!
ווען זי קען זיך לערנען רוסיש, לייענען א בוך!...

2.

עס איז געווען א זומער פאר־נאַכט. לאה איז געשטאַנען אַ באַרפיסע נעבען דעם טאַטענס שטיבעל און טיעף אריינגע־טראַכט אין זיך. הינטער איהר אויף א באַנק איז געזעסען דער טאַטע און געשמועסט מיט דעם שכן אהרן לייזער'ן.

דער שמועס איז געווען ווייט און פרעמד. אַט איז איהר פערביינעפלויגען א וואָרט, א צווייטעס און פּלוצלונג האָט זי זיך נעהענטער צוגערוקט צו זיי און זיך איינגעהערט: איז דאָס טענליך — זיי רעדען וועגען דער אקושערקע...

— העז אביסעל... זי געהט מאכען א שקאַלע פאר קינדער... פאר מיידלעך... — דערצעהלט דער טאַטע...

— ווער־זשע וועט איהר געבען קינדער?... לאכט אהרן לייזער...

דער טאַטע לאכט צוריק:

— ווייס איך... און אפשר וועלען זיך געפינען משוגעים...

לאה האָט זיך קוים איינגעהאלטען נישט צוצוגעהן צו די צוויי פרעמדע אידען, פון וועלכע איינער איז איהר טאַטע און א פרעג טהאָן:

— טאַקע אויף אן אמת — פאר מיידלעך!

און די ראָזיגע נאכט האָט לאה ניט געקענט איינשלאָפען. אין קאָפּ האָבען זיך איהר געבאָמבעלט די דריי רוסישע ווער־טער: זדראסטוואוויטע, פּאָזשאַלוסטא און פראָטשאַיטע, און אז זי איז שוין איינגעשלאָפען האָט זי פון שלאָף מיט א שמייכעל אויף די ליפען גע'חזר'ט:

— פּראטשאַיטע!...

3.

אין א האלב יאהר ארום איז שוין לאה ארומגעגאנגען אי־בער'ן קליינעם שטיבעל און גע'חזר'ט:

„פּטישטקא באָזשיא נע זנאיעט

„ני זאבאָטי ני טרודא...

און דער טאַטע און די מאמע האָבען איהר געשטורכעט:

— וועסט שוין אויפהערען ארומצולויפען ווי א מושגענע?..

און די אינגערע שוועסטערל האָט איהר איבערגעקרימט:

— פיצקא... פיצקא...

אָבער לאה׳ן האָט דאָס ניט נעארט... באַלד וועט דאָך זיין
ווארים. וועט זי מיט׳ן ביכעל ארויסגעהן הינטער׳ן שטעדטעל
און דאָרט וועט זי זיך ערשט נעהמען.

און שפּעטער — זאָגט די אקושערקע — וועט זי איהר
אוזעקשיקען אין דער גרויסער שטאָדט און ערשט דאָרטען וועט
זי זיך לערנען. אַלע יאָהר א קלאַס. און אז זי וועט זיך לערנען
אזוי זעקס יאָהר וועט זי דורכגעהן זעקס קלאַסען גימנאזיע און
אין גימנאַזיע וועט זי גאָר נישט דארפען געהן... זי וועט זיך
זיצען אין א צימערעל און לערנען זיך און איינמאָל אין יאָהר
וועט זי אָבגעבען עקזאמען, וועט דאָס זיין פּונקט, ווי זי וואָלט
געגאנגען אין גימנאַזיע, און נאָכדעם וועט זי קריגען אזא דיפּ־
לאָם וועט זי פאָהרען אין נאָך א גרעסערער שטאָדט און ערשט
דאָרט וועט זי זיך לערנען נאָך דריי יאָהר וועט זי ווערען אַן
אקושערקע... צו דריי־און־צוואנציג יאָהר קען זי שוין זיין אַן
אקושערקע...

4.

די נביאות פון דער אקושערקע איז טהיילס מקוים געוואָ־
רען. לאה איז טאַקע אין א יאָהר ארום אוועקגעפאָהרען אין
דער גרויסער שטאָדט, אָבער אנשטאָט צו בעקומען דעם דיפּ־
לאָם צו צוואנציג יאָהר האָט זי איהם געקראָגען ערשט צו פיער־
און־צוואנציג. אקושערקע איז זי ערשט געוואָרען צו אכט־און־
צוואנציג יאָהר.

ערגייכענדיג איהר ציעל האָט זי ערשט דערפיהלט, אז ניט
דאָס האָט זי געציעלט. אין איהר קליינעם צימער איז איהר גע־
ווען אומעטיג. און עס האָט איהר געצויגען צו מענשען, צו דער
גאָס, צו פערזאמלונגען, צו טהעאטער און בכלל צו פרעהליכע
געזעלשאפטען.

איינמאָל איז זי געווען אויף א באַל. די יונגע פאַרלעך האָבען געשוועבט איבער'ן גרויסען זאַל, ווי זיי וואָלטען געוואָלט ערגיץ ארויסשוועבען אין אַן אנדער וועלט... דער קרייז פאר די טענץ איז אָבער געווען א בעגרענעצטער, זיי האָבען זיך גע־דרעהט אלץ אויף איין אָרט און מיעד וערענדיג פלעגען זיי מעהר אַנידערפאַלען ווי אנידערזעצען זיך אויף די שטוהלען, וואָס זיי־נען געשטאַנען ביי די ווענט... לאה האָט געהאַט אויפ'ן באַל פיעל בעקאַנטע, אבער ביים טאַנצען זיינען זיי אלע צולאָפען, וייל לאה האָט ניט געהאַט קיין געלעגענהייט זיך צו לערנען טאַנצען. מיט דאַרשטיגע בליקען האָט זי צוגעקוקט ווי פיעל פון איהרע בעקאַנטע יונגע לייט כאַפּען ווילד־פרעמדע מיידלעך און זי, לאה'ן, אַן איינענע, לאָזט מען איבער אליין און נאָר דערפאַר וואָס אנשטאַט צו לערנען זיך העכסטענס צוויי כּאַנאַטען טאַנצען, האָט זי איהרע אלע יונגע יאָהרען אוועקגע־געבען נאָר פאַר איין שטיקעל פּאַפּיער, וואָס עס גיט איהר דאָס רעכט צו צונעהמען קינדער ביי געווינערינס...

אין דער צייט פון דער פּאַוזע איז צו איהר צוגעגאַנגען בערמאַן, איינער פון איהרע נעהענטערע בעקאַנטע, דער אַנ־פיהרער פון די טענץ. ער האָט ווי פערשולדיגט איהר אַנגעקוקט און געזאָגט:

— עס טהוט מיר זעהר לייד, ליזא, וואָס איהר טאַנצט ניט...

לאה האָט טרויעריג א שמייכעל געטהאָן און געענטפערט:

— און מיר נאָך מעהר...

דער יונגער מאַן האָט זיך דערפיהלט אונבעקוועם, האָט אראָבגעלאָזט די אויגען אויף דער ערד, צוריק אויפגעהויבען, בעטראַכט לאה'ן און ענדליך ווי אן ענטדעקער זיך אַנגערופען:

— אַך, מיין גאָט, איהר האָט וואונדערליכע פיס!...

לאה איז ווי געוואָרען איבערראַשט און פאַרלעגען איבער־געפרעגט:

— וואָס מיינט איהר דערמיט?...

אָבער אנשטאָט צו ענטפערען האָט בערמאַן געהאַלטען אין איין בעטראַכטען לאה׳ס פיגור און ווידער זיין ענטציקונג פאָרט־געזעצט:

— ווערליג איך קען פערשיעדענע טענצערינס און ווערליג איך ווייס אין וואָס בעשטעהט זייער געשיקטקייט, בין איך זי־כער, אז לויט אייער פיגור וואָלט איהר געוועזן א בעריהמטע טענצערין...

לאה האָט זיך פון דער דאָזיגער ענטדעקונג מאָרגע דער־שראָקען. זי האָט קוים געקענט אויסריידען:

—איהר מיינט עס ערנסט?...

— זיכער! איהר האָט געהאַט אלע אייגענשאַפטען צו זיין א גרויסע טענצערין...

— א גרויסע! — האָט לאה מיט שרעק אויסגעשריען.

— זעהר, — האָט זיך בערמאַן בעגייסטערט. — אייער פיגור, אייערע פיס, דער גאַנצער געבוי פון אייער קערפער איז בעשאַפען צום טאַנצען... איהר וואָלט געוועזן א בעריהמטהייט...

און איידער לאה האָט געהאַט צייט צו ענטפערען וואָס עס איז און איבערפרעגען ווי ווייט ער זאָגט אמת האָט דער „טראַמ־באַן" געגעבען סיגנאַלען צו א נייעם טאַנץ.

און בערמאַן איז, לייכט ענטשולדיגענדיג זיך פאר לאה׳ן, פערשוואונדען אין טאַנץ זאַל.

5.

קומענדיג אהיים אין איהר צימערל איז שוין געוועזן טאָג...

לאה האָט אראָבגעלאָזט די פאָרהאַנג איבער׳ן פענסטער, זיך אויסגעטהאָן און בלייבענדיג אין איין העמד האָט זי זיך גע־שטעלט נעבען שפּיגעל און בעטראַכט איהר קערפּער.

זי האָט זיך געשטעלט קעגען שפּיגעל אזוי, אז זי זאָל זיך קענען זעהן אין גאַנצען.

ווירקליך! אַט זעהט זי איהרע פיס, ווי שלאַנק, בויגינג און לאַנג.

זי האָט עס גאָר ביז אהער ניט געוואוסט. איהר גאַנצע יו־גענד האט זי פערבראכט גאָר אויף אַזויגס, וואָס איז ניט איהר בערוף.

איהר בערוף איז גאָר געוועזן צו זיין א גרויסע טענצערין.

איצט ווייס זי שוין זיכער...

פארוואָס־זשע האָט עס איהר פריהער קיינער ניט געזאָגט!

זי האָט זיך געלאָזט איבער'ן קליינעם צימער טאַנצען און האט בעטראכט אין שפּיגעל איהר יעדע בעוועגונג...

געוויס... זי איז אזוי לייכט! זי וואָלט געוועזן א גרויסע טענצערין, אַט פּונקט ווי יענע, וועלכע זי האָט געזעהן טאַנצען ניט לאַנג צוריק אין דער אָפּערא.

וואָס בלומען יענע האָט בעקומען!

זי וועט עס שוין קיינמאָל ניט דערגרייכען. און א לאַנגע צייט האָט זי זיך געדרעהט ארום שפּיגעל און געפּרופט נאָכמאַ־כען די בעוועגונגען פון יענער טענצערין...

קאמפלימענטען.

(דערצעהלט פון א געוועזענע רעוואָלוציאָנערין)

אין יענער צייט — מיר דאכט זיך עס איז שוין אזוי לאַנג — בין איך נאָר וואָס אריינגעטראָטען אין דער בעוועגונג. איך בין אַלט געווען אין גאַנצען אכצעהן יאָהר. אבער אויסגעזעהן האָב איך נאָך יינגער. איצט בין איך שוין א מוטער פון צוויי קינדער. האָב שוין פערלאָרען יענע צארטע עדעלע מיידעלשע פיגור. דאן בין איך געווען — אזוי געדענק איך מיך. און אזוי האָט מען וועגען מיר געזאָגט — דאן בין איך געווען צארט און אונשולדיג ווי א ליליע.

און די פּארטיי, אין וועלכע איך בין דאַן אריין צו ארבייטען איז געווען די נעפּעהרליכסטע. זי האָט אנערקענט דעם טעררער אויפ'ן העכסטען גראַד. נאַטירליך, האָב איך די דאָזיגע פּארטיי ניט אויסגעוועהלט מיט מיין גוטען ווילען. פון מיינעטוועגען וואָלט איך אפילו געקענט ארבייטען ביי די פּועלי ציוניסטען... אויב נאָר מיין חבר'טע, פיעל עלטער און ערפאַהרענער פון מיר, וואָלט אויך אהין געהערט. מיין חבר'טע אבער, ביילקע, האָט געגלויבט צום אמת'ען קאמפּף. איך בין איהר בלינד נאָכגעגאנגען און בלינד געהאָרכזאם געווען.

מיט א קלאפּענדען הארצען בין איך דאָס ערשטע מאָל מיט איהר אריין אין אן ענגער געשלאָסענער געזעלשאפט, וועלכע איז בעשטאַנען פון פיער מענער און צוויי פרויען, אויסער מיך און מיין חבר'טע ביילקע. איך בין פון ביילקען פארגעשטעלט

געווארען אלס א גייע קראפט, וועלכע קען זעהר צוניץ קומען פאר וויכטיגע ארבייט.

איינער פון די פיער מענער, א הויכער יונג, מיט בלוט שפריצענדע באקען און שווארץ־גליהענדע אויגען, מיט גאר וואס שפראצענדע שווארצע וואנסעלעך, האט מיך מיט א שטרענגע פריינדשאפט אנגעקוקט, מיר אויסגעצויגען זיין ברייטע אבער זעהר ווייסע האנד און געזאגט:

— איך האף, אז איהר וועט זיין א גוטע שוועסטער... איך הייס „באריס“.

זיינע ווערטער, וואס זיינען געווען אפענהערציג און וואַרים, האבען מיך ווי היפנאטיזירט. איך בין געווארען, לויט איך האב דערפיהלט, שטארק רויט, און קוים אין שטאנד געווען צו ענטפערען:

— איך וועל מיך בעמיהען צו פערדיענען אייער צוטרוי.

אוועקגעהענדיג פון דער דאזיגער נייער געזעלשאפט, האט פאר מיר דעם גאנצען וועג געשוועבט דאס געזיכט פון דעם יונג, וואס הייסט באריס. אויף מיין געלעגער האב איך אלץ געטראכט, ווי אזוי קען איך עפעס טהאן אזוינס, וואס זאל בעווייזען דעם דאזיגען באריס'ען מיין טרייהייט און איבערגעבענהייט דער רעוואלוציע, פון וועלכער ער איז דער גרעסטער פארשטעהער.

פול מיט מוטה און ענערגיע בין איך אויף מארגען אויפגעשטאנען. אוועק צו דער חבר'טע, און נאך א פערזענליכען קורצען געשפרעך, האב איך מיר צו איהר געווענדעט:

— ווי געפעלט דיר באריס?

ביילקע האט מיך שטרענג אנגעקוקט און געענטפערט:

— וואס הייסט ווי געפעלט ער מיר... איך דארף דען מיט איהם א ליעבע פיהרען?...

איך האב מיך פון איהר עגטפער מאָדנע דערשראקען. מיר האט זיך געדאכט, אז זי איז אריינגעדרונגען צו מיר טיעף אין

הארצען און פון דאָרטען ארויסגעגריבעלט דעם סוד...

„מיין גאָט“ — האָב איך זיך אין געדאַנק געמוסר'ט — „עס איז דאָך א שרעקליכע חרפה“. איך האָב אָבער זיך גלייך געפונען און ענערגיש זיך אָנגערופען:

— איך ווייס, אז דו ביזט ניט פון די וואָס פערליעבען זיך, און באָרים איז ניט דער וואָס פיהרט ליעבעס. איך האָב נאָר געמיינט, ווי געפעלט ער דיר אלס קעמפפער... פערשטעהסט ? ! אלס קעמפפער...

— נו, יא ! — פרעגסט נאָך ! — איז ביילקע ווייכער געוואָרען — ווערסט מעהר „ארבייטען“ וועסטו זעהען ווער ער איז און צו וואָס ער איז פעהיג.

אין א פּאָר טעג ארום האָב איך זיך מיט איהם געטראָפען אויף דער בירזשע. ער האָט מיך גלייך דערקענט און אָנקוקענדיג מיך מיט זיינע גליהענדע אויגען, האָט ער מיך אָבגערופען אן א זייט, און געזאָגט:

— קומט צו מיר אהיים, איך דארף אייך טאַקי נויטיג האָבען...

איך בין פאר פרייד ווי פערגליווערט געוואָרען: צו איהם אהיים — איינע אליין ! א גרויסע נייגעריגקייט האָט מיך ־וי בעהערשט, און איך בין איהם נאָכגעלאָפען, ווי א קינד לויפט נאָך נאָך א טאטען, מיט מורא און מיט ליעבע...

דורכגעהענדיג עטליכע פערוואָרפענע געסלעך, איז ער שטעהן געבליעבען ביי א גרויסען הויף; ער האָט זיך אומגעקוקט אהינטער, און שנעל זיך אָנגערופען: — קומט אריין.

ער האָט מיר ארויפגעפיהרט אין א פינסטערען קאָרידאָר און איז געשטיגען אויף טרעפּ; איך נאָך איהם. ענדליך איז ער שטעהן געבליעבען ביים לעצטען שטאָק. דאָס איז געווען שוין דער בוידעם פון הויז, וועלכעס האָט געהאט א קליין סאלקעלע. אהין האָט ער מיר אריינגעפיהרט, ניט רעדענדיג מיט מיר קיין איין וואָרט...

ער האָט פאַרזיכטיג אָנגעצונדען פייער. זיך אנידערגעזעצט און געהייסען אויך מיר צו זעצען זיך נעבען איהם. ער האָט מיך אָנגעקוקט, בעטראכט עטליכע מאָל און געזאָגט, ווי צו זיך אליין:

—יא, איהר וועט דערצו זיין גוט... איהר זעהט אויס ווי א בת מלכה...

איך האָב מיך צולאכט פון דעם קאָמפּלימענט און האָב געזאָגט:

— דאכט מיר, איך געה אָנגעטהאָן גאנץ געוועהנליך...

— אייערע אויגען אָבער, די טרוימישע אויגען, און דאָס ווייס דורכזיכטיג פּנים'ל... ווי געוואונשען!

פון די צווייטע קאָמפּלימענטען האָב איך זיך נאָך מעהר צולאכט; אין הארצען אָבער האָט מיר הנאה געטהאָן, וואָס אויך באָרים קען מאכען קאָמפּלימענטען... איך האָב געוואונשען, אז ביילקע זאָל דאָ זיין און הערען... זאָל זי ניט מיינען, אז באָרים ווייס שוין גאָר ניט, וואָס שעהן איז. איך אָבער האָב מיך אלץ געסטארעט צו אָבלייקענען:

— איהר זייט זיך טועה, חבר באָרים... איך בין ניט אזוי שעהן, ווי איהר מיינט...

— אך, וואָס רעדט איהר... — האָט ער זיך צוקאָכט און מיך בעטראָכט פון אַלע זייטען — איהר זייט ווי געבוירען פאר מיר... איך דאַרף אייך אזוי נויטיג... אזוי נויטיג...

און אָנקוקענדיג מיך ווייטער, האָט ער מיט ענטציקונג אויסגעשריען:

— איהר זייט א בת־מלכה! אזוי עדעל, אזוי צארט...

איך בין פון די אויפריכטיגע קאָמפּלימענטען ווי פער־שעהמט געוואָרען, האָב איהם אָבער אָנגעקוקט שוין פיעל דרייס־טער און זיך אָנגערופען:

— איהר קענט אויך קאָמפּלימענטען מאכען!...

ער אָבער איז געשטאַנען נעבען מיר ווי צוקאָכט און האָט אָבגעווענדעט מיינע ווערטער:

— וואָס זאָגט איהר קאָמפּלימענטען... וואָס רעדט איהר נאַרישקייט... אייערע האָר, אמת'ע זייד...

ער האָט מיינע לאָקען אָנגעטאַפּט מיט'ן האנד און האָט זיך ענטציקט פון זייער ווייכקייט, און איידער איך האָב צייט געהאט אבצואווענדען זיך, האָט ער בעגייסטערט אויסגעשריען:

— אך, איהר ווייסט, ווי אזוי איהר זאָלט זיי פערקאַמען...

„הייסט עס א בחור ווי אלע בחורים" — האָב איך א טראכט געטהאן. אבער אָנקוקענדיג זיינע גליהענדע אויגען, איז ער מיר דאמאָלסט — איך אנערקען איצט מיין שוואכקייט — אזוי געפעלען געוואָרען, אז איך האָב זיך אין גאנצען פארגעסען און געפרעגט קאָקעטיש:

— ווי מיינט איהר וואָלט בעסער געפּאסט?

— פערקעמט זיי „סעצעסיע" — איבער די אויערען און איבער די רויטע בעקלעך. דאמאָלסט וועט איהר זיין זיכער מיט ערפאָלג...

איך האָב איהם געפאָלגט, האָב גלייך אין זיין אנוועזענ־הייט זיך איבערגעקעמט..

אז איך בין געוואָרען פּאַרטיג מיט דער נייער פריזור, האָט ער מיך ווידער בעטראכט און איז נאָך מעהר ענטציקט גע־וואָרען פון מיר:

— איהר זייט פאר מיר א גליק...

איך האָב פערשעהמט אראָבגעלאָזט די אויגען און גע־ווארט, אז אָט אָט פאַלט ער צו מיר צו און גיט מיך א קוש, וועל־כען — איך בין ווידער מודה מיין זינד — איך האָב שטאַרק, שטארק געגארט...

נאָר אנשטאָט א קוש, איז ער אָבגעגאַנגען פון מיר צום בעט, זיך איינגעבויגען און פון דאָרט ארויסגענומען א קליין

פּעקעלע, און האַלטענדיג עס אין האַנד האָט ער זיך צו מיר געווענדעט:

— הערט, חבר'טע... אַט דאָס איז נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי אַ באָמבע...

איך בין פאַר שרעק שיער נישט אומגעפאַלען. ער אָבער האָט מיך שטרענג אָנגעקוקט און זעהר שטיל געזאָגט:

— די באָמבע מוז מען איבערטראָגען אויף אַן אַנדער וואָהנונג... איהר פערשטעהט... איהר זייט פונקט אָנגעמאָסטען... אייער גאַנצער אויסזעהן איז אַזאַ, וואָס לאָזט ניט צו קיין חשד פאַלען אויף אייך. איהר וועט נעהמען אַ דראָשקע און עס אָוועקפיהרען... נאָר פאָרזיכטיג...

און מיט די ווערטער האָט ער מיר מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט איבערגעגעבען דאָס קעסטעלע, געזאָגט מיר ווי אַזוי צו טראָגען; עס ביז צו דער דראָשקע און מיר געהייסען געהן.

איך האָב ניט געהאַט קיין מוטה צו אויסרעדען אַנטקעגען אַ וואָרט... איך בין שטיל אַרויס פון צימערעל און מיט גרויס שרעק עס געטראָגען איבער'ן הויף.

ביים הויף איז געשטאַנען אַ דראָשקע. איך האָב מיך אַריינגעזעצט און געהייסען פאָהרען צום אָנגעוויזענעם אַדרעס.

אַז איך בין געקומען אויף מאָרגען אין אָבענד צו איהם, האָט ער מיר שוין קיין קאָמפּלימענטען ניט געמאַכט, ער האָט מיר נאָר געדריקט די האַנד און געזאָגט:

— איהר זייט אַ וואוילע חבר'טע... איהר וועט צוניץ קומען...

און איך בין אויך מיט דעם קאָמפּלימענט צופריעדען געווען...

אבער טיעף אין הארצען האָב איך געבענקט נאָך די נעכ־טיגע קאָמפּלימענטען... אזוינע אָבער האָב איך שוין מעהר פון איהם ניט געהערט: מעהר קיין באַמבעס האָב איך ניט געדארפט אריבערפיהרען, און מיין שעהן פּנים, מיינע טרוימערישע אוי־גען און מיינע זיידענע האָאר איז איהם שוין מעהר ניט אָנגע־גאנגען...

כלות.

נאָך אלם קינד האָט שוין ליפּמאַן געהאַט א כלה.

דאָס איז געווען חנה'לע, לייבע דעם קרעמערס אינגסטע טאָכטעריל. זיי זיינען געבאָרען געוואָרען אין איין נאַכט און ביידענס עלטערן האָבען האלב אין שפּאַס, האלב אין ערנסט, אין א פּאָר וואָכען אַרום זיי פערקנאַסט.

און אזוי איז די דאָזיגע חנה'לע געווען ליפּמאַנס כלה ביז צוועלף יאָהר. נאָכדעם, נעהענדיג צו איין לעהרער זיך לערנען לעזען און שרייבען, האָט זיין יונגעם הערצעל אָנגעהויבען צו ציהען צו אַן אנדער מיידעלע, וואָס איז געווען א בלאָנדע, מיט בלויע אויגען און גאָלדענע לאָקענדלעך און האָט זעהר חן'עוודיג געשמייכעלט, ארויסווייזענדיג איהרע צוויי מילך ווייסע שניר־לעך צייהן.

דאַן איז ער צו חנה'לען וואָס א טאָג קעלטער און קעלטער געוואָרען. ביז ער האָט זיך מיט איהר אין גאַנצען צוקריגט און ער האָט זי אָוועקגעוואָרפען.

אוים כלה...

חנה'לע האָט זיך געמאַכט, ווי עס אַרט איהר ניט. פּער־קעהרט, זי האָט גאָר אין גאַנצען אָפּגעלייקענט, אז זי איז ווען געווען זיין כלה. מאַלע וואָס טאַטע און מאַמע האָבען גע־שפּאַסט!

אָבער ווען ליפּמאַן האָט זיך א גאַנצען יאָהר גע'חבר'ט מיט דער בלאָנדער מיידעלע און זיך געקושט מיט איהר, זיצענ־

דיג ביי'ן טיש אין דעם לעהרערס הויז, אדער צוריקגעהענדיג צוזאמען א היים מיט די פערשריעבענע העפטען אונטער די ארעמס, — איז חנה'לע אליץ געווען אליין און האט אן אנדער אינגעל, אלס חבר, ניט געקענט קריגען, און זי האט מיט רוגזא נעקוקט אויף אלע איהרע בעקאנטע פוןביידע געשלעכטען, ווי זיי אלע וואלטען געווען שולדיג אין איהר פערלאזענקייט...

אז זי האט שפעטער בעמערקט ווי ליפמאן איז אויך צו זיין נייער חבר'טע קאלט געווארען, האט זי זיך געטרייסט, אז ער וועט ווידער קומען צו איהר, צו חנה'לען. זי האט זיך אבער טועה געווען. ליפמאן איז שוין געווארען א גאנצער מחותן מיט דער שווארצער גרונעלען. דאס האט שוין חנה'לע איהם ניט געקענט מוחל זיין און האט איהם שטילערהייט געשאלטען...

אבער ליפמאן האט אויך מיט דער שווארצער גרונה'לען ערנסט ניט געמיינט. די ערשטע טעג איז זי איהם טאקע געפע־לען געווארען, אבער נאכדעם האט ער ערפאהרען, אז די דאזיגע גרונה האט עפעס א מאדנע צונעמעניש, וועלכע האט אין זיינע אויערען געקלונגען זעהר ניט איינגענעהם. איז ער געווארען אויס מחותן אויך מיט איהר.

אבער לאנג אהן א חבר'טע איז דער דרייצעניאהריגער בחור'ל ניט געווען.

די דריי פערלאזענע מיידעלעך האבען טאקע קיין אנדערע נאהענטע חברים ניט געקראגען און זיי אלע דריי האבען זיך גע'חבר'ט, אויסרעדענדיג דאס הארץ אויף ליפמאנען און שווע־רענדיג מיט כל השבועות, אז זיי האבען איהם פיינט, ווי דעם טויט, — אבער ער, ליפמאן, האט זיי ניט געבענשט, ניט גע־שאלטען, ניט געריהמט, ניט געזידעלט, — ער האט זיי גאר ניט דערמאהנט, ער האט גאנץ לייכט פערטשעפעט דאס הער־צעל פון שלמה וואלף דעם נגיד'ס טאכטער, פייגעלע.

דאס איז געווען אן אמת'ער טריאומף!

ערשטענס, איז פייגעלע געווען דאָס שעהנסטע מיידעל אין גאַס, צווייטענס איז זי געגאַנגען אין „שקאָלע“, און ניט צו א פּריוואַט לעהרער, ווי ער מיט זיינע פריהערדיגע חבר׳טעס. דריטענס איז טאַקע דער יחוס אליין פאַר ליפּמאַנען א סך ווערט געווען. ער חבר׳ט זיך מיט דעם נגיד׳ס טאָכטער.

די בעקאַנטשאַפט מיט פייגעלען האָט אָנגעהאַלטען א דריי יאָהר. ער איז שוין געווען א בחור פון זיבענצעהן יאָהר, שלמה וואָלף איז פאַר די דריי יאָהר ארימער געוואָרען, ליפּמאַנס טאַ־טע איז דוקא אויפגעקומען. פייגעלע אליין איז אויך אין זיינע אויגען מיאוסער געוואָרען און ענדליך איז ער פון איהר אוועק־געגאַנגען...

צו אכטצעהן יאָהר האָט ער שוין געקוקט ערנסט אויף דער זאַך.

סתם בעקאַנטשאַפט האָט ער אויסגעמידען. ער האָט גע־קוקט אין תוך אריין. נעהמען א כלה!

און שפּעטער האָבען זיך שוין אריינגעמישט שדכנים, די עלטערן, און ליפּמאַן איז אַלע פּאַר וואָכען געוואָרען א חתן און געוואָרען אויס חתן...

ער האָט געבראַקירט...

געבראַקירט האָט ער די כלות, וואָס שדכנים האָבען איהם גערעדט, געבראַקירט האָט ער די מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך אליין בעקענט, אויפגעהערט צו ליעבען די יעניגע, וועלכע ער האָט די ערשטע וואָך שטאַרק געליעבט.

— א מאָדנע זאַך! האָט ער זיך אמאָל בעריהמט פאַר זיי־נעם א חבר. מיך האָט נאָך א כלה קיין מאָל ניט אָבגעזאָגט, א געליעבטע ניט אויפגעהערט צו ליעבען... א י ך וואַרף זיי אַלע אוועק!...

און ער האָט זיך צולאַכט...

ענדליך האָט ליפּמאַן חתונה געהאַט. עס איז געווען טאַקע דורך אַ שדכן. די כּלה איז געווען אַ שטילע, רוהיגע אידישע טאָכטער, מיט צוויי גרויסע שוואַרצע בענקענדיגע אויגען. דוקא די דאָזיגע אויגען זיינען ליפּמאַנען געפעלען געוואָרען. דערצו האָט די כּלה געצעהלט אַזאַ סומע געלד, וויפיעל ליפּמאַנס פאַנ־טאַזיע האָט שטענדיג פאַראויס געזעהן. אויך איהרע עלטערן זיינען געווען שטילע, גוטע מענשען, האָבען אויף אַלץ וואָס ליפּמאַן האָט אויסגערעדט, גוטמוטיג צוגעשטימט, און ליפּמאַן האָט בשום אופן ניט געקענט געפינען אַ פעהלער אין דעם דאָזיגען שדוך.

אין אַ יאָהר ארום האָט זיין יונגע בענקענדיגע ווייבעל געבאָרען אַ קינד. עס איז געווען אַ זעהר שוואַך קינד. די מו־טער איז קיין מאָל פון זיין וויגעלע ניט אָבגעטראָטען און ליפּ־מאַן אליין איז אויך געווען זעהר פערנומען מיט'ן קינד. האָט געקוקט אויף איהם, איבערבויגענדיג זיך איבער פון וויגעלע מיט ליעבע און רחמנות... פלעגט עס אויך אָפט ארויסנעהמען, האַל־טען עס ארומגענומען און טוליענדיג עס צו זיך פלעגט ער מורמ־לען:

— זאָלסט מיר לאַנג לעבען!

דאָס קינד איז אין אַ יאָהר ארום שטאַרק קראַנק גע־וואָרען. עס איז געלעגען אין וויגעלע מיט פערמאַכטע ליפּעלעך און מיט האַלב פערמאַכטע אויגעלעך און שווער געהויבען מיט'ן בריסטעלע. די מוטער איז ארויס נאָכ'ן דאָקטאָר. ליפּמאַן, מיעד פון ניט שלאָפען די פאָריגע נאַכט, איז געשטאַנען איבער'ן ווי־געלע און האָט עפּעס געטראַכט... ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן אַלע זיינע פריהערדיגע כּלות... איינע נאָך די אַנדערע האָ־בען זיי, בלאַסע, מיעדע, מיט פינקעלדיגע אויגען, דורכגע־שוועבט פאַרביי איהם... און אָט זיינען זיי אַלע, אין ווייסע קליידער מיט אויסגעשפּרייטע הענד און מיט גרויסע אָפענע

אויגען, געשטאַנען איבער׳ן ווינעלע, און האָבען עפּעס מאָדנע געשמייכעלט...

נאָכדעם האָבען זיי זיך אַלע גענומען פֿאַר די הענד און שפּרינגענדיג און לייכט טופּענדיג מיט די פֿיס, האָבען זיי זיך אין אַ קאַראַהאָד אַרומגעדרעהט אַרום ווינעלע...

די אויסגענארטע קוילען.

(מיליטער־ערצעהלונג)

ברוך גרינשפאן איז געווען א בעל־הבית'ישער בחור. ביז צוואנציג יאהר איז ער געווען אין דער היים ביי זיינע עלטע־רען, געלייענט לשון־קודש'דיגע ביכלעך; שבת האט ער שפא־צירט מיט חברים הינטער'ן שטעדטעל, זיך בעגעגענט דארטען צווישען די בוימער מיט קאמפאניעס שפאצירענדע מיידלעך, און מיט די מעהר בעקאנטע זיך בעגריסענדיג, פלעגט מען זיך נאכהער לאזען אלע צוזאמען. ביי א שעהנעם וועטער, ווען דאס גראז פלעגט זיין טריקען, פלעגט מען זיך צוזאמען אויסזעצען אויף דער ערד, אנפאנגען אביסעל אנגערוקט איינע פון די אנ־דערע, שפעטער אביסעל — פלעגט מען זיך דערנעהענטערן און באלד — פרעג ווי אזוי — פלעגט שוין ברוך זיצען שולטער אין שולטער מיט חנה, ישראל בערס שווארץ־חנ'עוודיגער מיידעל, און אריינרוימענדיג איהר א סוד אין אויער, פלעגט ער שוין פאר איינוועגס אנריהרען מיט די ליפען דעם שפיץ ווארימען אויער. ברוך האט עס גערעכענט פאר א זיכערן קוש און האט דערמיט זיך בעגניגענט. חנה אבער האט זיך געמאכט כאילו לא ידעה — א סוד איז א סוד!... אי, וואס ער האט מיט די ליפען אנגעריהרט דעם אויער, קען זי גארנישט העלפען דערצו— ווען ער גיט איהר א קוש אין באק וואלט זי אודאי ניט גע־שווינגען...

אבער גוט איז עס געווען! אז עס הויבט אָן ווערען פינס־טערלעך לאָזט מען זיך צוריק, יעדער צו זיין היים, מען געזע־גענט זיך, יעדער בחור דריקט זיין מיידעל — מיט ווע לכער ער ווערט וואָס א שבת נעהענטער — מיט א געוויסען נוסח די האנד. ברוך גרינשפאן זעגענט זיך פריהער מיט די וואָס זיי־נען איהם וועניגער נאָהענט. ער האָט דערביי א געוויסע דיפ־לאָמאַטיע: ער זאָל חנה'ן דער לעצטער די האנד קענען לענגער דריקען און לענגער האלטען, און טאקע דערביי כאפען א זיי־טיג וואָרט:

— איבערמאָרגען קומט איהר?

ער זאָגט עס שטיל, ווי א שמונה עשרה, אבער ער לעגט אריין אין דער דאָזיגער פראגע אזוי פיעל כונה, אז זיין נעטין חנה פערשטעהט איהם גלייך, בעוויליגט זיין פראגע, וואָס איז אין איין צייט א געבעט און זי שמייכעלט.

— יאָ. אנגענומען!...

און כאָטש ווייטער פון איינרוימען חנה'ן א סוד און דאָס אָנריהרען דעם שפיץ אויער, אלס א רמז פון א קוש, איז ברוך נים נעגאנגען, האָט ער דאָך געהאלטען חנה'ן פאר זיין געליעב־טע. אמת, טאקע לויט דעם נוסח פון די ביכלעך וואָס ער לייי־ענט, איז די ליעבע גאָר אנדערש; ערשטענס, איז ביי איהם נאָר א שאלה, צי א בחור'ל, וואָס הייסט ברוך איז בכלל מסוגל צו אמת'ער ליעבע?... צווייטענס, האָט ער נאָך בפירוש קיינמאָל נים נעזאָגט חנה'ן: „איך ליעב דיך“, ווי עס דארף צו געהן אין אזעלכע פעלע. אבער וואָס ברויך ער די אלע כללים, ווען ער וויים זיכער ווי גאָלד, אז חנה'ן האָט ער ליעב, אז ער זעהט זי שטענדיג פאר די אויגען און זיין הארץ איז פול בלויז מיט איהר.

עס וועט קומען די צייט וועט ער איהר ענטדעקען זיין גאַנץ הארץ... ער וועט שוין וויסען ווי אזוי. דערווייל איז איהם גוט אזוי אויך. די זעקס טעג לויפען זיך ווי עס איז דורך און עס

קומט שבת זעהט ער איהרע שעהנע, שווארצע, קלוגע אויגען, הערט איהר אנגענעהמע זיננענדיגע שטימע און פיהלט דעם דופט פון איהרע שעהן־פערקעמטע האר בשעת ער זאגט איה־ א סוד...

אבער איידער ברוך האט צייט געהאט צו אויסזאגען זיין הארץ פאר חנה׳ן, איז אנגעקומען די צייט פון פריזיוו.

— נאכ׳ן פריזיוו, אם ירצה השם... — אזוי האט ער בע־ טראכט.

ברוך האפט אפילו, אז א סאלדאט זיין וועט ער נים. ערש־ טענס, האט ער אן אמת׳ע לגאטע און צווייטענס, אז עס זאל אפילו האלטען ביי לגאטניקעס, פעהלט איהם צוויי ווערשקעס צו די גרעב... ער האט זיך שוין עטליכע מאל געמאסטען!

פונדעסטוועגען איז בעסער פון אזוינע זאכען צו רעדען, אז מען איז א גע׳פטר׳טער, א בעפרייטער... דעמאלט קען מען אויי־ סער חנה׳ן, בעקומען עטליכע הונדערט רובעל נדן אויך... אמת, ער אליין דארף ניט די נדן... וויים ער דען ניט, אז דער עיקר איז די ליעבע? אבער זיינע עלטערן, וואס זיינען לויט ברוך׳ס מיינונג, פארנאטישע, וועלען אודאי נישט אייגגעהן אז ער זאל נעהמען א מיידעל גאר אהן געלד. צוליעב זיי וועט ער מוזען נעהמען עטליכע הונדערט רובעל אויך.

— מילא, — טרייסט ער זיך — עס וועט אפילו זיין אויפ׳ן אלטען שטייגער... אבער וואס קען עס שאדען? דער־ פאר וועט ער קיין קעסט זיכער ניט עסען! קעסט איז באמת אן אלט־פרענקישער מנהג ביי אידען! קעגען דעם וועט ער זיך שטעלען ענטקעגען טאטען און מאמען אפילו! קעסט — נישט!...

דאס פריזיוו־יאהר אבער איז געווען א שלעכטער. עס האָ־ בען געפעהלט עטליכע צעהנדליג פריזיוויקעס, וואס א טייל

פון זיי זיינען אוועקגעפאָהרען קיין אמעריקא און האָבען דאָרט געלעבט א גוטען טאָג און א טייל זיינען נעבעך געלעגען שוין פון יאָהרען אויפ'ן שטעדטעלדיגען בית־עולם, נאָר אויפ'ן צע־טעל האָבען זיי אלע געלעבט און האָבען זיך פאר קיין פאל ניט געוואָלט מעלדען צום „פריאָם“, חאָטש געה און גראָב זיי אוים פון די קברים...

און עס איז אָנגעקומען צו ברוך'ן:

— ברוך חאַאימאָוו גרינשפאן! — האָט א געדיכטער בייזער באַס אויסגערופען..

האָט זיך ברוך, אינגאנצען ציטערענדיג פאר שרעק און קעלט געגומען אויסטהאָן פון וואָס איהם איז נאָך קעלטער גע־וואָרען, און ער האָט זיך בלויז געוואָרעמט מיט דער האָפנונג, אז ארויסראַטעווען וועלען איהם די צוויי ווערשקעס, וואָס איהם פעהלען צו דער „גרעבּ“...

צי די קאָמיסיע האָט איהם פאלש געמאָסטען, צי די צוויי ווערשקעס האָבען איהם לכתחילה ניט געפעהלט, איז געווען ברוך'ן שווער צו בעשטימען. ער איז געווען איבערראשט און צוטומעלט פון די פיעלע „וואָיענע“ וואָס האָבען זיך געפונען אין פריאָם. ער האָט בלויז געמערקט ווי א דיקער פאָלקאָווניק קוקט איהם ארום און דינגט זיך איבער איהם מיט א הויכען און שלאַנקען אָפיציר, און נאָכדעם האָט ער דערהערט ווי אזוי ביידע האָבען אויסגערופען אין איין קול:

— חאָראָש! מעלאָדיעץ!

און באלד בעקומט ער א פריינדליכען קלאַפּ אין דער נאַ־קעטער פלייצע און מען רופט פעסט אוים:

— גאָדיען!

און ברוך פערטייטשט עס פאר זיך אליין אויף אידיש:

— איך טויג!

א נאקעטער מיט א נארישען שמייכעלע געהעט ער ארום אין פאָדערשטען צימער, וואו ער האָט איבערגעלאָזען זיינע קליי־

דער, און כאפּט אויף זיך קודם ארויף דאָס סאַמע גויטיגסטע, וואָ־
רום עס איז א חרפּה צו שטעהען אזוי פּאַר מענשען !...

* * *

די ערשטע טעג אין קאַזאַרמע איז פאַר ברוך'ן געווען אונ־
ערטרעגליך שווער. א טיעפע בענקשאַפט האָט געגאָגט זיין
האַרץ; געבענקט האָט ער נאָך טאַטע־מאַמען, נאָך די שוועסטער־
לעך און ברידערלעך, נאָר א פּאָר נאָהענטע חברים, אבער מעהר—
נאָך חנה'ן... ערשט אין די עטליכע טעג איז זיין געפיהל צו חנה'ן
רייף געוואָרען, האָט בעקומען א פאָרמע, א געשטאַלט און א נאָ־
מען, און ווען ער וואָלט איצט אין שטעדטעל געקענט זיין און זע־
העז זי, וואָלט ער שוין ניט אָבקומען מיט א גע'גנב'עטען קוש,
ביים זאָגען איהר א סוד — איצט וואָלט ער זי שטאַרק געדריקט
צו זיין ברוסט און גערעדט אָפענע ווערטער : חנה, איך האָב דיך
זעהר ליעב !

איצט איז ער אבער אזוי ווייט פון איהר ! הונדערטער מיי־
לען און הונדערטער וואָכען ! ביז ער וועט זיך אויסדיענען און
קומען צוריק אהיים וועט שוין זיין חנה אודאי געהערען זיינעם
א חבר, אָדער א ווילד־פרעמדען פון א צווייטע שטאָדט. חנה איז
ניט פון די מיידלעך, וואָס דאַרפען לאַנג וואַרטען אויף א חתן...

שטעהענדיג אין פראָנט מיט זיינע נייע חברים, אונטער דער
לאַסט פון דעם ראַנעץ, ביקס און שינעל, פערגאַרטעלט שטייף מיט
דעם פּאַס און נאָכמאַכענדיג די בעוועגונגען פון זיין נייעם לעה־
רער דעם „פעטער'ל", א קאַזאַנסקער פויער, מיט א קיילעכדיגען,
געשטופּעלטען פּנים, מיט וואַסערדיגע אויגען, אין וועלכע עס
האָט געשווימען א טעמפּע בייזקייט און האַס צו אַלץ, וואָס
לעבט און בעוועגט זיך פריי, — נאָכמאַכענדיג די בעוועגונגען
און נאָכרעדענדיג די נעמען פון די וואַפען און די טיטולען פון דעם
קייזערליכען הויף און פון די גענעראַלער און אנדערע אונטערטעל־

באַרע „נאַטשאַלסטווא“, האָט ברוך פֿערגעסן וואו ער שטעהט, וואָס ער טהוט און וואָס ער רעדט. דער „פּעטער'ל“ האָט שוין ניט איינמאָל איהם בעשטראָפט. אבער ברוך האָט זיך ניט גע־קענט העלפֿען. אנשטאט דעם פּעטער'ל פלעגט ער זעהן חנה'ן, אַ לאַכענדיגע, אַ פֿרעהליכע, אַ יום־טוב'דיגע, און ווינקט צו איהם מיט די קלוגע שווארצע אויגען ער זאָל לאָזען האַק און פּאַק און געהן מיט איהר הינטער'ן שטעדטעל צווישען די בוי־מער, אוועקזעצען זיך אויפ'ן גראָז, אָדער אויפ'ן שטיין און פּלוידערען, און לאַכען און לאַכען...

האָט איהם איינמאָל דאָס קאַזאַנסקי פּעטער'ל פּלוצים אי־בערגעשלאָגען:

— דו, גרינשפּאַן, וואָס האָסטו זיך פֿערטראַכט? — איז חייעטשקען זיך דערמאָהנט...

ברוך איז געבליבען איבערראַשט: ווי אזוי האָט ער עס געטראָפֿען? און ער האָט בתמימות, פֿערטראַכטערהייד, גענענט־פֿערט:

— טאַק טאַטשנאָ... — דאָס הייסט — טאַקע אזוי...

די יונגע סאָלדאַטען אין פּראַנט, וועלכע האָבען זיך אַהן דער ערלויבניש ניט געטאָרט אפילו בעוועגען, האָבען זיך שטאַרק צולאַכט. דאָס „קאַזאַנסקי פּעטער'ל“, וועלכער איז גע־ווען דאָס מאָל גראָד גוט געשטימט, וואָס דאָס האָט איהם אליין גע'הידוש'ט, האָט אָבגעזידעלט די יונגע סאָלדאַטען, וואָס האָ־בען געוואָנט אַהן זיין ערלויבניש צו לאַכען, און האָט זיי גע־סטראַשעט אלעמען „פּאָד סוד“ אוועקגעבען, ער אליין אבער האָט מיט אַ געלעכטער זיך געווענדעט צו ברוך'ן און געזאָגט:

—אזוי גאַר... נאָך חייעטשקען... אזוי דיענסטו טריי דעם קייזער!... ביזט געקומען לערנען זיך שיסען, פֿערטיידיגען דאָס היילינע פֿאַטערלאַנד פֿון אינערליכע און אויסערליכע שונאים, און דו טראַכסט גאָר פֿון אַ חייעטשקען... איך וועל דאָס „דאַ־לאָזשען“ די נאַטשאַלסטווא...

אָבער, אַז ברוך האָט, ערפאַהרענדיג פון אַן „אַלטען“ אי־דישען סאַלדאַט, אַז דאָס קאַזאַנסקי פעטער׳ל „נעהמט“, האָט ער איהם פון דעם ביסעל געלד, וואָס איהם איז נאָך געבליבען, גע־געבען אויף אַ פלעשעלע. דאָס קאַזאַנסקי פעטער׳ל האָט דערפאַר איהם גענומען אַלס צוהעלפער אין באַד און געהענדיג צוריק פון באַד אַ צוואַוואַרעמטער, איז ער מיט ברוך׳ן אריין אין אַ שענקעל, בעשטעלט בראַנפען מיט פּערבייסען, און נאָך דער ערשטער כוסה זיך אָנגערופען צו ברוך׳ן קלאַפענדיג איהם אי־בער׳ן פּלייצע:

— דו, גרינשפּאַן, כיט זאָרג... דו האָסט אַ חייעטשקען“, איך האָב אַ „נאַסטיאַ׳ן“... איך האָב אויך געבענקט, אָבער אַז איך האָב בעקומען אָט דאָס, — ער האָט אָנגעוויזען אויפ׳ן ברוסט, — האָט מען מיר אָבגעלאָזען אהיים אויף גאַנצע דריי מאָנאַטען...

ברוך האָט מיט נייגעריגע בליקען געקוקט אויף דער אויס־צייכנונג וואָס דאָס קאַזאַנסקי פעטער׳ל האָט בעקומען פאַר גוט שיסען...

— קען איך דאָס אויך בעקומען? — האָט ער בתמימות געפרעגט.

— אַז דו וועסט טרעפען דעם ערשטען זומער דריי און דרייסיג קוילען, בעקומסטו עס... אָבער פּונקט דריי און דריי־סיג, עס טאָר ניט פעהלען...

— איך וועל טרעפען! האָט ברוך מיט זיכערהייט אויס־געשריען און פערגעסענדיג, אַז דאָס קאַזאַנסקי פעטער׳ל איז זיין „נאַטשאַלניק“, האָט ער איהם לאַכענדיג אַ קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע.

— איך וועל טרעפען!

און מיט זיכערע טריט, מיט אַ האָפענונג אויף דריי־און־דרייסיג קוילען און דריי מאָנאַטען אין דער היים צו זיין, האָט ברוך מיט׳ן האַלב שיכור׳ן „פעטער׳ל“ געשפּאַנט צוריק אין דער

קאזארמע אריין.

עס איז אנגעקומען דער לעצטער קורס פון שיסען. ברוך האט שוין ערווארבען פאר די פריהערדיגע קורסען 28 קוילען, וועלכע זיינען געווען בלויז פאר חנה'ן... ווען ער טרעפט די פינף קוילען ביים לעצטען קורס בעקומט ער אן אויסצייכענונג און פאהרט גלייך אויף דריי חדשים צו חנה'ן...

דער לעצטער קורס איז אבער דער שווערסטער. די פיגורען זיינען אויסגעשטעלט פאר פופצעהן הונדערט טריט ווייט... דער טאג איז אווינדיגער; לויט'ן כלל וועט ער ציעלען אין א זייט און דער ווינד וועט זי שוין צוטראגען אין ריכטיגען פונקט.

אבער געהן שטעלען זיין מזל אויפ'ן ווינד איז ניט קיין שכל... וואס וועט ער טהאן, אז גלייך נאכ'ן אויסשיסען בלאזט דער ווינד שטארקער, אדער שוואכער... דעמאלט איז אלץ פערלארען... קיין צייט צו קלערען איז אבער ניטא. דער גאנצער ווזוואד פון עטליכע־און־צוואנציג מענשען שטעהען שוין גרייט און ווארטען בלויז אויף דער קאמאנדע פון יונגען אפיציער, וועלכער שטעהט פון הינטען און זעהט, ווי אזוי די רייהע ציעלט זיך און מאכט בעמערקונגען. ברוך צעהלט אב די פינפטע פיגור. די פערטע געהערט צו זיין שכן אויף דער נארע, יעמעליאנאוו, א נארישעוואטער גוי, וועלכער האט פאר אלע קורסען געטראפען בלויז צעהן קוילען. ס'הייסט איין קויל ביי יעדער קורס. יעמעליאנאוו שטעהט צוטומעלט, קען ניט כאפען מיט'ן אויג זיין פיגור און פרעגט שטילערהייט ברוך'ן:

— ברודער גרינשפאן, די וויפעלטע פיגור איז מיינע?...

— די פינפטע... די פינפטע... האט ברוך איהם בכיון זעהר שנעל געענטפערט, אז יענער זאל צו איהם נאכדעם קיין טענות ניט האבען...

גלייך האט זיך דערהערט דעם אפיציער'ס קאמאנדע: שיס!

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי, אַן ארויסוואַרפען פון גילזען און ווידער אַ שיסעריי... אַזוי פינף מאָל... ברוך איז מיט דריי קוילען געווען זיכער, אַז ער האָט געטראָפען... אויף צוויי האָט ער געהאַפט, אַז יעמעליאַנאָוו האָט אין זיין פינפטער פיגור אריינגעשאָסען...

די סיגנאַליסטען האָבען געגעבען סיגנאַלען. דאָס שיסען האָט אויף דער גאַנצער ליניע אויפגעהערט. די שיסער האָבען מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די צעהלער, וועלכע האָבען זיך בעוויזען פון אונטער די בערגלעך, וואו זיי זיינען געווען די צייט פון שיסען פערשטעקט.

די צייהלער האָבען רוהיג געהויבען דאָ די ווייסע זייט פון פעהנדעל איבער די פיגורען, וואָס האָט בעדייט, אַז די קויל איז ניטאָ, דאָ די רויטע זייט, אַז די קויל האָט געטראָפען. די פערטע פיגור האָט פינף מאָל בעקומען ווייס...

יעמעליאַנאָוו איז געשטאַנען ווייס ווי זיין „העמדעל“ און מיט צאָרענדיגע בליקען געקוקט אויף ברוך׳ן...

באלד האָט זיך געהויבען דאָס פעהנדעל איבער דער פינפ־טער פיגור. ברוך׳ן האָט דאָס הארץ שטאַרק געקלאַפּט, אָנ־פאַנגס פאַר שרעק, נאָכהער פאַר פרייד: דאָס פעהנדעל האָט אַלע פינף מאָל בעוויזען רויט...

דער אָפיציער איז צוגעלאָפען צו ברוך׳ן און מיט אַ שטראַ־לענדען געזיכט אויסגעשריען:

— מאָלאָדיעץ גרינשפאַן!..

פון דער צווייטער זייט האָט איהם יעמעליאַנאָוו געשושקעט:

— ביזט אַ מאַשעניק...

ברוך האָט זיך פערענטפערט, אַז ער איז געווען שטאַרק צו־טומעלט און אויפגערעגט און ער האָט באמת געמיינט, אַז יע־מעליאַנאָוו׳ס איז די פינפטע פיגור. ער האָט איהם געטרייסט, אַז ער, ברוך. וועט פאָהרען אין אָטפּוסק און וועט איהם ברענגען

די בעסטע מתנה... און אז ער וועט בעקומען דאס „צייכענדעל“ וועט ער איתא גוט מכבד זיין...

און ברוך האט איהם אנגעקוקט מיט מיטליידענדע בליקען און ווידער געטרייסט:

— און פון וואנען וויים איך, אז דו האסט מיר געהאָלפען... אט האסטו, געדענקסט, דעם דריטען קורס, אויך קיין איינע ניט געטראָפען און איך האָב אלע פינף געטראָפען...

— היינט האָב איך זיך געסטארעט... האט יעמעליאנאָוו בעדויערט... צוויי קוילען מיינע האסטו זיכער... עס וועט זיין מיין „זנאטשאָק“...

ברוך'ן האט אָבער נישט געארט צי דער זנאטשאָק איז פערדיענט פאר זיין שיסען צי פאר יעמעליאנאָוו'ס. זאָל אויסברעכען חלילה א מלחמה וועט ער אפילו קיין איין קויל ניט טרעפען, ער וועט זיך ציעלעווען איבער די קעפּ... אבער דאָ אין הילצערנע פיגורען האט ער טאקע געוואָלט טרעפען אין סאמע הארץ, כאָטש אז מען טרעפט אין די קניה געהט די קויל אויך אריין אין חשבון... ווייטער געהט איהם דער גאנצער שיסען ניט אָן. אז ער וועט קומען אהיים וועט ער חנה'ן גלייך דערצעהלען ווי אזוי ער האָט ביי זיין שכן פון דער נארע אויסגענארט א קויל און אפשר צוויי...

— אי, וועט דאָס חנה לאכען !.. האט ער פערענדיגט זיינע רעיונות און זיך פאַרבערייט אין געדאנק צו דער גליקליכער רייזע...

ליעבעס־שטייער.

(ערצעהלונג פון בערלינער סטודענטען לעבען)

עס איז שוין געוואָרען איינס א זייגער ביי נאכט, ווען בענסאָן, א סטודענט פון מעדיצינישען פאקולטעט איז געגאנגען אויף פריעדריך שטראסע מיט דעם ציעל צו געהן א היים. אבער אזוי ווי די נאַכט, האָטש א ווינטערדיגע, איז געוועזן זעהר שעהן און די פרידריך שטראסע האָט ערשט אָנגעפאנגען אויפצולע־בען, האָט ער ביי זיך גישט געקאָנט פועל'ן דאָס גאנצע רוישען איבערצולאָזען פאר אנדערע און אליין אוועקגעהן אין זיין קליי־נעם צימער וואָס ער האָט ביי דער דיקער דייטשער ווירטהין. ער האָט ווי נישט פערגונען די איבעריגע מענשען פון פער־שיעדענע קלאסען, עלטער און געשלעכטער, אז זיי זאָלען אָהן איהם אָבריכטען די דאָזיגע פרעהליכע נאכט, וואָס האָט אין זיך אזוי פיעל פערשפרעכענדעס, לאָקענדעס און אונבעשטימטעס.

ער האָט אָבגעמאכט, אז ער וועט זיך נאָך דורכגעהן א פאָר־מאָל הין און צוריק און כאָטש עס איז שוין געוועזן ענדע פון מאָ־נאט, די דאטום, ווען דאָס גאנצע געלט וואָס ער בעקומט פון דער היים הויבט זיך שוין אָן אויסצולאָזען, האָט ער נאָך דאָס מאָל פערמאָגט אין טאש עטליכע מארק און אין דער דאָזיגער שעה־נער און גליק־פערשפרעכענדער נאכט איז ער געוועזן קאפאבעל אויף זיי צו פערשווענדען, ווען עס זאָל אויפ'ן דאָזיגען ירייד זיך מאכען א ביסעלע גליק אין „גלייכען" געלט...

ער האָט ניט געמיינט יענע מיידלעך, וואָס דרעהען זיך ארום הין און צוריק און לעגען פאַר זייער ליעבע ווינקענדיג און צושמייכלענדיג מיט די אויגען, אָדער אמאָל אָננעהמענדיג פאר׳ן אָרעם און אָפען, מיט א געמאַכטער פערשייטקייט, זאָ־גען זיי ארויס דאָס וואָס מענשען טראָגען אזוי געהיים אין זייערע הערצער. אויף די האָט עס בלויז געקוקט פון הומאני־שען שטאַנדפונקט. ער פלעגט זיי אמאָל זאָגאר געבען עטליכע פעניג „גליקס־געלט“, וועלכע זיי פלעגען בעשפייען מיט א געוויסען אבערגלויבען וועלכען יעדע פון זיי בעזיצט און פלעג־גען איהם אָבלאָזען בעדאנקענדיג מיט אן אמת׳ן אויפריכטיגען שמייכעל. וואָס ער האָט יא נעזוכט איז געווען אן עהרליך מיי־דעל, וואָס פערשפעטיגט אמאָל ביינאכט און געהט אליין אָדער מיט א חבר׳טע א היים.

אזוינס איז ריינער, שעהנער און ראמאַנטישער, און בענ־סאָן, ניט קוקענדיג, וואס ער האָט שטודירט אזא פאָזיטיווע וויסענשאפט, ווי די מעדיצין, איז אין געווים הינזיכטען געווען זעהר ראָמאַנטיש געשטימט. דעם דאָזיגען ראָמאַנטיזם האָט ער נאָך גע׳ירש׳נט פון זיין רוסישער היים און פון די דאָרטיגע חברים.

און גראָד האָט איהם דאָס מאָל אָבגעקליקט. ער האָט ביים באנהויף פון דער פריעדריך שטראסע בעגעגענט צוויי פרויען. איינע שוין אן עלטערע און איינע גאָך גאר א יונגע. ער האָט זיי ביידען אָנגעקוקט און גלייך אויפגעכאפט זייער שמייכעל צוריק. ער האָט זיי בעגריסט און גלייך פאָרגעשלאָגען זיין בעגלייטונג.

די עלטערע האָט איהם בעטראכט פון קאָפּ ביז די פיס און בעמערקענדיג אז ער איז געקליידט אנשטענדיג און דער קנייטש אויף זיינע הויזען איז אין אָרדנונג און אויף די שיך זייגען, כאָטש אביסעל פערשטויבט, גאנץ און נעט, האָט זי די ער־לויבניש געגעבען. די איננגערע האָט גליקליך געשמייכעלט און

ווען ער האָט איהר פאַרגעלעגט זיין ארעם, האָט זי גלייך אויסגע־צויגען איהם איהרען און אזוי האָבען זיי זיך געלאָזט געהן, ניט וויסענדיג נאָך וואוהין און פלאַפלענדיג איבער פערשידענע קלייניגקייטען.

די עלטערע איז איהם נאָך א פּאָר פּראזען ניט געפעלען געוואָרען. איבריגענס איז זי איהם אַנגעגאַנגען, ווייל לויט זי האָט אליין דערצעהלט איז זי שוין א פערהייראטע, טאקע צו דער אינגערער'ס א ברודער. אויב אזוי וועט זי באלד געהן א היים און ער, בענסאָן, וועלכער האָט שוין געוואונען זייער צו־טרוי, וועט די אינגערע בעגלייטען.

בענסאָן האָט פון העפליכקייט געפּרובט אויף די עלטערע פערהאַלטען, אבער ניט וועלענדיג קענטיג שטערען איהר שווע־גערינ'ס גליק, האָט זי געדאנקט. איבריגענס האָט זי שוין אין דער היים א קינד, וועלכעס וואַרט אויף איהר.

און אזוי איז בענסאָן געבליבען מיט דער אינגערער. ערשט בלייבענדיג אליין, האָט ער זי בעטראַכט אויף דאָס ניי און האָט ענטדעקט אין איהר א זעהר חנ'עוודיגע און ליעבע בלאָנדע בער־לינערין. אין גאַנצען איז זי ערשט אלט צוואַנציג יאָהר און הייסען הייסט זי גערטרוד.

דאן האָט ער, לאַכענדיג געפרעגט, צי זי האָט שוין א גע־ליעבטען און בעקומענדיג אַן ענטפער, אז ניין, האָט ער איהר האַלב אין שפּאַס פאַרגעלעגט, צו זיין איהר געליעבטער.

גערטרוד האָט איהם אַנגעקוקט מיט איהרע בלויע אויגען און ווי מיט א טרויעריגען טאָן זיך אבגעוועהרט:

— ניין, איך גלויב אייך קיינעם ניט...

בענסאָן האָט דערפיהלט, נאָך איהר ענטפער, אז מיט דער דאָזיגער מיידעל האָט שוין וואָס פּאַסירט. ער האָט זי פעסטער גערדריקט צו זיך און זי אייננעלאַדען אריינצוגעהן אין א קאַ־פע־הויז.

אַנפאנגס האָט זי זיך געקווייינקעלט, געזאָגט, אז עס איז שוין צו שפעט: מאָרגען מוז זי פריה אויפשטעהן און געהן אין ווארענהויז וואו זי איז א פערקויפערין. אבער ווען בענסאָן האָט איהר פערשפּראָכען, אז לאנג וועט ער דאָרטען ניט זיצען, האָט זי ענדליך איינגעוויליגט.

ביים העלען ליכט אין קאפע הויז האָט ער זי ערשט בע־טראכט אויף דאָס ניי. ער האָט ענטדעקט אין איהר נייע שעהנ־הייטען און בענסאָן האָט דערפיהלט, אז דאָס דאָזיגע פרעמדע מיידעל, הויבט ווירקליך אָן איהם ווערען נאָהענט און ער האָט צו איהר די שעהנסטע געפיהלען.

זיינע געפיהלען האָבען זיך אין דער זעלבער ריינקייט און טיעפקייט איבערגעגעבען צו איהר. זי האָט זיך געשפּיעלט מיט זיין האנט געשמייכעלט:

— איהר זייט א גוטער!

— אָ, געוויס, געוויס בין איך א גוטער! — האָט בענ־סאָן בעשטעטיגט, בערווישט א ביסעל פון ביער, וואָס ער האָט געטרונקען און נאָך מעהר פון איהר.

און נאָך א קורצע פּויזע, האָט ער איהר גענומען אויספאר־שען:

— האָסטו ווירקליך נאָך קיינעם ניט געליעבט?...

— קיינעם!...

— איך גלויב עס ניט!

דאן האָט זי איהם שטרענג אנגעקוקט און ווי דורך טרעה־רען געזאָגט:

— דו ביזט א שלעכטער!

בענסאָן איז שוין אויף אן אמת נייגעריג געוואָרען. דאָס מיידעל האָט איהם אָנגעהויבען שטארק צו אינטערעסירען. ער האָט זי געדריקט פאר'ן האנט, וועלכע ער האָט די גאנצע צייט געהאלטען און געפּליסטערט:

— מעהר פרעג איך דיך ניט... פון מיין זייט האָסטו גע־

מענט האָבען ווענען דו ווילסט.

ערשט ביים צווייטען מאָל זעהען זיך, האָט גערטרוד איהם שוין מודה געווען, אז זי האָט געהאַט א „שאַץ“, אבער ער איז א פאַלשער מענש געווען, ער האָט זי בעשווינדעלט, פערשפּראָ־כען אז ער וועט זיכער מיט איהר הייראַטען און איז נאָכדעם פערשוואונדען.

דערצעהלט האָט זי עס אין א רוהיגען טאָן, אבער בענסאָן האָט געפיהלט, אז דאָס דאָזיגע יונגע און עטוואָס נאַאיווע מיי־דעל קען יענעם ניט פערגעסען. פון איין זייט האָט איהם באַנג געטהאָן, וואָס איהר ליעבע צו יענעם, כאָטש זי לייקענט עס, וועט שטערען איהר ליעבע צו איהם אליין, פון דער צווייטער זייט האָט איהם דאָס מיידעל אליין באַנג געטהאָן. ווער ווייס, ווי זי ליידט! —און ער האָט זי געפרופט טרייסטען:

— ער איז געווען, דיין געליעבטער, א געמיינער קערל.

— אָ, ניין! — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט, ער איז געווען א פיינער...

—האָסטו דאָך איהם יא ליעב... — האָט בענסאָן איהר פאָרוואורף געמאכט...

— ניין, מעהר ניט! — האָט זי געמורמעלט און גע־פליסט זיך צו שמייכלען.

און ערנסט ווערענד צוריק, האָט זי טרויעריג געזאָגט:

— איך דענק, אז ער איז געשטאָרבען!...

— אויב געשטאָרבען דאַרפסטו דאָך איהם אודאי פערגע־סען.

— געוויס, איך האָב איהם פערגעסען. — האָט זי פערזי־כערט און ווידער זיך געמיהט צו שמייכלען.

בענסאָן האָט איהר אָנגעקוקט פערדעכטיג.

— וואָס קוקסטו אזוי? — האָט זי געפרעגט.

— איך וויל דערגעהן דיין געהיימניס! — האָט בענסאָן געלאַכט.

— איך האב קיינע געהיימנים... האט זי זיך ווי געבעטען.

— איז גוט! האט בענסאָן זי בערוהיגט, און נאָך א קורצען שווייגען, האט ער איהר געזאָגט:

— וועסטו געהען צו מיר אהיים... יא?

זי האט איהם אנגעקוקט און געענטפערט:

— מיר קאָנען זיך נאָך אזוי ווייניג...

— איך קען דיך שוין גענוג, ליעבע גערטרוד... האט בענסאָן ווייך צו איהר גערעדט. קום צו מיר.

— ניין, ניין, — האט זי זיך ווי געבעטען. — עס איז נאָך ניט צייט צו געהן צו דיר. ווען איך וועל דיך נעהענטער קענען. איך ווייס גאָר נישט ווער דו ביזט. יענעם האָב איך געקענט א האַלב יאָהר, בין איך ביי איהם בלויז איין מאָל געוועזען...

— ווידער יענער... האט בענסאָן זיך ווי בעליידיגט... האסט דאָך געזאָגט, דו האסט איהם פערגעסען.

— איך האָב איהם געוואָלט פערגעסען, אבער ווען דו רופסט מיך צו דיר, דערמאָהן איך זיך...

עס זיינען פערגאַנגען עטליכע וואָכען. בענסאָן האט אין פערלויף פון דער דאָזיגער צייט שוין אייניגע מאָל זי געטראָפען. ער האט ענדליך דערפיהלט, אז זיין בעציהונג צו דער דאָזיגער פרעמדער מיידעל, וועלכע ער האט געטראָפען אין גאס, ווי א געוועהנליכען „שאַץ“, איז א מעהר ערנסטע און טיעפערע, ווי דאָס רוב צו אזעלכע צופעליגע בעגעגנישען. ניט איהר שעהנקייט און ניט איהר חן האט איהם געלאָקט, נאָר דאָס געהיימניספולע, דאָס טראַגישע וואָס האט געוועהט איבער דער דאָזיגער יונגער און שוין טיעף־ליידענדער בלאָנדער מיידעל.

איינמאָל האט ער זי געפונען אויפ׳ן פּלאַץ, וועלכען זיי האָבען דאָס פאַריגע מאָל אבגעשטימט צו טרעפען זיך, א טרויעריגע און אן אויפגערעגטע.

— וואָס איז מיט דיר, גערטרוד? — האָט ער זי געפרעגט מיט אנטייל.

זי האָט גאָר נישט געענטפערט, זי האָט איהם נאָר אנגע־קוקט מיט בעטענדיגע בליקען.

ער האָט זי ברודערליך אָנגענומען פאר דער האנט און זיך געלאָזט מיט איהר אין א זייטיגער, שטילער גאס.

— דערצעהל! — האָט ער געבעטען און געפאָדערט צו־זאמען.

— איך האָב עטוואָס אונאנגענעהמעס. — האָט זי אנגע־הויבען.

— פון וואָס? פון וועמען?... האָט בענסאָן זי געפאָרשט.

— פון מיין הונט... האָט זי געלאכט ווי דורך טרעהרען.

און בייז־ווערענדיג האָט זי געשריען:

— אָ, ווי איך האָס איהם! איך קען דורך איהם קיין רעכ־טע קלייד ניט מאכען, קיין שיך ניט קויפען... איך מוז פאר איהם צאָהלען אלע פיערטעל יאָהר דרייסיג מארק.

— וועמען?... — האָט בענכאָן פערוואונדערט געפרעגט.

— וועמען? דער שטאָדט... אזא געזעץ... פאר יעדען הונט, וואָס מען האָט מוז מען אלע פערטעל יאָהר דרייסיג מארק שטייערן צאָהלען. מאָרגען מוז איך צאָהלען פאר איהם, ווען ניט, נעהמט מען איהם צו פון מיר און מען שיעסט איהם.

—איז ער דיר אזא שאָד? האָט בענסאָן געפרעגט...

— געוויס... האָט זי געענטפערט... אבער גלייך האָט זי זיך פערכאפט:

— ער איז מיר ניט קיין שאָד, איך האָב איהם גאָר ניט גערן, א נארישער, דומער הונט... קען אפילו ניט בילען, אבער...

— אָבער וואָס?...

— יא, איך קען דיר ניט זאָגען... דו וועסט בייז זיין... דאן האָט זי א פערשעמטע, מיט אראָבגעלאָזטע אויגען און מיט א טרויער אין טאָן געענטפערט.

— פערשטעהסטו, דער הונט איז זיינער... ער האָט מיר איהם איבערגעלאָזען, ווען ער איז אויף א פּאָר טעג, לויט ער האָט פערשפּראָכען, אוועקגעפאָהרען, אבער ער איז שוין צוריק ניט געקומען... אָ, דער הונט!

און בענסאָן האָט ניט געקענט בעגרייפען וועמען מיינט זי מיט'ן אויסרוף: א דער הונט! צי דעם, פאר וועלכען זי דארף צאָהלען דרייסיג מארק שטייער, צי יענעם וואָס האָט זי פער־לאָזט...

ער האָט אויף איהר געקוקט מיט מיטגעפיהל און גע־שפּאסט.

— הייסט עס, צאָהלסטו שטייער פאר דער געוועזענער ליעבע...

— יא. — האָט זי נאאיוו געענטפערט — דרייסיג מארק יעדען פערטעל יאָהר...

— נו, אויב אזוי וועל איך דאָס מאָל דיר בעהילפיג זיין, האָט בענסאָן, וועלכער האָט נאָך געהאט א געוויסע סומע פון די צוגעשיקטע געלט — איהר געטרייסט.

גערטרוד האָט איהם אָנגעקוקט מיט דאנקבארע בליקען און האָט בעגייסטערט גערעדט:

— אָ, דו ביזט אזא גוטער... איך האָב עס גלייך דער־פיהלט, ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזעהן. און יע־נער איז געווען אזא שלעכטער...

זי האָט זיך געווישט די אויגען און פאָרטגעזעצט:

— און וואָס מיינסטו, בלויז פאר'ן הונט מוז איך צאָה־לען...

— פאר וואָס נאָך? — האָט זיך בענסאָן אנגעכאפּט...

— יא, דו וועסט בייז זיין... — האָט זי געמורמעלט, אראָבלאָזענדיג די אויגען.

— ניין... — האָט בענסאָן געשטאמעלט, און האָט זיך שוין ווי אָנגעהויבען שרעקען...

— אלע מאָנאַט מוז איך נאָך פאַר'ן קינד צאָהלען דער אַם, — האָט זי ארויסגעשטאַמעלט...

— וועלכעס קינד? — האָט בענסאָן ווי אויסגעשריען.

— וועלכעס? — האָט זי זיך צואווײנט — מיינס! ער איז אוועקגעפאָהרען און איך האָב אין א האַלב יאָהר א קינד געבוירען... איך דערצעהל דאָס דיר אַלעס, ווייל דו ביזט אַזאַ גוטער... איך פערדיען אזוי ווייניג. אַ. מיין גאָט — האָט זי זיך שטאַרקער צואווײנט. זאַ פיעל שטייערן! דער אַם פאַר'ן קינד און דער שטאָדט פאַר'ן הונט... פאַר מיר אַליין בלייבט מיר גאָרנישט...

בענסאָן איז פון איהרע טרעהרען אזוי געריהרט געוואָרען, אז ער האָט ניט געוואוסט וואָס פאָרצונעהמען. דער איינציגער מיטעל איז געווען צו פערלאָזען איהר, אבער אזוי ווייט שלעכטהערציג האָט ער ניט געקאָנט זיין. הייסט עס, האָט ער געטראַכט, אז מיט דער „שאַץ" האָט איהם ניט געלונגען. ער וועט איהר מוזען קומען צו הילף.

און ביי איהם איז געוואָרען א פּראָבלעם: וועמען פרייער? צי דעם קינד ביי דער אַם, צי דעם הונט, וועלכען די שטאָדט וויל דערשיסען, אדער דער אָרימער נערטרוד, וועלכע איז הילפלאָזער פון זיי אַלע.

און נאָך א לאַנגען איבערלעגען זיך, האָט דער גוטער בענסאָן זיך פאַרגענומען זיי אַלע דריי צו העלפען און אויף אזא אופן האָט ער אויך פערטהאָן דאָס געלט, וואָס ער האָט בעקומען צו צאָהלען אין אוניווערסיטעט.

און איידער ער האָט נאָך דעם דאָקטאר־דיפּלאָם בעקומען, האָט ער שוין זוכה געווען צו ראַטעווען דריי בעשעפענישען...

און דער עולם האט געפּאטשט.

זי איז געווען א יונגע, א פרעהליכע און א זינגערין, און דאס לעבען ארום איז אויך געווען א יונגעס, א פרעהליכעס און א זינגענדיגעס. נאר דער מזל איהרער איז געווען א שווערער, א פינסטערער און א שטום־נאָגענדער. און דער מאן, וואס די על־טערן האָבען איהר געגעבען, איז געווען אין איהר מזל געראַ־טען, און זי האָט איהם, ווי איהר מזל, פיינט געהאט.

אָבער א קינד האָט זי דאָך געהאט.

און דאס קינד איז געווען א שעהנס, א פרעהליכס ווי אלץ ארום, און זי האָט עס זעהר, זעהר ליעב געהאט.

ליעב געהאט דאָס קינד, ליעב געהאט דאָס לעבען, נאָר פיינט געהאט דעם מזל איהרען מיט דעם מאן. און זי האָט זיך געריסען פון זיי ביידען מיט אלע כחות, סיי וואכענדיג, סיי שלאָפענדיג...

נאָר דער מזל און דער מאן האָבען זי שטייף געהאלטען און נישט ארויסגעלאָזען פון זייערע סקעלעטענע, אבער שטארקע אָרימס; און זי האָט זיך געריסען, געריסען, א פרעהליכע א יונ־גע, א זינגענדיגע...

איינמאָל איז זי אין טעאטער געווען. אויף דער סצענע איז א באלעט פאָרגעקומען. די מוזיק האָט פערשיכורט גע־שפּיעלט, די ווייסע האלב־נאַקעטע פיס האָבען זיך געהויבען אויף דער סצענע, געהויבען זיך און געטופּעט צום טאקט, און יונגע מיידלעך, לייכטע ווי פּוך, האָבען אין דער לופטען געשוועבט...

און עס האָט זי ג'עצויגען, געצויגען אהין, אהין... זי האָט זיך מיט אַלע כחות אָן פאַרענץ פון דער גאַלעריע אָנגעהאַלטען, זי זאָל נישט א שפּרונג טהאָן אויף דער סצענע.

און פון דאַמאָלס אָן האָט זי געצויגען צו זיי, צו די שוועבענדיגע מיידלעך, צו דער פרייער סצענע, צום פרייען זינגענדיגען לעבען...

און זי האָט זיך ענדליך אויסגעריסען און איז אוועק אין א פרעמדע שטאָדט, מיטנעהמענדיג דאָס קינד.

זי איז אין האַר אָנגעקומען.

דאָס קינד האָט זיך ביים ערשטען אָוועגד, ווען זי האָט ארויסטרעטען געדאַרפט, מיטגענומען אין טעאטער און האָט עס איבערגעגעבען דער דיענסט פון האָטעל, וועלכער זי האָט א בילעט געגעבען, און געבעטען זי, אז זי זאָל עס היטען.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען.

די דיענסט האָט געהאַלטען נעבען זיך דאָס פיער־יעהריגע קינד און האָט געקוקט אויף די סצענע.

— וואו איז די מאמע? — האָט זי ביים קינד לאַכענדיג געפרעגט.

— ווייס נישט... האָט דאָס קינד טרויעריג געענטפערט. און באַלד האָט דער חאָר אָנגעהויבען צו זינגען. די מוטער איז אַלס סאָליסטען ארויס פאָראויס...

דאָס קינד האָט אָנגעשטרענגט זיינע אייגעלעך אויף די פרוי מיט דעם קורצען קליידעל, אָפענער ברוסט און נאַקעטע פיס...

עפּעס אַזוינע בעקאַנטע גליעדער...

ווען דאָס פּנים וואָלט נישט געווען אַזוי רויט און די האָר נישט אַזוי לאַנג, איז דאָך דאָס זיין מאַמע...

און דאָס קינד האָט אַלץ אַנגעשטרענגטער און אַנגע־שטרענגטער געקוקט בעקוקען די דאָזיגע פרוי.

און די פרוי האָט געזונגען און געזונגען.

און דער אָרקעסטער האָט געשפּיעלט און געשפּיעלט.

און דאָס פּובליקום איז געווען בעגייסטערט...

ענדליך האָט זיך דערהערט עפּעס א ווילד געשריי פון שרעק און התפּעלות:

— אוי, מאַמע, מאַמע!

און א קליין פיער־יעהריג קינד האָט זיך געלאָזט לויפען, לויפען צו דער סצענע, שפּרינגענדיג איבער שטוהלען, איבער מוזיקאַנטען...

— מאַמע, מאַמע...

אָט איז שוין נעבען דער סצענע, און פאַר גרויס אויפרע־גונג וויינט עס זיך פונאַנדער און שרייט:

— מאַמע! מאַמע!...

דער פאָרהאַנג האָט זיך שנעל אַראָבגעלאָזט...

און דער עולם האָט געפּאַטשט און געפּאַטשט...

אייפערזוכט.

ער איז געווען א שריפטשטעלער, און זי — א געוועהנליך מיידעל, זיינע א לעזערין און א פערעהרערין.

און דאך האט ער זיך געפיהלט אין איהר געגענוואַרט ווי דערשלאָגען און איז נישט געווען דרייסט צו זאָגען איהר דאָס, וואָס ער האָט איהר שוין אזוי לאנג געוואָלט זאָגען...

זי האט געלעזען זיינע ווערק און האט איהם געקענט און פערשטאַנען: געוואוסט אלע פערלאנגען זיינע, אלע זיינע שטי־מונגען, האָפנונגען און ענטטוישונגען.

ער האט געלעזען איהרע אויגען. צוויי שווארצע אויגען, שטענדיג אָפענע, ריינע, שפּיגעלדיגע. און דאך האָט ער קיינ־מאָל נישט געקענט דורכלעזען דאָרט קיין איין וואָרט וועגען איהר.

וואס טראכט זי, וואס וויל זי און ועמען האָט זי ליעב?

דער עיקר — וועמען האָט זי ליעב, זיין פערעהרערין?...

איינמאָל, שפּאַצירענדיג מיט איהר ווייט, הינטערן שטאָדט ארויס, האט ער זי פּלוצלונג, ווי דערשראָקען פון זיין אייגענער דרייסטקייט, א פרעג געגעבען:

— וועמען האט איהר ליעב און וועמען וואָלט איהר געקענט ליעב האָבען?

די פערעהרערין האָט איהם אָנגעקוקט, א שמייכעל געטהאָן און געענטפערט:

— ליעב האָב איך נאָך קיינעם נישט...

דעם שריפטשטעלערס געזיכט איז העלער געוואָרען, אין

זיינע אויגען האָט זיך א גלאַנץ בעוויזען, ער איז נאָך דרייסטער געוואָרען און מעהר געפרעגט:

— און ווער איז אייער אידעאל?

— מיין אידעאל? — האָט זי איבערגעפרעגט און זיך פערטראַכט, — מיין אידעאל? אין לעבען האָב איך איהם נאָך נישט געטראָפען.

— און וואו יאָ? — האָט דער שריפטשטעלער, אראָבפאַלענדיג ביי זיך, ווידער געפרעגט.

— אין בוך... — האָט זי געלאַכט. — אויב איהר ווילט וויסען, געפעלט מיר שטארק העראָמאַן פון אייער ערצעהלונג „דער פאַנטאַזיאָר“ — א ליעבעס־ווירדיגער טיפּ...

דער שריפטשטעלער האָט אויף איהר מיט א פאָרוואורף א בליק געטהאָן און שוואַך געענטפערט:

— אַט דער נארישער העראָמאַן? אַך מיין גאָט! איך וואָלט אויף אייך קיינמאל נישט געגלויבט...

זי האָט געשמייכעלט און גאָרנישט געענטפערט.

קומענדיג אהיים, האָט דער שריפטשטעלער גענומען זיינע ווערק, אויפגעמישט די ערצעהלונג „דער פאַנטאַזיאָר„ און זיך גענומען לעזען.

העראָמאַן האָט ערשיינט פאַר זיינע אויגען ווי לעבעדיג, ווי זיינער א בייזער פיינד!

— אַ. דו! — האָט דער שריפטשטעלער געשריגען פאַר ווילדען כעס, — דו האָסט זיך מיר אין וועג געשטעלט, דו, נעמיינער, נאַרישער יונג!

ער האָט געקלאַפּט מיט'ן פויסט איבער די בוכשטאַבען, וואָס בעטייטען העראָמאַן און געשריען:

— אַה, ווען איך קען דיר טויטען! ווען איך קען דיך טויטען!

די בוכשטאַבען האָבען געטאַנצט און בייז אויסגעלאַכט פון זייער שעפער...

בעצאהלטע טעכטער.

דער ערשטער איז געקומען קיין ניו־יארק זרח. דאס איז געווען א בחור פון א יאהר עטליכע און צוואנציג, א שעהנער, א הויכער און א שלאנקער, מיט גרויסע, ברוינע אויגען און לאנגע, דונקעלע ברעמען. די ערשטע צייט האט ער שטארק געבענקט נאכ'ן אלטען שטרענגען טאטען, נאך דער אלטער, גו־טער מאמען, און נאך די פיער שוועסטער, וועלכע ער האט אי־בערגעלאזען אין דער היים, אין א ליטווישער שטאדט, אין גרויס נויט. פון דער היים נישט קיין ארבייטער, האט ער דאך זיך גענומען גלייך צו זוכען ארבייט. אנפאנגס האט איהם זיי־נער א פריינד, וועלכען ער האט אפגעזוכט אין עטליכע טעג ארום נאך זיין קומען אהער, געראטען זיך צו נעהמען צו אבי וועלכער ארבייט, ער זאל נאר ווי עס איז דורכשטופען די ערש־טע גרינע מאנאטען און נאכדעם וועט ער שוין קענען געפינען דאס, וואס עס וועט זיך פאסען מעהר פאר איהם. אזוי האט זרח ביסלעכוויין, איבערגעהענדיג פון איין ארבייט צו דער צווייטער, זיך ארויפגעארבייט ביז צעהן דאלאר א וואך.

פון די דאזיגע צעהן פלעגט ער שיקען א היים דריי. ווי־סענדיג אז פון די דריי ווערט דארטען זעקס, פלעגט זיין הארץ זיך אנפילען מיט שטילער אבער ליכטיגער פרייד. ווען ער קען זיי שיקען נאך צוויי דאלאר מעהר, וואלטען זיי שוין דארטען געקענט לעבען ווי די גראפען. מיט צעהן רובעל א וואך וואלט ער זיי שוין פערזארגט מיט אלעם, און דער שטרענגער, שטענ־דיג אנגעכמורעטער טאטע וואלט אפשר אויך די עלטערע יאהרען אמאל אויך א שמייכעל טהאן. און ביים געדאנק, אז דער טאטע

וואָלט געשמייכעלט, דערפיהלט זיך זרח ווי ער איז אין דער היים, אין הויז איז ריין אויפגערואמט, אויפ'ן טיש ליעגט א סער־וועט, אַלע זיצען ארום טיש, דער טאַטע אויבענאַן, שניידט א קלאָרע גרויסע חלה און טיילט אויס אַלעמען המוציא'ס און שמייכעלט.

אָבער באַלד ערוואכט זרח פון דעם חלום. מיט זיעבען דאָ־לאַר איז איהם אויך שווער אויסצוקומען, בפרט נאָך מיט פינף. און ער האָפט, אז שפּעטער וועט ער אפשר זיך ארויפארבייטען און קאָנען העלפען די היימיגע פון דער פולער האנד.

און דערווייל האָט זיך זרח געטרייסט מיט די ליעבע בריוו־לעך פון דער היים, וועלכע זיינען געווען געשריבען אין דער פאָלגענדער אָרדנונג: די ערשטע עטליכע ציילען זיינען פון טאַ־טען, די ערשטע שורה אין לשון קודש, כדי עס זאָל אויסקומען אביסעל טרוקען. לאהובי בני איז פּאַרט גיט צו מיין ליעבען זוהן. ווי קען עס אַן אלטער טאַטע זיך מאכען נאריש און רופען זיין בחור'ל „מיין ליעבער“ — אין לשון קודש לעזט זיך עס שוין בעסער. לאהובי בני איז פּאַרט קעלטער. די אנדערע ציילען זייי־נען שוין גאָר טרוקען, ווי פון אַן אלטען בריפענשטעלער. דערפאַר אָבער די מאמע, זי שעמט זיך שוין ניט און שרייבט: מיין ליע־בער און טייערער זוהן, און א גאנצע מגילה פון דעם לעבען אין וועגען די זעקס רובעל, און וועגען די פיער טעכטער, וועלכע זיינען שעהן ווי די בת־מלכה'ס און וועלכע דארפען האָבען חתנים, ווען מען זאָל נאָר האָבען אויף גדן פאר יעדערער און אויסשטייערם...

און נאָכדעם קומען שוין קורצע, אבער הארציגע גרוסען פון די שוועסטער, און אלע איין נוסח: מיין ליעבער ברודער, וועלען מיר זיך אמאָל זעהן?...

ביז עס איז איינמאָל אָנגעקומען א בריעף, אז דער טאַטע איז זעהר קראנק און קען איצט אליין ניט שרייבען, און גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

א צווייטער בריעף האָט שוין געמאָלדען וועגען קדיש זאָ־
גען...

דער שטרענגער אבער אמת'ער גוטער טאַטע איז געשטאָר־
בען. דאָ האָט זיך זרח דערפיהלט, אז ער האָט אויף זיך א פליכט
איבערצונעהמען די ראָליע פון טאַטען. עס איז געבליבען אַן
אַלטע מאַמע מיט פיער טעכטער.

ברענגען אהער אַלע מיט אמאָל איז אונמעגליך. הלואי קען
ער אראָבברענגען דער מאַמען מיט די עלטערע שוועסטער. און
נאָכדעם וועט מען שוין זעהן.

און דער יונגער זרח האָט גענומען זאָרגען וועגען צוויי
שיפסקארטען: פאר דער מאַמען און פאר דער עלטערער שוועס־
טער.

אין שאָפּ איז זרח געוואָהר געוואָרען, אז עס איז דאָ א
יונגערמאַן, וואָס קריגט טיקעטס צום אויסצאָהלען. מען דאַרף
איהם בלויז געבען צעהן דאָלאר האנד־געלד, גיט ער גלייך א
שיפס־קארט און ברענגט דיר אראָב וועמען דו ווילסט.

די איבעריגע סומע צאָהלט שוין אויס די פּערזאָן, וואָס
קומט צו פאָהרען, ווען זי הויבט אָן צו ארבייטען...

און אויף אזא אופן האָט זרח זיך אָנגעטאָן א כוח, בע־
קומען פאר צוואנציג דאָלאר צוויי שיפסקארטען און האָט אראָב־
געבראכט אהער די מוטער און איין שוועסטער.

דער אגענט, א יונגערמאַן פון נידעריגען וואוקס, פלעגט
יעדע וואָך קומען נאָך די צוויי דאָלאר.

זעהענדיג, אז זרח צאָהלט פּינקטליך, און ערפאהרענדיג
אז אין דער היים זיינען נאָך דאָ דריי שוועסטער, האָט דער
אגענט פאָרגעשלאָגען נאָך א טיקעט פאר נאָך א שוועסטער.

— וועט איהר צאָהלען נאָכדעם דריי דאָלאר וועכענטליך!
האָט דער אגענט, וועלכער איז שוין געווען א שטיקעל בן־בית
ביי דער האלבער פאמיליע, זיי בערוהיגט.

אין א צוויי מאָנאַטען ארום איז געקומען די מיטעלסטע

שוועסטער. די אלטע מוטער האָט געפיהרט דאָס הויז, און זרח מיט די צוויי שוועסטער האָבען געארבייט און געצאָהלט פינקט־ליך די דריי דאָלאר א וואָך.

און כאָטש דער חוב איז נאָך געווען גענוג גרויס און עס האָט נאָך געדארפט דויערען לאנגע מאָנאטען איהם אויסצו־צאָהלען, האָט דער אגענט פאָרגעשלאָגען נאָך א שיפסקארט פאר דער שוועסטער, וואָס איז אונטער דער אינגסטער; אז מען צאָהלט דריי דאָלאר וועט מען שוין צאָהלען פיער דאָלאר א וואָך.

ביז וואנען אין יוראָפּ איז געבליבען די אינגסטע שוועס־טער ערגעץ ביי א פעטער.

די אלטע מוטער האָט אלע ווייילע געזיפצט:

— ווען איך האָב שוין דאָ חנה'לען, וואָלט איך שוין נאָר ניט געזאָרגט.

און דאָך האָט מען זיך ניט געאיילט מיט דער שיפסקארט פאר חנה'לען. עס האָט אויסגעזעהן, אז די אריבערגעקומענע פאַמיליע וויל ניט אינגאנצען אָברייסען מיט יוראָפּ און חנה'לע וועט זיין דער מאַגנעט, וואָס זאָל זיי רופען צוריק אהיים.

און ווי לאָזט מען דאָרטען דעם אלטען איינעם אליין ליעגען אויפ'ן בית־עולם, עס זאָל אפילו ניט זיין ווער עס זאָל קומען איין מאָל א יאָהר אויף זיין קבר?

און דערצו איז די צייט ערגער געוואָרען. זרח האָט פער־לאָרען זיין אלטען פלאַץ און א לענגערע צייט קיין ארבייט ניט געפונען. די „שטוב" האָבען געפיהרט די דריי שוועסטער, וועלכע האָבען אויך ניט אלע שטענדיג געהאט ארבייט.

און דאָ קומט דער אגענט פינקטליך יעדע וואָך, מאָנטאג א זייגער זעקס, ווען מען זיצט ביים אָרימען סאַפּער, און נעהמט צו די פאָר דאָלאר.

— וועלען מיר אמאָל פּטור ווערען פון דעם דאַזיגען! מינ־שען! — פלעגט אויסזיפצען די אלטע. — ער ליעגט מיר שוין אָט דאָ א!

און זי פלעגט אנווייזען מיט איהר אלטער אדערדיגער האנד אויפ'ן הארצען.

די מיידלעך פלעגען זיך נעהמען חשבונ'ען ווי פיעל מען דארף נאך איהם צאהלען. דער חשבון איז געווען זעהר פער־פלאנטערט און עס האט זיך זיי גענומען דאכטען, אז פון דעם דאזיגען אגענט, וועלכער איז בטבע נישט קיין שלעכטער מענש, וועלען זיי קיינמאל נישט פטור ווערען.

און אט איז געקומען א וואך, פון וועלכער עס איז גאר נישט געבליבען. דער „גראסערי מאן" און דער „לענדלארד" האבען ווי צוויי רויבער צוגענומען ביז א פעני. דער אגענט איז געקומען מיט'ן זעלביגען „גוד־איוונינג" זיך אוועקגעזעצט מיט'ן זעלבען שמייכעלע אויפ'ן גוטען פנים און געווארט.

די אלטע האט זיך אנגענומען מיט מוט:

— דאס מאל וועט איהר אונז מוזען אפלעגען אויף קינפ־טיגע וואך... מיר האבען נישט.

די עלטערע שוועסטער האט פון איהר זייט צוגעגעבען:

— נעקסטע וואך וועט איהר זיכער בעקומען. „פאר שור!"

און זרח האט אויך געפונען פאר נויטיג צו פערשטארקען די פערשפרעכונג:

— נעקסטען מאנטאג בעקומט איהר...

— הייסט עס — אכט דאלאר...

די דאזיגע סומע האט זיך דורכגעטראגען אין צימער, וואו זיי זיינען אלע געזעסען, ווי א דונער. ניט וועלענדיג בלייבען קיין ליגנער האט זרח א מורמעל געטהאן: אכט ניט אכט — איבער אכטאג מאנטאג אם ירצה השם.

דעם דאזיגען אם ירצה השם האט ער אויסגערעדט ווי זיין טאטע, וועלכער פלעגט אין שלעכטע צייטען, נישט קענענדיג אבצאהלען א חוב, אזוי נכנע'דיג מבטיח זיין.

און זרח האט זיך דערמאהנט אן דעם טאטען, וואס איז גע־בליבען ליגען איינער אליין אויפ'ן בית עולם, און נאכדעם אן

דער לעבעדיגער אינגערער שוועסטער, און האָט געטראַכט:

— ווען מיר קענען איצט בעקומען פינף שיפּסקאַרטען וואָלט מען אפשר גאָר געפאָהרען צוריק.

אָבער צוריק איז שוין קיין וועג נישט געווען און מען האָט דער אינגסטער שוועסטער, חנה'לען, פאַרט געמוזט ברייננגען אהער.

נישט קוקענדיג אויף די לעצטע, נישט פּינקטליכע צאָהלונ־גען, האָט דאָך דער אגענט צוליעב פּרנסה, געריזיקירט נאָך א שיפּס־קאַרט: די פאַמיליע איז דאָך פאַרט אַן עהרליכע, האָט ער זיך אליין געטרייסט. א סך אזעלכע קאַסטימער האָט ער נישט.

און אויסער דעם איז איהם דאָס דאָזיגע הויז טייער גע־וואָרען. ער האָט זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלען, אז עס וועט אמאָל קומען א מאָנטאג ווען ער וועט אהער שוין ניט דאַרפען קומען.

איהם האָט זיך געדאכט, אז נאָכ'ן דאָזינען הויז וועט ער בענקען.

ענדליך איז געקומען חנה.

דאָס איז געווען א בלאָנדע מיידעל פון צוואַנציג יאָהר. לויט'ן חשבון פון דער מאַמע'ן, און נייִנצעהן, לויט'ן חשבון פון די איבריגע אין הויז. זי אליין האָט זיך אָבער געהאַלטען פאַר א קינד. נישט קוקענדיג, וואָס זי האָט, זייענדיג דאָרטען אליין, א סך איבערגעלעבט, איז זי געווען די ערשטע טעג נאָך איהר קומען פרעהליך און איז ניט מיעד געוואָרען צו דערצעהלען מעשיות און אַנעקדאָטען פון דער היים.

דעם נעקסטען מאָנטאג איז ווייעדער געקומען דער אגענט. די מוטער האָט זיך אָנגערופען:

— ווייסט, חנה'לע, אַט דער יונגער מאַן האָט דאָס געגע־בען די שיפסקארט. דו וועסט מוזען זעהן ארבייטען און אליין אויסצאָהלען. מיר צאָהלען איהם שוין פינף דאָלאר א וואָך.

חנה'לע האָט געוואָרפען א קינדישען אבער דורכדרינגענדען בליק אויפ'ן אגענט און קינדיש־בייזליך אויסגערופען:

— וואָס וועט ער מיר טהאָן, אז איך וועל איהם נישט צאָהלען?

און דיט זיך גליך צולאכט...

דער אגענט האָט זיך פערלאָרען, האָט תמ'עוואטע א שמייכעל געטהאָן און געענטפערט:

— וועל איך נעהמען אייך פאַר א משכון...

אלע אין הויז האָבען זיך ווי פערלעגען איבערגעקוקט. נאָר זרח האָט זיך געפונען, און ווי בעשטראהלט פון אן אידעע, האָט ער זיך אָנגערופען:

— וואו וועט איהר זי הינטהאָן?... אייער פרוי וועט דאָך אייך אָנקלאָגען פאַר קידנעפען א מיידעל...

— מייז פרוי? — האָט דער אגענט מיט א גליקליכען שמייכעל צוריק געוואָרפען — איך האָב נישט קיין פרוי, איך בין גאָט צו דאנקען א פרייער.

— איהר זייט נאָך „צינגעל"?... האָט די אלטע מוטער ווי פער'חדוש'ט איבערגעפרעגט.

— געוויס בין איך סינגעל — האָט דער אגענט ווי בע־ליידיגט געענטפערט, — וואָס מיינט איהר, ווי אלט בין איך?

די הויזיגע האָבען זיך גענומען שאצען, ביז וואנען חנה'לע האָט אויסגעשאָסען:

— א יאָהר פערציג! — און האָט זיך צולאכט.

— איך וועל אייך געבען — פערציג! — האָט דער אגענט בייז געדרעהט מיט'ן פינגער.

די מוטער האָט געמוזט מאַכען א פשרה:

— זי איז א יונגע ציג — פרעג איהר בחרם! איהר מוזט זיין אלט א יאָהר עטליכע און צוואנציג.

— זעקס און צוואנציג! — האָט דער אגענט מיט א נאַרישען ערנסט ארויסגעזאָגט, און עס האָט זיך געפיהלט ביי אלץ אין הויז, אז דער אגענט האָט אראָבגעכאַפּט א צוויי־דריי יאָהר, אויב ניט די גאנצע פיער...

דאָס געשפּרעך האָט זיך שוין ווייטער נישט געקלעפּט. די דריי עלטערע שוועסטער זיינען ארויס אין צווייטען רום. געבליבען איז זרח, די אלטע מוטער און חנה.

נאָך א קליינעם שווייגען האָט זרח זיך אָנגערופען:

— קומט נעקסטען מאָנטאג און מיר וועלען זעהן איינאָרדנען די נייע צאָהלונגען. מיר האָפען, אז חנה וועט שוין די טעג אָנהויבען ארבייטען.

דער אגענט האָט אויף איהר א קוק געטהאָן און, ווי פון זיך אליין, קענען זיין ווילען, ארויסגעמורמעלט:

— אַזאַ שעהנע מיידעל איז גאָר א שאָד צו שיקען אין שאָפּ.

און זאָגענדיג א גוט־נייטה, קוקענדיג אויף חנה'ן, איז ער ארויס.

דעם קינפטיגען מאָנטאג איז ער געקומען אין א נייעם אנצוג, א פריש־געראזירטער און האָט אויסגעזעהן גאָר נישט ווי דער פריהערדיגער אגענט. ער האָט אלע ווייל געהאלטען די האנד אין טאַש און געוואָלט פון דאָרט עפּעס ארויסנעהמען, אבער ער האָט נישט געוואגט.

ענדליך האָט ער געפאסט מוט און דאָך ארויסגענומען. דאָס איז געווען א קעסטעלע קענדי.

— דאָס איז פאר אייך! איהר זייט א נאַסט!

און האָט דערלאנגט חנה'ן.

חנה האָט זיך איבערגעקוקט פריהער מיט זרח'ן, נאָכדעם מיט דער מאַמען און באַלד מיט די דריי שוועסטער, און האָט אויסגעשאָסען א געלעכטער:

— וואָס איז דאָס ?

די מוטער האָט ווידער געמאַכט א פּשרה.

— דאָ איז אזא מאָדע, מען ברענגט קענדי.

— וואָס איז דאָס קענדי ? — איז שוין חנה'לע ערנסט געוואָרען און האָט זיך געשטויסען אויף עפּעס זעהר אינטערע־סאַנטעס און פערוויקעלטעס...

— קענדי איז צוקערליך...

— וואָס בין איך א קינד ? — האָט זי זיך גע'חרוש'ט...

— איהר זייט א גאַסט — האָט דער אגענט געשמאָמעלט.

באַלד איז זרח צוגעגאַנגען צום תוך:

— מיר וועלען מאַכען א חשבון: מיט חנה'ס שיפסקאַרט טרעפט אַן אונזער חוב נאָך הונדערט פופציג דאָלאַר... וועלען מיר דאָס מאַכען אויף דריי דאָלאַר א וואָך...

— גע'פּועל'ט — האָט דער אגענט גלייך מסכים געווען, און געקוקט אויף חנה'לען.

די מוטער האָט זיך אריינגעמישט.

— די הוצאה ווערט גרעסער, אפשר וואָלט דער הערר גע־מאַכט אויף צוויי דאָלאַר א וואָך, ביז וואַנען חנה'לע וועט אָנהוי־בען צו ארביימען ?...

דער אגענט האָט פערלעגען זיך פערטראַכט. ער האָט גע־וואָלט געהן נאָך ווייטער: א דאָלאַר א וואָך, וועט ער קענען געהן אהער נאָך דריי יאָהר און זעהן חנה'ן. ער האָט עס אבער נישט געוואַגט דייטליך עס צו זאָגען. ער האָט בלויז געשטאַמעלט:

— עס איז אָל רייט ! עס איז אָל רייט !

און ער איז שוין געבליבען זיצען און טרינקען א גלאָז טיי...

* * *

אבער קיין דריי יאהר האט ער נישט געדארפט געהן. אין דריי וואכען ארום נאך די קענדי האט ער געבראכט אין טאש א רינגעלע.

נאך א קורצען אויספרעגען די הויזיגע, און ערפאהרענדיג אז חנה האט נאך אליין קיין ארבייט נישט, האט ער זיי געטרייסט און געזאגט:

— איך האב היינט געקויפט א מציאה — א שעהן רינגעלע. אויב איך מעג מיך ערלויבען, וואלט איך עס געשענקט חנה'ן.

חנה'ן איז דאס רינגעלע זעהר געפעלען געווארען. זי האט איהם אנגעמאסטען און ער איז שוין געבליעבען אויף איהר שעהנעם ראזעווען פינגער.

און ענדליך האט חנה'לע אויסגעקויפט איהר מוטער, ברו־דער און איהרע שוועסטער פון דעם אנענט און זיי זיינען גע־ווארען מיט איהם קווית.

איצט קומט ער אלע טאג, אבער נישט נאך דעם חוב, נאר נאך חנה'לען. ער נעהמט זי אויס אין די שעהנסטע פלעצער. מען שמועסט, אז דער „באי" פערמעגט ביי א דריי טויזענד דא־לאר — א גאלדענער שדוך!...

אין אויטאמאביל.

(ניו־יאָרקער ערצעהלונג)

אויסצולערנען איהר „טרייד“ איז ליזען אָנגעקומען זעהר שווער. עס איז געווען א טרייד, וואָס צאָהלט זיך אָם בעסטען און ליזע האָט אָנגעווענדט זאָגאר בלאָף־מיטלען, אבי די דאָזיגע ארבייט אויסצולערנען. אריינקומענדיג אין שאפ און נאָך דער ערשטער פראגע פון באָס, וואָס קען זי ארבייטען, האָט זי מיט א געמאכטער רוהיגקייט אין טאָן געענטפערט:

— איך בין א „דרייפערין“!

קיין דרייפערין איז זי אבער דעמאָלט ניט געווען און זי האָט זיך בלויז פערלאָזען אויף איהרע פעהיגקייטען. זי וועט שטעהן און נאָכקוקען ווי מען ארבייט און זי וועט אזוי שטי־לערהייט נאָכארבייטען.

אין דעם ערשטען שאפ האָט מען זי אויפ׳ן צווייטען טאָג געכאפּט:

— דו ביזט אזא דרייפערין, ווי איך בין א טענצערין — האָט איהר די פאָרליידי קריטיקירט. און זי האָט דעם פלאַץ גלייך פערלאָרען.

בעקומען אבער פאר׳ן טאָג ארבייט האָט זי פונקט ווי א דרייפערין: דריטהאלבען דאָלאר. ליזען האָט הנאה געטהאָן, וואָס איהר איז געלונגען אזוי אָבצונארען א באָס. זי האָט אָן איהם ווי געזעהן א נקמה. מעהר אָבער האָט איהר געפרעהט די דריט־האלבען דאָלאר, מיט וועלכע זי קען לעבען עטליכע טעג און דער־ווייל זוכען א נייעם פלאַץ און טאקע ווידער אלס דרייפערין...

אויפ׳ן צווייטען פלאַץ האָט זי שוין אָבגעארבייט צוויי טעג. געכאפּט האָט מען זי ערשט אויפ׳ן דריטען טאָג. דעמאָלט

האָט זי שוין אין דער נייער ארבייט געהאַט א שטיקעל בעגריף און אז די פאַרליידי האָט זיך אויף איהר ארבייט געקרימט, האָט ליזע זיך איינגעשטעלט און גע׳טענה׳ט מיט קוראזש:

— איך בין א דרייפערין!

געהאָלפען האָט דאָס איהר אפילו ניט. דעם פּלאַץ, ווי גע־זאָגט, האָט זי פערלאָרען, בעקומען אָבער האָט זי געהאלט פאר צוויי מיט א האלבען טאָג איבער פינף דאָלאר און דערצו האָט זי שוין איהר נייעם פאַך באלד אויסגעלערנט. זי דארף נור א פּאָר באַסעס אָבצונארען און ענדליך וועט זי ווערען א ריכטיגע דרייפערין און וועט פערדיענען ביז פופצעהן דאָלער א וואָך.

און א מוטיגע פלעגט זי אלע אין־דער־פריה אויפשטעהן און זוכען א נייעם פּלאַץ, און טאקע נאָר אלס דרייפערין. און אויף אַזאַ אופן האָט זי איהר פאַך גוט אויסגעלערנט און איז גע־וואָרען באלד איינע פון די בעסטע ארבייטערינס.

ליזע איז געווען נאָך יונג און שעהן, און ניט נאָר די פאָר מענער פון שאָפּ פלעגט זי געפעלען, אפילו די פאַרליידיס האָבען איהר ליעב געהאט. ארבייט פלעגט מען איהר אויסטיילען די לייכטערע, אין דער באָס, וואָס פלעגט עטליכע מאָל ארייננקו־מען אין שאָפּ געוואָהר ווערען די ארבייט, האָט ניט איינמאָל געוואָרפען אויף ליזע׳ן א פריינדליכען בליק...

ליזע האָט געמערקט, אבער זי האָט זיך געמאַכט ניט זעהענ־דיג. די באַסעס, מעגען מאַנכע פון זיי זיין יונג און שעהן, האָט זי ניט געגליכען. געשטאַמט האָט זי פון א רייכער אידישער יחוס־פאמיליע אין פוילען און זי האָט ניט געקענט פערטראָגען די האלטונג פון די אויפגעקומענע גראָבע מענשעלעך... געוואוסט האָט זי, אז ווען זי וואָלט איינעם פון זיי בלויז א פריינדליכען שמייכעל געשענקט, וואָלט זי אפשר פערשפּאָרט צו ארבייטען, און אנשטאט אויסצוארבייטען א טאָג עטליכע און צוואנציג קליידער אויפ׳ן פיגור, וואָלטען פאר איהרע אַנדערע מיידלאַך.

די עלטערע און די מאוס'ערע, אויסגעארבייט קליידער. וואס זי וואלט זיי אליין געטראגען...

אבער אזוינס פאלט איהר אפילו ניט איין! פערקויפען קען זי איהרע הענד, אבער ניט איהר שמייכעל. איהם האלט זי פאר א פריינד, וועלכער וועט אמאל קומען. ער איז א הויכער, א בלאסער, מיט גרויסע שווארצע אויגען. זי קען איהם שוין אין געדאנק עטליכע יאהר, זי זעהט איהם אין חלום און אויפ'ן וואהר...

עס איז נאר א שאד, וואס די שעהנסטע יאהרען געהען אוועק אין שאפ. א דרייפערין איז אפילו א גוטע ארבייט, אבער לייכט איז עס ניט. א גאנצען טאג מוז מען שטעהן מיט א פר־לען מויל מיט שפילקעס און שפילעווען די רייכע קליידער, וואס הענגען אויף די אונבעוועגליכע פיגורען.

אבער זי וועט דאך אמאל דערפון בעפרייט ווערען. דער הויכער, בלאסער יונגער מאן מיט די שווארצע גרויסע אויגען און ליעבען שמייכעל ארום די שעהנע ליפען, וועט דאך אמאל קומען און וועט זי בעפרייען פון שאפ, פון באס, פון דער פיגור און פון די שפילקעס!...

שלעכט איז בלויז, ווען אין לאנד ווערט א קריזיס און עס איז שווער ארבייט צו קריגען. די ערשטע פאר וואכען האט זי נאך אביסעל געלד און זי רוהט זיך אב. זי געהט אפילו יע־דען טאג זוכען, אבער ניט מיט אזא חשק. ארייגגעהענדיג אין אפיס און פרעגענדיג אויף ארבייט, ווינשט זי טיעף אין האר־צען, אז מען זאל איהר אבזאגען. זי האט נאך עטליכע דאלער און זי קען נאך אויסהאלטען. אז די פאר דאלער אבער געהען איהר אוים, זוכט זי שוין ארבייט מיט מעהר ענערגיע. זי קומט צום שאפ די ערשטע, כדי די פיעלע אנדערע מיידלעך, וואס

זוכען ארבייט, זאָלען איהר ניט אויסכאַפּען. שווער איז אבער אין א קריזיס־צייט זיין די ערשטע. ווי פריה זי זאָל ניט אויפשטעהן, זיינען דאָך דאָ מיידלעך, וואָס שטעהען אויף נאָך פריהער. זי איז שוין א פּאָר מאָל געווען דאָס פערטע, איין מאָל די דריטע, אבער די ערשטע איז זי נאָך קיינמאָל ניט געווען..

נאָר עס העלפט ניט און קריזיס־צייט צו זיין די ערשטע. מען נעהמט דעמאָלט קיינעם ניט צו. און די אלע מיידלעך, מיד פון שטעהןביין שאַפּ, ניט אויסגעשלאָפענע, לאָזען זיך צום נאָהענסטען דעפּארטמענט־סטאָר, וואו זיי רוהען זיך אביסעל אוים אין גרויסען זאַל פאר די געסט.

אָבער ניט שטענדיג איז די דעפּארטמענט־סטאָר נאָך אָפען. דאָס רוב קומט אוים צו ווארטען אונטען ביז מען עפענט אויף. דער געשעפטס־פיהרער, וואָס שטעהט אונטען, איז אבער העפליך צו דעם דאָזיגען מין קאָסטימער; ער לעגט זיי פאָר שטורלען צו זעצען זיך. איהם געהט גאָר ניט אָן, וואָס זיי זיינען אלע ארבייטאָרינס, און די אלע שעהנע סחורות, וואָס געפינט זיך אין די אונגעהייער פיעלע אָבטיילונגען, איז ניט פאר זיי. ער וויים איין כלל: מענשען העפליך צו בעהאנדלען! און דעם זכות פון דעם ביזנעס־כלל געניסען די ארבייטסלאָזע מיידלעך און רוהען זיך אביסעל אָפּ.

ליזע האָט די דאָזיגע דעפּארטמענט־סטאָר זעהר ליעב. דאָ איז אזוי פיעל רייכקייט און ברייטקייט. זי שעמט זיך יור, וואָס זי קומט אהער ניט אלס קויפערין, נור אלס איינע פון די ארבייטסלאָזע. און נאָכדעם, ווי זי רוהט זיך אָפּ אין דעם גרויסען זאַל און מאכט דאָרט איהר טואלעט, וואָס זי האָט, איילענדיג זיך, אין דער היים ניט געמאכט, געהט זי אראָפּ אמאָל אין א מאנכער אָבטיילונג פון ביליגע וואַארע און גיעט צו לייזען עטליכע סענט... און זאָל עס ניט הייסען, אז זי איז אויך אַן ארבייטסלאָזע מיידעל, וואָס איז בלויז ארויף אָבצוזוהען זיך און די האָהר צו פערקאַמען...

און אז געהען אוועק נאָך אַ פּאָר וואָכען און קיין ארבייט איז אלץ ניטאָ, ווערט ליזע פערצווייפעלטער. זי קויפט איידער זי געהט שלאָפען פערשיעדענע צייטונגען און זוכט די אבטיי־לונג, וואו מען פערלאנגט דרייפּערינס...

אָבער אלע פּייפּערס האָבען די דאָזיגע אבטיילונג אויסגע־שלאָסען...

איהר טרייד, וועלכען זי האָט אזוי קונציג אויסגענארט פון די שעפּער, איז שוין ווי פערלאָרען.

און ליזע בעשליעסט, אז זי וועט דערוויייל זיך נעהמען צו אן אנדער ארבייט. זי דערמאָהנט זיך דאָס ערשטע יאָהר, ווען זי איז אהער געקומען, דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר זעקס צוריק, האָט זי געארבייט ערגעץ אין דאָן־טאַון ביי קעסטעלאָך, און האָט גענומען צוויי דאָלער אַ וואָך... זי איז דעמאָלט אלט געווען זעכ־צעהן יאָהר און איז געווען דערמיט זעהר גליקליך. געוואוינט האָט זי דאמאָלס ביי איהרע אַ טאַנטע, 30 בלאָק פון שאָפּ, און זי פלעגט געהן צו פוס הין און צוריק..

זי זוכט אין די פּייפּערס, פון נייגעריגקייט וועגען, אזא מין פּלאַץ. עס וואָלט פאר איהר געווען ווי אַ גרוס פון איהר ערש־טען יאָהר אין ניו יאָרק. אָבער דאָס זוכען איז אומזיסט. קיין קעסטעלאָך מאכט מען שוין ניט מעהר. זי וואָלט נאַטירליך איצט פאר צוויי דאָלער אַ וואָך נישט געארבייט, אבער טשיקאַווע איז דאָך צו וויסען, וואו איז איצט אהינגעקומען די דאָזיגע קעס־טעל־פאבריק!... זי האָט שוין אפילו פערגעסען אויף וועל־כער סטריט דאָס איז געווען...

איינמאָל זיינען פערגאנגען לאנגע וואָכען און קיין ארבייט האָט ליזע ניט געפונען.

די מיסעס, וועלכע איז צו איהר שטענדיג פריינדליך געווען, האָט ענדליך אויף איהר אָנגעהויבען קוקען קרום...

א נארישע מיסעס! — האָט ליזע גע‍לאכט אין געדאנק — צוליעב אכט דאָלער, וואָס זי איז איהר שולדיג פאר דירה־געלד ווערט זי ברוגז און אויסער וואָס זי בעט געלד, רעדט זי מיט איהר ניט קיין צוויי ווערטער.

אָבער ליזען ארט ניט, וואָס די מיסעס רעדט מיט איהר ניט. קיין גרויסע חכמה איז די מיסעס ניט געוועזן אין די בעסטע צייטען, בפרט דעמאָלט, ווען זי איז ברוגז. איהר נארישער נאָז קוקט נאָך אויס נארישער, און איהרע קליינע אויגען זיינען נאָך קלענער געוואָרען. זי זשמורעט זיי אזוי, אז עס דאכט זיך, אז באלד ווערט זי בלינד...

— כי־כי־כי — לאכט ליזע פון איהר אין געדאנק. אז זי וועט איהר זיין שולדיג פאר נאָך א מאָנאט, וועט זי שוין גאָר צומאכען די אויגען...

ניין! בעשליעסט ליזע פעסט — זי מוז וואָס גיכער בעקומען א דזשאב...

זי איז ערשט די לעצטע טעג געפאלען אויף א פּלאן ־נישט צו זוכען אין די פּייפּערס דוקא די אדווערטייזמענטס, וואו מען פערלאנגט „הענד". אויסער „הענד" ווערען געזוכט אין פּיעלע אבטיילונגען גאנצע מענשען אויך...

אָט זוכט א רייכע לידי אין ריווערסייד דרייוו א געזעלשאפטס־לידי צו פאָהרען מיט איהר אין קאליפאָרניע... נאטירליך, דאָס איז ניט פאר ליזען... יענע זוכט אויסדריקליך א געבילדעטע פריילין, און ליזע האלט זיך פאר ניט געבילדעט, כאָטש ענגליש לעזט זי ניט שלעכט, אבער געבילדעט הייסט עס ניט...

אָט זוכט מען אן אם... ליזע ווערט רויט און צולאכט זיך...

אָט זוכט א דענטיסט א יונג מיידעל אויפצונעהמען פאציענטען...

דאָס איז שוין דוקא ביים וועג... ווערט ליזע ערנסט און בלייבט שטעהן לענגער אויף דער קורצער אנאָנס...

זי וועט מאָרגען גאַנץ פריה אויפשטעהן און וועט טאַקע געהן צום דענטיסט... שפּעטער קען זיין וועט ער איהר פּלאָמבי־רען א פּאָר צייהענר, וועלכע זיינען איהר די לעצטע צייט קאַ־ליע געוואָרען און טהוען איהר איצט וועה...

זי ווייס נאָר ניט ווי ווייט זי וועט האָבען צו געהן. געהן וועט זי מוזען, ווייל קיין ניקעל אויף קאַר־פעיר האָט זי שוין ניט פון א פּאָר טעג... א גליק, וואָס זי האָט נאָך קרעדיט אין גראָסערי סטאָר און באָרגט זיך דאָרט אַלע טאָג א פּאָר זעמעל מיט פּוטער צום עסען... קעש קען זי שוין דאָרט ניט באָרגען...

אָבער עס שאַדט ניט, זי וועט „וואַקען". דער דענטיסט וואוינט אפילו אין דער וועסט־סייד, אבער מעהר ווי צוויי שטונ־דען קען דאָך ניט דויערן, ווי ווייט עס זאָל ניט זיין! אין דער פריה איז נאָך ניט שטאַרק הייס.. .זי וועט געהן...

עס איז געווען דוקא א הייסער פריהמאָרגען. ליזע איז נאָך א שטונדע געהן געוואָרען זעהר מיעד. מיט ברענענדיגע אויגען האָט זי געקוקט אויף יעדער פערביילויפענדיגער קאַר, האָט זיך צייטענווייז אָבגעשטעלט און געקוקט צום קאָנדוקטאָר... א יונ־גער קאָנדוקטאָר האָט אָבגעשטעלט די קאַר, מיינענדיג, אז ליזע וויל אריינשטייגען. זי האָט זיך פערשעמט און האָט זיך געלאָזט שנעל געהן. די קאַר איז ווי מיט רוגזא פערביי געלאָפען און לי־זען האָט זיך גערוכט, אז דער קאָנדוקטאָר זידעלט זי, וואָס זי האָט איהם געמאכט אומזיסט צו סטאָפּען.

ענדליך האָט זי זיך פערקירעוועט אין א ברייטער און שטי־לער עוועניו. קיין קאַרס האָבען דאָ ניט קורסירט, און ליזען האָט עס ווי געפרעהט. די פערביילויפענדע קאַרס אויף יענע סטריטען האָבען זי בלויז גערייצט און דעם שווערען, לאַנגען וועג געמאכט איהר לענגער און שווערער.

אמת, דאָ איז פון צייט צו צייט דורכגעפלויגען אַן אויטאָ־מאָביל. אבער דאָס האָט איהר שוין ניט געאַרט. אַן אויטאָמאָ־ביל קען איהר ניט רייצען, ווייל זי ווייס, אַז אַזוינס איז ניט פאַר איהר, וועהרענד צו אַ קאַר איז זי שוין אַזוי געוואוינט...

זי איז אבער ענדליך געוואָרען זעהר מיעד, האָט אָנגעהויבען צו גָעהן לאַנגזאַמער, די פיס האָבען זיך ווי געוואַקעלט, און דער שווייס אויפ'ן שטערען איז געשטאַנען אין גרויסע טראָפּענס און זי האָט עס אַלע מינוט אָראָבגעווישט מיט'ן טיכעל...

נאָר אָט האָט לאַנגזאַם דורכגעשפּאַצירט אַ לעדיגער אויטאָמאָביל, אין וועלכען עס איז געזעסען בלויז דער שאָפער פון פאַרענט און האָט ווי נאַכלעסיג געפּראַוועט...

דער שאָפער, אַ יונגער בלאָנדין, אין אַ שאָפער־אַנצוג, האָט ליזען האַלב פערדרעכטיג, האַלב פריינדליך אָנגעקוקט, האָט צו איהר אַ שמייכעל געטהאָן און צופאָהרענדיג נעהענטער צו דעם טראָטואַר, וואו ליזע האָט זיך קוים געשלעפּט, האָט ער זיך פריינדליך אָנגערופען:

— וואוהין געהסטו?

ליזע האָט מיט דאַרשטיגע בליקען אָנגעקוקט פריהער דעם אויטאָמאָביל, נאָכהער דעם שאָפער און ביידע זיינען געווען אַזוי גוטהערציג און פריינדליך. זי האָט אָפענהערציג געענט־פערט און אָנגערופען די סטריט מיט דעם נומער.

— זעץ זיך! איך וועל דיך צופיהרען! — האָט דער שאָ־פער פאַרגעלעגט.

ליזע האָט זיך טיעף אין האַרצען דערפרעהט, זי האָט אָבער פון יוצא וועגען, ער זאָל ניט מיינען, אַז זי איז אַן אויס־געלאַסענע מיידעל, זיך געוואַקעלט...

—איך קען דיך ניט... איך האָב מורא... דו ווערסט מיך פערפיהרען...

— אויב דו האָסט מורא, ברויכסטו ניט... האָט דער שאָ־פער רוהיג געענטפערט און האָט שוין געוואָלט אָבפאָהרען.

אָבער ליזע האָט גלייך ווי מורא האָבענדיג ניט פערלירען אזא גליק — איהם נאָכגעגעבען:

— אָל־רייט, איך דאנק דיר! פיהר מיך צו... זי האָט זיך אוועקגעזעצט ביי דער רעכטער זייט פון שאָפער. ער האָט גלייך א דרעה געטהאָן דאָס הענטעל פון אויטאָמאָביל און ליזע האָט זיך שוין געטראָגען, דאָס ערשטע מאָל זייט זי לעבט, איבער די ברייטע, געפלאַסטערטע עוועניו, און א שטארקער אבער מילדער ווינד, וואָס דער יאָגענדער אויטאָמאָביל האָט פערזאַכט, האָט איהר נעקיהלט דאָס ברענענדע געזיכט און רעם הייסען שטערען...

דער שאָפער האָט פון צייט צו צייט אויף איהר געוואָרפען פריינדליכע בליקען. ליזען איז דורכגעפלויגען אין קאָפּ אַלער־ליי געשיכטען, וואָס זי האָט זיך אָנגעלייענט אין צייטונגען און ביכער וועגען דעם, ווי אזוי מען האָט אין אזא אופן „געקיד־נעפּט" יונגע מיידלעך, אוועקגעפיהרט זיי ערגעץ אין דער וויל־דער וועסט און דאָרט האָט מען זיי געהאַלטען אין א חדר, דער אטאמאַן, א ווילדער יונג, מיט לאַנגע שווארצע לאָקענס און גרוי־סע שווארצע אויגען...

אָבער ליזען האָט עס איצט ניט געשראָקען. די צוויי מאָ־נאַט ארבייטסלאָזיגקייט און מאנגעל, דער איצטיגער צו פוס געהן און דער געדאנק וועגען איהר מיסעס, וועמען זי איז געלד שולדיג, האָט איהר יונגעס וועזען פערפאנצערט און זי איז גע־וועזען גרייט אויף אַלעס!

זי האָט געקוקט מיט דאנקבארע בליקען אויפ'ן יונגען, גוט־מוטיגען שאָפער און האָט זיך מיט איהם צורעדט, ווי מיט איי־נעם, וואָס זי קען שוין זעהר לאַנג, רוהיג און זיכער.

צום גליק, אָדער צום אומגליק, האָט ער קיין שלעכטעס ניט געמיינט. ער האָט בעמערקט, ווי זי געהט און וואקעלט זיך, האָט ער פערשטאַנען, אז זי איז מיעד, איהר געזיכט איז איהם גע־פעלען געוואָרען, ער האָט א פּאָר פרייע שטונדען, אָט האָט ער־

איהר פאַרגעלעגט זיך זעצען...

ער וועט איהר צופיהרען צום דענטיסט און וועט זאָגאר וואַרטען, ביז זי וועט ארויס פון דאָרט און וועט זי פיהרען צוריק אהיים... ער האָט צייט און זי געפעלט איהם באמת, אבער קיין שלעכטס מיינט ער ניט...

ענדליך האָט זיך דער אויטאָמאָביל אבגעשטעלט פאר'ן הויז, וואו דער אָפיס פון דענטיסט האָט זיך געפונען. א יונגער מאן מיט א דיקען אונפריינדליכען פנים האָט ארויסגעקוקט דורכ'ן אָפענעם פענסטער און זעהענדיג, ווי ליזע קומט ארויס פון אויטאָמאָביל און מיינענדיג, אז זי איז א רייכע פאציענטין איז ער איהר געלאָפען אנטקעגען און זיך געפלייסט צו ווערען פריינדליך. ליזע האָט אנגעקלונגען. דער זעלבער דיקער מאן האָט איהר די טהיר געעפענט. זי האָט ארויסגענומען די אדרעס און ניט דרייסט געפרעגט:

— זוכט איהר אן אָפיס־מיידעל?...

דעם דענטיסטס פנים איז נאָך ברוגז'ער געוואָרען ווי פריהער, שטעהענדיג ביים פענסטער. ער האָט ליזען אָנגעקוקט מיט פערדאכט און רוגזא, האָט ארויסגעקוקט צום גאס, וואו עס איז ביים הויז געשטאַנען דער אויטאָמאָביל און טרוקען ארויסגעברומט:

— ניין! ניט אזא האָב איך געזוכט!

און איז אָהן א וואָרט מעהר צו זאָגען מיט רוגזא אבער אויך מיט גרויסע זעלבסטשעצונג ארויף אויף די שטיגען...

ליזע איז א פערשעמטע ארויס און האָט זיך ווי נידערגעשלאָגען ארייננגעזעצט צוריק אין אויטאָמאָביל...

דער אויטאָמאָביל האָט זיך שנעל געטראָגען איבער דער ברייטער עוועניו, אריינגעקירעוועט זיך נאָכהער אין די טומעלדיגע, רוישענדע סטריטען, אין דער ריכטונג וואו ליזע וואוינט.

דער שאָפער האָט איהר ענדליך געפרעגט וואו זיך אָבצושטעלען...

ליזע האָט אָנגערופען די סטריט און דעם נומער. דער שאָ־פער איז געווען בערייט זי אהין צו ברענגען. באלד אָבער האָט האָט זיך ליזע געבעטען:

— ניין! אהין פיהר מיך ניט! די מיסיס וועט אויף מיי־נען דאָסזעלבע ווי דער דענטיסט!

— וואוהין דען ווילסטו? — האָט דער שאָפער איהר פריינדליך געפרעגט...

— וואוהין? ווארט, כ׳וועל באלד בעקלערען.

און זי האָט זיך פערטראכט:

וואו זאָל זי דעם אויטאָמאָביל ווירקליך אבשטעלען? אך, ווען ער וואָלט ניט געווען אזא פיינער, אזא גוטער און וואָלט זי געקידנעפּט, אוועקגעפיהרט זי ערגעץ ווייט אין דער וועסט, און געהאלטען זי אין א חדר, געגעבען עסען און טרינקען...

— נו, וואו זאָל איך מיט דיר פאָהרען? האָט איהר דער שאָפער אפּגעריסען פון איהרע געדאַנקען...

— פיהר מיך.. פיהר מיך צו א גרויסען דעפּארטמענט־סטאָר... צו א דעפּארטמענט־סטאָר.

און דער אויטאָמאָביל האָט זיך געלאָזט און זיך ענדליך אָפּגעשטעלט נעבען איינער פון די גרעסטע דעפּארטמענט־סטאָרס.

ליזע איז א וואקלענדיגע אראָפּגעגאנגען, זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און פערגעסענדיג צו בעדאנקען דעם שאָפער איז זי אריין אין סטאָר און איז פערשוואונדען געוואָרען אין די פיעלע לאנגע אָבטיילונגען...

שותפים.

אליה יונהס' הייזעל איז געווען ווי א סך הייזעלעך אין שטעדטעל: א הילצערנעס, א קליינס, און דער דאך איז געווען געדעקט מיט שינדלען. די פענסטער זיינען נאך קלענער געווען ווי די פענסטער פון די שטעדטעלשע הייזלעך. א דאנק די קליינע פענסטער מיט די קליינטשיקע שייבעלעך האט דאס הייזעל אויסגעזעהן ווי א גוי'שע, להבדיל.

און דאך האט מען דאס הייזעל גערופען: דאס גאלדענע הייזעל.

און א סך בעלי בתים פלעגען זיך מיט'ן דאזיגען הייזעלע בענשען!

— ניט קיין הייזעל איז דאס — א שפע! פלעגען די בעלי בתים אונטערזיפצען.

— ווען איך פערמעג אזא הייזעלע וואלט איך שוין ניט געהאט וואס צו זארגען! — פלעגט א מעהר בעל מקנא צו־העלפען.

— א קליינינגקייט! דאס לעצטע הייזעל אין אזא געגענד!

און אט דערין טאקע איז בעשטאנען די מזל ברכה פון הייזעל: דאס לעצטע אין גאס! און נאך וואס פאר א גאס. די רייכסטע דערפער ליעגען צוזייט און צושפרייט אין דעם דאזי־גען געגענד. דערפער לרוב, און די פויערים פון די דאזיגע דערפער זיינען עפעס ניט אבי ועלכע. אמת'ע בעלי גופים, מיט פעלדער און פיה און היהנער און פיש. יא מיט פיש, ווייל אין יענער געגענד געפינען זיך טייכען און די טייכען פערמעגען די בעסטע פיש!

און וואוחין פאלען אריין די תבואות, די קעלבער, די היה־נער, די אייער, די טרוקענע יאגדעס, די שוועמלעך און די פיש, וואס די פויערים פיהרען אין שטעדטעל אריין?

צו אליה יונהס. זיין שטיבעל איז די לעצטע אין גאס און די ערשטע ביי'ן ארייגפאהר אין שטעדטעל.

א קלייניגקייט אזא ברכה!

אזוי האבען געמיינט די שטעדטילשע בעלי מקנא'ס.

אין אמת'ן אבער איז אליה יונהס גליק ניט אזוי גרוים געוועזן.

אמת, דאס שטיבעל איז געוועזן א גאלדענעס, ווי זיי האבען עס גערופען, אבער הינטער אליה יונהס הייזעל איז געוועזן נאך א הייזעל, די זעלבע גרוים ווי זיינע, און דער שפייכלער, וואס דאס שטיבעל האט געהאט, איז געוועזן נאך א גרעסערעס.

דאס דאזיגע „הייזעל" האט אויך געהאנדעלט. אבער אזוי ווי דאס איז געוועזן ניט דאס לעצטע נאר דאס צווייטע, האט עס ניט געהאט אזא נאמען, ווי דאס גאלדענע.

עס איז אויך א ברכה. אבער ווי קומט דאס צום לעצטען הייזעל אין גאס, צו אליה יונהס'!

אין דער אמת'ן אבער האט דאס צווייטע הייזעל געמאכט בעסערע געשעפטען.

ערשטענס, איז איהר בעל הבית, וועלוויל ליימעס, געוועזן א פראסטער נעזונטער איד און דערצו האט ער געהאט א בן'אק, יענקעלע, וועלכער האט געקענט א פוהר מיט גוואלד ברענגען צו זייער שפייכלער.

אליה יונהס איז געוועזן דער היפוך, א איד א חלוש, א שטי־קעל תלמיד חכם און גענומען האט ער דעם פויער מעהר מיט גמרא ווערטלעך, וואס ער פלעגט ווי עס איז מסביר זיין אויף גוי'איש, איידער מיט כח

סיין זיהן, וויעדער, האט ער ניט געהאט; אנשטאט זיהן האט ער פערמעגט דריי טעכטער, זיינען צוויי געוועזן שוין אויס־

געגעבן אין אַנדערע שטעדטע׳ך און די אינגסטע טאָכטער, ביילקע, איז געווען א צו עדלע מיידעל, אז זי זאָל העלפען דעם טאַטען שלאָפען די פּוהרען, ווי וועלוויל׳ס בן׳אַק, יענ־קעלע...

אזוי פלעגען די בעסטע פויערן מיט זייערע תבואות און אַנדערע סחורות אריינפאלען צו וועלוויל ליימעס. צו אליה יונהס פלעגט בלויז אָנקומען די עלטערע פויערים, וועלכע האָבען גע־האַלטען פון איהם און האָבען איהם פשוט ניט געקאָנט אָב־זאָגען.

אבער וועלוויל ליימעס׳ אויגען זיינען צו גרויסע געווען. און אפילו די דאָזיגע פויערים ביי וועלכע אליה יונהס האָט תמיד־אבגעהאנדעלט די סחורות, האָט ער אויך געוואָלט אוועקנעה־מען.

פשוט מיט גוואלד.

ער נעהמט דאָס פערד פאר׳ן צוים, דער בנ׳אַק — פאר די לייצעס און מען שלעפּט דעם וואָגען צו זיך.

אליה יונהס רופט צו הילף זיין טאָכטער:

— ביילקע, וואָס שטעהסטו ?

און ביילקע, אָן אויסגעפּוצטע, מיט צוויי שעהן פערפלאָכ־טענע צעפּ, שטעהט ווי א בת־מלכה און ווייס ניט וואָס זי זאָל אָנהויבען צו טהאָן. איהר יונג מיידעלשע הארץ ווערט אויפגע־רעגט און זי פאלט אָן אײדעל אויף וועלוויל׳ס בנ׳אַק:

— פע, יענקעלע! עס איז ניט שעהן! פון אונזער הויז נעהמסטו צו א פוהר.

וועלוועל׳ס בנ׳אַק אָבער ווערט ניט נתפּעל, ער שטעלט אויף איהר אוים זיינע צוויי גרויסע גראָהע אויגען, נעהמט די הענד אין די באָקעס און רייצט זיך:

— וואָס זאָגט איהר צו דער פּריצ׳טע! — און צולאָבט זיך אויפ׳ן קול.

ביילקע ווערט נאָך מעהר אויפגערעגט, אבער זידלען זיך וועט זי ניט, זי וועט פאר אזא גראָבען יונג איהר מויל ניט אומריין מאכען.

און זי קעהרט זיך אָב מיט כעס און קוקט שוין ניט מעהר אין זיין זייט.

דערפאר האָט איהר גאָט געהאָלפען און עס איז אָנגע־פאָהרען א פוהר פול מיט זעק, און צווישען די זעק ליעגט א קאלב, און פון פאָרענט און פון הינטען פון וואָגען זיינען אָנ־געשטעלט קערבליך מיט כל טוב: פיש, אייער, היהנער און טרו־קענע שוועמלאך.

די פוהר געהערט צום אלטען אנטאָש; ער וועט וועלוולען זיין סחורה ניט פערקויפען אפילו ווען ער גיעט איהם צוויי מאָל טייערער. דאָס איז א פויער מיט א כאראקטער. פריינדשאפט שטעהט ביי איהם העכער ווי געלד.

וועלוועל און זיין בנ'אָק ווייסען עס, אבער דערזעהענדיג די פוהר מיט כל טוב, קען דאָך יענקעלע ניט ביישטעהען דעם נסיון און ער פרובט אָנצומאכען א בייז לעבען צווישען אנ־טאָש'ן און אליה יונהס:

— ער וועט דיך אויסנארען, דער אלטער!

אָבער דער פויער שמייכעלט גוטמוטיג און ענטפערט:

— איך וויים, אָבער איך וויל ער זאָל אָן מיר פערדינ־נען, ער איז א גוטער איד דער אליה און זיין טעכטעריל איז אן אמת'ע פאָנענקא...

ווערט נאָך יענקעלע בייזער. ער ריהמט זיין ערגסטען שונא — ביילקע'ן... ער שפייט אויס און לאָזט זיך נאָך אנ־דערע פוהרען, שרייענדיג:

—העי, לודזי, אהער, צו מיר, דער אלטער וועט אייך אויסנארען. זיין טעכטעריל וועט אייך בדלות שטעלען.

און שרייענדיג קוקט ער זיך אום צו ביילקען און שטעלט איהר אויס א צונג...

ביילקען קומט אריין פאר בעליידיגונג דאָס בלוט אין פנים, אבער דאָס מאכט נאָך איהר שעהנער און בליהענדער. דער אלטער אנטאָש גיעט איהר א גלעט איבער׳ן קאָפּ און זאָגט:

— הארדי חלאָפּעץ! שעלמא!

איינמאָל איז דערזעלבער אנטאָש אָנגעפאהרען מיט א פול־געפּאקטער פוהר. אויסער תבואות, א קאלב, היהנער און אייער און פיש, האָט די פוהר פערמאָגט א פולען זאק מיט וואָל...

אז וועלוועל האָט דערזעהן ווי דער אלטער פויער פאָהרט צו צו אליה יונהס׳ הייזעל האָט ער זיך א לאָז געטהאָן צום וואָגען און אָנטאָפּענדיג אין זאק די וואָל איז ער פערברענט געווארען פאר קנאה. ער האָט ווילד אויסגעשריען צום בנ׳אָק:

— יענקעל, דער ערל האָט וואָל...

דערהערט וואָל, א סחורה וואָס איז ניט אזוי בנמצא און וואָס איז כלו ריוח, האָט יענקעל מיט׳ן פאָטער בעשלאָסען מיט די בליקען, אז די וואָל מוזען זיי אבקויפען...

— פערקויף די וואָל אונז! — האָט זיך וועלוויל געבע־טען.

— דו קריגסט פינף רובעל א פוד! — האָט יענקעלע פון זיין זייט צוגערופען.

— באָט ניט אָן אזוי פיעל! — האָט וועלוויל זיין זוהן אריינגעשושקעט...

באלד איז ארויסגעגאנגען פון שפּייכלער אליה מיט בייל־קען.

— דזיען דאָברי, אנטאָש! — האָבען זיי איהם ביידע בעגריסט, נישט קימערענדיג זיך װעגען די צוויי קאָנקורענטען.

ביילקע איז צוגעגאנגען צום וואָגען און גלייך אָנגעטאָפּט די וואָל.

— האָסט היינט וואָל אויך געבראכט, אנטאָש! — האָט

זי זיך נאָך פריינדליכער געווונדט, און צוגעוואָרפען פון דער זייט א טראַציגען בליק צו יענקלען, ווי געזאָגט:

— זעהסטו, אפילו וואָל... און דו וועך צופּלאַצט.

יענקיל האָט עם דערפיהלט. זיין צאָרען, וואָס האָט גע־ברענט אינווענינ, איז ארוים אין א פלאַם:

— די וואָל וועל איך צונעהמען, אז די וועלט וועט זיך עקען...

— אדרבא, נעהם! — האָט זי ביילקע געררייצט, —קרינסט א מעדאָל, אויב ער פערקויפט דיר...

איז שוין וועלוויל אויך אָן אַנגעצונדענער געוואָרען:

— וואָס מיינסטו, דו ביזט ביי אנטאָש'ן א בת יחידה, אָדער דו האָסט איהם א כישוף אָבגעטהאָן?

די לעצטע פראַזע האָט ער געזאָגט אויף גוי'איש כדי אָנ־צושרעקען דעם אלטען פויער.

דער פויער האָט אָבער גוטמוטיג געשמייכעלט, האָט געריי־בען דעם שטערען, געהויבען די שווערע מיץ פון קאָפּ און קור־קענדיג דאָ אויף ביילקען, דאָ אויף יענקלען און נאָכדעם אויף אליה יונהס און וועלוועל'ן האָט ער פּלוצים אויסגעשריען בע־גייסטערט פון א גליקליכען איינפאל:

— מענשען! ברידער! וואָס מיר איז איינגעפאלען...

און ווערענדיג ווי פערחלינעט פון דעם איינפאל האָט ער קוים אויסגערעדט:

— איך שענק אייך, ביילקען און יענקלען, דעם זאק וואָל און ווערט חתן־כלה.

ביילקע האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, יענקעל האָט זיך א ברוגז'ער אָבגעקעהרט אָן א זייט, אליה יונהס און וועלוויל האָבען זיך מאָדנע איבערגעקוקט, ווי געזאָגט: וואָס א גוי קען איינפאלען...

* * *

אויב דער שדוך איז גלייך אויפ'ן אָרט ניט נעשלאָסען געד
וואָרען, האָט אָבער דער פויער אויסגעפיהרט, אז דער זאַק וואָל
איז נעקויפט געוואָרען בשותפות.

אויף מאָרגען איז יענקיל אריין צו אליה יונהס ווענען
צוטהיילען זיך.

אליה יונהס איז אבער אין שטוב ניט געווען. ביילקע איז
נעזעסען ביי'ן טיש און געבההן עפּעס א הויזיגע ארבייט.

דערזעהענדיג יענקלען האָט זי זיך צושמייכעלט.

— איך בין געקומען זיך צוטהיילען מיט'ן וואָל! — האָט
ער א ברונז'ער אויסגעברומט.

— איז וואָס ביזטו ברוגז! — האָט ביילקע פרייער גע־
שמייכעלט און איהם אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען.

יענקיל איז פון דער פראגע געוואָרען דרייסטער, האָט אויפ־
געהויבען די אויגען און דאָס ערשטע מאָל דערזעהן ביילקען
ניט ווי א קאָנקורענטקע, נאָר ווי א שעהנע מיידעל.

„אך, סארא שעהנקייט זי איז!“ האָט ער שיער ניט אויס־
געשריען.

ער איז געוואָרען פרעהליך און דרייסט.

ער איז צו איהר צוגעגאנגען נאָהענטער און איהר א קיצעל
געטהאָן אין אָפּענעם האלז, ווי ער איז געוועהנט געווען צו טהאָן
עס מיט א מאנכער שיקסע...

ביילקע איז אבער קיין שיקסע ניט געווען. זי האָט איהם
אָבגעשטופּט מיט א מאָדנעם חנ'דעל און בעפעהלענד אויס־
געריפען:

— אָהן די הענד, יענקיל!...

יענקיל איז ביי זיך ווידער אראָבגעפאלען, געקוקט אויף
ביילקע'ס חנ'עווריגען פנים און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען
איהר.

— איז וואָס־זשע ווילסטו, יענקיל! — איז ביילקע צו־

ריק פריינדליך געווארען און האט איהם שוין קענטיג דעם ק־צעל אין גאנצען מוחל געווען.

— די וואל צוטיילען זיך! — האט ער גראב, ווי אין כעס, אויסגערופען.

— די וואל צוטיילען זיך! — האט ביילקע איבערגע־קרימט זיין גראבען טאן, — אט אזוי דען רעדט מען מיט א „בארישניע", הא, יענקיל!

דערווייל איז אנגעקומען אליה יונהס...

דערזעהענדיג יענקלען מיט זיין טאטער אליין איז ער ווי מבולבל געווארען און האט גארנישט פערשטאנען, געקוקט און נעוואונקען צו ביילקען, ווי ביי'ן עסען, פאר דער „המוצא"...

ביילקע האט פערשטאנען דעם וואונק און האט ערקלערט:

— ער איז געקומען צוטיילען זיך מיט דעם וואל...

און האט זיך אזוי צולאכט, אז יענקיל איז א פערשעהמטער, אהן א ווארט צו זאגען, ארויסגעלאפען פון שטוב...

אין א פאר טעג ארום איז ער אבער ווידער געקומען, און ווידער איז אליה יונהס ניט געווען אין שטוב.

— וואס וועט זיין מיט'ן וואל?

— וועלכע ציעג? — האט זיך ביילקע געוויצעלט...

— וואס מיינסטו, איך וועל דיר לאזען דעם וואל?! — האט ער זיך געבייזערט און גערעדט אויף זיין גראבען קול...

— אט געה שוין געה — האט זי איהם כלומרשט געטריע־בען, אבער באלד האט זי אויף איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען און זיך ליעב צושמייכעלט.

— וועסט אפשר, יענקיל, טרינקען א גלאז טהעע?...

— לאמיר זיך פריהער צוטהיילען מיט דעם וואל! — האט ער ארויסגעפראלט.

און זיך אוועקגעזעצט.

— אט אזוי, זיי א מענש! — האט ביילקע געלאכט און איז צו איהם נאהענט צוגעגאנגען.

יענקיל איז ווידער דרייסט געווארען. ער האט זיך שוין מכין געוועזן מיט'ן מיטעלסטען פינגער צו איהר אפענער קלאַ־דער האלז...

— זיי ניט קיין גראָבער יונג! — האט זי אויף איהם אָנ־געשריען.

ער האט זיך פאר איהר געשריי דערשראָקען, איז אויפ־געשטאנען און האט בייז אויסגעברומט:

— לאָמיר זיך צוטיילען די וואָל!...

— וועסט צייט האָבען איבער אכטאַג...

דער קינפטיגער מארקס־טאָג איז אריבער בשלום. יענקיל האט שוין מעהר קיין פוהרען פון אליה יונהם הייזעל ניט גע־שלעפט. דער טאטע אליין, וועלוויל, האט אויך שטילער געררו־פען די גויים.

נאָכ'ן מארק איז ווידער יענקיל אריין צו אליה יונהם...

דעמאָלט איז שוין אליה יונהם געווען אין שטוב.

— וואס וועסטו זאָגען גוטעס, יענקעלע? זיץ!

— ער וויל זיך צוטיילען די וואָל! — האט ביילקע גע־מאלדען פאר יענקלען און האט אויסגעשאָסען מיט א הילכיגען געלעכטער...

— איז וואס פאר א געלעכטער! — האט אליה יונהם געשמייכעלט — אוואדע צוטיילען זיך... געהט, קינדערלעך, און צוטיילט זיך.

זיי זיינען אריין דורכ'ן הויזטיר אין שפייכלער. דער זאַק וואָל איז געלעגען אן אבגעבונדענער.

— דאַ פעהלט ! — האט יענקיל אויסגעשריען.

— ביזט א נאַר! — האט ביילקע איהם גוטמוטהיג גע־טאדעלט — ווילסט זיך טאקע צוטהיילען.

— אוודע — האָט ער שוואַך אויסגערעדט און געקוקט אויף ביילקע'ס ווייסען האַלז...

— אָבער דאָ פעהלט טאַקע שוין אביסעל — האָט ביילקע געשמייכעלט.

— ווי אזוי? — האָט יענקיל געפאַרשט.

— איך האָב אויסגעשפּונען אביסעל...

— האָסט נישט געהאַט קיין פּראַווע... עס איז שותּפות־שע...

— איך האָב אויסגעשטריקט אַ פּאָר הענטשקעס, — האָט זי זיך ווידער גערייצט.

— האָסט ניט געהאַט קיין פּראַווע! — האָט ער זיך גע־בייזערט — עס איז שותּפות'שע.

— אַ פּאָר הענטשקעס! וואָלסט זעהן, מיט פינגער.

— וועלען זיין די הענטשקעס אויך אויף שותּפות, — האָט יענקיל פאַרגעשלאָגען.

— ביזט אַ נאַר! — האָט ביילקע זיך גוטמוטהיג געבייזערט — עס איז פאַר אַ זעהר גרויסער האַנד.

— נו. מיין האַנד איז אַ גרויסע! — האָט יענקיל מיט שמחה אויסגעשטעלט זיין האַנד..

— איז דאָס טאַקי פאַר דיר... האָט ביילקע זיך צולאַכט און איז ארויסגעלאָפען פון שפּייכלער צוריק אין שטוב אריין. יענקיל נאָך איהר.

אליה יונהס איז שוין ווידער ארויס. ביילקע איז גע־בליעבען מיט יענקלען אין הויז.

זי האָט איהם דערלאַנגט די הענטשקעס:

— מעסט אָן!

ער האָט מיט אַ שטראַהלענדיגען געזיכט גענומען אַרויס־ציהען אויף זיינע גרויסע הענד די פּאָר הענטשקעס...

— דו ווייסט, ביילקע, — האָט ער פּלוצים, בעגייסטערט פון אַ אידעע, אויסגערופען...

— וואָס?

— מיר וועלען זיין איצט שותפים אויף שטענדיג...

— געוויס! — האָט ביילקע מסכים געווען.

— און אויף אונזער חתונה וועלען מיר איינלאַדען אַנ־טאָש'ן...

— ניט אַנדערש! — האָט זיך ביילקע צולאַכט — מיר וועלען איהם זעצען אויבען אָן...

דער קליינער מענש מיט'ן גרויסען קאפּ.

(אַ מעשה'לע)

אמאָל איז געווען — און היינט לעבט ער נאָך אויך — אַ מענש; איז ער געווען זעהר אַ קליינינקער, העגטעלעך קורצינקע, פיסעלעך דארינקע, אַ הערצעלע ווי אַן ארבעס, דערפאַר אבער אַ קאָפּ ווי אַן עמער די גרויס.

דאָס דאָזיגע מענשעלע איז געווען זעהר שטאָלץ מיט זיין גרויסען עמער־קאָפּ.

— דער עיקר, קינדער, פלעגט ער זאָגען, איז דער קאָפּ. פון קאָפּ ציהט די יניקה דער גאנצער גוף. עס געהען פון קאָפּ אזעלכע פעדימלעך ביז אונטער די פיאטעס, איהר פערשטעהט, קינדער — ביז אונטער די פיאטעס!

און דערביי האָט דאָס קליינע מענשעלע מיט'ן גרויסען קאָפּ גענומען אַ זשאבע און צושניטען פאר פיעלע אין די אויגען און האָט אויפגעוויזען, אז דער מענש איז אויך אזוי.

ער האָט אפילו קיין להבדיל נישט געזאָגט.

און קיינער האָט איהם נישט געענטפערט, אז ניין.

ווייל דאָס קליינע מענשעלע מיט'ן גרויסען קאָפּ האָט געהאט אויך זעהר אַ גרויסע צונג און האָט געקענט אַ סך, אַ סך ריידען.

און דערצו האָט דאָס קליינע מענשעלע מיט'ן הערצעלע ווי אַן ארבעס די גרויס געקענט צעהלען ביז מיליארדען, און האָט אַלץ אויסגעצעהלט.

איינמאָל האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אויף אַ הויכען

קלאַץ, כדי די מענשען, וועלכע ער האָט קינדער גערופען, זאָ־לען איהם זעהן, און האָט געזאָגט:

— ווייסט איהר, קינדער, וויפיעל שטערן אויפ'ן הימעל איז דאָ?

אלע האָבען געשוויגען, קיינער האָט נישט געוואוסט.

און דאָס קליינע מענשעלע האָט גלייך ארויסגענומען א בלוי גלעזעלע פון קעשענע, צוגעשטעלט צו די אייגעלעך די קלייניקע און גערופען:

— אַט ווארט, באלד צעהל איך איבער.

— איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף...

נאָכדעם האָט ער עפּעס געמורמעלט אונטער דער נאָז און אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך צוזונגען:

— צוויי הונדערט מיליאָן מיט זיבען און אכציג טוי־זענד...

די מענשען־קינדער, וואָס זענען געשטאַנען ארום, זענען נתפּעל געוואָרען פון דער גרויסער ציפער און פון גרויסען קאָפּ פון דעם קליינעם מענשעלע, און זיי האָבען גענומען קריגען דרך־ארץ פאר איהם און האָבען איהם א נאָמען געגעבען: דער גרויסער חכם.

זיינען א סך מענשען געקומען צו איהם פרעגען שאלות. איינער האָט געפרעגט:

— וואָס איז אזוינס ליעבע?

— ליעבע? — האָט דער קליינער מענש געמאכט חוזק — ליעבע איז שמיבע... גאָרנישט מיט גאָרנישט... איך האָב קיינ־מאָל נישט געליעבט. מיין גרויסער קאָפּ דענקט, אז ליעבע האָ־בען קינדער און ווייבער אויסגעטראכט...

דער פרעגער איז אוועק א פערשעמטער; ער איז גראָד געווען שטארק פערליעבט און האָט געוואָלט הערען א קלערע־רען ענטפער. פונדעסטוועגען האָט ער דעם גרויסען קאָפּ גע־

גלויבט, איז אוועק אהיים און האָט זיך גענומען צום לערנען און האָט אזוי ארום זיך בעפרייט פון דער ליעבע.

א צווייטער איז געקומען צום קליינעם מענש מיט'ן גרויסען קאָפּ און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס גלויבען?

— גלויבען איז שמויבען, — האָט דער קליינער מענש מיט'ן גרויסען קאָפּ הוזק געמאכט — גלויבען איז גאָרנישט מיט גאָרנישט! איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט... איך דענק!

און דער גלויביגער איז אוועק אין א בוך־געשעפט און האָט געקויפט א צעהנדליג ביכלעך און האָט זיך געלערנט ...ני נישט צו גלויבען...

א דריטער איז געקומען און געפרעגט:

— זאָג מיר, גרויסער קאָפּ, וואָס איז אזוינס מיטלייד..

— מיטלייד איז שמיטלייד... — האָט דער גרויסער קאָפּ חוזק געמאכט, — דער קאָפּ ווייס נישט פון מיטלייד — דער קאָפּ דענקט לאָגיש...

און דער מענש, וואָס איז געווען א ווייכהערציגער, איז אוועק און גענומען דענקען לאָגיש און האָט ארויסגעוואָרפען אין דערזועלבער נאכט זיין אלטען טאטען אויף דער גאָס...

דער קליינער מענש האָט דערזעהן, אז מענשען פאָלגען איהם, איז ער נאָך שטאָלצער געוואָרען און האָט אָנגעהויבען פּריידיגען, אז מענשען זאָלען זעהן פּטור צו ווערען פון זייערע הערצער און זיך נעהמען צו ערציהען גרויסע קעפּ...

און ס'איז אויפגעשטאַנען א דור פון לויטער קעפּ..

זיינען אין יענעם דור ארומגעגאַנגען קליינע מענשעלעך אהן ליעבע, אהן גלויבען, אהן מיטלייד...

עס איז געווען א צער אויף זיי צו קוקען.

אָבער זיי האָבען נישט געוואוסט, וואָס צער איז אזוינס...

איז אין יענעם דור געבוירען געוואָרען ביי א קליין מענ־

שעלע א זוהן, האָט מען בעמערקט, אז דאָס קינד איז פערקריי־פעלט...

עס האָט געהאט א קליינעם קאָפּ מיט א גרויס, גרויס הארץ.

האָבען די עלטערן גערופען דעם גרויסען קאָפּ און געפרעגט אן עצה...

האָט דער גרויסער קאָפּ געענטפערט:

— אזא גרויס הארץ איז איינס פון די גרעסטע קריפּעלס; ער וועט זיין אן אומגליקליכער.

דאָס קינד האָט עס דערהערט און האָט זיך פונאנדערגע־לאכט...

— וואָס בעטייט עס, וואָס עס לאכט?

ווייל יענער דור מיט די גרויסע קעפּ האָט אויפגעהערט צו לאכען...

און פאר נייגיריגקייט האָט מען דאָס קינד ערצויגען.

דאָס קינד איז געוואקסען, און געוואקסען איז דאָס הארץ מיט איהם.

ער האָט געהאט שעהנע לאנגע פיס, שעהנע הענד, א געקרויזטען קאָפּ און איז געווען אין זיין וואוקס העכער פאר זיין גאנצען דור...

צו פופצעהן יאָהר איז ער שוין געווען אזוי הויך, אז ווען דער גאנצער דור איז געשטאַנען אויף א בארג, און ער—אין א טאָל, איז ער אלץ העכער געווען.

און א שטימע האָט ער געהאט, איז זי געגאנגען גלייך פון זיין ברייטען, גרויסען און טיעפען הארצען און אריינגע־דרונגען אין די הערצער פון די צוהערער.

און אומגעקעהרט האָט ער זיין דור די ליעבע, און דעם גלויבען, און דאָס מיטלייד...

דער קליינער מענש מיט'ן גרויסען קאָפּ האָט דערזעהען, אז דאָס הארץ האָט אויך עפּעס צו זאָגען, איז ער געקומען צום יונג מיט'ן גרויסען הארץ און האָט געטענה'ט:

— איך לייקען נישט, אז דאָס הארץ פערנעהמט אויך אַ בעדייטענדען פּלאַץ אין מענשענס גוף, אבער דער קאָפּ.. דער קאָפּ...

דער יונג מיט דעם גרויסען הארץ האָט פול מיטלייד אָנ־געקוקט דעם קליינינקע מענשעלע מיט'ן גרויסען קאָפּ און זיך אבגערופען:

— אומגליקליכער, זעה, דיין גרויסער קאָפּ איז דאָך שוין ווייס, באלד שטארבסטו, און דו האָסט נישט געוואוסט פון ליעבע, פון גלויבען און פון מיטלייד.

דעם אלטען מיט'ן גרויסען קאָפּ איז געוואָרען שווער... ער האָט געוואָלט וויינען, נאָר ער האָט נישט געקענט...

און ער איז אנידערגעפאלען צו די פיס פון דעם יונג מיט'ן גרויסען הארץ...

דאָס גאָלדענע טראָמפּייטעל.

דאָס איז געווען א יונגעלע פון קנאַפּע דריי יאָהר, מיט בלאָהע אייגעלעך און גאָלדענע העהרעלעך — און אלץ האָט יין איהם געטרוימט: די אייגעלעך, דאָס קעפּעלע און דאָס הערצע־לע. ער האָט אינגאַנצען אויסגעזעהען ווי א טרוים, ווי א בלאָנ־דער, הימעלדיגער טרוים.

ווער האָט דען נישט ליעב שעהנע טרוימען — בפרט איך! און דאָס גאָלדענע יונגעלע, דאָס דריי־יעהריגע קינד האָב איך זעהר, זעהר ליעב געהאט. און אלץ האָב איך איהם נאָכ־געגעבען — אפילו מעשה'לעך פאַר איהם אויסגעטראַכט.

און דאָס קינד האָט די מעשה'לעך שטאַרק ליעב געהאט. נאָר מעהר פון אלץ האָט עס די לעצטע צייט ליעב געקריגען דאָס מעשה'לע מיט'ן גאָלדענעם טראָמפּייטעל.

עס איז געווען א קורץ און איינפאַך מעשה'לע, וואָס איך האָב ספּעציעל פאַר איהם אליין פערפאַסט.

א קורץ, קליין, איינפאַך מעשה'לע.

דאָס מעשה'לע מיט'ן גאָלדענעם טראָמפּייטעל.

אָנגעהויבען האָט עס זיך אזוי:

אויפ'ן מארק איז דאָ א קרעמעלע, אין קרעמעלע איז דאָ א גאָלדען טראָמפּייטעל. שלאָף, מישינקע, שלאָף, איך וועל מאַר־גען מיט מישינקען אין מארק אריין געהן און דאָס גאָלדענע טראָמפּייטעלע קויפען, און מישינקע וועט אויף איהם שפּיעלען...

— א שעהנע מעשה?

ער פלעגט זיינע גרויסע בלויע אייגעלעך אויף מיר אויס־שטעלען און, שטארק בעגייסטערט פון דעם גליק, וואס איהם שטעהט פאר, פלעגט ער ענטפערן:

— א שעהנע מעשה!

— אויף מארגען פלעג איך איהם ווידער דאס מעשה׳לע מיט׳ן גאלדענעם טראמפייטעל דערצעהלען. אויף איבערמארגען ווידער.

אז עס איז פאראיבערגעגאנגען א וואך צייט, און דאס טראמפייטעל האט איך איהם אלץ נישט געקויפט, האב איך איהם אנגעהויבען אן אנדער מעשה׳לע צו דערצעהלען. צו לאנג נארען איהם האט זיך נישט געוואלט; איך האב קיין הארץ נישט געהאט אזוי לאנג א קינד צו נארען, און האב פאר איהם אויס־געטראכט א נייע מעשה׳לע, נאך מיין מיינונג, א פיעל שעהנערס. דאס קינד האט אבער געמאהנט דאס מעשה׳לע מיט׳ן גאלדענעם טראמפייטעל.

און איך האב עס איהם ווידער דערצעהלט.

און ער האט ווידער אויסגעהערט, אויסשטעלענדיג אויף מיר די בלויע אייגעלעך, און אין זיין יוגענד ריינער פאנטאזיע זיך פארגעשטעלט דאס גאלדענע טראמפייטעל, וועלכעס ער וועט זיכער בעקומען, און וועט אזוי גליקליך זיין.

און דאס מעשה׳לע האט זיך ווידערהאלט לאנג, לאנג, און דאס קינד האט עס מיט׳ן זעלבען גלויבען אויסגעהערט און קיין אנדערע מעשה׳לעך הערען נישט געוואלט.

ענדליך איז מיר נמאס געווארען דאס דאזיגע ליעבע קינ־ צו נארען; עס קען פערלירען דאס צוטרויען צו מיר, און דאן וועל איך נישט האבען קיין מיטעל מיט וואס צו פערשלעפערן איהם...

בין איך אויף מארגען אוועק מיט איהם אין מארק אריין,

אריין אין א געוועלב פון שפיעלצייג און א טראָמפּייטעלע פאַר עטליכע קליינע מטבעות איהם געקויפט. דאָס טראָמפּייטעלע האָט געפינקעלט, ווי עכט גאָלד, חאָטש געווען איז דאָס, נאַטיר־ ליך, נישט קיין גאָלדענס.

— א שעהן טרומפּייטעל, מישינקע?

— א שעהנס! — האָט ער געענטפערט, אריינגעהמענדיג דעם מונדשטיק אין זיין מיילכעלע, און אָנגעהויבען ארויס־ צולאָזען אויף איהם פערשיעדענע טענער.

א פּאָר שעה האָט זיך דאָס קינד געשפּיעלט מיט'ן טראָמ־ פּייטעל. אבער פאַר'ן שלאָפען געהן האָט ער עס א שמיץ גע־ טהאָן און צובראָכען...

— דערצעהלען דיר, מישינקע, א מעשה'לע? — האָב איך געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אין זיין בעטעלע געלעגט...

— יאָ, דערצעהל! — האָט ער אויף מיר ווי מיט געבעט אויסגעשטעלט זיינע בלויע אייגעלעך און געקוקט אויף מיר ווי מיט חשד...

— דערצעהלען דיר די מעשה מיט'ן גאָלדענעם טראָמ־ פּייטעל?

דאָס קינד האָט מיט קאַפּריז גענומען שאָקלען דאָס קע־ פּעלע איןביידע זייטען אויף ניין.

— וויל נישט מיט'ן טראָמפּייטעל...

איך האָב אָנגעשטרענגט מיין פאַנטאַזיע און געזוכט דאָרט עפּעס א ניי מעשה'לע, דאָס ליעבע קינד צו פערשלעפערן. עס איז מיר אבער שוואך געלונגען: דאָס קינד האָט געהאַלטען אָפען די אייגעלעך און צוגעהערט זיך צו די מעשה'לעך אָהן צו־ טרויען.

איך האָב א קוק געטהאָן אויף דער ערד און האָב דערזעהען דאָס טראָמפּייטעל ליגען צובראָכען און האָב אין הארצען חרטה געהאַט, וואָס איך האָב דאָס טראָמפּייטעל געקויפט.

וואלט איך עס נישט געקויפט פאר איהם, און ער וואלט עס נישט געזעהען, וואלט איך דעם קינד נאך לאנג, לאנג דאס מעשה׳לע געקענט דערצעהלען, און לאנג, לאנג וואלט ער גע־טרוימט פון דעם...

יעצט אבער ליגט דאס טראמפייטעל צובראכען, און איך האב נישט קיין אנדער מעשה׳לע פאר׳ן ליעבען, שעהנעם קינד...

דער פאלשער פערציגער.

די גבירים, וואו גליקסמאן האָט ווינטער מיט מיה געקריי־
גען א פּאָר לעקציעס און האָט געהאט דערפון זיין אויסקומעניש,
זיינען זיך צופאָהרען אויף די זומערוואָהנונגען און ער איז גע־
בליעבען אין דער גרויסער שטאָדט אָהן א גראָשען אין טאַש און
אָהן א האָפנונג ביז קומענדיגען ווינטער צו בעקומען וואָס.

צווישען זיינע חברים האָט ער געהאָט א נאָמען פאר אן
עהרליכען יונגען מענשען, וואָס וויל ארבייטען, נוצליך זיין דער
וועלט, נאָר ער האָט ניט וואו זיינע כוחות אוועק צולעגען און ווי
אָרים זיינע חברים זיינען אליין ניט געווען, האָבען זיי דאָך די
ערשטע צייט איהם געשטיצט מיט זייערע עטליכע לעצטע קאָ־
פּיקעס, וועלכע זיי פּלעגען איהם לייהען אלס „גמילות חסד“.

ער האָט זיך געפּיהלט נאָך יעדער אזא „גמילות־חסד“, ווי
בעליידיגט און ער פלעגט אליץ חזר׳ן אין געדאנק, אז ווי נאָר
ער בעקומט די ערשטע לעקציע וועט ער יעדען מיט׳ן גרעסטען
דאנק צוריק אומקעהרען דאָס געלד, וואָס ער נעהמט ביי זיי.

עס זיינען אבער פערגאנגען איינינע וואָכען, די אָרימע
חברים זיינען נאָך אָרימער געוואָרען, עס זיינען צווישען זיי אויך
צוגעקומען נאָך עטליכע לעהרערס אָהן „שטונדען“, צו גליקס־
מאנ׳ס לאגע איז מען געוואָהנט געוואָרען און איהם האָט ער־
ווארטעט הונגער....

ער האָט דעם הונגער פאָרגעזעהן און ווי א פינסטערע גע־
שטאַלט האָט ער איהם געשראָקען...

און ער האָט זיך געראנגעלט, געזוכט אויס צו ווייכען דעם
אנקומענדיגען הונגער. דער ערשטער מיטעל איז געווען צו פער־

בויגען דעם שטאָלץ. דער מיטעל איז אפילו געווען ניט אויס־געגרעכענט, נאָר ממילא, ניט פיהלענדיג אליין די נידריגקייט און קליינקייט דערפון.

און גליקסמאַן האָט שוין אויפגעהערט צו חזר'ן אין גע־דאנק אז ווי נאָר ער בעקומט די ערשטע געלד וועט ער יעדען זיין חוב מיט'ן גרעסטען דאנק צוריק אומקעהרען. זיין מוח איז געווען פערנומען מיט א מעהר וויכטיגע פראַגע: וואו קריגט מען לייהען עפּעס געלד אויף עסען? ווענען צוריקגעבען זאָל שוין גאָט זאָרגען...

און וואָס א טאָג, האָט ער אָנגעהויבען אלץ מעהר זיך ע־נידעריגען און בעטען מיט רחמים עטליכע קאָפּיקעס באָרגען, און כדי זיין בקשה זאָל שטארקער ווירקען, פלעגט זיך ביי איהם אָפּט מאָל ארויסרייסען פון דער צונג: „גלויבט מיר, איך האָב נאָך היינט ניט אָנגעביסען".

נאָך דעם פלעגט ער עטליכע מאָל אויסשפּייען, ווי ער וואָלט אַן עקעלהאפטע זאַך אראָבגעשלונגען. ער האָט איינמאָל אפילו זיך אליין מיט כעס א פאטש געגעבען און א געשריי גע־טהאָן: „דו בעטעלסט!"... בעגעגענענדיג אָבער באלד א צווייטען פלעגט זיך ביי איהם, הונגעריגערהייט, די זעלבע פראַזע נאָך שטארקער, נאָך ריהרענדער און נעבעכדיגער ארויסרייסען, די צווייטע ענטזאגונג פלעגט ער שוין רוהיגער צונעמען, קיין פּאטש זיך ניט געבען נאָר מיט רחמנות אויף זיך אליין, פלעגט ער טיעף אָבזיפצען און פלעגט אָנהייבען זוכען א דריטען, א פיערטען, א פינפטען בעקאַנטען...

*

* *

12 א זייגער ביי טאָג. די גאס האָט געררוישט. גליקסמאַן איז אומגעגאנגען אין דער רוישענדער גאס און געזוכט עפּעס מיט

די הונגעריגע אויגען. איהם דאכט זיך, אז די גרויסע געדיכטע מאַסע פון מענטשען, וואָס בעוועגט זיך דאָ אין גאס, אז די אלע מענטשען, די געהער און פאָהרער, זיינען שותפים, הב׳ן, שמייען, לויפען און יאָגען און יעדער בעקומט דערפאר זיין חלק פערדיענט און האָט וואָס צו עסען. נאָר איהם, גליקסמאנען, האָט מען, ער וויים אליין ניט פארוואָס, ארויסגעווארפען פון שותפות און מען וויל איהם קיין חלק ניט געבען און דעריבער וועט ער אויסגעהן פאר הונגער.

ער האָט זיך געשעמט פאר די דורכגעהענדע און פאר זיך אליין: א יונגער, געבילדעטער מענש, מיט צוויי הענד, וואָס ווילען ארבייטען, מיט צוויי פיס, וואָס ווילען אויך לויפען וואוהין מען דארף, מיט א קאָפּ, וואָס איז פעהיג לאָגיש צו דענקען, — אזא יונגער מענש געהט אום א הונגעריגער, אונבעהאָלפענער, אין מיטען העלען טאָג, אין מיטען רוישענדער גאס! ווי מיאוס! ווי מיאוס!...

וואָס מעהר ער איז געגאנגען האָט זיך דער הונגער אלץ מעהר געשטארקט און ער איז אלץ שוואכער געוואָרען, די קניה האָבען זיך געבויגען, פאר די אויגען געשווינדעלט און ער האָט זיך געשראָקען, ער זאָל אזוי געהענדיג ניט פאלען... און ער האָט פערצווייפעלט געזוכט א געדאנק אין קאָפּ, וואָס זאָל איהם טרייסטען און שטארקען, ער זאָל כח האָבען זיך ראנגלען נאָך און לעבען בלייבען.

— איך בין ניט איינער! האָט ער די אלטע טרייסט געפונען — דאָ זיינען פאראהאן א סך אזעלכע, ווי איך.

ער האָט יעדען בעגעגענדען אריינגעקוקט אין פּנים, ווי ער וואָלט וועלען געפינען נאָך אזא ווי ער. אלע פנימ׳ער האָבען אָבער גראָד אזוי זאט און צופריעדען אויסגעזעהן, און ער האָט זיך נאָך מעהר פערצווייפעלט, און געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער און ווייטער, ניט וויסענדיג אליין וואוהין און צו וואָס.

פלוצים האָט איהם אין די אויגען א פינקעל געטהאָן א בע־קאנטע הוט און נאָכדעם א פּנים. ער האָט בעגעגענט א בע־קאנטען מיט וועלכען ער האָט אין גאנצען צוויי מאָל אויסגע־רעדט עטליכע קורצע פראזען און האָט אפילו ניט גוט געדענקט יענעמס פאמיליע־נאָמען.

„ער וועט לייהען!“ האָט איהם דורכגעשטראהלט אין קאָפּ און ער האָט אָבגעשטעלט דעם בעקאנטען מיט אנידערגעשלאָ־גען „גוט־מאָרגען“.

דער „בעקאנטער“ האָט אויסגעשטעלט אויף גליקסמאנען די אויגען, ווי ער דערקענט איהם ניט.

— איהר האָט פערגעסען? — האָט גליקסמאן מיט א הכנעה'דיגען טאָן געפרעגט — מיר האָבען זיך בעקענט ביי זילבערמאנען — איהר געדנקט? גליקסמאן!

— אהא! — האָט זיך דער בעקאנטער דערמאָנט, האָט א שמייכעל געטהאָן, און איז געבליעבען אָהן ווערטער.

„ער וועט לייהען!“ האָט גליקסמאנען ווידער געבליצט אין מח און האָט ארויסגעשטאמעלט:

— איהר ווייסט, וואָס איך האָב מיך אָבגעשטעלט?... איך וואוין ווייט פון דאנען... איך דארף דאָ האָבען עטליכע קאָפּי־קעס נויטיג און איך האָב פערגעסען דאָס בייטעלע אין דער היים... איהר האָט אפשר ביז מארגען, העכסטענס ביז איבער מאָרגען א קאָפּיקעס צוואנציג, איהר מ ו ז ט מיר לייהען!..

דער בעקאנטער האָט אנשטאָט צו ענטפערען, ארייגעלעגט די האנד אין טאַש. גליקסמאנען האָט דאָס הארץ שטארק אָנ־געהויבען צו קלאַפּען.

— איהר זעהט? — האָט דער בעקאנטער געזאָגט אויס־טרייסלענדיג דאָס בייטעלע.

גליקסמאנען איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען: דאָס בייטעלע איז לעדיג געווען.

— „אוי“! האָט זיך ביי איהם ניט ווילענדיג ארויסגע־ריסען פון הארצען א פערצווייפעלטער זיפץ, ער האָט זיך פערשעמט פון אזא זיפץ און האָט קוים ארויסגערעדט:

— וואָס דארפט איהר מיר ווייזען — איך גלויב אייך!

— איך האָב אפילו יאָ אין טאַש ערגיץ א פערציגער, איז ער אבער א פאלשער, — האָט דער בעקאנטער צוגעלעגט, ווי ער וואָלט וועלען ארויסנעהמען גליקסמאַנען פון זיין פערלע־גענהייט.

— ווייזט נאָר א קוק טהאָן! — האָט זיך גליקסמאַן אָנ־געכאַפּט. דער בעקאנטער האָט אָנגעהויבען ארומצוזוכען אין די טאַשען און זוכענדיג, האָט ער אלץ געסטראַשעט גליקסמאַנען, אז ער האָט איהם שוין, דאכט זיך, ארויסגעוואָרפען און גליקס־מאַן האָט מיט שרעק אין די אויגען געוואַרט.

— שאַ, ער איז דאָ! — האָט דער בעקאַנטער אַנגעזאָגט.

— ווייזט, ווייזט א קוק טהאָן, האָט גליקסמאַן, ווי ארויס געריסען דעם פערציגער פון דעם בעקאַנטענס הענד.

ער האָט דעם פערציגער אויפמערקזאם בעטראַכט און האָט זיך קרענקליך פערקרימט: די מטבעה איז געווען געל ווי מעש און זעהר לייכט אין האַנד. דאָך אוועק געבען צוריק האָט גליקסמאַן עפּעס ניט געקענט און ער האָט איהם געבעטען:

— גיט מיר איהם, אפשר וועל איך...

— אַח, נעמט איהם! — האָט זיך דער בעקאַנטער אָנגע־באַפט, ווי ער וואָלט צופריעדען געווען, וואָס ער ווערט פון דער געלער מטבע פּטור...

— אדיע! האָט גליקסמאַן זיך געזעגענט, נישט קוקענדיג דעם בעקאַנטען אין פּנים אריין און פּיהלענדיג, ווי זיין פּנים ברענט פאַר חרפּה, ווי מען וואָלט דערויף נאַפט ארויפגעגאָסען און אָנגעצונדען מיט א שוועבעלע.

ער איז געווען אין בעס אויף זיך אליין, וואָס ער האָט עס

טהאן און פאר כעס האט ער בעשלאסען אויסצוגעבען דעם ערצינגער.

— איך מוז איהם אויסגעבען! — האט ער א געשריי גע־טהאן, אזש א פאר פערביינגעהענדיגע האבען זיך אומגעקוקט.

ער איז אריין מיט א קלאפענדען הארצען אין דער ערשטער געוועלב פון עסען־וואַרג.

גליקסמאן, אלס לעהרער, איז געגאנגען אנגעטהאן ארטינ און מיט זיין עדעלען בלאסען געזיכט און דינע געזיכטסציגע האט ער געהאט איין אויסזעהן פון א רייכען יונגען מענשען. דער קרעמער, דערזעהענדיג איהם אריין געהן, האט זיך אוועק־געשטעלט און האט מיט א דרך־ארץ׳דיגען טאן געפרעגט:

— וואס ווינשען זי?

גליקסמאן האט געווארפען נערוועזע בליקען אויף די עטלי־כע לעבלעך ווייס־ברויט און אויפ׳ן גרויסען קעז, וואס איז געלעגען אויפ׳ן ווארסטאט און האט קוים געענטפערט:

— צוויי פונט ברויט מיט א פיערטעל קעז — עפעס גו־טער קעז? — האט ער ווי צוטומעלטערהייט צוגעגעבען.

— דער קעז איז בחיר! אויסגעצייכענטער קעז, ריינער שמאנט — האט זיך דער קרעמער צעלאזט לויבען מיט התפעלות זיין סחורה — איהר קענט פארזוכען א שטיקעל, עס שאדט נישט.

און רעדענדיג האט איהם דער קרעמער אויפ׳ן שפיץ מע־סער דערלאנגט א שטיקעל קעז.

גליקסמאן האט געשווינד אראבגעכאפט דאס שטיקעל קעז פון מעסער און אריינגעלעגט אין מויל, נאר דערמאנענדיג זיך אן דעם געלען פערצינגער האבען איהם הענט און פיס אנגע־הויבען ציטערן און ער האט עס קוים אראבגעשלונגען, ניט שפירענדיג קיין שום טעם אין איהם.

— זעלטענער קעז... האט גליקסמאן קוים אויסגערעדט און

זאָם זיך איבגעקוקט צום טהיר, ווי ער וואָלט וועלען ענטלױ־פען.

— א פערטעל קעז און צוויי פונט ברויט? האָט דער קרע־מער איבערגעפרעגט.

— א פערטעל קעז און צוויי פונט ברויט! — האָט גליקס־מאן, ווי צוטומעלטערהייט נאָכגעזאָגט, קלערענדיג אן עצה, ווי אזוי אריין רוקען איהם דעם געלען פערציגער, אז ער זאָל ניט בעמערקען.

דער קרעמער האָט אָבגעוואויגען, איינגעוויקעלט אלץ אין א פאַפּיער און האָט עס העפליך אָבגעגעבען גליקסמאנען.

גליקסמאן האָט מיט ציטערדיגע הענד א ווארף געטהאָן די מטבעה.

— גיט א רעשט! — האָט ער קוים אויסגערעדט און מיט שרעק געקוקט, ווי דער קרעמער קרימט זיך בעטראכטענדיג די מטבע.

— זייט מוחל! — האָט דער קרעמער זיך געווענדט צו גליקסמאנען, נאָכדעם ווי ער האָט די מטבע דריי מאָל א ווארף געטהאָן און זיך צוגעהערט צו איהר טויבען קלאנג, ווי א גרויסער קאָמפּאָזיטאָר —— זייט מוחל, אפשר האָט איהר אן אנדערען פערציגער, דער איז א פאלשער.

— א פאלשער? — האָט גליקסמאן זיך תם'וואטע פער־וואונדערט.

— א פאלשער! — האָט דער קרעמער קאלט געענטפערט. גליקסמאן האָט אוועקגעלעגט צוריק דאָס איינגעוויקעלטע ברויט און קעז, גענומען דעם פערציגער אין האנד, בעטראכט איהם פון אלע זייטען און האָט שטיל, ווי ברוגז ארויסגערעדט:

— א גוטער פערציגער, קיין אנדערן האָב איך ניט, און האָט זיך פון קראָם, ווי א שאָטען ארויסגערוקט.

— געשעפטען! — האָט ער דערהערט הינטער זיך דעם קרעמערס ברוגז'דיג קול און ער האָט דערפיהלט אין מויל די

ברעקלעך פון שטיקעל קעז, וואָס ער האָט פערזוכט און האָט אויסגעשפּיגען, פערברעכענדיג מיט די הענד.

— וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? — האָט ער ביטער געקרעכצט, ניט וויסענדיג וואוהין ווייטער צו געהן.

ער האָט גענומען דעם פערציגער אין האנד און געקוקט אויף איהם.

— א גוטער פערציגער? — האָט ער פאר זיך גערעדט, ווי ער וואָלט זיך אליין געוואָלט אבנארען, ער זאָל האָבען מוטה אריין צו געהן נאָך אין א געוועלב.

נאָר אין דער צווייטער געוועלב איז דאָס זעלבע געווען.

ער איז ארויסגעגאנגען צוריינצט און פערביטערט; זיינע אויגען זיינען געווען מיט בלוט פערלאָפען. „היות רעות!"— האָט ער אין געדאנק גערופען — פערשאָלטען זאָלט איהר זיין.

די ערנידערונגען האָבען איהם בייז געמאכט.

ער האָט מיט האס אָנגעקוקט אלע פערבייגעהענדיגע זאטע פּנים'ער.

— דעם פערציגער מוז איך אויסגעבען! האָט ער פעסט בעשלאָסען — איך מוז! איך מוז! — און ער האָט זיך גע־לאָזט געהן.

און אין יעדער געוועלב האָט ער אריינגעקוקט, זעהן וואָס פאר א נפש דאָרט זיצט ביי דער סטויקע. נאָר יעדעס פּנים פון די קרעמער האָט אזוי שלעכט, גראָב ארויסגעקוקט, אז גליקס־מאנען האָבען די פיס ניט געדריענט אריין צו געהן.

ער האָט געזוכט א נאַרישען פּנים, צו אזוי א יונג־קינד, וואָס זאָל זיך לאָזען נארען...

ער האָט זיך געלאָזען אין א זייטיג געסיל און האָט אריינ־געקוקט אין א קליין־געוועלביל, ביי'ן סטויקע איז געזעסען א קליין־דאַר־מיידעלע מיט א פערשלאָפען פּנים, מיט צעשויבער־טע האָר און האָט טרויעריג געקוקט אין גאס אריין.

— „דאָ איז דאָס!“ איז גליקסמאַנען דורכגעפלויגען אין קאָפּ און ער איז מיט זיכערע טריט אריין אין געוועלב.

— וואָס דאַרפט איהר? — האָט איהם דאָס מיידעלע אי־בערגעפּרעגט. זעהענדיג ווי ווילד ער וואַרפט זיינע בליקען אי־בער׳ן געוועלב.

גליקסמאַן האָט זיך איינגעקוקט אין דעם מיידעלעס פּנים. איהם האָט זיך געדאַכט אז איהרע אייגעלעך זיינען פערוויינט.

— מען דאַרף זיין א גזלן אַבצונאַרען זי! — האָט אין איהם דאָס האַרץ גערעדט, נאָר דער הונגער האָט אזוי וועהטאָג־דיג גענאָגט, און ער האָט געפּרעגט.

— ברויט איז פאַרהאַן?

— יאָ! — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט, קוקענדיג אויף איהם אַלץ דערשראָקען.

דאָס מיידעלע האָט איהם אָבגעשניטען צוויי פונט ברויט און ווען זי האָט געשניטען האָט גליקסמאַן געזעהן, ווי איהרע דאַרע הענדעלעך ציטערן און דאָס האַרץ האָט איהם שווער געדריקט, קוקענדיג אויף דאָס אָרעמע מיידעלע.

— „מען דאַרף זיין א גזלן אָבצונאַרען זי!“ — האָט איהם ווידער דאָס האַרץ אָנגעהויבען צו רעדען שטאַרקער ווי פריהער און שטאַרקער פאַר זיין הונגער, ער האָט געוואָלט ארויס געהן אזוי פון קראָם, נאָר דאָס אָבגעשניטענע ברויט האָט איהם ווי מיט צוואַנגען געצויגען און ער איז געבליבען.

— גיעב מיר מיידעלע, א פערטעל קעז אויך, האָט ער שוואַך ארויסגערעדט.

דאָס מיידעלע האָט איהם אָבגעוואויגען און דערלאַנגט.

— גיעב מיר א רעשט פון א פערציגער — האָט ער איהר געזאָגט, דערלאַנגענדיג די מטבעה און האָט אין האַרצען געוואונשען, אז דאָס אָרעמע מיידעל זאָל שכל האָבען און ניט נעמען דעם פאַלשען פערציגער...

נאָר דאָס מיידעלע האָט צוגענומען דעם פּערציגער און קוים בעטראַכטענדיג א י ה ם, האָט זי איהם אריינגעוואָרפען אין קעסטעלע און האָט ארויסגעגעבען גליקסמאַן׳ען צעהן קאָ־פּיקעס רעשט.

גליקסמאַנען האָט בעגאַסען א קאַלטער שוויים און ער האָט ניט געקענט ארויסגעהן פון געוועלב.

— מיידעלע, א מאַמע האָסטו? — האָט ער זי פּלוצים געפרעגט.

— ניין, געשטאָרבען! — האָט דאָס מיידעלע טרויעריג געענטפערט.

גליקסמאַן איז שיער ניט אומגעפאַלען.

— האָסטו א שטיפמאַמען? — האָט גליקסמאַן ווייעדער געפרעגט.

— יאָ! — האָט דאָס מיידעלע נאָך טרויעריגער געענט־פערט.

— זי שלאָגט דיך עפּעס?

דאָס מיידעלע האָט געשוויגען און גליקסמאַן איז זיכער געווען, אז דאָס אָריכע מיידעלע ווערט געפּייניגט אַלע טאָג און איהם האָט זיך געדאַכט, אז די שטיפמאַמע וועט איהר פאַר דעם פאַלשען פּערציגער אוועק׳הרג׳נען.

ער האָט נערוועז געטאַפּט דאָס ברויט אין האַנד, גע־

קוקט אויף די ווענד פון דעם אָרימען געוועלב, אויף דאָס מיי־דעלע און אין קאָפּ האָבען איהם אַלץ געשלאָגען די ווערטער:

„א גזלן דאַרף מען זיין אָבצונאַרען זי!“

— מיידעלע! — האָט ער פּלוצים, ווי מיט א געבעט אויסגעשריען — גאָ דיר צוריק דעם ברויט מיט די קעז און גיעב מיר אוועק דעם פּערציגער.

— פאר וואס ? שלעכטע ברויט ? — האט דאס מיידעלע, ווי פערשולדיגט געפרעגט.

— ניין ! גוט — ברויט ! טהייער — ברויט... נאר... פאלג מיר מיידעלע, גיעב אוועק דעם פערציגער, גיעב מיידעלע !

דאס מיידעלע האט מיט פערוואונדערטע, דערשראקענע אויגליך איהם אנגעקוקט און האט איהם דערלאנגט צוריק דעם פערציגער.

—א שעהן מיידעלע ! האט ער מיט דאנקבארקייט ארויס־גערעדט, — ווייטער, מיידעלע, זאלסט דו גוט — גוט קוקען אויף געלר, מען זאל דיך ניט אבנארען...

און ניט ערוואַרטענדיג קיין ענטפער איז ער ארויסגעלאפען פון געוועלב.

— איך קען ניט, איך קען ניט ! — האט ער ווי פאר זיך אליין פערענטפערט זיך פאר זיין שוואכקייט — איך קען ניט !...

און מיט האסט האט ער א ווארף געטהאן דעם פערציגער אויפ׳ן ברוק און דער טויבער קלאנג פון דער מטבעה האט זיך צומישט מיט זיין זיפץ...

און א הונגעריגער האט ער זיך געלאזט געהן ווייטער זו־כען ביי א בעקאנטען עטליכע קאפיקעס צו באָרגען!...

ביי׳ן פרעמדען פייער.

בלאָך און שאַר, צוויי בחורים אין איין און דעם זעלבען על־טער — אומגעפעהר פון פינף און צוואנציג ביז אכט און צוואנ־ציג יאָהר אלט, זיינען געזעסען ביי א טישעל אין קליינעם קאַ־פּון הויז און האָבען איינע די אנדערע שטום זיך אָנגעקוקט. ענדליך האָט בלאָך זיך אָבגערופען:

— א גרויסע שטאָדט דאכט זיך, און דאָך איז ניטאָ אמאָל אין אבענד וואוהין אריין צו געהן...

— יא. — האָט שאַר בעשטעטיגט. „די וועלט איז גרויס, און עס איז זיך ניטאָ וואו אהין צו טהאָן...

און נאָך דעם קורצען דיאלאָג, זיינען זיי ווידער שטום געוואָרען. שאַר׳ען איז אבער ענדליך נמאס געוואָרען דאָס שוויי־גען און לעדיג זיצען, און ער האָט זיך געווענדעט צו דער קעל־נערין, וועלכע איז פערבייגעגאנגען:

— א גלאָז טהע...

— ווידער טהעע, — האָט בלאָך געשמייכעלט — דו האָסט דאָך שוין אזוי פיעל געטרונקען.

— וועל איך נאָך טרינקען — וואָס מאכט עס אויס — האָט שאַר געמורמעלט — לייט טרינקען בראנפען פון אומעט. מיר טרינקען טהעע...

— און איך וועל נעהמען א גלאָז קאווע, — האָט בלאָך געזאָגט — און צוגערופען דער קעלנערין...

די קעלנערין האָט געבראכט צוויי קאַוועס.

— איך האָב דאָך טהעע בעשטעלט, — האָט שאַר גע־שמייכעלט צו דער קעלנערין.

— .איך האָב פערהערט — האָט די קעלנערין צוריק גע־שמייכעלט, און געוואָלט נעהמען צוריק די קאווע...

— זאָל זיין, עס מאכט ניט — עס איז רעכט קאווע אויך... — האָט שאָר מסכים געווען...

די קעלנערין איז א צופריעדענע אוועק...

בלאָך און שאָר האָבען לאנגזאם געטרונקען די קאווע און געשוויעגען.

— עפּעס זעהט מען ניט שפּיראָ׳ן! — האָט שאָר ענדליך ארויסגעמורמעלט.

— שפּיראָ איז א גליקליכער מענש! — האָט בלאָך זיך אנגעכאפּט — ער האָט עפּעס אויסגעפונען א בעל־הבית׳ישע מיידעל און זיצט דאָרט גאנצע טעג און גאנצע נעכט...

שאָר האָט אָבגעזיפצט:

— עפּעס א שעהן מיידעל?...

— ניש קשה, האָט בלאָך געענטפערט — ער האָט זי מיר די טעג אויפ׳ן גאס פאָרגעשטעלט...

— א הויכע? — האָט שאָר ווידער געפאָרשט...

— א מיטעלמעסיגע.

— — נו, אויגען... — האָט שאָר וויטער געפרעגט — שווארצע?

— ניין, דוקא בלאָהע אויגען... גרויסע בלויע אויגען... שעה־נע אויגען — האָט בלאָך ענדליך זיך שוין בעגייסטערט...

— איז דאָך גוט!... — האָט שאָר גערעדט ווי פאר זיך, און שווייגענדיג א ווײַלע, האָט ער ווידער געפרעגט:

— איז זי אינטעליגענט?

— ווייזט אויס, אז יא. זי האָט געטראָגען א בוך אונטער׳ן ארים.

— איז דאָך טאקע גאָר גוט... — האָט שאָר ווי מיט קנאה געמורמעלט.

און נאך א קליינע פויזע, האט ער ברוגז'ערהייד צוגעגע־
בען:

— פאר וואס־זשע לאדעט ער אונז אמאל ניט איין?

— ווייס איך? — האט בלאך געדריקט מיט די פּלייצעס...
אפשר האט ער ניט קיין רעכט אונז צו איהר איינלאדען?...

— מיר וואלטען דאך זי ביי איהם ניט אבגענומען! —
איז שוין שאר אויפגערעגט געווארען — די דאזיגע חברה, אזוי
זיינען זיי דאכט זיך גוטע ברידער, און ווי נאר זיי דערטאפּען א
פעטביינדעל, פערקלייבען זיי זיך אין א ווינקעל און האלטען
עס פעסט אין די צייהן...

— נו, נו געווג! — האט בלאך גע'מוסר'ט — שפּירא איז
ניט פון די. און איבריגענס, וואס האסטו געוואלט — ער זאל
דיר א חלק געבען... נארישער יונג דו איינער... א מיידעל איז
דאך ניט קיין מיטאג, טהיילען זיך קען מען דאך ניט...

— יא, איך פערשטעה — האט שאר זיך געקרימט. איך וויל
זיך ניט טהיילען... אבער מען קען דאך ניט טהיילענדיג זיך,
זיין צוזאמען... לא די וואס ער האט געקראגען א מיידעל, האַ־
בען... —

נאר איידער שאר האט געענדיגט זיין פראזע, האט זיך די
טהיר פון דער קליינער קאפע געעפענט און שפּירא, א הויכער,
שטארק געבויטער יונג פון א יאהר צוויי דריי און צוואנציג איז
אריין, איז צוגעגאנגען צום טישעל וואו בלאך און שאר זיינען גע־
זעסען, און געבענדיג איינעם נאך דעם אנדערען די האנד, האט
ער מיט א פריינדליכען שמייכעל געזאגט:

— איך האב פערשטאנען אז איהר זייט דא. איך בין אריין
בלויז אויף א ווייל. נו, וואס מאכט איהר, ברידער...?

— אט, ניש קשה... — האט בלאך געענטפערט...

— מען זופט קאווע... — האט שאר געמורמעלט...

— איך וואלט אויך עפּעס געטרונקען מיט אייך, האט
שפּירא, אלץ שמייכלענדיג גערעדט, אבער איך אייל זיך...

— צו דער כלה... — האָט שאָר קריטיקירט...

— יאָ, — האָט שפּירא נעשמייכעלט. — איך קום אַלע אָבענד צו איהר...

— זי וואוינט מיט די עלטערען צוזאַמען? — האָט בלאָך געפרעגט.

— יאָ, מיט די עלטערען.

—א בעל הבית'ישע מיידעל, הייסט עס — האָט ער נע'חוזק'ט פערשטעלט.

— יאָ, האַלב בעל הבית'יש... זיי זיינען אָבער גוטע מענ־שען... ווייסט איהר וואָס, ברידער, קומט אויך מיט, מיט מיר!— האָט זיך שפּירא אָנגעכאַפּט. קומט, קומט! זי וויל אייך טאַקע קענען... איך האָב וועגען אייך מיט איהר פיעל גערעדט.

שאָר מיט בלאָך'ן האָבען זיך איבערגעקוקט, און איידער זיי האָבען וואָס געוואָלט זאָגען, האָט שפּירא א לוסטיגער און א פריינדליכער ווידער געזאָגט:

— קומט, ברידער, קומט... מיר וועלען אביסעל פערברענ־גען צוזאַמען...

— קום, שאָר, — האָט בלאָך גערופען.

— איך קען גיין... — האָט שאָר מיט אינערליכער צו־פריעדענהייט מסכים געווען, און זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

די צוויי פריינד האָבען אין דער גיך בעצאָהלט, און שאָר אין אויפגעלעבטער, אין אָבגעפרישטער, האָט אריינגעמורמעלט בלאָכ'ן:

— לאָז דער קעלנערין א גוטען טרינק־געלד...

און די חברים זיינען ארויס אויפ'ן גאַס.

עס איז געווען אַזייגער ניין אין אבענד. עס איז געפאַלען א לייכטער פוכיגער שנעע, און האָט צאַרט און מילד בעדע־קט די רווישענדע גאַס. די שנעעלאַך האָבען געפינקעלט ווי בריל־ליאַנטען אנטקעגען דער ליכט, וואָס האָט נעשלאָגען פון די הייזער און פון די גרויסע געשעפטען.

שאַר האָט זיך דערפיהלט ווי נייגעבוירען. ער איז געגאַנ־גען מיט פעסטע און זיכערע טריט און צוגעזונגען אַ נגון׳דעל.

ענדליך זיינען זיי אַנגעקומען צו דעם הויז, וואו שפּיראַ האָט זיי איינגעלאַדען.

אריינגעהענדיג אין קאָרידאָר, האָט שאַר אָבגעקלאַפּט דעם שנעע פון די שיך און מיט אַ קלאַפּענדען הארצען ערווארטעט, אז שפּיראַ זאָל עפענען די טהיר...

ענדליך האָט זיך די טהיר געעפענט, און די דריי חברים זיינען אריין אין הויז. עס איז זיי געקומען אנטקעגען אַ יונגע בלאָנדע מיידעל.

— איך האָב געבראַכט מיינע פריינד! — האָט שפּיראַ מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט אויסגערופען...

— אַ, זעהר אַנגענעהם, — האָט דאָס מיידעל אויסגע־צויגען די האַנד שאַר׳ן.

פון דער מיידעל׳ס פריינדליכקייט האָט שאַר זיך דער־פיהלט ווי ערמוטהיגט. ער האָט איהר אויסגעצויגען זיין האַנד, און שטאַרק דריקענדיג, געזאָגט:

— עס פרעהט מיך זעהר צו קענען מיין פריינד׳ס כלה...

— כלה!... — האָט זי זיך צולאַכט... נישט קיין כלה... נאָר עס מאַכט נישט.

און ווענדענדיג זיך צו בלאָך׳ן, האָט זי שמייכלענדיג גע־זאָגט:

— אייך האָב איך דאָך שוין געזעהען... און האָט איהם דערלאַנגט די האַנד.

באַלד איז אַנגעקומען פון אַ צווייטען חדר דער פאָטער, אַ בנעימות׳דיגער איד מיט אַ שעהן ארומגעשוירען שוואַרץ בער־דיל, וואָס האָט זיך דורכגעפלאָכטען ערטערווייז מיט גראָהע פאָסען...

שפּיראַ האָט זיינע חברים פאָרגע׳שטעלט פאַר׳ן פאָטער.

שפּעטער א ווײַלע איז אריין פון קיך די מוטער, א גוט־מוטהיגע אידישע פרוי.

מען האָט זיך געזעצט בײַ׳ם טיש, און די מיידעל האָט דערלאנגט טהעע...

שאָר׳ן איז אויסגעקומען צו זיצען נעבען דער כלה... שפּי־רא איז געזעסען נעבען פאָטער און בלאָך׳ן ווידער איז אויס־געקומען צו זיצען נעבען א קליין אינגעלע, די כלה׳ס ברודער׳ל...

שאָר איז מיט זײַן פּלאַץ געווען זעהר צופריעדען. ער האָט אלע ווײַלע געהויבען די אויגען צו דער כלה־מיידעל.

זי איז געווען צו איהם זעהר פריינדליך, און עס האָט זיך איהם געדאכט, אז ער קען זי שוין אזוי לאנג, אזוי לאנג...

דער געשפּרעך איז געווען א לײַכטער, אן אָבגעריסענער, אָבער אלע האָבען זיך געפיהלט היימיש און גוט...

בעסער אבער פאר אלעמען האָט זיך געפיהלט שאָר.

עס האָט זיך איהם געדאכט, אז שפּירא׳ס מיידעל איז צו איהם זעהר נאָהענט...

ער האָט געפּרופט אָננעהמען איהר האנד.

שפּירא האָט עס בעמערקט, און פריינדליך געשמייכעלט.

ענדליך האָט בלאָך בעמערקט:

— שוין אזייגער צוועלף, מען דאַרף געהן..

קיינער פון די דערבײַ־זיצענדע האָט קיין געגען־בעמערקונג ניט געמאכט...

הייסט עס, אז מען דאַרף שוין געהן! — האָט שאָר זיך אויפגעכאפּט, ווי פון א זיסען חלום. ער האָט ווי מיט בעטענדע בליקען אָנגעקוקט דער מיידעל, נאָכדעם שפּירא׳ן, און זיך אויפ־געשטעלט.

— אלזאָ, ברודער, איז צו איהם שפּירא צוגעגאנגען, געהט איהר שוין...

— יא, — מיר געהען! — האָט שאָר ווי צוטומעלט גע־ענטפערט — שוין שפּעטלעך, מיר געהען...

ער האָט פריהער געגעבען די האנד דעם פאָטער, נאָכדעם דער מוטער, געקוקט זיי אין די אויגען אריין, און ווי עפּעס ערוואַרטעט.

ענדליך איז ער צוגעגאנגען צו דער מיידעל.

— נו, האָט ער געשטאַמעלט... א גוטע נאכט — און האָט איהר דערלאנגט די האנד.

זי האָט איהם א שמייכלענדע און א פריינדליכע די האנד צוריק דערלאנגט און געענטפערט:

— א גוטע נאכט... קומט אמאָל ארויף...

— זיכער, זיכער! — האָט ער פערשפּראָכען... איך האָב מיך דאָ זעהר גוט געפיהלט.. .און זאָגענדיג אן אלגעמיינע „גוטע נאכט“, איז ער ארויס מיט בלאך'ן פון הויז...

געהענדיג צוריק, האָבען זיי א לאנגע צייט געשוויעגען. ענדליך האָט זיך שאָר אָבגערופען:

— איך האָב מיר דאָרט אביסעל אָנגעוואַרימט...

בלאָך האָט גאָרנישט געענטפערט, אין א ווייל'ע ארום, האָט ער געמורמעלט ווי פאר זיך אליין:

— ביי א פרעמדען פייער...

זיי זיינען ווידער אנשוויגען געוואָרען און געגאנגען יע־דער צו זיין איינזאמען פייעריל.

דער פּראָטעסט.

באשע־ביילע די נייטאָרין פּלעגט שטענדיג הערען וועגען זיך, אַז זי איז אַ וואויל־מיידעל. דאָס פּלעגט מען וועגען איהר זאָגען סיי אין די אויגען און סיי אונטער די אויגען. אבער קיין נחת האָט זי דערפון ניט געהאט, געפרעהט האָט עס איהר ניט. אדרבא, פיעל מאָל האָט עס איהר פערשאפט פערדרוס און הארץ־וועהטאָג, און אַפּטמאָל פּלעגט זי אפילו אויף דעם דאָזיגען קאָמפּלימענט נערוועז אָבענטפערען:

— אַ וואוילע, אַ וואוילע... בין איך גליקליך!...

און זי איז געווען גערעכט! — גליקליך איז זי מיט איהר וואוילקייט ניט געווען. זי האָט דוקא געוואָלט זיין ניט קיין וואוילע. — הלואי וואָלט זי בעסער געווען ניט קיין וואוילע, אָבער אַ שעהן מיידעל — וואָלט זי אַ סך צופרידענער און גליקליכער געווען. נאָר אַ שעהן מיידעל איז זי קיינמאָל ניט געווען, ווענינגסטענס האָט זי וועגען זיך אזא מיינונג קיינמאָל ניט געהערט, אפילו דאן, ווען זי איז געווען יונג, בפרט יעצט, ווען באשע־ביילע, נישט קוקענדיג, וואָס זי זאָגט קיינמאָל קיין ליגען ניט, מוז די לעצטע צייט אראָב נעהמען אַ פּאָר יאָהר פון איהר עלטער, וואָס האָט קומט איהר אָן ניט גרינג. איהרע בלאסע באַקען ווערען דאמאָלסט רויט, און איהר דאכט זיך, אַז זי האָט אָבגעטהאָן דאָס גרעסטע פערברעכען...

יא, באשע־ביילע איז ניט צופריעדען מיט איהר וואויל־קייט. איבערהויפּט איז זי ניט צופריעדען מיט איהר שטיל־קייט, וואָס פיעלע פון די שכנות שעצען זעהר שטארק...

באשע־ביילע ווייס, אז שטילקייט איז פאר א מיידעל דער גרעסטער חסרון. הלואי וואָלט זי געקענט אזוי הויך לאכען, ווי איהרע חבר'טעס... הלואי וואָלט זי געקענט אזוי הויך זינגען ווי זיי, וואָלט זי אויך געוואוסט פון גליק און פון ליעבע... און וואָלט ניט גערארפט די גאנצע יונגע יאָהרען פערברייננגען בלויז מיט דער אלטער מוטער איהרער, מיט דער אלמנה...

באשע־ביילע איז געווען טאקע וואויל און שטיל, אבער ווען מען וואָלט געוואוסט איהרע געדאנקען—דאכט זיך איהר—וואָלט מען זי געהאלטען פאר דער זינדיגסטער אין דער וועלט, און ווען מען וואָלט געקענט זיך צוהערען, וואָס עס קומט פאָר ביי איהר אין הארץ, ווי עס שרייט און ליארעמט, וואָלט מען זי, ווער ווייס, מיט וואָס פאר א נאָמען אָנגערופען.

נאָר דאָס, וואָס עס טהוט זיך ביי איהר אין קאָפּ און הארץ, ווייס קיינער ניט, אפילו איהר מאמע ניט, און באשע־ביילע וואָלט אמאָל וועלען אויסשרייען:

— איך בין ניט וואויל, איך בין ניט שטיל! און זאָל מען איהר בעסער מוסר זאָגען איידער ריהמען. וואָס האָט זי פון איהר גוטען נאָמען? ער האָט איהר נאָר פערשטערט דאָס לע־בען און גערויבט פון איהר אלע פערגעניגען...

און אויסצודריקען איהר פּראָטעסט בלייבט איהר נאָר איהר איינציג ליעד, וואָס זי זינגט:

דרויסען איז א טריעבער טאָג,
אין שטיבעלע אין א פּאָרע..
איך האָב אָבגעלעבט מיינע יונגע יאָהרען
אזוי ווי אין א כמאָרע...

דאָס דאָזיגע ליעדעל זינגט זי אבער אזוי שטיל, אז זי אליין הערט קוים די ווערטער... צו נאָהענט איז איהר דאָס ליעד צום הארצען, אז זי זאָל האָבען די דרייסטקייט עס הויך צו זינ־גען!

באַשע־לאה ווייס, אַז עס זיינען דאָ אַ סך פרעהליכע פערשייטע ליעדער, און דוקא יענע ווערען געזונגען הויך אין אַפען... אַבער יענע ליעדער זיינען ניט פאַר איהר — יענע ליע־דער זיינען פאַר די, וואָס האָבען ניט אַזאַ גוטען נאָמען, ווי זי... זי איז אַ וואוילע און אַ שטילע — און ניט אַלע ליעדער קען זי זיך ערלויבען צו זינגען!

יאָ, זי מאָר זיך גאָר נישט ערלויבען — אַזוי איז שוין איהר בעשערט. שטיל, עהרליך און אַליין.

אָפט אָבער ווערט באַשע־ביילע'ן אונערטרעגליך איהר שטילקייט און עהרליכקייט, און זיצענדיג אין קליינעם שטיבע־לע ביי איהר ארבייט וואָלט זיך איהר ווען אוועקוואַרפען אַלץ, אַרויסלויפען אויפ'ן גאַס און ווענדען זיך צום ערשטען בעסטען יונגען־מאַן:

— איך בין נישט וואויל און נישט שטיל! קום מיט מיר! קום! וואָרום איך בין די זינדיגסטע אין דער וועלט!...

קענגען איבער איהר צימער וואוינט שוין זייט צוויי יאָהר חייקעל דער שניידער מיט זיינע בנים, וואָס האָבען אַ שם אין דער גאַנצער גאַס פאַר פערשייטע און צולאָזענע, איבערהויפט דער עלטערער, יאָסעל דער רויטער. יאָסעל דער רויטער איז אַ בחור פון אַ יאָהר אַכט־און־צוואַנציג, אַ הויכער, אַ געזונדטער. מיט גראָהע, שפיציגע אויגען און רויטע שפיציגע וואָנסען...

די גאַס דערצעהלט פון איהם שרעקליכע מעשיות. חאַשע ביילע זעהט איהם אָפט שטעהן ביים טויער פון הויז מיט מייד־לעך, וועלכע ער דערצעהלט עפּעס, און זיי לאַכען הויך אויפ'ן קול. זי לויפט דאַמאָלסט דורך שנעל, איהר דאַכט, אַז דאָס לאַכען זיי פון איהר, פון איהר שטילקייט און עהרליכקייט.

אָט בעגעגענט זי זיך מיט איהם אין דעם ענגען, שמוצי־גען קאָרידאָר. ער קוקט זי אָן מיט זיינע גראָהע אויגען און

שמייכעלט דערביי עפּעס אזוי געמיין, אז עס קומט איהר אריין דאָס בלוט אין געזיכט, און עס פערפעהלט איהר אטהעם...

מיט ווערטער האָט ער זי אָבער קיינמאָל ניט פערטשעפּעט. זי איז, הייסט עס, ניט פאר איהם. אזוי, וועניגסטענס, מיינט זי.

זי נעהט דאמאָלסט אריין צו זיך אין שטיבעל און קלאָגט זיך פאר דער מוטער:

— אזא גראָבער יונג, דער דאָזיגער „רוימער“ — אנקוקען קען איך איהם ניט...

— וואָס? ער האָט דיך חלילה פערטשעפּעט? — דערשרעקט זיך די מוטער...

— ניין... ער דארף דוקא פערטשעפּען... — ענטפערט זי מיט פערדרוס — ער איז גלאַט א געמיינער יונג...

— ס'א דאגה, מיין טאָכטער, — בערוהיגט איהר די מוטער — וואָס נעהט ער דיר אָן? דו ביזט א שטילע, עהרליכע מיידעל...

באשע ביילע ענטפערט ניט, זי לאָזט נאָר ארויס א שטילען זיפץ, און נעהמט זיך צו דער ארבייט.

זיצט איינמאָל באשע־ביילע אין שטיבעל ביים מאשין אין שטעפּט א העמד. ערשט זי דערהערט, ווי עמיצער האָט זיך ווי אריינגע'גנב'עט שטיל דורכ'ן טהיר. זי קעהרט אום דעם קאָפּ, און זי בלייבט ווי פערגליווערט: פאר איהר שטעהט יאָסעל דער רוימער, קוקט זי אָן מיט זיינע סארע אויגען און שמייכעלט.

— איהר האָט זיך דערשראָקען? — לאכט ער...

זי געפינט ניט קיין ענטפער, און ווייס ניט וואָס זי זאָל פארנעהמען...

— איהר זיינט א גאנץ שעהן־מיידעל, אביסעל אויסגע־

מאַנערט... אבער דאָס שאדט ניט — איך האָב דווקא ליעב אזעל־כע...

זי וויל עפּעס ענטפערען, נאָר עס פארפעהלט איהר אטהעם, א הייסער שטראָם פליהט איהר דורך אין גאנצען קערפּער. און פון אלע געדאנקען בלייבט איהר בלויז אייגער אין קאָפּ:

— זאָל די מאמע איצט ניט אָנקומען!...

ער געהט צו איהר צו און נעהמט זי אָן פאר דער האנד. זי האָט ניט קיין קראפט צו וועהרען זיך.

— איהר דארפט פאר מיר קיין מורא ניט האָבען... — זאָגט ער איהר, צובויגענדיג זיך צו איהר גאָר נאָהענט... איך וועל אייך ניט טהאָן קיין שלעכטס... איך ווייס דען ניט, אז איהר זייט אַן עהרליכע טאָכטער... א שטילע, א וואוילע...

פון די לעצטע צוויי ווערטער קומט זי צו זיך, דערפיהלט זיך ווי בעליידיגט, און ווי ניט מיט איהר ווילען, רייסט זיך ביי איהר ארויס פון מויל:

— איך בין ניט אזוי שטיל און וואויל, ווי איהר מיינט...

— איז נאָך בעסער! — כאפּט ער זיך אָן מיט פרייד... און וויל זי ארומנעהמען...

— די מאמע קאָן אריינקומען... — מורמעלט זי פאר שרעק און אויפרעגונג...

— עט די מאמע — לאכט ער ציניש... — איך קען זיין אייער מאמע און אייער טאטע און אייער מאַן...

א זיסער שווידער געהט דורך איהר קערפּער פון דעם לעצ־טען וואָרט.

— איהר דארפט ניט אזא ווי איך... — זאָגט זי בע־שיידען ארויס... איהר ווילט מיך גאָר אויסלאכען...

— זאָל מיך גאָט שטראָפען! — צינדט ער זיך אָן, און זיין געזיכט ווערט שטרענג ערנסט, — איך ווייס דען ניט, ווער איהר זענט? א טהייער מיידעל, האָב איך אזא יאָהר, וואָס פאר

א מיידעל איהר זענט... דוקא אזא ווי איך בין א מבין אויף איך... איהר פערשטעהט! דוקא אזא ווי איך!...

זי קוקט איהם דרייסטער אָן. אין קאָפּ פליהט איהר דורך, אז זי וועט זיך איצט נוקם זיין אָן אלע, וואָס האָבען געזאָגט אויף איהר שטענדיג, אז זי איז א שטילע, וואוילע, זאָלען זיי איצט וויסען... זי איז ניט קיין שטילע און ניט קיין וואוילע, ניין, זי איז ערגער פאר אלע מיידלעך... אַט דעם יאָסעל דעם רויטען קלייבט זי אויס...

ער נעהמט זי ארום אין זיינע פעסטע הענד און דריקט זי. א נייע ערשט־געבאָרענע פרייד צינדט זי אָן, זי כאַפּט איהם ארום צוריק מיט איהרע הענד און דריקט איהם נעהענטער צו זיך, נעהענטער, נעהענטער...

— אַט אזוי האָב איך ליעב! — ברומט ער ארויס, און קושט זי אין האלז...

— מען האָט געדאַרפט צושפּאַרען די טהיר — דער־מאָהנט זי זיך, נאָר באלד פאַלט איהר איין, אז עס וואָלט איהר גאָר ניט געאַרט, אז עמיצער זאָל אַנקומען... פערקעהרט, זאָל מען טאקע אַנקומען. זאָל קלינגען די גאַס מיט איהר, זאָלען אלע וויסען, וואָס די וואוילע און שטילע באשע־ביילע האָט זיי אָב־געטהאָן! און זאָל שוין זיין א סוף מיט איהר וואוילקייט און שטילקייט!...

ערשט וועט זי אָנהויבען צו לעבען, צו געניסען!

און זי רופט זיך אָן צו יאָסלען:

— איך וויים, אז איהר מיינט מיט מיר ניט חתונה האָ־בען נאָר עס אַרט מיך ניט...

יאָסעל קוקט זי אָן ערשטוינט:

— ווי הייסט, דיר אַרט ניט?

— מיר אַרט ניט! — זאָגט זי, ווי אימעצען אויף צו־

להכעיס — איך בין ניט אויסען דוקא מיט אייך חתונה צו האָ־
בען...

— וואָס דען ביזטו אויסען?... — פרעגט ער איהר פער־
וואונדערט, און קוקט זי אָן מיט זיינע גרויע אויגען.

— איך בין אויסען אראָבוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון
שטילקייט און וואוילקייט און עהרליכקייט, דער יאָך, וואָס האָט
מיר געדריקט דאָס גאַנצע לעבען...

ער האָט איהר ניט פערשטאַנען:

— וואָס רעדט זי פאַר מאָדנע ווערטער? פאַרט א יאָל־
דין — האָט ער געטראַכט.

ער האָט איהר געוואָלט עפּעס ענטפערען, נאָר עס האָט
זיך דערהערט ווי אימיצער געהט. ער האָט געמאַכט א בעווע־
גונג ארויסצוגעהן, נאָר זי האָט איהם אָבגעהאַלטען:

— האָט ניט קיין מורא...

עס איז אריין די מוטער. דערזעהענדיג יאָסעל דעם רווי־
טען, האָט זי געגעבען א פּאַטש מיט די הענד און דערשראָקען
אויסגעשריען:

— וועה איז מיר, וואָס טהוט ער דאָ...

— שריי ניט, מאַמע... — האָט באַשע־ביילע זיך געווענ־
דעט צו איהר — יאָסעל דער רויטער וועט זיין מיין חתן...

— דיין מאַן... — האָט ער פערבעסערט, און טראַציג גע־
קוקט אויף דער מוטער...

— וועה איז מיר! — האָט די אָרימע מוטער פערבראָ־
כען מיט די הענד — ווי קומט עס צו דיר? — דו מאַכסט
זיך דאָך אונגליקליך, טאָכטער מיינע... בעטראַכט זיך...

— עס שאַדט נישט מאַמע... — האָט באַשע־ביילע זי גע־
טרייסט — זעקס און צוואַנציג יאָהר בין איך געווען א וואוי־
לע און א שטילע, און איך בין ניט געווען גליקליך... איך האָב
פון קיינעם ניט געהערט קיין איינציג וואָרט, וואָס זאָל רעדען צו

מיין הארץ. יאָסעל דער רויטער איז דער איינציגער, וואָס האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ שעהן מיידעל...

— אזא יאָהר האָב איך, ווי שעהן דו ביזט... — האָט יאָסעל בעשטעטיגט און געקוקט מיט פייערדיגע בליקען אויף איהר.

— הערסטו... דער איינציגער, וואָס האָט פערשטאַנען וואָס צו זאָגען מיר — זאָל איך איהם ניט אָבדאַנקען דערפאַר?... הא, מאמע, איך בין דאָך אַ וואווילע... — האָט זי איראָניש אויסגעלאַזט...

די מוטער איז געשטאַנען מיט אַן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ און דורך טרעהרען געמורמעלט:

— טהו, מיין טאָכטער, ווי דו ווילסט...

יאָסעל דער רויטער האָט אָנגעקוקט דער אלטער און טראַכ־טענדיג אַ ווייל, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, אַקלאַפּ גע־טהאָן מיט'ן פויסט איבער איהם, און ארויסגעשריען:

— וויינט נישט, אידענע! איך וועל אייער באשע־ביילע'ן היטען ווי די אויג אין קאָפּ...

די מוטער האָט זיך אַ דערשראָקענע ארויסגערוקט...

ער איז צוגעגאַנגען צו באשע־ביילע'ן און זיך אָנגערופען:

— זאָג דיין מאמען, זי זאָל ניט זיין קיין יאָלדין...

חאשע־ביילע האָט זיך צולאכט פון דעם וואָרט. זי האָט זיך צוגעבויגען צו איהם און מיט אַ לוסטיגען שמייכעל גע־פרעגט:

— וואָס בין איך?

— אַ שעהן מיידעל ווי גאָלד! — האָט ער הויך געענט־פערט.

— געדענק־זשע! — האָט זי איהם לאַבענדיג געדראָהט מיט אַ פינגער — נישט קיין וואווילע און נישט קיין שטילע, נאָר אַ שעהן־מיידעל...

— אַ וואווילע אויך! — האָט יאָסעל צוגעלענט.

— אַך, מיין גאָט! ער אויך ווי זיי אלע! — האָב טיף

נישט ליעב פאַר מיין שטילקייט און עהרליכקייט. האָסט דאָך ערשט ניט לאַנג געזאָגט, אז איך בין א שעהנע מיידעל... — האָט זי ביי איהם געמאָהנט...

— אודאי א שעהנע... האָט ער צוגעגעבען... שעהן ווי גאָלד, אבער איך וויל דוקא אן עהרליכע און א שטילע...

— דו ביזט אזא שלעכטער, ווי אלע! איך בעט דיך, יאָסעל, דערמאָהן מיך נישט מיין עהרליכקייט... איך וויל זיין א פרעהליכע, ווי יענע מיידלאָך, וואָס דו שטעהסט מיט זיי ביים טויער; איך וויל ניט זיין קיין שטילע...

יאָסעל האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט און גאָר נישט פערשטאַנען...

די דרייצעהנטע.

ענדליך האט בערמאן זיך פערליעבט אין א מיידעל פון וועלכע ער איז געליעבט געווארען.

ביז אהער איז איהם אין ליעבע נישט געגאנגען. אין זיין נאטיץ־ביכעלע, וואו ער פערשרייבט אמאל א שעהן ווערטעל פון א ביכעל, אדער פון א זשורנאל, וואס ער לייענט אויס, זיינען פערשריעבען אלע זיינע ליעבעס: צוועלף מאל האט ער שוין געליעבט און אלע צוועלף מאל איז ער מיאוס אבגענארט געווארען. — ער האט זיך שוין שיעור נישט מיאש געווען פון דער גאנצער ליעבע, א מאך געטהאן אויף אלע פרויען מיט דער האנד און בעשלאסען מעהר זיך נישט נאריש מאכען. עס איז נאך געגוג געבליבען אהן ליעבע: ליטעראטור, מאהלעריי, מוזיק און טאקי געזעלשאפטליכע פראגען אויך. נישקשה, עס איז דא מיט וואס אנצופילען דאס לעבען און געבען איהם אן אינהאלט, אום נים צו טראכטען וועגען זעלבסטמארד...

האט זיך אבער אונטערגערוקט אונטער דער האנד גאר אונערווארטעט א נייע ליעבע: א דרייצעהנטע הייסט עס. און אזוי ווי הערמאן איז נים געווען אבערגלויביש, האט בעזעסען א קלארען שכל און אין דער שלעכטער בעדייטונג פון „דריי־צעהן" נים געגלויבט — האט ער זיך געלאזט פון שיקזאל אי־בערבעטען און האט די דאזיגע נייע ליעבע אנגענומען.

און ווירקליך איז געווען א שאד אזא ליעבע ארויסצו־לאזען פון דער האנד: דער אביעקט פון דער דאזיגער ליעבע איז געווען העניע קאץ, א קורסיסטקע, מיט וועלכער ער האט זיך

בעקענט אין פילהארמאניע אויף א פאפולערען קאנצערט, און זי האט אויסגעזעהען צו זיין זעהר אינטערעסאנט!

די ערשטע פאר טעג האט ער זיך געפיהלט אין גאנצען גליקליך און רוהיג. דער ווארים פון צווייפעל האט איהם אויסגעמיטען. שפעטער אבער האט ער זיך דערמאנט, אז אייגענטליך האבען אלע צוועלף ליעבעס די ערשטע צייט אויסגעוויזען אזוי זיכער. ער, אלס געניטער מענש, דארף עס נעהמען אין אכט און מעהר ניט לאזען זיך אבנארען. ער איז שוין ניט קיין אינגעלע.

איצט, האט ער בעשלאסען, דארף מען זיין פארזיכטיג.

און קומענדיג אויף מארגען אין אבענד צו זיין נייער געליעבטער אין צימער, כדי צו געהן מיט איהר אין טעאטער, האט ער אויסגענוצט די האלבע שטונדע צייט, וואס איז נאך צום טעאטער געבליבען און אנגעהויבען עקזאמינירען איהרע געפיהלען צו איהם.

האבענדיג, ווי געזאגט, די גרויסע געניטקייט פון א יונגען מאן וואס איז צוועלף מאל געוועזען געליעבט און צוועלף מאל אבגענארט, האט ער איהר פארזיכטיג א קוש געטהאן אין די האר, און ווי א לעהרער, ארייננקוקענדיג איהר אין די אויגען, זי אויסגעפרעגט:

— האסטו מיך טאקע ליעב?

— יא! — האט די קורסיסטקע געענטפערט גאנץ בעשטעטיגענד.

הערמאנען האט אבער דער יא געקלונגען נישט פעסט.

ער האט זי א קוש געטהאן אין שטערען און ווייטער געפרעגט:

— פיהלסטו אז אהן מיר וואלסטו ניט געקענט לעבען?

— נו, געוויס! — האט זי ווייטער בעשטעטיגענד געענטפערט.

— „געוויס!“ האָט ער נאָכגעדענקט, „זי איז זיכער, אבער ניט איך!“ ער האָט זי א קוש געטהאָן אין די אויגען און זיך ווידער גענומען אויסצופאָרשען איהר הארץ.

—ווען איך קום נישט, למשל, צו דיר היינט, וואָלסטו געבענקט?

— געוויס וואָלט איך געבענקט, — האָט די קורסיסטקע געענטפערט ווי א שילערין, וואס ווייסט גוט איהר לעקציע און האָט נישט קיין מורא פאר אריינפאלען.

ער איז געבליבען צופרידען. דאָך איז ער נאָך ניט אין גאנצען זיכער: יענע פלעגען אויך אויף אלע זיינע פראגען איהם ענטפערען אויף יאָ...

און איבערגעהענדיג מיט׳ן קוש פון די אויגען צו די ליפען, האָט ער נאָכדעם, ווי ער האָט דארט פעסט אָנגעזיפגעלט זיין עלעגאנטען קוש, אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אריינגעקוקט זיין געליעבטער טיעף אין די אויגען און אביסעל שטרענג ווידער געפרעגט:

— און ווי איז, למשל, אז דו דערזעהסט א שעהנערען, א מעהר אינטערעסאנטען פאר מיר און יענער ערקלעהרט זיך דיר אין ליעבע, וואָלסטו געקענטביישטעהן דעם נסיון?

— איך גלויב אז יא! — האָט די קורסיסטקע געענטפערט און אראָבגעלאָזט די אויגען.

— דו לאָזט אראָב די אויגען! — האָט ער בעמערקט און מעהר קיין קוש איהר ניט געגעבען.

— דו האָסט מיך מיעד געמאכט מיט אזוי פיעל פראגען!

— ענטשולדיג, מיין קינד! — האָט ער זי געבעטען. — איך מיין נישט מיט מיינע פראגען דיך מיעד צו מאכען. אדרבא, איך מיין אז אזוינע פראגען שאדען ניט, פערקעהרט זיי זיינען נויטיג, מען דארף זיך קלאָהר מאכען די געפיהלען. איך

וואלט זעהר געוואלט, אז אויך דו זאלסט מיר די זעלבע פראגע שטעלען...

— שוין שפעט! מען דארף שוין געהן אין טעאטער, — האט זי זיך געבעטען.

נאכ'ן טעאטער האט ער זי בעגלייט אהיים. ער האט זי האלטען פעסט אונטער'ן ארים און געטראכט פון דעם וואס אין טעאטער האט זי זיך צופיעל ענטציקט מיט דעם ארטיסט, וואס האט געשפיעלט די ערשטע ראליע. זי האט איהם אפלאדירט מעהר ווי אלע. ער האט געפונען פאר נויטיג צו מאכען אן אויספארשונג וועגען דעם:

— דו ביזט פון איוואנאוו'ען געוועזן ענטציקט. געפעלט ער דיר אזוי?

— אך, ער שפיעלט וואונדערליך שעהן! — האט זי בע־גייסטערט געענטפערט.

— שפיעלען שפיעלט ער ווירקליך שעהן, אבער מיר דאכט, אז מען אפלאדירט איהם מעהר פאר זיין אויסערליכע שעהנ־קייט.

— יא, ער איז זעהר שעהן, — האט קאץ נאכגעגעבען.

— פרויען האבען זעהר ליעב ארטיסטען! — האט ער שטעכעדיג בעמערקט, — איז עס טאקי אמת?

ער האט איהר אריינגעקוקט אין די אויגען און געווארט אויף אן ענטפער.

זי האט געשוויגען.

— דו שווייגסט?

— וואס קען איך דיר דארויף ענטפערען?

— איך מיין צי דו וואלסט איצט אימשטאנדע געווען צו פערליעבען זיך אין אן ארטיסט.

— מיר דוכט, אז ניט...

— דיר דוכט, אבער ביזט ניט זיכער.

— זיכער קען מען ניט זיין... — האט זי שטיל געענט־פערט.

— פאר וואס בין איך זיכער! — האט ער געפרעגט מיט פארוואורף, — זאל קומען צו מיר סארא בערנארד אליין און פאלען מיר אויפ'ן האלז און זאגען: הערמאן, איך ליעב דיך! וואלט איך זי אבגעשטויסען און קורץ און טרוקען געענט־פערט:

— איך ליעב העניע קאץ!

— איך וואלט אפשר אויך אזוי געענטפערט, — האט זי געוואלט איהם לייכטער מאכען.

— אט דער „אפשר" איז דער דארן אין דער ליעבע.

— איך מיין, אז געווים... — האט זי נאכגעגעבען.

ער איז געווארען רוהיגער, און, צופיהרענדיג זי ביז'ן טויער, האט ער זי א קוש געטהאן אפיציעל אין קאפ, געוואונשען א גוטע נאכט און צוגעגעבען:

— נאר נישט פערפיהרען, נאר דעם אמת...

יא! האט ער געטראכט געהענדיג אליין. דאס דאזיגע מיידעל האט מיך ליעב, אבער פארזיכטיג דארף מען אויך מיט איהר זיין!

און אויף מארגען האט ער זי ווידער עקזאמינירט:

— האסטו מיך באמת ליעב? — האט ער זי געפרעגט נאכ'ן ערשטען קוש אין קאפ, אריינקוקענדיג איהר טיעף אין די אויגען.

— הויבסט ווידער אן? — האט זי געזאגט אביסעל רעגערווירט, — וויפיעל איז דער שיעור צו פרעגען?

ער האט זי א קוש געטהאן אין שטערן און געענטפערט:

— עס דארף דיך ניט ארען, אדרבא, דארפסט זיין צו־פרידען. פרעג אויך דו מיך. מיך וואונדערט טאקי פאר וואס

מיך פרעגסטו נאַרניט. נו, אדרבא, פרעג מיך, צו האָב איך דיך ליעב.

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געפרעגט:

— האָסטו מיך עפּעס ליעב ?

— א ביסעלע ! — האָט ער איהר בכיוון געענטפערט.

זי האָט דערויף גאָרנישט בעמערקט. דאָס האָט איהם שטאַרק געארט. איהר פערדריסט גאָר ניט וואָס נאָר „א ביסע־לע“. און ער האָט מיט פאָרוואורף געקלאָגט זיך :

— איך ענטפער דיר אביסעלע, און דיר אַרט נישט.

— מיר איז גענוג אביסעל, — האָט זי געלאַכט.

ער איז בייז געוואָרען און האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ :

— איך פיהל, אז דו האָסט מיך ניט ליעב...

— ביזט א נאַר ! — האָט זי געלאַכט...

— א נאַר האָט מען טאַקי ניט ליעב, — האָט ער איהר ערקלערט.

— נו, ווידער דאָס אייגענע ! — האָט זי זיך געבייזערט, — עס ווערט דאָך נמאס....

ער האָט זיך פערשעמט און בעשלאָסען מעהר ניט צו פרע־גען. ער האָט גענומען איהר האַנד, געגלעט זי און געזאָגט:

— האָסט זעהר א שעהנע האַנד.

— דאָס האָט מען מיר שוין געזאָגט !

ער איז אונרוהיג געוואָרען און געפרעגט:

— ווער האָט דיר עס געזאָגט ?

— ווי הייסט ווער ? אלע בעקאַנטע.

— בלויז בעקאַנטע !

— ווער דען אנדערש ? — האָט זי זיך געוואונדערט.

— איך מיין, אפשר א געוועזענער געליעבטער...

— און אז א געליעבטער איז וואָס ? — האָט זי רוהיג בעמערקט, — אבי א געוועזענער...

ער האָט בעטראַכט אַז זי איז גערעכט: וואָס אַרט איהם ווירקליך וועגען אַ געוועזענעם. איבעריגענס האָט ער דאָך אויך שוין צוועלף מאָל געליעבט. היינט מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער איהר פאַרווירפע צו מאַכען!

ער איז בערוהיגט אוועק אַהיים און האָט געהענדיג בע־שלאָסען מעהר נישט אויסצופאַרשען איהר.

קומענדיג אויף מאָרגען צו איהר לויט דער בעשטימטער צייט, האָט ער זי ניט געטראָפען. דער צווייפעל אין איהר ליעבע צו איהם האָט ווידער ערוואַכט; די אַלע צוועלף פער־שוואונדענע ליעבעס זיינען אין איהם ווי לעבעדיג פאַרביי גע־צויגען און ווי געוואָרענט:

— הערמאַן, זיי אַ מענש! היט זיך מיט דער דרייצעהנ־טער!

ער איז אַרויס פון צימער און געוואָלט שוין געהן צו זיך אַהיים. אַבגעהענדיג אַביסעל פון איהר הויז, וואו זי האָט גע־וואָהנט, האָט ער זי אָנגעטראָפען. זי האָט איהם בעגעגענט מיט אַ שמייכעל.

ער איז אָבער געוועזען ערנסט. געבענדיג איהר קאַלט די האַנד, האָט ער געזאָגט:

— אַט אַזוי וואַרט מען דאָס?

— נו, עטליכע מינוט פערשפּעטיגט, ענטשולדיג!

— עס געהט ניט אין ענטשולדיגען! — האָט ער טרו־קען בעמערקט, — עס געהט אין עפּעס אַנדערש...

— אין וואָס? — האָט זי פערוואונדערט איהם אָנגעג־קוקט.

— איך מיין טאַקי אין דיין ליעבע צו מיר.

— נו, ווידער! — האָט זי געלאַכט. — גאָט מיינער, איך וועל דאָך ווירקליך אויפהערען דיך צו ליעבען פאַר אַזאַ ניט צוטרויען.

הערמאַן האָט זיך דערפֿיהלט שולדיג. אנטקעגען איהר: ווירקליך, וואָס צווייפעלט ער אזוי! ער איז געוואָרען זעהר גע־ריהרט און האָט בעשלאָסען צו ענטדעקען איהר דעם גאַנצען אמת.

— קום אריין אין צימער, וועל איך דיר ערקלעהרען פון וואנען שטאמט מיין אונטרויען צו דיר.

און אין צימער, זיצענדיג מיט איהר האנד אין האנד, האָט ער אָנגעהויבען:

— ווייסטו, הענעלע וויפיעל מאָל איך בין שוין פון דיינע שוועסטער גענאַרט געוואָרען...

זי האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען און נייגעריג געפרעגט:

— וויפיעל, וויפיעל?

— צוועלף מאָל! — האָט ער זיעגעריש געענטפערט.

העניע האָט זיך שטאַרק צולאַכט.

איהר געלעכטער האָט הערמאַנען בעליידיגט. — איך ענטדעק דיר מיין הארץ און דו לאַכסט עס אויס, -- איך האָב נישט ערוואַרטעט.

— און איך האָב נישט ערוואַרטעט, אז איהר האָט צוועלף מאָל געליעבט, — האָט זי נאָך שטאַרקער זיך צולאַכט...

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט לאַכענדיגע אויגען און וויע־דער געזאָגט:

— יא, איצט פערשטעה איך פאַרוואָס איהר טרויט ניט קיין פרוי, מען קען זיי טאַקי ניט טרויען...

— דיר, הענעלע, וועל איך שטענדיג גלויבען... — האָט ער ריהרענד געזאָגט.

— ניין, איך בין ניט בעסער פאַר זיי. אַלע פרויען זיי־נען פערדאָרבען. איך בין אויך אזוי.

— זעהט איהר! — האָט זיך הערמאַן אָנגעכאַפּט בע־גייסטערט, — איך האָב אָבער געפיהלט.

און א צופרידענער. וואס ער האט געטראפען און גע־פיהלט טאקי. אז זי האט איהם ניט ליעב, האט ער זיך אויפ־געשטעלט, גענעבען איהר די האנד און געזאגט:

— אלזא, איז אלעס געענדיגט... איך ווינש אייך גליק!

און ער איז ארויס פון איהר צימער.

קומענדיג אהיים, האט ער א קליינע ווייַלע געטראכט און באלד ארויסגענומען דעם נאטיץ־ביכעל און פערשריבען די דרייצעהנטע ליעבע.

און כאטש ער איז געווען א פריידענקער און אין דער שלעכטער בעדייטונג פון דרייצעהן ניט געגלויבט, איז איהם דאך אביסעל ביי דער צאהל אונהיימליך געווארען...

נישטא קיין עצה.

נאכדעם, ווי ליב, א נגיד׳יש בחור׳ל, פון א יאהר 22, איז אבגעזעסען פיער חדשים אין טורמע אויפ׳ן אדמיניסטראטיווען שטייגער, איז ער ארויסגעשיקט געווארען אויף דריי יאהר נאך אויסלאנד, אלס שעדליכער עלעמענט פאר דער רוסישער געזעלשאפט.

אויב ער איז געווען שעדליך פאר דער רוסישער געזעלשאפט, איז ער אבער שטארק נוצליך געווען דער קליינער קאלאניע, וועלכע האט זיך געפונען אין דער גאליצישער שטאדט, וואוהין ער איז אריינגעפאלען און זיך בעזעצט. טרעפענדיג די אלע עמיגראנטען אין א זעהר שווערער מאטעריעלער לאגע, האט ער גלייך זיין ביסעל געלד, וואס זיין טאטע האט איהם מיטגעגעבען, צוטיילט צווישען די ארימע חברים. נאכדעם, ווי ער איז געבליבען אהן געלד, האט ער די עטליכע טעג, וואס איהם איז אויסגעקומען צו ווארטען אויף פריש געלד פון דערהיים, אביסעל צוגעהונגערט, אבער זענענדיג איבערגעגעבען זיינע נייע חברים, האט ער זיין לאגע אנגענומען פאר ליעב, טרייסטענדיג זיך, אז אזוי דארפען לעבען אלע רעוואלוציאנערען, וועלכע ריכטען אב ביז א צייט גלות... עס האט איהם נאר באנג געטהאן א פאר עמיגראנטקעס, איידעלע מיידלעך, וועלכע האבען אויסגעזעהן זעהר חושך פון שוין צופיעל הונגערן און טאקע צוליעב זיי האט ער פערקויפט זיין זייגעריל און האט זיי דאס געלד אוועקגעבארגט, איבערלאזענדיג זיך נאר א פאר קרייצער, פאר וועלכע ער האט געקויפט א בולקע און געהענדיג צו זיי, עס געקייט, ווי אן עכטער רעוואלוציאנער...

בעקומענדיג דאָס ערשטע מאָל פון דערהיים פּריש געלד, איז ער גלייך אוועק אין דער לעזע־האַלע, וואו די עמיגראַנטען פלעגען זיצען דאָס רוב, און ער האָט זיי געמעלדעט, אז ער האָט בעקומען געלד און ווער עס דאַרף, זאָל זיך ניט שעמען...

אין א פּאָר טעג אַרום איז די בעקומענע סומע ניט גע־וואָרען, און בלייבענדיג אָהן געלד, האָט ליב זיך ווידער דער־פיהלט, אז ער איז א רוסישער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז ניט געבוירען געוואָרען צוליעב תענוגים. ס׳איז נאָר א שאָד. וואָס א פּאָר עמיגראַנטען פון דער קאָלאָניע, וועלכע האָבען יאָ אביסעל געלד, פיהרען זיך גאָרניט, ווי רעוואָלוציאָנערען. זיי, אז זיי בעקומען געלד, פערטהוען זיי עס פאר זיך אליין. מיט וואָס פאר א רעכט זיינען זיי רעוואָלוציאָנערען און וואָס טראַכטען זיי זיך — קען ער ניט פערשטעהן. וואהרשיינליך האָט די רוסישע אדמיניסטראַציע זיי ארויסגעשיקט על פּי טעות. נעהמענדיג זיך אויספאָרשען, ווער זיי זיינען, האָט ער טאַקע ערפאַהרען, אז איינער איז גאָר אנטלאָפען פון פּריזיוו און דער צווייטער פון בעלי־חובות...

בעקומענדיג נאָכאמאָל פון דער היים געלד, האָט ער וועגען דעם, נאַטירליך, אויך גלייך מודיע געווען די חברים. איצט אָבער האָט ער שוין דריי רובעל פון דער בעקומענער סומע פון די חברים אראָבגע׳גנב׳עט, ניט אויסגעזאָגט זיי. ס׳איז איהם שוין עטוואָס ניט געפעלען געוואָרען דאָס הונגערן, ביז ער בע־קומט דאָס געלד. די גאַנצע אראָבגע׳גנב׳עטע דריי רובל האָט ער אָבער אין גאַנצען ניט אויסגענוצט פאר זיך אליין. זעהענדיג זיך אין א פּאָר טעג אַרום מיט א פּאָר פרישע ארויסגעשיקטע עמיג־ראַנטען, וואָס האָבען ניט געהאַט אויף א נאַכט־לעגער, האָט ער פאר זיי זיך מודה געווען, אַז ער האָט נאָך אביסעל געלד און ער קאָן זיי אוועקבאָרגען....

קומענדיג נאָכדעם אין דער לעזע־האַלע און אָבזיצענדיג דאָרט עטליכע שעה ביי א דיקען ערשט־אָנגעקומענעם רוסי־

שעז זשורנאל, איז ער ענדליך שטארק הונגעריג געוואָרען. ניט בערלאָזענדיג זיך פון דעם געלד קיין העלער, האָט ער געוואָרפען אויגען אויף די עמיגראנטען, קלערענדיג ביי וועמען קאָן ער איצט קריגען לייהען אליין עטליכע צענט... זעהענדיג אבער אלע פער'חושך'טע, פינסטערע פנים'ער, האָט ער ניט געוואגט צו קיינעם צוצוגעהן און ער האָט בעשלאָסען היינט לעגען זיך שלאָפען א הונגעריגער, טרייסטענדיג זיך מיט דער האָפנונג, אז ווי ער וועט בעקומען נאָך אביסעל געלד, וועט ער, ערשטענס, אראָב'גנב'ענען א גרעסערע סומע און, צווייטענס, וועט ער גלייך קויפען טהיי און צוקער און א גרויסען לאבען ברויט און זאָל זיין שטענדיג וואָס צו עסען.

זיין האָפנונג איז ערפילט געוואָרען. בעקומענדיג ווידער געלד פון דער־היים, האָט ער, נאָכדעם, ווי ער האָט פערליהען דעם גרעסטען טייל די אָרימע עמיגראנטען, זיך איבערגעלאָזט א גרעסערע סומע, פאר וועלכע ער האָט זיך אָנגעגרייט שפייז אויף א גאנצען חודש...

טרעפענדיג זיך אבער אויף מאָרגען מיט א פּאָר נייע עמיגראנטען, וועלכע האָבען ביי איהם געבעטען עפּעס געלד לייהען, האָט ער זיי, ווי פערשולדיגט, געענטפערט:

— קיין מזומן געלד, ברידער, האָב איך ניט, נאָר איך האָב שפייז. קומט צו מיר, וועלען מיר עפּעס עסען.

מיר דארפען ניט קיין מזומנים! — האָבען די עמיגראנטען פרעהליך געענטפערט, מיר ווילען פּשוט עסען.

אויף אזא אופן האָט די אָנגעגרייטע שפייז זיך געצויגען נאָר דריי טעג, אויפ'ן פיערטען טאָג איז ליב'ן געבליבען נאָר אביסעל טהיי אוז עטליכע שטיקלעך צוקער, וועלכע זיינען געלעגען יתומדיג צושפּרייט איבער'ן טישעל אין זיין קליין צימער'ל. ער האָט די דאָזיגע עטליכע שטיקלעך צוקער צונויפגענומען, איינגעוויקעלט אין א שטיקעל פּאפּיער און געטראכט, אז זיי וועלען צו־נוץ קומען אויף מאָרגען פריה — טהיי טרינקען.

נאָר איידער ער האָט נאָך געענדיגט דעם דאָזיגען גע־ראנק, זיינען אריין צו איהם די צוויי איידעלע מיידלעך און איינע פון זיי האָט געפרעגט:

— האָט איהר, לייב אביסעל געלד?

און ווי א פערשוולדיגטער האָט ער געענטפערט:

— ניין, קיין געלד ניט... טהיי און צוקער אויב איהר ווילט...

— א פּאָר זעמעל צו טהיי? — האָט איינע געפרעגט — וועט איהר געבען?

— זעמעל?... האָט ער אויסגעשטאַמעלט — זעמעל... ניין, זעמעל האָב איך ניט...

און אבשטאַמלענדיג די עטליכע ווערטער, האָט ער ענד־ליך צוגערופען:

— איך וועל זיכער די טעג בעקומען געלד...

— זאָלט איהר מיך האָבען אין זינען! — האָט בעשטעלט איינע פון די צוויי מיידלעך.

— ווי דען! — האָט לייב געענטפערט, און האָט דערווייל געמאַכט טהיי פאר די געסט.

זעהענדיג, אז אראָב'גנב'ענען פון די בעקומענע געל־העלפט ניט, איז לייב ענדליך געפאַלען אויף א גליקליכען פּלאַן. אין דער ביליגער קיך, וואו א צעטיל אויף א מיטאָג האָט גע־קאָסט 15 קרייצער, און וואו עס האָבען געגעסען אלע טאָג נאָר די עטליכע רייכע עמיגראַנטען פון דער קאָלאָניע, האָט ער גע־קויפט 30 צעטליך אויף א גאַנצען מאָנאַט, טראַכטענדיג: „איצט בין איך געראַטעט!“.

און ווירקליך איז ער די ערשטע טעג געווען פערזאָרגט אלע טאָג מיט א גאַנץ נישקשה'דיגען מיטאָג. אויפ'ן זעקסטען טאָג אָבער האָט ער זיך בעגעגענט ווידער מיט עטליכע עמיג־ראַנטען און ווען איינער האָט איהם געפרעגט: „איהר האָט, לייב, אביסעל געלד?“, האָט ער גלייך געענטפערט:

— קיין געלד ניט, איך האָב נאָר צעטליך...

— וואס מאכט עס אוים ? — האָט איינער פון זיי געזאָגט. גיט אהער צו צעטליך.

— צעטליך קאָן איך אייך געבען, וויפיעל איהר ווילט !— האָב ליב געענטפערט, ניט וויסענדיג אליין, צי ער איז צופריעדען, צי ניט.

בלייבענדיג אין א פּאָר טעג ארום אָהן איין צעטיל אויף א מיטאָג, האָט ליב זיך שטארק פערטראכט, זוכענדיג א מיטעל, ווי אזוי איינאָרדנען זיך צווישען די עמיגראנטען, ער זאָל ווענינער הונגערן, נאָר אומזיסט האָט ער געזוכט. נאָכדעם, ווי די אָנגעגרייטע צעטליך האָבען אויך ניט געהאָלפען, האָט ער זיך מיאש געווען און שטיל א מורמעל געטהאָן:

— ניטאָ קיין עצה !...

אין יענער צייט.

ביי דער יונגער מאדאם ליסבאראַן אין אויפנאהמס־צי־מער זיינען געזעסען עטליכע נאָהענטע בעקאַנטע און האָבען געשמועסט ביי א גלעזעל טהעע. די מאדאם ליסבאראַן, א פרוי פון א יאָהר 30, איז געווען זעהר גוט אויפגעלעגט און איהרע שעהנע שווארצע אויגען האָבען געלויכטען מיט גוטהערציגקייט און אויפריכטיגקייט.

גערעדט האָט מען וועגען דעם קליינעם שטעדטעל פון וועלכע דאָס רוב געסט האָבען געשטאמט, פון דער אמאליגער נאאיוויטעט, עהרליכקייט און אידעאלען, וואָס האָט דאָרט גע־הערשט, ווען די בעוועגונג האָט זיך דאָרט נאָר וואָס געוויזען.

— יא, עס איז געווען א שעהנע צייט — האָט מאדאם ליסבאראַן מיט שטראהלענדע אויגען קאָנסטאטירט. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל, זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, ליעבליך געשמייכעלט, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּיס אַן אינטערעסאַנטע פאסירונג, האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט און האָט אָנגעהויבען אין א לאַכענדיגען טאָן פאָלגענדעס צו דערצעהלען:

צו אונז אין שטעדטיל האָט געבראַכט דעם סאָציאַליזם איינער מיט דעם נאָמען באדעוויטש, טאַקי א געבוירענער אין אונזער שטעדטיל, נאָר ערצויגען פון צעהן יאָהר אָן אין דער נאָהענטער גרויסער שטאָדט. געווען איז ער חייקעל דעם שניי־דערס א זוהן, זיין טאַטע איז געווען א דאַר קליין יודעל, א גרוי־סער עם־הארץ, ניט נאָר אין די שווארצע פינטעליך, נאָר אפילו אין זיין פאָך. גענעהט האָט ער נאָר פאַר די דאָרפישע פויערים

און פּויערטעס. די שטעדטילשע בעלי־בתים, וואָס האָבען ניט אַזוי געהאַלטען פון דער מאָדע, האָבען איהם קיין שטיקעל אַר־בייט ניט געגעבען. פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ שניידער איז ניט געווען קיין אַנגעזעהענער מענש, און האָט קיין שום ראָלע ניט געקענט שפּיעלען. די זעלבע זאַך זיין ווייב, ציפּע, אַ נאַרישע פערשלומפּערטע יודענע, וואָס האָט געהאָלפען אָפּט די רייכע בעלי־בית'טעס ריין מאַכען זייערע הייזער און אַנדערע אַר־בייט. מיינע עלטערען האָבען דוקא געוואָהנט מיט זיי אין איין גאַס, און דערפאַר געדאַנק איך עס אַזוי גוט.

אָבער אַז עס איז געקומען צופאָהרען זייער זוהן נאָטיל אין אַ קורצען ראָק, לאַנגע האָר און אין אַ רויטער בלוזע און האָט זיך פאַרגעשטעלט מיט זיין לעצטען נאָמען באַדעוויטש, האָט זיך דעם שניידערס הייזעל פערוואַנדעלט אין אַ מין קלוב...

דער דאָזיגער נאָטיל האָט גערעדט רוסיש און שטענדיג אַרומגעגאַנגען מיט ביכלעך אונטער'ן אָרים, וואָס דאָס אַליין וואָלט שוין געווען גענוג צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער יוגענד בפרט פון אונז קליינשטעדטעלדיגע מיידלעך.

שטעלט זיך אָבער פאָר, ווי גרויס איז אונזער אינטערעס צו איהם געווען ווען מען האָט ערפאַהרען, אַז דער דאָזיגער נאָטיל, חייקעל דעם שניידערס זוהן איז ניט נאָר אַ גרויסער קענער און רעדט רוסיש ניט ערגער ווי דער פּריסטאַוו, נאָר איז נאָך דערצו אַ גרויסער סאָציאַליסט.

דאָס איז געווען דער ערשטער סאָציאַליסט, וואָס מיר שטעדטעלדיגע מיידלעך האָבען געהאַט די זכיה צו זעהן פּנים אל פּנים. ביז נאָטיל איז געקומען האָבען מיר פון סאָציאַליסטען געהאַט אַ פאָרשטעלונג, ווי וועגען די געפעהרליכסטע מענשען. וועגען זיי איז אין שטעדטיל ביי די עלטערע אַרומגעגאַנגען שרעקליכע לעגענדעס אין וועלכע אויך מיר יונגע האָבען געגלויבט.

איך קען איצט האָבען פון אַזאַ נאָטיל וואָס פאַר אַ מיינונג איך וויל, אָבער דאָס מוז איך מודה זיין, אַז ער איז געווען איינ־

טערעסאַנט אין יענער צייט. זיין איגנאָרירענדער שמייכעלע, מיט וועלכען ער פלעגט מיך די ערשט צייט אַנקוקען, זיין דרייסט־קייט און עזות וואָס ער פלעגט ארויסווייזען בשעת רעדען מיט מיין טאַטען, וואָס איז געווען דער שעהנסטער בעל־הבית אין שטעדטעל, האָט איהם צוגעגעבען א געוויסען רייץ, איבער־הויפט אין מיינע אויגען. ער האָט דאָס געפיהלט און האָט עס שטאַרק אויסגענוצט, נאַטירליך, נישט פאַר זיינע נוצען, נור פאַר די נוצען פון סאָציאַליזם. ער האָט מיך הייסט עס, אַגי־טירט...

— ווייסט שרקה, האָט ער זיך צו מיר איינמאָל אַנגערופען, אז דיין טאַטע און דיין מאַמע זיינען פּאַראַזיטען און דו וועסט אויך זיין אזא, אויב דו וועסט זיך ניט ראַטעווען...

איך האָב אַראָבגעלאָזט פערשעהמט די אויגען און ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן... און ווירקליך האָב איך ניט געד־האַט וואָס: דאָ שטעהט פאַר מיר א מענש, וואָס ווייס אַלץ און וואָס ווייס איך?...

— יא, דו וועסט אויך זיין אזוי ווי זיי, האָט ער ווייטער גערעדט און זיינע אויגען האָבען זיך אַנגעצונדען.

איך האָב זיינע בליקען נישט געקענט פערטראָגען, אבער איך בין מודה, אז זיינע ווערטער, וואָס איך האָב די ערשטע צייט דונקעל פערשטאַנען, האָבען אין מיין האַרצען און קאָפּ אַנגעמאַכט א גאַנצע איבערקעהרעניש.

און איינמאָל, נאָכדעם, ווי ער האָט מיך אַנגעהויבען ווי זיין שטייגער צו שטעכען מיט אַלערליי אויסדריקען האָב איך זיך נאַאיוו אַנגערופען:

— נו, אדרבא, ראַטעוועט מיך...

דאָ האָט זיך זיין גאַנצער אויסדריק פון געזיכט אומגע־ביטען: זיין שטרענגקייט איז אין גאַנצען פערשוואונדען. ער האָט מיך ליעב אַגעקוקט, מיך אַנגענומען ווי א ברודער פאַר'ן האַנד און איינבווינענדיג זיך צו מיר, האָט ער מיר שטיל געפּליסטערט:

— שרקה, איך וועל דיך ראַטעווען פון דעם אומגליק, איך וועל דיך מאַכען פאַר אַן אַגיטאַטאָרשע צווישען די מיידלעך און שוועבעל־פאַבריק, וואָס דער פאַבריקאַנט זויגט אויס זייער בלוט...

— איך וועל נישט קענען! — האָב איך זיך שטיל און פערשעהמט אַנגערופען...

— דו וועסט קענען!... האָט ער מיר פערזיכערט — דו ביזט אַ געראַטענע, האָסט פעהיגקייט — איך זעה — איך קען זיך אויף אָזעלכע.

אויף מאָרגען אין אָבענד בין איך שוין בגנבה געזעסען ביי באַרעוויטשען אין צימער און פלייסיג געשטודירט אַ ביכעלע אין שוואַרצע טאַוועלעך... און האָב צוזאַמען מיט'ן שרייבער פון ביכעלע מיך אויפגערעגט אויף דער היינטיגער שלעכטער אָרדענונג און צוזאַמען מיט איהם געטרוימט פון אַ וועלט פון גלייכהייט און פרייהייט...

איבערהויפּט האָט מיך געפּאַקט דער אידעאַל פון גלייכהייט און איך בין דאַמאַלס גענוג אויסגעשטאַנען צו ווערען גלייך מיט די אלע נייע חבר'טעס מיינע, פאַר וועלכע איך בין געווען שעהנער, רייכער און גליקליכער.

נאָר אַט די ראַזיגע גלייכהייט איז מיר שווער אַנגעקומען.

ערצויגען ביי בעלי־בתישע און אויב איהר ווילט אַריס־טאָקראַטישע, כאָטש קליינשטעדטעלדיגע עלטערן, האָט מיך די האַלטונג פון מיינע נייע חבר'טעס פיעל מאָל שאָקירט. איבער־הויפּט האָב איך געהאַט אויסצושטעהען פון די צוויי חבר'טעס מיינע, יענטיל און חייענקי, טעכטער פון חיים דעם וואַסער־טרעגער, וואָס האָבען געאַרבייט פאַר דריי גילדען אַ וואָך טאַקי אין שוועבעל פאַבריק. די ראַזיגע צוויי מיידלעך, דערהערענדיג אַז די פּראָלעטאַריער זיינען די גרעסטע יחסנים פון דער וועלט, האָבען אויף מיר געקוקט מיט גרויס פעראַכטונג. געלאַכט אָפען פון מיין ליעבער מאַמען מיט איהרע פּעריל, פון מיין גוטען שעה־

נעם טאַטען מיט זיין שוואַרצען ראָק און זיין שעהנעם פעלץ...

וואָס אנבעטרעפט מיך, איז זיי ניט געפעלען געוואָרען מיין האַלטען זיך, מיין קליידונג, מיין פריזור, מיין פיינקייט....

— דו ביזט אפילו אן „אונזערע“ פלעגט די עלטערע חיי־ענקע, זאָגען צו מיר, אבער דו ביזט פאַרט א בורזשויקע, ביז דו וועסט ווערען אן אמת׳ע פּראָלעטאַרקע, וועלען נאָך דאַרפען א סך וואַסערען אריבערגעהן...

און איך האָב מיך געסטאַרעט אויסוואָרצלען פון מיר אַלע מיינע בעלי־בתישע געוועהנהייטען. די ערשטע כפרה איז געוועז מיין זיידענע בלוזקע, וועלכע איך האָב אזוי ליעב געהאַט צו טראָגען סיי וואָך און שבת. די דאָזיגע בלוזקע האָט מיינע נייע חבר׳טעס, איבערהויפּט דעם וואַסער־טרעגערס טעכטער, די צוויי פּראָלעטאַרקעס, געשטאָכען אין די אויגען.

שפּעטער, אז מיר פלעגען זיצען ביי באַרעוויטשען, אָדער בעסער געזאָגט, ביי חייקעל דעם שניידער ביז שפּעט אין דער נאַכט אויסצואַרבייטען די טאַקטיק פון דעם סטרייק אין שוועבעל־פאַבריק און נאָטיל פלעגט הייסען זיין מאַמען, ציפּען, באַקען „בלינעס“ (געלד פלעג איך דערויף געבען), פלעג איך האָבען אויסצושטעהען פון דעם עסען. הונגעריג בין איך געוועזען, נאָר די בלינעס האָב איך ניט געקענט עסען, זיי זיינען געוועזען צו גראָב פאַר מיר, נאָר מיינע חבר׳טעס, דעם וואַסער־טרעגערס מיידלעך, פלעגען מיר צוּוואַרפען ווערטעליך:

— שרקה עסט ניט קיין בלינעס... זי איז א בעלי־בתישע טאָכטער, זי האַלט נאָר פון גלייכהייט אין בוך.

— איך האָב ליעב בלינעס פּונקט ווי איהר! — פלעג איך מיר וועלען אויספיינען פאַר מיינע חבר׳טעס...

— פאַר וואָס זשע עסט איהר ניט — פרעגט מיך בייז חייענקע.

— איך האָב נישט קיין גאָפּעל! — כאַפּ איך מיך ארויס און פערגעס, אז ביי מיינע נייע חבר׳טעס איז א גאָפּעל ער־

גער ווי גע'שמדט, און איך בעקום באלד מיין שטראף:
— א גאָפּעל וויל זי דוקא, פּראָלעטאריער עסען אָהן גאָפּ־לען...

אמת, באדעוויטש אליין איז געווען צו מיר ווייך. ער האָט עקסטרא פאר מיר אויסגעשניצט א גאָפּעל פון א שטיקעל האָלץ. נאָר קיין גאָפּעל האָב איך שוין ניט געניצט און האָב געגעסען ציפּע דער שניידערינס בלינעס מיט די הענד, גלייך מיט די פּראָלעטאריער.

נאָר אָט די אַלע אָפּפערס, וואָס איך האָב געבראַכט איז געווען גאָר־נישט אין פערגלייך קעגען דעם, וואָס איך האָב גע־מוזט שפּעטער גלייך מיט מיינע חבר'טעס און חברים, עטליכע שוסטער און שניידער יונגען, אָבלאַכען פון מיין שעהנעם אריסטאָקראטישען טאַטען און ליעבער גוט הארציגער מאַמען...

און איינמאָל, קומענדיג, שפּעט אהיים, נאָך א היציגער דעבאטע וועגען דער בורזשואזי, האָב איך א אויפגערעגטע און א בייזע זיך אָנגערופען צו מיין טאַטען, וועלכער האָט מיר די טהיר געעפענט און ווייכהערציג געשטראָפט וואָס איך בין געקו־מען אזוי שפּעט...

— טאַטישי, צו וואָס דארפען מיר האָבען אזא שעהנע הויז און צו וואָס טראָגט די מאמע פּעריל און דו א גוטען פּעלץ...

דער טאַטע האָט מיך דערשראָקען אָנגעקוקט און אויסגערו־פען:

— וואָס פּלוידערסטו, שרקה, וואו ביזטו דאָס געווען אזוי שפּעט...

איך האָב גאָרנישט געענטפערט: איך געדיינק ווי איצט, אז א גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפען און האָב פער־שאָלטען מיין שלימזל, וואָס איך בין געבוירען געוואָרען ביי רייכע עלטערן און בין ניט חיים דעם וואַסער־טרעגערס א טאָכ־טער...

* * *

— יא, ס'איז געווען א שעהנע צייט! האט די מאדאם ליס־באראן וויעדערהאלט די ערשטע פראזע, ענדיגענדיג איהרע פראגמענטארישע עראינערונגען.

— זאגט: א נארישע צייט! האט זיך אנגערופען איינער פון די געסט, דאקטאר האלצמאן, און האט פעררויכערט א סיגאר...

— מען קען ניט וויסען! — האט דער הערר ליסבאראן נאכדענקענדיג בעמערקט — אלענפאלס — האט ער זיך גע־ווענדעט צו זיין פרוי, ביזטו — סארא, א שעהנע נשמה און ביזט ווערט א קוש —

וואס ער האט גלייך ערפילט.

א שפּיעל.

ווי א שוואַרצער ראָב האָט די רעאַקציע פערשפּרייט די פליגעל אויף אַלץ, וואס האָט געלעבט און געקעמפּפט. ביי די בעסטע און מוטהיגסטע רעוואָלוציאָנערע העלדען האָבען זיך די הענד אראָבגעלאָזט און פיעלע פון זיי האָבען געמוזט אויסוואנדערן, צולויפען אין פרעמדע לענדער, וועלכע מיט דער האָפענונג צו קומען צוריק אין בעסערע פרייערע צייטען און וועלכע פול מיט יאוש און פערצווייפלונג.

צו די לעצטע האָט געהערט חיים גרויסמאַן, וועלכער האָט געאַרבייט אין דער בעוועגונג ביי א יאָהר צעהן — פון זיין צוואַנציגסטען ביז דרייסיגסטען יאָהר; ניט איין באַריקאַדע האָט ער אויף די וואַרשעווער גאַסען אויפגעשטעלט, ניט איין פלאַג האָט ער אויף די הייזער ארויסגעהאַנגען, און ניט איינמאָל איז ער אין געפאַהר געווען דערשאָסען צו ווערען. נאָר דער מוטה און דער גלויבען אין דער הייליגער זאַך האָט איהם געהאַלפען שטענדיג ארויס גאַנץ, פיזיש און גייסטיג.

אבער אויך ער איז ענדליך ענטמוטהיגט געוואָרען, און דערמאָנענדיג זיך אן אַלע זיינע טהאַטען, פאַר וועלכע עס וואָלט איהם די תליה ווענינ געווען, האָט איהם אָנגעכאַפּט א שרעק און יעדע נאַכט פלעגען איהם קומען צו חלום תלינים, איינגעהילט אין רויטע קליידער און מיט אויסגעשצירעטע ציינער הויך געלאַכט איבער איהם און געשלעפּט איהם ערגעץ אויף א הויכער וואַנד... ער איז געקראָכען, געקלעטערט, הויך, הויך, ביז ער האָט דערגרייכט דעם אונגעהייערען הויכען שפּיץ, פון דאָרט איז ער ארונטערגעפאַלען און ערוואַכענדיג פלעגט איהם א קאַלטער

שוויים בעגיסען און די שרעק אויף דער וואך פלעגט נאך גרע־
סער ווערען.

און ווי א שאטען האט ער זיך אין די „בערוהיגטע“ גאסען
געשלעפט, ציטערענדיג פאר יעדען פאליציי־מאן און אין יע־
דער ציוויל־געקליידעטען מענשען — א שפיאן געזעהען...

דאס איינציגע מיטעל איז געווען צו אנטלויפען. אבער
וואונדערבאר, דער זעלביגער גרויסמאן, וואס האט די גאנצע
צעהן יאהר, ארבייטענדיג אין דער בעוועגונג, איבער'ן גרעניץ
געפאהרען בגנבה, האט פלוצים דערפיהלט א גרויסע שרעק אי־
בערצוגעהן די גרעניץ אפילו מיט די בעקאנטע אגענטען, און
אז די נאהענטערע בעקאנטע, אויך געוועזענע קעמפ־
פער, פלעגען איהם פרעגען:

— חיים, וואסווארטסטו — אנטלויף! — פלעגט ער
ענטפערן מיט א געמאכטען שמייכעל: — כ'האב איצט מורא!

און פון די אלע געוועזענע העלדען, זיינע בעקאנטע, האט
זיך קיין איינער ניט געפונען, וואס זאל איהם צוגעבען מוטה,
צו פאהרען אויפ'ן אלטען אופן, — וואס עס האט חיים'ען
נאך מעהר ענטמוטהיגט, און ווי א חיה אין א שטייג, האט ער
זיך אן איינזאמער ארומגעדרעהט אין דעם גרויסען ווארשוי,
זוכענדיג א טהיר, וואו ארויסצוגעהן פון געפאהר....

איינמאל, געהענדיג אזוי פערטראכט אין זאקסישען גאר־
טען, וואו אויף יעדען ווינקעל איז א זשאנדארעם געשטאנען,
איז צו חיים'ען צוגעגאנגען העניך בורזשוי, א זוהן פון גביר־
ישע עלטערן, וואס איז אבער אין דער צייט פון דער רעוואלוציע
טהעטיג געווען און האט זיך גוט פערטראגען צו חיים'ען,
און אנ'רופענדיג איהם אין א ווינקעל איהם בסוד געפרעגט:

— חיים, ווילסט פאהרען כשר קיין אויסלאנד?

— דו פרעגסט נאך? — האט זיך יענער אנגעכאפט...

— אַלזאָ, הער אויס, מיין שוועסטער אידע פאָהרט צו איהר מאַן סענדראָוויטש קיין בערלין. דער אויסלענדישער פּאַס איז געמאַכט פאַר זיי ביידען, ער איז אָבער פריהער אוועקגע־פאָהרען... קענסט פאָהרען אויפ'ן פּאַס אלס איהר מאַן...

פאַר חיים'ען האָט גליידך א בליץ געטהאָן די שוואַרצע אויגען, און דאָס גאַנצע חן'עוודיגע געזיכט פון אידע'ן, וועלכע ער האָט גוט געקענט און מיט וועלכע ער האָט אין דער רעוואָלוציאָנס־צייט גערעדט בלויז וועגען קאַמפּפס־אַנגעלעגענהייט. איצט דערהערענדיג, אַז זי האָט שוין א מאַן, האָט איהם ווי עפּעס א ריהר געטהאָן דאָס האַרץ, און בלאָס ווערענדיג פאַר אויפרעגונג, האָט ער שנעל געענטפערט:

— יא, יא! איך וועל פאָהרען אלס איהר מאַן... און זעהענדיג ווי העניך קוקט איהם אָן ווי פערדעכטיג, האָט ער צוגעגעבען:

— איך וועל ניט אריינפאַלען...

— העניך, א גוט־מוטהיגער יונגער בחור, האָט איהם א קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע און געזאָגט:

— דו — אריינפאַלען!... עט, דערפאַר האָבען מיר שוין קיין מורא ניט.

און אָברערענדיג וועגען דער צייט פון דער רייזע, וועלכע איז אויסגעקומען אין א וואָך ארום, זיינען זיי זיך צוגאַנגען.

די דאָזיגע וואָך האָט זיך ביי חיים גרויסמאַן געצויגען ווי א יאָהר... אָבער ניט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט וואָס גיכער בעפרייט ווערען פון דעם שרעק, וואָס ער לעבט דורך אין וואַרשוי, נאָר אויס נייגירדע צו פאָהרען אלס א מאַן פון דער ליעבער, שעהנער אידע'ן... עפּעס איז איהם די דאָזיגע בלומרש'טע שפּיעל זעהר ערנסט אויסגעקומען, און ליגענדיג אין זיין צימער, וועלכער האָט זיך געפונען אין א פערוואָרפענעם ווינקעל, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט דאָס שעהנע געזיכט פון סענדראָוויטש'עס יונגע ווייבעל אידע, וועלכע וועט

זיך באלד געפונען אין זיין, חיים'ס שוץ און א ציטעריגע, א נייע ביינקעניש האט אנגעפילט דאס הארץ זיינס...

— ברוך סענדראוויטש... ברוך סענדראוויטש... האט ער גע'חזר'ט יענעמס נאמען, כדי ניט ארייננצופאלען אויף דער גרעניץ, און די גאנצע וואך חזר'ענדיג אזוי, האט זיך איהם גענומען דוכטען, אז פון איצט אן איז ער אוים חיים גרויס־מאן, קעמפפער און רעוואלוציאנער, נאר ברוך סענדראוויטש, א סטודענט פון בערלינער אוניווערזיטעט, א בלאנדין פון 25 יאהר, וועלכען די שעהנע אידע האט אזוי ליעב...

די וואך איז אריבער.

— אלזא, אט האט איהר אייער ווייבעל! — אזוי האט זיך געווענדעט צו חיים'ן אידע'ס פאטער, א הויכער ברייט־ביינינער איד, מיט א שעהנער ברייטער בארד און גאלדענע ברילען אויף דער אריסטאקראטישער נאז...

חיים'ען איז פון די דאזיגע ווערטער א זיסע ווארימקייט צוגאנגען איבער אלע גליעדער; פערשעמט האט ער אנגעקוקט די שלאנקע אידע, וועלכע איז שוין געשטאנען רייזע־פערטיג און האט ליעבליך געשמייכעלט צו חיים'ען...

— איהר זאלט זי היטען! האט זיך אויך פון איהר זייט געווענדעט אידע'ס מוטער, א פרוי פון א יאהר 50 אין א שווארצען קלייד, מיט אן אריסטאקראטישען אויסזעהן.

— ווי די אויג אין קאפ! — האט חיים בעגייסטערט אויסגערופען און האט זיך גלייך פערשעמט פאר דער דאזיגער היציגער פראזע...

— פארגעסט נאר ניט, אז איהר זייט ברוך סענדראוויטש! האט אידע פון איהר זייט ליעבליך געשמייכעלט, אנקוקענדיג חיים'ען זעהר פריינדליך!

— אַ, דאָס געדיינק איך שוין צו גוט! — האָט חיים וויע־דער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט היטץ...

— אַט האָט איהר דעם פּאַס און איך בין אונטער אייער שוץ! — האָט אידע זיך אַנגערופען, איבערגעבענדיג דאָס בי־כעלע חיים׳ען.

חיים האָט עס זאָרגפעלטיג אַריינגעלעגט אין טאַש און מיט ליעבענדע בליקען אַנקוקענדיג אידע׳ן, האָט ער זיך אַרויסגע־כאַפּט:

— עס איז ווירקליך מיר זעהר אַנגענעהם...

אויף וואָס ער האָט גלייך חרטה געהאַט...

ביז דער גרעניץ האָט דער צוג געהאַט צו מאַכען דריי שטונדען רייזע. חיים איז די גאַנצע צייט געזעסען מיט אי־דע׳ן און וועלענדיג ווערען מיט איהר נעהענטער, האָט ער זיך פּלוצים צו איהר געווענדעט:

— איך רעכען, אַז כדי עס זאָל ניט פאַלען אַ פערדאַכט, וואָלט איך אייך אין דער צייט פון דער רייזע געזאָגט דו. דאָס זעלבע איהר מיר...

נאָך דער דאָזיגער קורצער, פּראַקטישער פּאָרלעגונג איז ער רויט געוואָרען און געוואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויף איהר צושטימונג.

— ווייס איך — האָט זי זיך געקווינקעלט, — אין דער העכערער געזעלשאַפט איהרצען זיך מאַן און ווייב...

— ביי אונז קען עס אָבער זיין פערדעכטיג... איך מיין, אַז „דו" וואָלט געווען צוועקמעסיגער... איז חיים דרייסטער גע־וואָרען.

זי האָט ענדליך דעם פּאָרשלאַג אַנגענומען.

צום אונגליק אָבער האָט חיים ניט געפונען קיין געלעגענ־הייט אויסצוניצען דעם גליקליכען „דו".

ער האָט געזוכט א געלעגענהייט. ער האָט ארויסגעקוקט אין פענסטער פון וואגאָן. די זון, פערגעהענדיג, איז אין א רויט־בלוטיגער קויל געהאנגען הינטער א געדיכטען וואלד און האָט בעגילדעט די שפּיצען בוימער מיט איהר אָבשיין. דאָס ביל־האָט חיים׳ען ענטציקט און ער האָט אויסגעשריען:

— אידע, גיב א קוק, ווי שעהן!

אידע האָט זיך אויפגעשטעלט, אריינגעקוקט דורכ׳ן פענס־טער און זיך אָנגערופען:

— ווירקליך.

חיים איז געשטאַנען הארט נעבען איהר און אנשטאט צו קוקען אויף דער פערגעהענדער זון האָט ער זיינע בליקען איינגעדרונגען אין דעם ליעבען געזיכט פון אידע סענדעראָ־וויטש און איז טרויעריג געוואָרען.

אין איין אויגענבליק איז די זון ניט געוואָרען, ווי דער שווארצער וואלד וואָלט זי פארשלונגען... זיי האָבען זיך אוועק־געזעצט און אידע האָט זיך אָנגערופען:

— איהר ווייסט..

— „דו ווייסט" — האָט איהר חיים פערבעסערט — מען קען אריינפאלען...

— עט, האָט נישט קיין מורא! — האָט זי זיך איינגע־עקשנ׳ט... איהר ווייסט אז באלד איז שוין די גרעניץ.

— דעסטאָ מעהר דארף מען פאָרזיכטיג זיין! אלזאָ, וואָס זאגסטו, אידע...

אידע האָט גוטהערציג געשמייכעלט און האָט געענטפערט:

— אויב איהר ווילט זיך שפּיעלען, מיט׳ן גרעסטען פער־גניגען!

און פרעהליך ווערענדיג האָט זי פאָרטגעזעצט:

— איך זאָג, מיין טהייערער סענדראָוויטש, אז באלד איז די גרעניץ...

— נו איז וואָס, אידע־לעבען! האָט ער צוריק געשמיי־כעלט און אָנגענומען איהר קליינע סאַמעטענע הענטעל...

זי האָט די האַנד ניט ארויסגענומען. דאָס האָט חיים'ען דרייסטער געמאַכט. ער האָט זיך צוגערוקט צו איהר נאָהענט, גאַנץ נאָהענט און געפּליסטערט:

— דו ביזט א זיסע ליעבע קינד...

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע, שווארצע אויגען און געשוויעגען...

ענדליך איז דער צוג אָנגעקומען אין אלעקסאנדראָווע, די גרעניץ סטאַציאָן. אין וואַגאָן האָט זיך בעמערקט א נערוועזע בעוועגונג: א הויכער זשאַנדארם מיט שטרענג־פערדרעהטע וואָנסען איז אריין, און ווענדענדיג זיך מיט איין בעפעהל צו אלעמען, האָט ער געשריען:

— די פּאַספּאָרטען!

חיים גרויסמאַן האָט שנעל ארויסגעכאַפּט דעם פּאַספּאָרט און דערלאַנגט.

— א ווי (און איהר)? האָט דער זשאַנדארם זיך געווענ־דעט צו אידע'ן.

— עטא מאָיא זשענא (דאָס איז מיין ווייב) האָט ער פאר איהר געענטפערט.

— חאָראָשאָ! — האָט דער זשאַנדאַר מסכים געווען...

און מיט דער הסכמה איז חיים זעהר צופרידען געווען.

דער זשאַנדאַר צונויפנעהמענדיג די פּעסער איז ארויס, פערשליסענדיג הינטער זיך די טהיר פון וואַגאָן.

— איצטער זיינען מיר באמת מאַן און ווייב! — האָט חיים העכסט אויפגערעגט אריינגעפּליסטערט אידע'ן אין אויער.

— יאָ, יאָ! — האָט אידע איינגעשטימט.

די איינשטימונג האָט חיים'ען גליקליך געמאַכט... ער האָט זיך דרייסט געווענדעט צו איהר מיט א צערטליכער שטימע:

— ווילסט אפשר עפּעס עסען?

זי האָט א שמייכעל געטהאָן און גוטהערציג געענטפערט:

— איך ניט, אפשר ווילט איהר? — אפשר ווילסטו, מיין ליעבער?... האָט זי פערריכט.

— יע, איך וויל טאקע עפּעס עסען:

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אראבגענומען פון אויבען איהר קליינעם רייזע־טאַש אין וועלכען עס האָט זיך געפונען דאָס עסענוואַרג און האָט איהר דערלאַנגט.

זי האָט אויפגעעפענט און ארויסגענומען די שפּייז, וואָס איהר מוטער האָט פאר איהר דאָרט אנגעגרייט.

— לעבען זאָל מיין גוטע מאמע! — האָט אידע עסענ־דיג געבענשט איהר מאַכען און איהרע גרויסע אויגען זיינען נאָך גרעסער און שוואַרצער געוואָרען...

— עס סענדראַוויטש! — האָט זי זיך געווענדעט צו חיים'ן.

— יא, מיין טייבעלע, איך וועל עסען...

זי האָט זיך הויך צולאַכט...

— איהר זיינט אן ארטיסט! — האָט זי איהם אריינגע־שושקעט אין אויער...

— וואָרום? — האָט ער געפרעגט...

— אך, מיין גאָט! איז זי כלומרשט בייז געוואָרען פאר וואָס ער פערשטעהט ניט און האָט זיך גענומען צום עסען...

באַלד אָבער איז אריין דער זשאַנדאַר שויז צוזאמען מיט אן אָפיציער און האָט פערטהיילט צוריק די פּעסער.

— ברוך סענדראַוויטש!

— יא! — האָט זיך גרויסמאַן אנגערופען אביסעל אויפ־גערעגט.

דער אָפיציער האָט איהם אָנגעקוקט, דערלאַנגט דעם פּאַס און זיך געווענדעט צו אידע'ן:

— א ווי (און איהר?)

— מאַי מוזש... (מיין מאַן) — האָט זי געענטפערט אַנ־ווייזענדיג אויף חיים'ען.

— פּרעקראַסנאָ! — האָט דער אָפיציער גוטמוטהיג איינ־געשטימט...

און חיים גרויסמאַן, פּערגעסענדיג אַן דער רעוואָלוציע, אַן די באַריקאַדען, אַן דער שנאה צו דער אַרמיי, איז אין האַרצען געוועזן דאַנקבאַר דעם דאָזיגען יונגען אָפיציער, און אין אַ ווייל־ע אַרום, אַז דער זשאַנדאַרם מיט'ן אָפיציער זיינען אַרויס, האָט ער זיך אָנגערופען:

— פאַראַן דאָך צווישען זיי אויך גוטע מענשען...

— אַזאַ יאָהר אויף זייערע קעפּ! — האָט אידע ניט גע־וואָלט מסכים זיין, וואָס עס האָט חיים'ען פערדראָסען...

דער צוג האָט זיך גענומען ריהרען.

— שוין נאָכ'ן גרעניץ! — האָט אידע פרעהליך אויסגע־רופען.

— פון דעסטוועגען זיינען מיר נאָך אַלץ מאַן און ווייב... „פּרייסען" איז ניט בעסער פון פאָניען... מיר מוזען זיך נאָך אַלץ „דוצען".

— דוצען איז דוצען! — האָט אידע גלייכגילטיג אָנגע־נומען.

ביי די ווייטערדיגע סטאַנציע איז געוואָרען אַלץ געראַוי־מער און געראַומער. ענדליך איז אין וואַגאָן געבליבען נאָר דאָס פּאָר פאָלק אַליין.

— מיר זיינען אַליין! — האָט חיים אויסגעשריען מיט שמחה.

אידע האָט די שמחה ניט פערשטאַנען. זי האָט חיים'ען קאַלט אָנגעקוקט און געזאָגט:

— איצט קען איך אייך אָנרופען מיט'ן אמת'ן נאָמען. אַלזאָ הערר גרויסמאַן, וואָס דענקט איהר צו טהאָן אין אויס־לאַנד?

— אין אויסלאנד!... איז חיים ווי פערציטערט געוואָרען... אין אויסלאנד...

און ער איז געבליבען שטום, ניט האָבענדיג וואָס צו ענטפערן.

און דערמאָהנענדיג זיך, אז דער שפּיעל איז שוין איצט אויס און עס פאנגט זיך אָן דאָס אמת'ע, דאָס ווירקליכע, דאָס טרויעריגע, אז באלד קומט דער אמת'ער סענדראָוויטש, וועלכער וועט דאָס דאָזיגע שעהנע וועזען אלס זיין אייגענס צונעהמען, און ער, חיים, וועט זיך לאָזען בלאָנדזשען אין די בערלינער גאַסען עלענד און אליין, — דערמאָנענדיג זיך אָן דעם אלעם האָט איהם ערגריפען א דונקעלע שרעק, אן אנגסט פאר דער לאנגער צוקונפט...

ער האָט אריינגעקוקט אין פענסטער. די נאכט איז געוועזען שווארץ. נאָר וואו ניט וואו האָט זיך פארביי געטראָגען א ליכט, א ווייטער שיין, — פארבייגעטראָגען און פערלאָשען...

אהיים.

זיי זיינען ביידע פון דער פּראָווינץ, בעקענט האָבען זיי זיך אין וואַרשע און נאָך אַ קורצע צייט בעקאַנטשאַפט זיינען זיי זיך צונויפגעגאַנגען אין די אידעאַלען און זיך בעזעצט צוזאַמען אין אַ קליין פינף־רובעלדיגען צימערל אויפ׳ן פירטען שטאָק.

קיין מאַן און ווייב זיינען זיי ניט, חתן־כלה אויך ניט. גיכער שוועסטער און ברודער און אפשר — חבר און חבר׳טע.

אפשר וועלען זיי אַמאָל, פאַר צוויי עדות, אויך פון בע־קענטע, זיך פערבינדען אויף אייביג, נאָר דערווייל טראַכטען זיי דערפון ניט. עס איז דאָ בילכערע זאַכען אויף דער וועלט.

זיי אַרבייטען צוזאַמען פאַר איין אידעע. די אַרבייט איז אַ הייליגע און ווי אַלץ וואָס הייליג — אַ שטרענגע און טריבע.

און דאָך, אַז זיי געלינגט אַמאָל דורכצופיהרען אַ זאַך, וואָס ברענגט גרויסע נוצען דער וועלט, ווערען זיי אַביסעל לייכט־זיניג, און ערלויבען זיך אַביסעל צו לאַכען.

און אַז זי לאַכט, ווייזען זיך ביי איהר צוויי רייהען ווייסע צייהנער און די שוואַרצע אויגען ווערען שוואַרצער און פינק־לענדיגער, דאַמאָלסט געהט ער צו איהר צו, לעגט איהר אַרויף די האַנד אויפ׳ן פּלייטשע און גיעט איהר איין קוש אין די לי־פּען.

סך הכל איין קוש!

אויף מעהר איז קיין צייט ניטאָ און קיין גערולד. ראָמאַנ־טיש זיין פּאַסט ניט. אפשר ביי דער נייער אָרדנונג — יאָ.

און זי, אַ דערפרישטע פון זיין קוש, אַבער צוריק איין

ערנסטע, און ער, ווי א בעל תשובה, נעהמען זיך צוריק צו דער הייליגער ארבייט.

זיי לעבען אַרים, האלב הונגעריג, נאָר רעדען דערפון רעדט מען ניט. די קינפטיגע מענשהייט וועט בעסער לעבען. די דאַזיגע צייט נעהענט זיך. אין זייער שטילען צימעריל הערט זיך שוין די טריט פון דער דאַזיגער צייט.

און ביי דער מוזיק פון אזוינע טריט איז געגנוג ברויט מיט טיי...

זיי זיינען אידען, אבער זיי ארבייטען פאר אלע, און דע־ריבער האלטען זיי זיך פאר מענשען, זיינען בייז אויף דער נאציאָנאלער שטרעמונג ביי אידען און ביי אנדערע פעלקער.

זי גיעט אפילו א מאָל א „בענק" נאָך דעם שטעדטעלע, נאָך דעם רוהיגען שבת און יום טוב, נאָך דעם טאַטענס טרויעריגע ניגונים, וואָס ער זינגט אין א שבת און אין א יום טוב, נאָך דער מאַמעס וויינענדיגען קול ביין טייטש חומש, — אבער זי זאָגט עס הויך ניט ארויס.

מעהר וואָלט ניט געפעהלט ווען ער זאָל עס הערען.

„בורזואזשנע סענטימענטאליטעט!" וואָלט ער גלייך מיט פעראכטונג ארויסגעברומט...

און ער וואָלט זיין גערעכט.

און דאָך איז געקומען א צייט, ווען אין זייערע הערצער האָבען ערוועקט זיך מאָדנע געפיהלען.

זיי שעמען זיך איינע פאר די אנדערע זיי ארויס צו זאָגען, נאָר שטומערהייט פערשטעהען זיי איינע די אנדערע.

דער פריהלינג, וועלכער איז געקומען אין ווארשע בייציי־טענס און די זון האָט ארייגעשיקט עטליכע שטראַהלען אויף אין זייער קאָנספּיראטיווע צימעריל, האָט דערוועקט אין זיי די דאַזיגע מאָדנע געפיהלען...

—שוין באלד פסח!—זאָגט זי ארויס און פערשעמט זיך.

ער אָבער זאָגט איהר גלייך גאָרנישט דערויף... ער זינגט עפּעס אונטער א ליעדעלע, אַן אַלט ליעדעל, וואָס קלינגט אין צימעריל אַזוי ניי און ליעב...

— אין דערהיים ביי אונז באַקט מען שוין מצה! וואַגט זי פאַרצווזעצען איהרע געפיהלען.

— יאָ! יאָ! ענטפערט ער שוין, און פערטראַכט זיך, קוקענדיג אין פענסטער, פון וואַנען ער זעהט גרויסע דעכער און אַ קליין שטיקעל ריינעם הימעל.

— הער, זאָגט זי צו איהם שוין גאָר מוטיג! — אויף פּסח וועל איך פאָהרען אַהיים...

— נו־נו! — בייזערט ער זיך, אָבער מיט א געמאַכטען טאָן.

— איך וועל פאָהרען! עקשנט זי זיך.

— דו האָלסט אַזוי שטאַרק פון דעם אידישען פּסח! — מוסרט ער איהר.

— איך האַלט, צי ניט — עס ציהט!

— אַ, דו באָבע! — לאַכט ער פון איהר. עס ציהט! אַ ניי וואָרט געפונען, דומהייטען!

— פאָלג מיר, פאָהר אויך! — האַלט זי זיך ביי איהרס.

— משוגע! וואָס דיר קען איינפאַלען!

ער וואַרפט די בליקען איבער'ן קליין צימעריל, ער זעהט אַ טישעל מיט אַ סך דיקע ביכער, פּאַפּירלעך, אַ טינטער, אַ הענטעל מיט אַ פערזשאַוועטער פעדער, אונטער'ן טישעל — אַ פערדרויכערטע טיי־מאַשינקע. געגען איבער צוויי אייזערנע איינגעפאַלענע בעטליך...

— ס'איז ניטאָ קיין צייט! — רופט ער זיך פּלוצים אָן, און קוקט אין פענסטער אויפ'ן שטיקעל הימעל...

— פאָלג מיר לאָמיר פאָהרען! געהט זי צו איהם צו און גלעט איהם איבער'ן קאָפּ.

פונקט אזוי האָט איהם די מאמע אמאָל געגלעט, ווען זי פלעגט איהם שלאָפען לעגען.

— פאָהרען, זאָגסטו, הא? פאָהרען?... פרעגט ער מיט אַן אונגעוועהנליכער ווייכקייט.

— ניט אַנדערש פאָהרען! — רופט זי אויס מיט אַ שטראַהלענדען פּנים, בעמערקענדיג זיין פערענדערונג.

— נו, און מיט וואָס?

— איך וועל אַלץ פערקויפען...

— וואָס וועסטו פערקויפען?

— וואָס? פרעגסטו — אַלץ! איך פערקויף „קאַפּיטאַל מאַרקס", איך פערקויף „באַנדאַנאַוו'ס עקאָנאָמיע", איך פער־קויף איסאַייעוו'ס, מיכאַלאָווסקע'ס... איך פערקויף זיי אַלע!

— און אהיים אויף פּסח... לאַכט ער ווייטער.

— און אהיים אויף פּסח! — ענטפערט זי מיט פלאַמענדע אויגען.

— נו, נו, שטימט ער, שמייכלענדיג, איין — פערקויף זיי און מיר וועלען ביידע פאָהרען!...

דער לעהרער.

דער אידישער לעהרער, בערקסאָהן, א הויכער דארער בריונעט אין אן אלטען אויסגעריבענעם פאלטא, איז אריין דורכ'ן „שווארצען אריינגאנג" אויף דער לעקציע צו הערן גראַסמאַן.

אין קיך איז געזעסען די דיענסטמיידעל, לאָה, און האָט געארבייט. דער לעהרער האָט איהר שטיל געזאָגט: „גוט מאָרגען". זי איז רויט געוואָרען, האָט איהם געוואָלט פריינדליך ענטפערן, נאָר איידער זי האָט זיך צוגעקליבען, איז ער שוין אריין אין מאשעס צימער.

— א מאָדנער לעהרער! — האָט לאה געטראכט, בלייבענדיג ווידער אליין אין קיך — עס געהען אהער איבער פאר א טאָג פינף לעהרער און אלע געהען דורכ'ן „פאראדנעם אריינגאנג". און ער געהט דורכ'ן קיך — עס פלאמט מיר דאָס פנים... עס ווייזט אויס, אן איידלער יונגער מאן, און איהם ארט דאָס גאָר ניט. ער מוז זיין, קענטיג, נישט קלוג: ער פערשטעהט ניט, אז דערמיט פאלט ער אין דעם „הערים" אויגען. מילא די מאדאם איז דאָך א שטיק פלייש, זי פערשטעהט דאָך גאָר נישט... איך וואָלט מיך נישט געשעמט, וואָלט איך עס איהם געזאָגט... א גאנץ וואוילער מענש — זאָגט: „גוט מאָרגען"... ניט ווי אן אנדערער, — קוקט ניט אפילו אין יענע זייט...

לאה בעשליסט זיך, אז זי וועט איהם זאָגען, ער זאָל ניט געהען דורכ'ן קיך, באלד אבער בערענקט זי זיך, אז עס פאסט ניט. און זי רעדט ארויס פאר זיך:

— וואָס אַרט עס מיר, פון וואַנען ער גערט... אַ דאַנק מיינע! איך האָב גרעבערע זאָרג — נאָך די קאָטלעטען ניט צו־האַקט...

לאה נעהמט זיך צוהאַקען די קאָטלעטען. זי פּערטיעפט זיך און ליינט אריין איהרע אַלע געדאַנקען דערין, נאָר פון זאָל דערהערט זיך דעם לעהרער'ס קול — ער ביייזערט זיך אויף מאַשען, לאה'ס געדאַנקען נעהמען אַן אבוועגדונג. זי פערטראַכט זיך וועגען גאָר אַנדערש:

— פינף לעהרער אַ טאָג, וועה צו מיר! וואו נעהמט זיך דאָס ביי זיי. גאָלד קאָסטען אָפּ די קינדער. אפילו פּיאַנע שפּיע־לען לערנט מען זיי... עס איז זיי פּרעהליך אויפ'ן האַרצען. מיין קאָפּ־וועהטאָג זיי, רבונו של עולם!...

— „אם — אַ מוטער“ — דערהערט זי ווי דער לעהרער ערקלעהרט מאַשען.

— וועה צו מיר, דערמאָנט זי זיך פּלוצים — נאָך קיין בריוועל אהיים ניט אָנגעשריבען שוין צוויי וואָכען. די מאַמע וועט דאַרטען ניט וויסען, וואָס איבערצוקלערען. איך קלויב זיך אַלץ צו בעטען עמיצען אָנשרייבען און פערגעס מיך — מלאכה, ווי האַלץ, היינט בלי נדר, דאַרף מען עמיצען בעטען אָנשריי־בען... וועט קאָסטען אַ צעהנעריל...

זי בערעכענט, וואָס זי וועט הייסען שרייבען. ערשטענס, דאַרף מען איהר שרייבען, אַז איך האָב געמאַכט אַ ניי קליי־דעל און עס געהט זעהר צו מיר. צווייטענס, אַז די ווירטהין איז אַ מרשעת, נאָר איך שטעל איהר אויס דריי פייגען, זי וועט נאָך ניט קריגען אַזאַ קעכין ווי איך... ווייטער דאַרף מען איהר שרייבען וועגען דעם יונגען שניידער, וואָס שדכנ'ט זיך צו מיר...

ביי דעם דאָזיגען געדאַנק ווערט זי רויט.

פע, דאָס וועט זי ניט הייסען שרייבען... מיאוס... אָט ווען זי וואָלט אַליין געקענט שרייבען, וואָלט זי וועגען דעם אַ סך

געשריבען: אלץ, אלץ... א מאמען מעג מען אלץ אויסשרייבען. א מאמע איז ניט קיין מאדאם, א מאמע, נישקשה, וועט ניט לאכען...

„אז מען קען אליין שרייבען, איז א מחיה — קלערט זי ווייטער — וואס מען וויל און ווען מען וויל, און מען דארף קיין „לאסקעס" ניט האבען. נאר שוין פערפאלען — זיפצט זי— שוין שפעט".

זי נעהמט זיך ווידער צו דער ארבייט. אבער שוין מיט ווייניגער חשק: דער קאפ איהרער איז פול מיט'ן בריעף, וואס ניט אלץ וועט זי קענען דורך א פרעמדען אויסשרייבען, דאס, וואס זי מוז שרייבען וועט בלייבען ביי איהר טיעף אין הארצען און נאך מעהר דערמיט, וואס זי וועט שוין קיינמאל, ק׳ינמאל ניט קענען שרייבען...

זי ארבייט און זיפצט.

די לעקציאן האט זיך געענדיגט. דער לעהרער געהט שוין ארויס, ער וויל עפענען די טהיר, נאר דער פעררוקער האט זיך עפעס פערהאלטען, און ער קען ניט עפענען. לאה לויפט געשווינד צו און שמייכעלט:

— מען האט, קענטיג, דא אייך אזוי פערגעבען, אז איהר טרעפט די טהיר ניט. אט שוין!

— א דאנק! — שמייכעלט דער לעהרער.

„א זעלטענער מענש", — טראכט לאה, — און ווי א בליץ לויפט איהר דורך אין קאפ טאקי איהם בעטען א בריעף אנצושרייבען, נאר איידער זי וויל עס ארויסרעדען גיט ער זיך א נויג און פערשווינדט איילענדיגערהייט. — מארגען וועל איך איהם בעטען, בעשליעסט זי.

אויף מארגען, פאר דער העברעאישער לעקציע, האט לאה געזעהן ווי די מאדאם מיט מאשען טהוען זיך אן אויף ערגיץ

אוועקצוגעהן. דאס הארץ האט אין איהר אנגעהויבען צו זינ־
גען פאר פרייד. „מיט א קלאג אין די הייזער!“ — האט זי זיי
אין געדאנקען צוגעוואונשען. זי איז געווען צופריעדען, וואס זי
וועט קענען אונגעשטערט בעטען דעם לעהרער, שרייבען איהר
א בריעף.

אז די מאדאם מיט דער צוועלפיעהריגער מאשען זיינען שוין
פארטיג געווארען, איז די ערשטע צוגעגאנגען צו לאה'ן און האט
געזאגט.

— אז דער אידישער לעהרער וועט קומען, זאלסטו איהם
זאגען אז מאשע וועט זיך היינט ניט לערנען, זי געהט מיט
מיר אין געסט. זאל ער ניט ווארטען, ער וועט די לעקציע אוועק־
געבען אין א ליידיגער צייט.

— זאג איהם, האט מאשע פיעסטענדיג זיך, אונטערגעהאל־
פען, אז ער זאל גלייך אוועקגעהן. אויך מיר א לעהרער!

— ניט געפעליע... — האט לאה געוואלט איבערקרימען
די נארישער צולאזענער מאשען, וועלכער זי האט אין הארצען
אמת פיינד, נאר זי האט זיך איינגעהאלטען.

— אז אך און וועה — האט לאה נאך זייער ארויסגאנג
געפיליזאפירט — זי לאכט פון לעהרער, — יענער איז א זייד!

מיט אונגעדולד האט זי געווארט אויף דעם לעהרערס קו־
מען. זי איז אלע ווייל ארויסגעגאנגען אויף די טרעפ זעהן,
צו געהט ער.

און אז דער לעהרער האט די טהיר געעפענט איז זי איהם
געגאנגען אקעגען, ווי צו אן אלטען בעקאנטען און האט מיט
א ליעבען שמייכעל געזאגט:

— אומזיסט אייער טרחה!

— וואס איז?

— מאשע איז אוועקגעגאנגען מיט דער מאדאם צו געסט
און האבען געבעטען, אז איהר זאלט ניט ווארטען.

דער לעהרער האט פריי און אטהעם געטהאן.

— א דאגה אייך — האָט לאה געשמייכעלט — וועט איהר האָבען א לעדיגע שטונדע.

דעם לעהרער איז געפעלען געוואָרען איהר פרעהליכער און דרייסטער טאָן. „זי איז שוין ניט קיין באבע“! — האָט ער געטראַכט — „קליגער פאַר די מאַדאַם און שעהנער איז זי אודאי“. אזוי טראַכטענדיג, איז ער געבליבען א ווײַלע שטעהן אונענטשלאָסען ביי דער טיהר.

— אז איך וואָלט מיך ניט געשעמט, — האָט זיך לאה גע־ווענדט צו איהם — וואָלט איך אייך עפּעס געבעטען.

— אַך, מיט׳ן גרעסטען פערגניגען — האָט דער לעה־רער פריינדליך געשמייכעלט — זאָגט וואָס.

לאה האָט גלייך ניט געקענט אויסרעדען איהר בקשה, זי האָט אראָבגעלאָזען די אויגען אויף די ערד, ווי זי וואָלט זיך מיט דער פאָרלאָגע וועלען מישב זיין.

דעם לעהרער האָט די ביטע שטאַרק פעראינטערעסירט. און ניט וואַרטענדיג אויף איהרע דייטליכע ווערטער האָט ער ווייע־דער געפרעגט:

— זאָגט שוין וואָס, שעמט זיך ניט.

—א נאַרישקייט — האָט זי געענטפערט, שוין אויפהוי־בענדיג די אויגען פון דער ערד און פערקוקענדיג זיך אויף א פּאַן וואָס איז געהאנגען אויפ׳ן וואַנד קעגען איהר.

— אויב א נאַרישקייט, דאַרף מען טאַקי ניט, — האָט דער לעהרער געלאַכט.

— איך האָב געוואָלט שרייבען א בריעף צו דער מאַמען— האָט זי קוים ארויסגערעדט, רויט ווערענדיג.

— דאָס גאָר! — האָט דער לעהרער אויסגערופען, — און איך האָב געמיינט, גאָט ווייסט וואָס, וואָס זשע האָט איהר זיך אזוי געשעמט?

כ׳ווייס?... — האָט לאה שטיל, ווי פאַר זיך גערעדט —

מיר דאכט זיך, אז עס איז ניט אזוי שעהן, אז מען דארף אנ־קומען צו א „צווייטען“ שרייבען א בריעף.

— אודאי, — האט דער לעהרער שוין ערענסט געזאגט און אזוי ווי צורייצט — אודאי דארף מען אליין קענען שריי־בען, — יעדער מענש דארף קענען, נאר וואס זענט איהר שול־דיג? שולדיג זיינען אנדערע?...

— אנדערע? — האט לאה זיך פערוואונדערט און אויס־געשטעלט די אויגען אויפ'ן לעהרער. — איך בין אליין שולדיג, צו מיין מזל איז שולדיג... איך וואלט האבען מזל, ווי לייטיישע קינדער, וואלט מען מיך אויך יונגערהייט געלערנט. ניט אלע, מיין פריינד, ווערען אבער געבארען אין איין מזל, ווער עס האט פינף לעהרער און ווער אפילו ניט איינעם, מסתמא דארף דאך אזוי זיין...

— דארפען דארף אפילו ניט זיין אזוי... — האט דער לעה־רער איראניש געשמייכעלט.

ער האט אבער א קוק געטהאן אויף לאה'ן, ווי טרויריג זי איז געווארען, און זיין הארץ האט געדריקט פאר מיטלייד, „א מענש, און אונוויסענד ווי א בהמה“! — האט ער געטראכט.

און פלוצים איז ביי איהם געבארען געווארען א געדאנק: ער וועט זי לערנען...

— „לערנען זי, לערנען — לערנען! — האט איהם דער געדאנק פול געמאכט זיין גאנצען וועזען.

ער איז בעגייסטערט געווארען פון'ם געדאנק און האט איהם גלייך ארויסגעזאגט:

— איהר ווייסט, אז אויב איהר פוילט זיך ניט, וואלט איהר נאך איצטער זיך אויך געקאנט אויסלערנען שרייבען.

— פוילען זיך? — האט לאה אבגעשלאגען מיט פייער — וואס רעדט איהר? קאכען, וואשען, רוימען א גאנצען טאג פאר פרעמדע פויל איך מיר ניט, און פאר זיך אליין, לערנען זיך

שרייבען וועל איך מיר פוילען ? זאָגט בעסער — איך האָב קיין צייט נים.

— א גאנצען טאָג האָרעוועט איהר דען ?

— וואס דען האָט איהר געמיינט — אומזיסט דען נעהמט מען געלד ?

דער לעהרער האָט זיך פערטראכט, האָט א זיפץ געטהאָן, פערקנייטשט דעם שטערן און האָט ענדליך געפרעגט.

— אפילו א שעה אין טאָג קענט איהר ניט אברייסען ?

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — האָט לאה טרויריג געענטפערט — א שעה אין טאָג וואָלט איך, ווי עס איז גע־קענט אברייסען, נאָר דער קאָפּ מיינער איז מיר ניט דערביי און די הענד וועלען גאָר ניט געהן, מען האָט דאָס גאנץ לעבען צו טהאָן מיט טעפּ און לעפיל, מיט א בעזעם און נאָך אזעלכע גראָבע ארבייט.

— נישקשה: איך וועל אייך אויסלערנען — האָט דער לעה־רער איהר פערזיכערט — א מענש איז ניט קיין חיה:

— אויב איהר ווילט אזוי פריינדליך זיין און לערנען מיך, וועל איך מיט'ן גרעסטען פערגניגען... א קלייניגקייט קענען שרייבען !... איך בין אזוי מקנא, ווער עס קען שרייבען...

דער לעהרער האָט בעמערקט, ווי איהר שטים ווערט פער־שטיקטער און אין איהרע אויגען האָבען זיך טרעהרען בעוויזען.

„ארימע מענשען" — האָט ער געטראכט — אזעלכע קליינע פערלאנגען פאר אזעלכע שווערע ארבייט !... און דאָס ווערט נאָך אויך ניט ערפילט — אונדאנקבארע, מאוסע וועלט !".. ער האָט געפיהלט זיך, ווי שולדיג קעגען איהר און האָט געזוכט ווערטער צו פערגלעטען זיין שולד.

— זייט רוהיג, איהר וועט נאָך קענען ! — האָט ער זי געטרייסט — אלע טאָג וועל איך אייך לערנען א שעה. ווען האָט איהר צייט ?

— 10 א זייגער אווענד קען איך שוין זיין לעדיג — האט זי שוין אביסעל פרעהליכער ווערענדיג, געענטפערט — וואו וועלען מיר זיך אבער לערנען? דא קען איך ניט, די מאדאם וועט זיך בייזערן, זעהר א ווילדע מאדאם, אזא יאהר אויף איהר...

— איך וואוין אין א בעזונדער צימער — האט דער לעהרער פארגעלעגט — איהר קענט קומען צו מיר...

לאה איז אביסעל רויט געווארען. זי האט זיך שיער ניט ארויסגעחאפט:

— „ניין מיר זיינען ניט פון דעם סארט דיענסטען“. אבער אז זי האט א קוק געטהאן אויפ'ן לעהרערס פנים, אריינגעקוקט אין זיינע טיעפע, שווארצע פערטראכטע אויגען, איז פון איהר יעדער חשד אראבגעפאלען, און זי האט איינגעשטימט.

נאך דעם האט איהר דער לעהרער דעם בריעף געשריבען. לאה האט געקוקט, ווי גיך די פעדער איז געפלויגען איבער'ן פאפיר, און האט זיך געוואונדערט, ווי פון איהר ווארט, וואס זי זאגט ארויס פערשעמט, שטויסט ער זיך אליין און שרייבט אן דערפון צעהן ווערטער, און אזוי גלאט, שעהן, אזוי ווי אין א ביכעל, וואס מען לייענט שבת.

— הלואי וואלט איך געקענט האטש א הונדערט חלק פון איהם! האט זי אין הארצען שטיל צוגעוואונשען זיך, און האט א זיפץ געטהאן.

אויף מארגען איז לאה געקומען צו בערקסאהן אויפ'ן קווארטיר. ער האט זי פריינדליך אויפגענומען, האט זי אוועקגעזעצט ביי דעם טישעל און האט אנגעהויבען צו לערנען.

— די פעדער האלט מען אזוי — האט ער פערשטעהן גע־געבען — איהר זעהט? — אין די דריי פינגער פון דער רעכטער האנד. איהר פערשטעהט?

— איך פערשטעה, — האָט לאה דערשראָקען געענט־פערט. זי האָט גאָר נישט פערשטאַנען, קוקענדיג, ווי דער לעהרער האלט די פעדער אין האנד. איהר האָט זיך געדאכט, אז דאָס איז אזוי שווער, אז זי וועט עס קיינמאָל ניט קענען.

— נו, נעהמט!

זי האָט אריינגענומען די פעדער אין איהרע גראָבע פער־האָרעוועטע פינגער. די הענד האָבען זיך איהר געטרייסעלט.

— אביסעל העכער.

זי האָט גענומען העכער.

— אָט אזוי! יעצט פרופט מאכען איין „אלף", איהר זעהט, ווי איך מאך — א האלבע קייקעלע, נאָך דעם א פּאָס־קעלע.

לאה האָט אוועקגעשטעלט די פעדער אויפ'ן פּאַפּיער און האָט געוואָלט אָנהויבען פיהרען דעם בוכשטאב, נאָר די פעדער האָט זיך אריינגעהאקט טיעף אין פּאַפּיער און האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט א ריהר געבען ווייטער.

— עס געהט עפּעס ניט... האָט זי שעמעדיג געמורמעלט.

— עס וועט געהן — האָט זי דער לעהרער געטרייסט — דריקט ניט אזוי די פעדער, מען דאַרף נישט מיט כח. אָט אזוי איהר זעהט, — האָט ער איהר געוויזען, צונעהמענדיג די פעדער פון איהר האנד און מאכענדיג אליין אן „אלף".

לאה האָט זיך גוט צוגעקוקט. איהרע אלע פעהיגקייטען פון מח האָט זי אינ'ם קוקען אריינגעלעגט.

זי האָט ווייעדער גענומען די פעדער און האָט שוין פון אוי־בען געהאלטען און האָט געוואָלט לייכט פיהרען איבער'ן פּאַ־פּיער, נאָר די פעדער האָט ביי איהר א שפּרונג געגעבען און האָט ניט געוואָלט בשום אופן מאכען דאָס האלבע קייקעלע.

עס איז שווער צוגעגאַנגען.

דער לעהרער האָט שיער דאָס געדולד ניט פערלאָרען, און

קיין האלבע קייקעלע ווי עס געהער צו זיין, האט זי נאך ניט געמאכט.

— „היינט א גימל, א לאנגער פא, האט ער מיט שרעק גע־טראכט — היינט אויסלעגען ?... גאט מיינער !

ער איז אומגעגאנגען איבער׳ן צימער מיט גיכע טריט. לאנג האט דערווייל געפיהרט מיט דער פעדער.

ער איז צוגעגאנגען א קוק טהאן. איין אלף האט אזוי קאַ־מיש אויסגעזעהן, אז אויפ׳ן לעהרערס פנים האט זיך בעוויזען א ביטערער שמייכעל.

— שלעכט ! — האט לאה פערצווייפעלט אויסגעשריען— עס געהט נישט — איך וועל ניט קענען ! פערפאלען שוין !...

זי איז געווען בלייך, דערשראָקען און שטארק אראבגעפאַ־לען. זי האט געקוקט אויפ׳ן לעהרער מיט בליקען פון א חולה אויף א דאָקטאָר, ווען דער חולה פיהלט, אז ער האלט שמאָל, און ער וויל חאָטש זיך טרייסטען מיט דעם דאָקטאָרס פאלשער הבטחה.. דער לעהרער האט עס פערשטאנען און ער האט זי געטרייסט :

— נישקשה, איהר וועט זיך אויסלערנען...

זיין קול האָב אבער געקלונגען מיט ספיקות, און לאה האט עס געפיהלט...

— שוין שפעט !... האט זי געזיפצט.

דער לעהרער האט געשוויגען, און לאה האט זיין שווייגען אנגענומען פאר א בעשטעטיגונג, דאס האט זי נאך פערצוויי־פעלטער געמאכט, און זי האט הויך מיט גאל ארויסגערעדט:

— פערפאלען שוין, אומזיסט מיין טרחה, אז מען געפינט זיך פון 10 יאהר אן אין פרעמדע הייזער, אין איידעלע גבירת־שע הייזער, ווערט מען אזוי פערגרעבט, אז מען קען שוין אייד־רעלער ניט ווערען... איך וועל שוין ניט קענען שרייבען !... אויף מיר ווארטען אין קיך די טעפ מיט׳ן בעזעם. דעם בעזעם איז מיר לייכטער צו האלטען...

דער לעהרער האט זי פערשעמט אנגעקוקט און האט ניט געפונען קיין ווערטער זי צו בערוהיגען.

— ס'וועט זיין גענוג! — האט זי אויפשטעהענדיג זיך געווענדעט צום לעהרער — איך דאנק אייך פאר אייער גוט הארץ. איך וועל שוין זעהן שפּעטער מיינע קינדער לערנען שריי־בען... איך בין שויז פערפאלען...

אַט דאָס איז דאָס.

עס זיינען דאָ אזוי פיעל טעאָריען, אזוי פיעל אנשויאונ־גען, אזוי פ"על וועגען, און מאקס האָט ניט געוואוסט קיינמאָל די ריכטיגע טעאָריע, ניט געהאט קיין שטענדיגע אנשויאונג, און וואס אנבעטרעפט דעם וועג, האָט ער שטענדיג געבלאָנ־דזשעט...

צום ערשטען איז ער געווען א רעוואָלוציאָנער. ער איז דעמאָלט אלט געווען א יאָהר אכטצעהן. גרייט אוועקצוגעבען זיין לעבען און פרייהייט אבי צושטעלען דאָס פעקעל פראָקלאַ־מאציעס צום געהעריגען אָרט. די אַלערליי מינים פראָקלאמא־ציעס זיינען געווען געשריבען אין אַן ערהאָבענעם טאָן, און מאקס האָט זיי אַלע געקענט אויסוועניג. ניט זייענדיג אליין קיין ארבייטער, האָט ער געוואוסט די טרויעריגע זייט פון יע־דער פאַך, געקעמפפט פאר פערבעסערונג. ניט האָבענדיג קיין אינערליכע בעציהונג צו די אינטערעסען פון די ארבייטער, האָט ער זיך דאָך איינגעשמועסט, דאָ געלאָזט זיך בעאיינפלו־סען, אז זיי, נאָר זיי געהען איהם אָן. די איבריגע מענשען, ניט קיין ארבייטער, זיינען א צוגעשטעפּטער מין, וואס פּלאָנטערן זיך סתם אונטער די פיס און וועלכע מען דאַרף בעזייטיגען...

די דאָזיגע טעאָריע האָט ענדליך געפּלאצט. געוויס האָט ער די ארבייטער לאַנגע אויך נאָכדעם גענומען צום הארצען, ביי גרויסע סטרייקען זיך געערגערט און געשטאַנען אויף דער זייט פון די שוואכע. אָבער דאָס אַליין האָט איהם שוין ניט אין גאנצען בעהערשט. עס זיינען דאָ נאָך פראגען, וואָס בעאונ־רוהיגען איהם. ווער זיינען בכלל מענשען? וואס קעמפּפען זיי אזוי, אז שטארבען וועלען זיי דאָך אַלע. און אויסער דער

פראגע, וואָס איז געווען פון די געפעהרליכסטע, איז דאָך דא נאָך א פראגע: וואָס איז אזוינס גערעכטיגקייט און פון וואנען ווייס ער וואו זי ליעגט — אויף וועמעס זייט.

מיט אזוינע פראגען אין קאָפּ קיהלען זיך די הייסעסטע געפיהלען און מאקס האָט דערשפּירט אז וואָס פולער עס ווערט איהם אין קאָפּ, אַלץ לעערער ווערט אין הארץ... דאָס איז צו געפעהרליך!

שפּעטער אביסעל האָט אין איהם ערוואכט דער מאן. זי האָט געהאט בלויע אויגען און איז געווען שלאנק. געוויס איז ער פערליעבט. איצט געהט איהם געוויס די גאנצע וועלט ניט אָן. די וועלט איז זי. ער מוז בעהערשען די וועלט!

ער האָט זי בעהערשט.

זי האָט זיך געלאָזט בעהערשען אזוי לייכט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פארגעשטעלט, אז ליעבע איז אזוי ניט דויערהאפט. געוויס איז זי איהם נאָך אַלץ אנגענעהם, אבער אָט פערגעהט א פּאָר מאָנאט און ער האָט מיט איהר ניט וואָס צו רעדען, לחלוטין גאָר נישט!

ניין, ליעבע איז ניט דער עיקר!

מען דארף ווייטער זוכען, זוכען.

די וועלט איז דאָך אזוי גרויס און דערווייל איז ער נאָך פריי. ער קען נאָך וועהלען. ענדליך וועט ער דאָך געפינען דאָס ריכטיגע. דאָס וואָס איז אבסאָלוט אמת.

און מאקס האָט גענומען וואנדערען פון איין לאַנד אין דעם צווייטען, פון איין וועלט טייל אין דעם צווייטען. ער האָט געשטיגען אויף בערג, געפאָהרען אויף שיפען; אך, עס איז דאָך אַלץ ניט דאָס...

ענדליך איז ער מיעד געוואָרען, זיך בעזעצט אין א שטאָדט. דאָרט א שטעל געקראָגען און אָנגעהויבען צו לעבען ווי אַלע.

ער האָט זיך אָבער ניט צופריעדענגעשטעלט, געוואַרט אַלץ אויף עפּעס, וואָס דארף נאָך קומען און וועט מוזען קומען.

דאָס ריכטיגע, דאָס שטענדיגע, דאָס וואָס בערוהיגט דעם גייסט, ער זאָל ניט רופען ערגעץ אנדערס...

און דערווייל האָט זיך מאַקס ווידער פערליעבט. דאָס דאָזיגע מיידעל איז שוין געווען גאָר אַן אנדערס. גלייך האָט זי אָנגעהויבען רעדען פון תכלית.

— יאָ, מאַקס, מיר וועלען אין גיכען חתונה האָבען...

— געוויס...

און די ערשטע צייט נאָך דער חתונה האָט ער אַלץ ניט גע־גלויבט, אַז ער איז שוין פערטיג. צו עפּעס האָט נאָך איהם גע־צויגען. איהם האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דערמיט איז שוין אַלעם געענדיגט. וואו איז דער ציעל? דאָס לעבען איז דאָך ניט אַזוי איינפאַך.

איינמאָל איז ער געקומען אַהיים. דאָס יונגע ווייבעל האָט איהם בעגעגענט מיט אַן אונרוהיגען אָבער גליקליכען שמייכעל און האָט זיך גלייך אוועקגעלעגט אין בעט.

אין איניגע שטונדען אַרום איז אין הויז געווען אַ דאָקטאָר, אַן אַקושערקע. זיי האָבען געגעבען בעפעהלען און מאַקס איז געווען געהאָרכזאַם, ווי אַ קינד.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ געשריי. עפּעס אַן אַנזאָג. מאַקס האָט זיך אָנפאַנגס דערשראָקען, באַלד אָבער איז ער צו זיך געקומען, צוגעלאָפען צום בעט, אַרויפגעפאַלען דער פרוי אויפ'ן האַלז און זיך קוים איינגעהאַלטען פון וויינען.

— איהר זייט געוואָרען אַ טאַטע! — האָט דער דאָקטאָר, פון זיין זייט איהם גוטמוטיג אָנגעזאָגט.

מאַקס האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פענס־טער און אַרויסגעקוקט אין דרויסען. אַ פערד האָט געשלעפּט אַ שווערען וואָגען און אַ מאַן איז הינטען נאָכגעגאַנגען און גע־שטופּט. די גאַס האָט גערוישט און געהאָוועט, געאַרבייט פאַר עפּעס, וואָס האָט אַ וויטען און אומבעוואוסטען ציעל.

אבגעהענדיג צוריק פון פענסטער, איז מאקס שטעהן גע־בליבען אין מיטען צימער. ווידער צוגעגאנגען צום בעט, וואו די קינפּעטארין איז געלעגען מיט א בלאסען געזיכט און מיט א גליקליכען שמייכעל אויף די בלוטלאזע ליפּען.

מאקס האט זיך אנגעבויגט צו איהר, א קוש זי געגעבען און געמורמעלט:

— איך ווייס שוין אלעס...

— וואס? האט זי קוים געפרעגט.

ער האט זיך געווענדעט צו דער זייט, וואו די אקושערין האט געוויקעלט דאס קינד און געענטפערט:

„אט דאס איז דאס...“ דערביי האט ער א מאדנעם שמייכעל געגעבען.

און גלייך איז איהם אלץ קלאר געווארען...

ער און יענער.

ווען זוסמאן פלעגט אמאל פאר זיך אליין דורכבלעטערן דאס אבגעלעבטע לעבען, פלעגט ער דאס רוב בלייבען צופריע־דען. קיין פערפלעקטע בלעטער האט ער ביי׳ן בלעטערן נישט געפונען. יעדער טאג, יעדע וואך, יעדער מאנאט האט געהאט א געוויסע קלאהרקייט, און בכלל איז דאס לעבען געווען א שעהנס און א ריינס, אהן דעם מינסטען סקאנדאל, אהן דעם מינדסטען שפור פון ערנידעריגונג.

און זוסמאן איז געווען זיכער, אז ס׳איז ניטא קיין איין מענש, צווישען זיינע נאהענטע, וואס קענען איהם פערזענליך און צווישען די ווייטע וואס האבען זיין נאמען בלויז געקענט פון זיין פילאזאפיש־עטישער טהעטיגקייט — וועלכע איז, איב־ריגענס, געווען זעהר בעשיידען, — וואס זאל רעדען וועגען איהם א שלעכט ווארט. זוסמאן האט דאס גאנצע לעבען זיינס זיך געהיט פון שלעכטס.

עס זיינען געווען צייטען, ווען די נויט, מאנגעל און אמאל הונגער האבען איהם געדריקט און געבויגען ביז צו דער ערד, איבערהויפט אין די ערשטע יאהרען, ווען ער האט אנגעהויבען צו שאפען ,אבער ער האט זיך ניט געבויגען, קיין מאל ניט דערצעהלט קיינעם פון די וואכעדיגע קליינליכקייטען, ניט נאר נישט געפאדערט אויף פערשיעדענע אופנים, ווי עס וואלט זיך געפאסט לויט זיין טהעטיגקייט, נאר אפילו קיין אנצוהערעניש ניט געגעבען, אז ער געפינט זיך מאנכעס מאל אין נויט.

וואס אנבעטרעפט פרויען, האט ער קיינמאל ניט געוואלט געווינען א פרוי א דאנק זיין נאמען, וועלכער איז אין געוויסע קרייזען געווען שטארק געשעצט און זיי האבען געזוכט זיין

פריינדשאפט. שטענדיג בייגעשטאנען דעם נסיון. עס זיינען געווען פעלע, ווען א יונג מיידעל פלעגט אנצינדען זיין הארץ, אבער דער עטישער געפיהל האט אימער גובר געווען און ער האט זיך אליין בעזיעגט, טראכטענדיג:

— לאם איך ניט האבען אויף מיין געוויסען די אונשולד פון א שעהנער יונגער מיידעל.

אזוי זיינען פערלאפען פיעלע יאהרען פון זיין ריינעם און שעהנעם לעבען. צופריעדען מיט זיך אליין איז ער אמאל גע־זעסען ביי זיך אין בעשיידענעם צימער און זיך איבערגעגעבען זיינע קלאהרע געדאנקען. פלוצים האט אימיצער אנגעקלאפט אין טהיר. ער האט אויסגערופען: אריין!

אויפ'ן שוועל האט זיך בעוויעזען א מאן אין איין עלטער מיט זוסמאנען און האט זיך פארגעשטעלט, אלס א לעזער און פערעהרער.

זוסמאן האט איהם פריינדליך אויסגעצויגען די האנד און געבעטען זיצען.

דער אונבעקאנטער איז געזעסען, בעטראכט זוסמאן'ען און זיך ווי געוואונדערט. און דערביי געשמייכעלט בעהאלטע־נערהייד.

ענדליך, נאך א קורצען, ניט־געבונדענעם געשפרעך האט דער אונבעקאנטער זיך אנגערופען:

— איך קוק אויף אייך, ה' זוסמאן, און קען מיך נישט אבוואונדערען: וויא אזוי איהר האט זיך געענדערט.

— וואס הייסט? איהר האט מיך דען געקענט פערזענ־ליך?

— א, געווים! האט דער אונבעקאנטער אויסגעשריען! מיט פונפצעהן יאהר צוריק זייט איהר געווען ביי אונז אין שטאדט... איך האב אייך זעהר נאהענט געקענט...

— ביי אייך אין שטאָדט?... האָט זוסמאַן זיך פער־חדושט פון יענעמס ווערטער — איך בין אין אייער שטאָדט אין מיין לעבען ניט געווען. איהר האָט א טעות, מיין ליעבער פריינד.

דאַ האָט דער אונבעקאַנטער א שמייכעל געטהאָן און זיך אָנגערופען:

— מעגליך, אז אייך איז ניט אנגענעהם צו דערמאַהנען יענע צייט. זי איז זיכער ניט געווען די גליקליכע צייט פון אייער לעבען...

— איך פערשטעה אייך באמת נישט... איז זוסמאַן ער־שטוינט געוואָרען — איך פערזיכער אייך אז איך בין אין אייער שטאָדט קיינמאָל ניט געווען...

— אך! — האָט דער אונבעקאַנטער ווי שוין בייז ווע־רענדיג אויסגעשריען. איך אליין האָב דעמאָלט מיט אייך ארומ־געפיהרט זיך א גאַנצען מאָנאַט... איהר זענט געווען אין א זעהר קריטישער לאַגע...

— מיין הערר! איז זוסמאַן קעגען זיין כאראַקטער בייז געוואָרען — איהר פערגעסט זיך! פון מיין קריטישער לאַגע האָט קיינער קיינמאָל ניט געוואוסט... בפרט, אז אין אייער שטאָדט בין איך קיינמאָל ניט געווען...

— נאָך ווי געווען... האָט יענער זיך געהאַלטען פעסט... איך האָב צונויפגענומען פאַר אייך ביי בעקאַנטע א געוויסע סומע, איהר זאָלט זיין אין שטאַנד אוועקפאָהרען... אבער איהר האָט, אנשטאַט אוועקצופאָהרען, דאָס געלד פארשווענדעט אויף א לייכטזיניג מיידעל און ווידער אונז געבעטען אז מיר זאָלען אייך העלפען... יאָ. איך געדענק עס גוט! עס איז געווען פונקט מיט פונפצעהן יאָהר צוריק!...

דער זיכערער טאָן פון דעם אונבעקאַנטען האָט ענדליך זוסמאַן'ען איבערראַשט. איז דאָס מעגליך, אז ער זאָל אויס־טראַכטען פון קאָפּ אזוינע זאַכען... עס מוז דעריין שטעקען עפּעס א מיספערשטענדניש...

— מיין הערר... אפשר האט זיך ווער אויסגעגעבן פאר מיר... איך בין דאך אין אייער שטאדט קיינמאל ניט געווען... בעטראכט זיך.

— הם.. האט דער אונבעקאנטער גענומען בעטראכטען זוסמאנען. עפעס איז דא ווירקליך נישט גלאט... דעמאלט האט איהר געהאט שווארצערע אויגען...

— איהר מיינט יענער האט געהאט שווארצערע אויגען. איך האב אימער די זעלבע אויגען געהאט...

— הייסט עס, אז דאס האט איינער זיך אויסגעגעבן פאר אייך! איז ענדליך דעם אונבעקאנטען קלאהר געווארען.

— זיכער! האט זוסמאן בעשטעטיגט. איך בין אין אייער שטאדט קיינמאל ניט געווען.

— אך, מיין גאט, וואס פאר א העסליכער מענש יענער איז געווען... מיר זיינען פון איהם קוים פטור געווארען.. האט דער אונבעקאנטער געזאגט.

— א העסליכער מענש, זאגט איהר? האט זוסמאן אויסגעקרעכצט — און איהר האט געמיינט, אז דאס בין איך, זוסמאן...

— ניט נאר איך, מיר אלע... פונפצעהן יאהר לעבען מיר אונטער דעם איינדרוק, אז איהר האט זעהר ניט שעהן זיך בענאנגען ביי אונז אין שטאדט... ענדליך פרעהט מיר וואס דאס זייט איהר ניט א י ה ר געווען... אן אנדערער... עס פרעהט מיך ווירקליך! — האט דער אונבעקאנטער געזאגט נאך אמאל פאר'ן געזעגענען זיך און איז נאך דעם, ווי ער האט זיך ענטשולדיגט — ארויס.

* * *

זוסמאן איז געבליבען אליין. די ענטדעקונג, וואס דער אונבעקאנטער האט איהם געמאכט, האט איהם אין גאנצען אויפגעטרייסעלט. עס האט ניט געהאלפען זיין גאנצער קאמפף געגען שלעכטס און זינד. דאס וואס ער האט פיעל מאל געוואלט

בענעהן און איז ניט בעגאנגען, האָט עס מיט אזא גרינגען גע־
מיטה געטהאָן אז אנדערער אויף זיין נאָמען... היינט וואָס איז
דער חילוק?

און ווער וויים — האָט ער זיך ווידער געגריבעלט — צו
לעבט נאָך ערגעץ ניט דער מענש אין אנדערע שטעדט, לענדער
און וועלט־טהיילען און טהוט אויף זיין נאָמען די ערגסטע זאַ־
כען, אין דער צייט, וואָס ער אליין קעמפפט שטענדיג מיט'ן
יצר הרע און קומט אָפּ. ווען ער, זוסמאַן, ליידעט אמאָל די
גרעסטע נויטה, אבי זיין שטאָלץ זאָל ניט געבראָכען ווערען,
לעבט יענער געמיינער קערל אין רחבות; אין דער צייט, וואָס ער
אליין האלט זיך אָפּ אָנריהרען מיט א פינגער א פרויען־געזיכט,
פּראוועט דאָרט יענער די ווילדעסטע ארגיען...

— מיין גאָט! — האָט זוסמאַן ענדליך פון א גרויסע וועה־
טאָג אויסגעשריען — עס איז דאָך אונמעגליך ווייטער אזוי צו
לעבען. די זינד, וואָס איך טהו קיינמאָל ניט, טהוט פאר מיר
אַן אנדערער.. הייסט עס, אז מיין גאנצע האלטען זיך אין די
צוואנגען פון מאָראַל און עטישע לעהרען איז געווען אומזיסט...
עס איז דאָ א יענער, וועלכער טהוט עס פאר מיר, אויף מיין
נאָמען סיי ווי סיי...

און זוסמאַן האָט ענדליך זיך איבערצייגט אז קוים איז דאָ
זינד אויף דער וועלט איז אונמעגליך צו לעבען שעהן, ווייל
ער און יענער איז איינס און דאָס זעלבע...

די האנד.

אויב ביי אלע געשפּרעכען ביי אמאָליגע מענשען פלעגט מען ענדליך ארויפגעהן אויף דער טעמע פון טויט, איז מען אין דעם קרייז פון די עטליכע יונגע לייט, וואָס פלעגען זיך אָפּט צו־זאמענטרעפען, דוקא אנשטאט אויפ'ן טויט ארויפגעקומען אויף דער ליעבע.

צי דער געשפּרעך איז געווען וועגען ליטעראטור, צי וועגען מאָלעריי, צי וועגען פּאָליטיק, פלעגט שוין דער געשפּרעך ווי־פון זיך אליין — ארויפגעשלעפּט ווערען וועגען ליעבע.

דאָס איז געווען א קרייז פון אינטעלעקטועל־ענטוויקעלטע יונגע לייט, א פּאָר צווישען זיי מיט בעדייטענדע ערפאהרונגען אין לעבען און איבערהויפּט טאקע אין דער ליעבע. איינער פון די פּאָר איז געווען אזוי צו זאָגען, א גליקליכער, וואָס אנבע־טרעפט ליעבע זאכען. וועגען זיינע ליעבע־אוואנטיורען זיינען אומגעגאנגען לעגענדען און כאָטש א סך האָט מען וועגען איהם איבערגעטריבען, האָט דאָך דער דאָזיגער, ווירקליך אינטערע־סאנטער יונגער מאן מיט בלויע, פער־חלומ'טע אויגען, כאָטש מיט א שארפען און דורכדרינגליכען בליק, — פיעל שעהנעס און אינטערעסאנטעס דורכגעמאכט און איז נאָך געווען אין פולער קראפט נאָך שענערעס און אינטערעסאנטערעס דורכצומאכען.

צו זיינע עפּיזאָדען פלעגט מען זיך דערפאר צוהערען מיט מעהר אויפמערקזאמקייט. דאָס ווערט דאָ בעמערקט דערפאר, ווייל דער דאָזיגער קרייז פון יונגע לייט איז בעשטאנען פון העכסט אימפּולסיווע כאראקטערען, און ניט אזוי לייכט פלעגט ווען אָנקומען צו דערצעהלען ביז'ן סוף א וואָסער עס איז פאקט, אז א צווייטער זאָל איהם ניט וועלען איבערשלאָגען

מיט נאך א מעהר אינטערעסאנטערע. ווען אבער ער פלעגט אנהויבען צו דערצעהלען פלעגט מען איהם נאך די ערשטע דריי פראזען, שוין אויסהערען מיט פערכאפטע אטעמס.

די גרעסטע אויפמערקזאמקייט איז איהם געשענקט געווא־רען, ווען דער קרייז פון יונגע לייט איז ביי א געוויסען גע־שפרעך ארויפגעקומען אויף דער טעמע פון פרויען־שענקייט.

— אויף שעהנקייט — האט דאן דער „ערפאהרענער" אנגעהויבען, און אלע זיינען שוין שטיל געווארען — אויף שעהנ־קייט האבען מיר א צו קאנסערוואטיווען בליק. דאס ערשטע וואס מיר שעצען אב אין א פרוי איז אויגען. געווים זיינען אויגען די הויפט צוציהונגס־קראפט פון א פרוי. אבער מיר דארפען, פריינד, ניט פערגעסען, אז א פרוי קען א מאל האבען דוקא ניט קיין בעזונדערע שעהנע אויגען און זאל האבען א רייץ, לאמיר זאגען מיט איהר שעהנער, ווייסער, הויכער האלז. איך האב מיך שוין אמאל פערליעבט אין א האלז ביז איבער די אויערן. אבער די שטארקסטע ליעבע מיינע איז געווען אין א האנט, און וואכענלאנג האב איך די דאזיגע האנט געליעבט מיט אלע פי־בערען פון מיין נשמה, נאך איידער איך האב די פרוי אינגאנצען געזעהן.

געוואוינט האב איך דעמאלט אין א צימער, וואס די פינס־טער האבען ארויסגעקוקט צו א הויף. אין די הייסע זומערדיגע נעכט איז מיין בעט געשטאנען נעבען פענסטער און אויפשטע־הענדיג איינמאל אין דער פריה און ארויסקוקענדיג דורכ'ן פענסטער צום הויף, זעהן ווי האלט עס מיט דער זון — ווייל גראד איז אין יענער צייט מיין טאשען אוהר פערדארבען גע־ווארען — האב איך בעמערקט ווי אויפ'ן אונטערשטען געזימס פון דעם אפענעם פענסטער פון דעם ענטקעגענדיגען צימער איז אראבגעהאנגען א האנט. איך האב מיך גלייך משער געווען, אז אויך אין יענעם צימער שטעהט ביים פענסטער א בעט און די האנט געהערט צו דער שלאפענדער פערזאן, וועלכע האט זיך

אודאי ערשט אויפגעכאַפּט און האָט די האַנט ניט ווילענדיק אַראָבגעלאָזט דורכ׳ן פענסטער.

אָבער אַז איך האָב דעם צווייטען פריהמאָרגען אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער, האָב איך די דאָזיגע האַנט ווי־דער געזעהן. געוועזן איז זי שוין אַרויסגערוקט אַביסעל מעהר, כמעט ביז׳ן עלענבויגען. דאָס מאָל האָט מיך די האַנט שוין מעהר פּעראינטערעסירט. איך האָב שוין געזעהן בעשיינפּערליך, אַז די האַנט געהערט צו אַ פרוי. איך האָב מיך אַריבערגעבויגען איבער מיין פענסטער און אַנגעשטרענגט זיך צו כאַפּען די לי־ניען פון דער האַנט. מיינע פריינד! דאָס איז געוועזן אַ מערק־ווירדיג שעהנע, געטאַקטע האַנט. איך בין געוועזן זיכער אַז די דאָזיגע האַנט געהערט צו אַ זעלטענער שעהנהייט. איך האָב מיך איינגעטרונקען מיט מיינע בליקען אין דער דאָזיגער האַנט און לאַנג געקוקט. און בעמערקט האָב איך ווי די האַנט ווערט אונטער מיינע בליקען ריהרעוודיגער. מאַנכעסמאָל האָט די האַנט גענומען פּויקען מיט די ראָזעווע פינגער אויפ׳ן שטיקעל וואַנט, וואָס די אַראָבגעהאַנגענע פינגער האָבען פערכאַפּט.

איך האָב בעשלאָסען צו וואַרטען ביז די דאָזיגע אייגענ־טימערין פון דער האַנט וועט זיך איינגאַנצען אויפהויבען פון בעט און עס וועט מיר געלינגען זי צו זעהן אין איהר פּראַכט און שעהנהייט, לויט איהר האַנט האָט פערשפּראָכען.

אָבער דאָס האָט מיר ווייט ניט געלונגען. אַבקוקענדיג לאַנגע מינוטען אויף דער האַנט, פלעגט זי ענדליך פערשווינדען. איבער׳ן פענסטער פלעגט אַראָבגעלאָזט ווערען אַ טונקעלער פאָרהאַנג.

מיט מיין גאַנצער זיכערהייט, אַז די האַנט געהערט צו אַ פרוי און צו אַ שעהנער פרוי, פלעג איך דאָך אָפּט זיך דערשרע־קען ביים געדאַנק, אַז ווער ווייס צו ווען די דאָזיגע האַנט געהערט אין דער ווירקליכקייט. אפשר שלאָפט דאָרטען אין בעט גאָר אַ יונגער בחור׳ל, וועמענס האַנט עס זעהט אויס אַזוי

ווייבליך און אפשר גאָר צו אַן עלטערער פרוי, וואָס עס איז איהר דאָס לעבען גוט געגאַנגען אַזוי, אַז איהר האַנט איז נאָך אַזוי יונג און פריש. ווער קען וויסען!

אָבער די אַלע השערות און צווייפלען האָבען ערשט טיעף געווירקט אויף מיר. דעם גאַנצען טאָג פלעג איך אומגעהן ווי אין חלום און האָב בלויז פאַר מיינע אויגען געזעהן די האַנט. אין דער פריה, ווי איך פלעג נאָר ערוואַכען פלעגט מיין ערשטע זאַך זיין: אַראָבבויגען זיך פון פענסטער און זעהן אויב די האַנט האָט זיך שוין בעוויזען אויף דעם געגענאיבערדיגען פענס־טער.

און שטענדיג האָב איך זי געטראָפען אין דער זעלבער פאָזע. אַריינטרינקענדיג מיינע בליקען אין איהר, פלעגט זיך מיר דאַכטען, אַז די האַנט פיהלט, אַז מען בעאָבאַכטעט זי און זי פלעגט זיך דאַן פלייסען אויסצולעגען זיך שעהנער און גראַ־ציעזער, ווי זי וואָלט אַן און פאַר זיך געווען אַ לעבעדיגע בעשע־פעניש, וואָס וויל מיך פאַנגען מיט איהר רייץ...

אַזוי האָבען זיך געצויגען וואָכען, ניט קוקענדיג וואָס מיין ליעבע צו דער דאָזיגער האַנט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען, זיי־נען די שאַנסען אויסצוגעפינען וועמען די האַנט געהערט אַלין שוואַכער געוואָרען. ווייל די פערזאָן אַליין צו וועמען די האַנט געהערט, איז אַזוי האַרטנעקיג און בעווייזט זיך ניט. ווי נאָר די האַנט פערשווינדט, לאָזט זיך אַראָב אויפ׳ן פענסטער אַ טונקע־לער פאָרהאַנג.

מאַנכע מאָל פלעג איך, נאָכדעם ווי איך פלעג אַראָבגעהן אין גאַס, זיך אַוועקשטעלען נעבען הויז, וואו די האַנט האָט גע־וואוינט און פלעג שטעהן און היטען אַלע אַרויסגעהענדע פון הויז, אפשר וועל איך דערקענען צווישען זיי די האַנט.

אָבער פון הויז פלעגען זיך אַרויסלאָזען אַלע ווייבלע אַזוינע

אונאינטערעסאַנטע מענשען: עלטערע פרויען, עלטערע מענער, קינדער און אַמאָל גרייז־גרויע מענשען. איינע אַ פרוי פון אַ יאָהר זיבעציג מיט צוקנייטשטע, אַדערדיגע הענט, פלעגט מיט דער הילף פון אַ אינגערער פרוי זיך אַראָבלאָזען פון די שטיגען און אַנידערזעצען זיך אויפ'ן גאַניקעל, פאַר'ן הויז. די דאָזיגע אַלטע פלעגט מיך אַנקוקען מיט אַזוינע מאָדנע, פערדעכטיגע בליקען, אַז מיר פלעגט זיך דאַכטען, אַז זי ווייס מיין סוד און איך פלעג מוזען אַבטרעטען פון הויז, ניט ערפאַהרענדיג קיין שום שפור פון יענער האַנט, וואָס האָט מיך אַזוי געפאַנגען.

אַזוי האָט זיך געצויגען ביז וואַנען דער זומער איז פערשוואונדען. דער הערבסט איז געקומען אַ קאַלטער און אַ רעגענדיגער. מיין גוטע בעל־הבית'טע האָט זיך געזאָרגט פאַר מיין געזונדהייט און האָט מיין בעט אוועקגעטראָגען פון פענסטער, איך זאָל זיך ניט פערקיהלען... אויפשטעהענדיג אין דער פריה פלעג איך שוין מוזען אַראָבגעהן אינגאַנצען פון בעט צוגעהן צום פענסטער, אויפמאַכען איהם און זוכען מיט דאָרשטיגע בליקען יענע האַנד. אָבער די געגענאיבערדיגע פענסטער איז צוליעב דעם הערבסט, געווען פעסט פערמאַכט און קיין האַנד האָט זיך שוין ניט בעוויזען. שפּעטער האָב איך דאָס הויז אין גאַנצען פערלאָזט.

די האַנט אָבער. האָב איך נאָך אַלץ ניט פערגעסען. און די גאַנצע געשעהעניש האָט ביי מיר אָנגענומען עפּעס אַ מין סימבאָלישען כאַראַקטער.

ווער ווייס וואָס פאַר אַ צייכען די דאָזיגע אַרויסגעשטרעקטע האַנט האָט מיר געגעבען. אפשר האָט די דאָזיגע מיידעל, וואָס האָט יענע שעהנע האַנט בעזעסען, מיר געוואָלט צייגען, אַז אמת שטאַרק ליעבען קען מען נאָר דאָס אונבעוואוסטע און אונבעשטימטע. ווען איך וואָלט איינמאָל זי אינגאַנצען געזעהן,

וואלט איך אבגעקומען מיט א לייכטען שמייכעל. איך צו איהר, זי צו מיר, שפעטער וואלטען מיר זיך צוגאנגען ווי מען צוגעהט זיך אפט אין אזעלכע פעלע. איהר האנט אבער האב איך אזוי לאנג געזוכט, און בעגעהרט, און עד היום זעה איך ווי זי איז אראבגעהאנגען פון פענסטער, — א יונגע, ליעבע און ווינקענ־דיגע האנד.

אינהאלט:

אייזען	7
די גנבה	15
בעליידיגט א פרוי	19
שכנים	30
דער טויט אין „רענעסאנס"	33
ביכער	38
די צווייטע ראזע	42
דאס פאלקס קינד	46
דער קעלנער	51
זומערדיגע בעקאנטשאפט	55
די ענטוישטע	59
דער נייער יחוס	64
דער איינציגער בחור	69
טויט־שרעק	75
די ענטדעקונג	82
קאמפלימענטען	90
כלות	97
די אויסגענארטע קו־לען	102
ליעבעס־שטייער	112
און דער עולם האט געפאטשט	121
אייפערזוכט	124
בעצאלטע טעכטער	126
אין אויטאמאביל	136
שותפים	147
דער קליינער מענש מיט'ן גרויסען קאפ	158

דאס גאלדענע טראמפייטעל — — — —	163
דער פאלשער פערציגער — — — — —	167
מיט פרעמדען פייער — — — — — —	178
דער פראטעסט — — — — — — —	185
די דרייצעהנטע — — — — — —	194
ניטא קיין עצה — — — — — — —	203
אין יענער צייט — — — — — —	208
א שפיעל — — — — — — —	215
א היים — — — — — — — —	225
דער לעהרער — — — — — — —	229
אט דאס איז דאס — — — — — — —	240
ער און יענער — — — — — — — —	244
די האנד — — — — — — — — —	249

אכטער באנד:

אָרימע געמיינדע.

פרימע נעמינדען.

די אָרימע קהלה.

דאָס שטעדטעלע וואָינאָוועקע, וואָס בעשטעהט פון פערציג הייזער און פינף און דרייסיג בעלי־בתים, ווייל פינף הייזער שטעהען לעדיג, וויעגט זיך, רוישט און קאָכט, ווי א קליין טייכעל ערב־פסח, ווען דער שניי צוגעהט. עס איז אבער ניט ערב־פסח. עס איז א וואָך פאר ראש־השנה, — א וואָך פאר ראש־השנה, און די קהלה האָט נאָך נישט קיין בעל־תפלה...

אין דעם נאָהנטען שטעדטעל יאחנאָווקע, וואָס איז פיעל מאָל גרעסער ווי וואָינאָוועקע, קען מען אפילו קריגען א בעל־תפלה און ווקא פ רעכטען: מיט א האלז, מיט א געמבע און מיט חזנ'ישע שטיק, וויל ער אבער מען זאָל איהם גוט בעצאָהלען— און דאָ איז דאָס אונגליק! דאָס שטעדטעל וואָינאָוועקע האָט געפטר'ט די עטליכע קהל'שע רובל אויף א חזן, וועלכען דער שוואַרץ־יאָהר האָט היינט גען זומער אנגעטראָגען, און האָט געדאווענט א שבת־מברכים מיט זעקס זינגער. צוריק גערעדט איז דאָס ווערטה געווען: צייט וואָינאָוועקע איז וואָינאָוועקע האָט זי אזא נגינה ניט געהערט. דער בית־המדרש, וועלכער איז שוין אלט איבער צוויי הונדערט יאָהר, לויט ווי די אלטע לייט דערצעהלען, האָט דעם דאָזיגען חזן מיט זיין קאַפּעליע קוים איבערגעלעבט. די פענסטער האָבען זיך געטרייסעלט, די ווענד האָבען זיך געשאָקעלט און פון דער סטעליע אויבען איז גאנצע שטיקער קאַלך געפאלען... פון גרויס התפעלות האָט מען דעם דאָזיגען חזן מיט זיין קאַפּעליע דאָס גאנצע געלד, וואָס קהל האָט פערמאָגט, אוועקגעגעבען, און איצט, א וואָך פאר ראש־השנה, האָט מען זיך געכאַפּט, אז עס איז ניטאָ א גראָשען פאר

וואס צו דינגען א בעל־תפלה, און דער עולם האט זיך איצט פערזאמעלט אין בית־מדרש צו בעקלערען אן עצה.

— דאס איז געווען אן אקט אין דער וועלט! — האט גע־שריען אריה ליב דער שניידער, וואס האלט זיך פאר א שעהנען אידען, ווייל ער האט א לאנגע בארד און האט א בחור'ל, וואס לערנט אין יאחנאווקער ישיבה.

— שייך אנ'אקט! דאס קען נאר טרעפען ביי אונז! האלט אונטער חיים דער גלעזער; מען זאל נעהמען און אוועקגעבען א חזן אין א מיטען יאהר דאס גאנצע געלד, וואס קהל פער־מעגט!

— עס איז געווען א משוגעת! א ריינע משוגעת! דריקט מיט די פלייצעס חנן דער מלמד.

— איהר ווייסט וואס איך וואלט גע'פסקנ'ט — נעמט אן זרח דער שוסטער דאס בערדעל, און מאכט א מינע פון א רב; — איך וואלט גע'פסק'נט, אז די וואס האבען פערהאלטען דא דעם חזן און האבען איהם בעדונגען, זאלען איצט דינגען פאר זייער געלד א בעל־תפלה. דאס איז מיין עצה! האט ער אויסגעלאזען מיט גרויס ערנסט, פונקט, ווי עס ווענדט זיך נאר אן זיין עצה...

— היינט געה טרעף, ווער האט איהם בעדונגען? אלע האבען איהם בעדונגען! צושלאגט זלמן דער שמיד זרח'ס עצה; אלע האבען געוואלט הערען אמאל אין א נאווינע א ביסעלע נגינה. עס איז אפשר ניט קיין עולה. אבער ווען? אז דאס שטעדטעל איז רייך! א יאחנאווקע קען זיך פערגינען אין מיטען יאהר אויסגעבען אויף א חזן עטליכע רובל, אבער ניט מיר, קבצנים.

— איז וואס בלייבט פארט! הערען זיך צום סוף געשרייען אין בית־מדרש.

— עס איז ניט פרעהליך! — ענטפערט איינער.

— חייקעל שעפס וועט דאווענען מיט'ן שבת'דיגען ניגון,

ווענדט זיך זרח דער שוסטער צום שבת'דיגען בעל־תפלה, חייקעל־שעפּס, וועלכער האָט יאָ אַ שטיקעל קול, נאָר ער ווייסט מעהר ניט ווי די שבת'דיגע נגונים פון דאַווגען.

— אַ־נו, חייקעל — פּרוב זיך! ווענדען זיך צו איהם איינינע בעלי־בתים: זיי זיך מכין!

חייקעל־שעפּס ווערט רויט און ענטפערט קוים:

— איך האָב מורא.

— פּרוב, פּרוב: ה—מ—לך! ווייזט איהם זלמן שמיד אַ וועג.

— איי, קענסט דאָך אליין! — רופט זיך אָן חנן מלמד און העלפט איהם ווייטער:

יו—שב—על—כ—סא

רם ו—נ—שא—א—א!

—אי—אי—אי—אי—אי—אאאי!...

חאַפּט אונטער דער עולם.

און דער בית־מדרש הילכט עטליכע מינוט פון די ימים־נוראים'דיגע נגונים, וועלכע האָבען בעגייסטערט דער אסיפה...

— אַ־צטער קענען אלע, און ווי עס וועט קומען ראש־השנה וועט קיינער ניט קענען, — וואַרפט אריין אַ בעל־הבית אַן השערה.

די השערה נעהמען אלע אָן, און דער עולם בלייבט פערטראַכט.

— איהר ווייסט, אידען, אז מיר האָבען קיין בעל תקיעה אויך ניט! — איז מודיע אין מיטען דרינען דער שמש פון בימה.

דער עולם בלייבט ווי געפּלעפּט.

— וואָס הייסט: וואו איז נחמן?

עס בעווייזט זיך נחמן, אַ בלייך, דאַר בחור'ל פון אַ יאָהר צוואַנציג, וואָס עסט דאָ טעג און לערנט „פאַר זיך“ און שוין צוויי יאָהר, אז ער בלאָזט שופר אין בית־מדרש בחנם.

— היי־יאָהר וועל איך בלאָזען אין דעם דאָרף סאָסנאָוו־

טשינע: דריי קערבלעך גיט מען מיר... דריי קערבלעך... האט ער קוים אויסגעשטאמעלט מיט שרעק פאר זיין בגידה, וואס ער האט בוגד געווען אין זיין קהלה, וואס גיט איהם עסען.

— ע, ב'זטו א פארך! — האט עמיצער איוסגעשריען.

— א גרויסער שיינעץ! — האט נאך עמיצער אונטער־געהאלפען.

— א „דארמאיעדניק"! — האט א דריטער געזידעלט.

און אויף דעם ארעמען נחמנ'ען האבען זיך אנגעהויבען שיטען ווערטער און ווערטלעך, אזש עס האט איהם ווי מיט נאדלען געשטאכען.

— איך דארף מאכען א ווינטערדיגען בגד... איך קען ניט... האט ער זיך געבעטען. — זייט מ'ר מוחל... ווינטער איז קאלט...

— וואס וויל מען האבען טאקי פון איהם? איז דער עולם צוריקגעגאנגען: ער דארף זיך מאכען א ווינטערדיגען בגד. ער געהט נעביך א הוילער, א נאקעטער...

— די מעשה איז דאך אזוי! — האט יעדערער פארטאקעוועט.

— האבען מיר הייסט עס, ניט קיין בעל־תפילה און ניט קיין בעל־תקיעה?

— מיר האבען, דאכט זיך, קיין בעל־קריאה אויך ניט! — האט מודיע געווען ווידער דער שמש פון בימה.

— וואס הייסט! — האט זיך דער עולם דערשראקען: — וואו איז אלטער פעשעס, וואו איז ער? וואו איז ער?

— אלטער פעשעס וועט אויף לייענען אין סאסנאווטשי־נע, — א'ז מודיע, ווי א פערשולדיגטער, דער זעלביגער נחמן — ער נעהמט צוויי קערבלעך.

דער עולם דערשרעקט זיך ניט אויף א געלעכטער: אנדערע לאזען אראב די קעפ, ווי זיי וואלטען געזוכט אנ'עצה, אנדערע ווידער הויבען אויף די קעפ צו דער סטעליע און שטעהען אזוי פערטראכט עטליכע מינוט.

— וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו קלערען? — רופט זיך אָן איינער: מען וועט היינטיגע ימים נוראים דאַווגען ביחידות... אוים קהלה!

— אַ שעהנע מעשה נאָר אַ קורצע! — לאַכט ביטערליך אַ צווייטער.

— דאָס דאַרף מען פערשרייבען אין פּנקס.

— אוים וואַינאַווקע!

— זאָלען זיך אַלע צוזאַמענלעגען און דינגען פּאַר איי־בענע געלד, גיט אָן עצה חנן מלמד און דערשרעקט זיך גלייך פאַר זיינע אייגענע ווערטער.

— ווייז אהער אַ רובל. נו! שטעלט אוים זלמן שמיד די האַנד.

— איך האָב ניט! — פערשעמט זיך חנן. — פאַרהאַן דאָך אָבער בעלי־בתים, וואָס האָבען....

— ווער האָט?

— קיינער האָט ניט!

— אַזוינע ימים־טובים געהען — אַ קליינינקייט!

— וואָס־זשע וועט זיין?

— ניט גוט.

אין בית־מדרש רוישט. יעדער זאָגט אָן אַנדער עצה. נאָר קיין אמת'ע עצה איז ניטאָ.

פּלוצים גיט דער אַלטער שמש אַ פּאַטש איבער'ן בימה און אין בית מדרש ווערט שטיל.

— איך האָב אַ עצה, שווייגט אַ ווייל!

— אדרבה, אדרבה! — שרייע אוים אַלע אונגעדולדיג.

דער שמש נעהמט אין זיך אריין אַביסעל מעהר אָטעם ווי געוועהנליך, גיט אַ שטאַרקען שמעק־טאַבאַק, ווישט די נאָז פון ביידע זייטען און רעדט ענדליך אַרוים:

— די מעשה דערפון איז אַזוי, די מעשה: אונזער קהלת איז היינטיגען זומער בעגאַנגען אַ גרויסע נאַרישקייט, מיר

האָבען זיי עטליכע רובל, וואָס מיר האָבען פערמאָגט, פערטהאָן אויף א נאַשעריי, מיר האָבען פערגעסען אונזער אָרעמקייט, אונזער זטאַנד און אונז האָט זיך פערוואָלט הערען א חזן. דער גוטער יאָהר ווייסט ווער ער איז! א דורכפאָהרער א חזן, איז ניט קיין גרויסער צדיק. אַנ'עהרליכער חזן זיצט אין דער היים... נאָר ווי די מעשה איז — עס איז שוין אַנ'אָבגעטהונענע זאַך. דער סוף פסוק איז: מיר זיינען געבליבען אָהן א בעל תפלה אויף ימים נוראים, אָהן א בעל תקיעה, און אָהן א בעל קורא... ממש אָהן גאָר נישט... אויב איהר ווילט וויסען נאָך עפּעס — איז שוין דער שופר אויך ניט ווי געהעריג איז... איצט אלול־צייט, עטליכע תקיעות — בלאָזט ער נאָך ווי עס איז; ס'וועט אָבער קומען ראש־השנה, מען וועט דארפען אזוי פיעל בלאָזען: א תרועה, א שברים, א תקיעה־גדולה, — ער וועט זיך געוויס פערהאַלטען... פאַר א יאָהרען נאָך האָט ער זיך פערהאַלטען, אויב איהר געדענקט?.. איך געדענק גאַנץ גוט... און נחמן איז א גוטער בלאָזער (דער עולם קוקט זיך אום אויף נחמנ'ען און נחמן ווערט רויט...) לכן וואָלט געווען מיין עצה, אז מיר זאָלען היי־יאָהר מאַכען בשותפות מיט סאָסנאָוועטשינער מנין, דהיינו, מיר זאָלען אַלע געהן דאַוונען היי יאָהר אין סאָסנאָוועטשינע— געהן מעג מען, סך הכל דריטהאַלבען וויאָרסט וועג, עס וועט זיין א שפּאַציער... וועלען מיר אַלע פערשפּאָרען צו ברעכען די קעפּ: וואו נעהמט מען א בעל־תפלה, א בעל־קורא און א בעל־תקיעה און טאַקי א שופר אויך. ווייל דער שופר, איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, דער שופר וועט זיך ראש־השנה אָבזאָגען... קיין „תרועה־שברים" וועט ער זיכער ניט נעהמען. ער קען שוין ניט נעהמען, ער איז שוין אַלט און האָט שוין עטליכע פגימות... פאַר אונז איז געבליעבען נאָר סאָסנאָוועטשינע...

נאָך דעם שמש'ס רעד, האָט דער עולם אָנגעהויבען רוי־שען:

— פון שטאָדט אין דאָרף! און נאָך ראש השנה — ניין!

— זאלען זיי, די ישובניקעס, צו אונז קומען!
— וואס זיינען זיי געוואָרען פאר יחסנים!
— אמאָל פלעגען די ישובניקעס צו אונז קומען דאווגען.
— היינט האבען זיי זיך אויסגעלערנט ע׳ - - מאכען זיי אין דער היים א מנין...
— עברי ווי עברי, געלד קענען זיי געווים צעהלען...
— וואס פעהלט זיי? — פון אלעס־גוטען: פולע זאשיקעס מיט קאַרטאָפעל, מיט קרויט, מיט היהנער, מיט אייער...
— סמעטענע, פוטער און קעז...
— מיט אלע צרות אויף זייערע קעפ!...
— ששששא, שילט זיך ניט אידען, עס איז אלול!
דער עולם האט זיך פאר דער קללה אין אלול דערשראָקען און איז געגאנגען צוריק:
— ווער שילט זיך, ווער, ווער...
— קיינער ניט, קיינער ניט..
— וואס האט מען צו זיי?
— בערקע סאָסנאָווטשינער איז א טייערער איד, ביי איהם וועט זיין דאוונען א תענוג: — א שטוב, ווי א פעלד, דריי מאָל ווי אונזער בית־מדרש.
— ערשט היי־יאהר האט ער געשריעבען א רייניגקייט.
—א טייערער איד!
— און וואס פעהלט די איבריגע ישובניקעס? גוטע מענשען!
— אודאי!
— בלייבט עס אזוי, אז מיר געהען היי־יאהר דאוונען אין סאָסנאָווטשינע?
— קיין אנדער עצה איז ניטא.
— א טייערע זאך, ווי איך בין א איד — אראב א בארג פון פלייצע!
— שייך א בארג!

— מען דארף שיקען אנפרעגען, צי ערלויבט ער.

— א שאלה, צי ער וועט ערלויבען, ביי איהם וועט זיין נאך א זכיה!

— א קליינינקייט! שטעדטעלשע אידען קומען דאווענען אין דארף...

און די אסיפה האט זיך געענדיגט בשלום.

און אז די שטעדטעלשע אידען האבען דעם ערשטען טאג ראש השנה אין דער פריה (מעריב האבען זיי געדאווענט אין זייער בית־מדרש) געלאזען זיך געהן דאווענען אין סאסנאווטשינע, און האבען פארבייגעהענדיג א קוק געטהאן אויף זייער אלטען, האלב איינגעפאלענעם בית־מדרש, ווי ער שטעהט אזוי מיט זיינע דונקעלע אויגען פערטרויערט און פער'יתומ'ט, — האט זיי זייערע הערצער געצופט און געקלעמט און שטיל אהן ווערטער, נאר מיט בליקען האבען זיי איהם מחילה געבעטען...

די קנעטערין.

שרה איז שוין צעהן יאָהר אַן עגונה. דער מאַן איהרער ליבע דער שניידער, מיט וועלכען זי האָט געלעבט פינף פינס־טערע יאָהר, ווי זי רופט זיי אָן, איז אויפ׳ן זעקסטען יאָהר אװעקגעפאָהרען אין אמעריקע און איז ווי אין וואסער אריינגע־פאלען. שוין צעהן יאָהר, אַז זי איז זיך אַליין מפרנס דערמיט, וואָס זי וואשט גרעט פאַר די רייכע שטערטעלדיגע בעל־הבית־טעס, וואשט דילען, פליקט גענז, און נאָך אַזעלכע ארבייט, די אַלע ארבייטען גיט מען איהר פאַר רחמנות צו איהר און צו איהר איינציגען בן־יחיד׳ל; אַזוי זאָגען די בעל־הבית׳טעס, פון דעסט־וועגען איז זי נאָך פון די רייכע בעל־הבית׳טעס רחמנות ניט רייך געוואָרען און אַז עס קומט שבת, קומט זי אָב מיט אַ הערינג אַנשטאָט פלייש און יום־טוב מיט אַ שטיקעל לונג און לעבער.

פסח אָבער מאַכט זי, ווי זי דריקט זיך אַליין אויס, „ניט צו פערזינדיגען״. מצה באַקט זי אין פּאַדריאַד, וואו זי איז אַלע יאָהר אַ קנעטערין און בעקומט פיער גילדען אַ טאָג אַ חוץ „מאַכען״, און „מאַכען״ „מאַכט״ נאָך ביז אַ רובל. אין פּאַד־ריאַד שטעהט זי אָב צוויי וואָכען. און אַ טאָג פאַר ערב יום־טוב, ווען דאָס מצה באַקען ענדיגט זיך, צעהלט זיך איהר קאַ־פּיטאַל ביז 12 רובל, — צוויי רובל איז ביי איהר אַוועק אויף עסען; עס איז אפילו אַ סך געלד, נאָר גאָט ווייסט דעם אמת — אַזוי פערענטפערט זי זיך אַליין, אַז זי האָט ניט געמיינט צו „פרעסען״, זי איז נאָר אויסען געוועזען אַ בעסערן ביסען צוליעב דעם, זי זאָל קאָנען האָבען כח צו שטעהן ביי׳ן „בעקען״ און

אויסהאלטען אזא שווערע פּראצע, ווי א קנעטערין האָט.
און אז זי ענדיגט איהר ארבייט, פיהלט זי, ווי הענד און פים זיינען ניט איהרע, ווי זי וואָלט זיי געליהען ערגעץ און זיי זיינען ניט אויף איהר מאָס... זי האָט נאָר איין פערלאנג — א וואָרף טהאָן זיך אויף איהר בעטעל און שלאָפען, שלאָפען שטענדיג, קיינמאָל שוין ניט אויפשטעהן. קיין גרעסערער גליק איז שוין דאכט זיך פאר איהר ניטאָ. אזא גליק אבער קען זי זיך ניט פערגינען. אוועקגעהענדיג מיט צוויי וואָכען צוריק אין „פּאָדריאד“, האָט זי איהר שטיבעל געלאָזען אפילו נישט קיין אויסגעקעהרטע, חמץ איז אין אלע ווינקעלעך, דער אלטער קאָסטען, וואו זי דארף די מצה לעגען, איז ניט קיין געוואָשענער, די כלים נישט קיין גע׳כשר׳טע. ביי איהר איז נאָך ניטאָ קיין סימן פון פּסח, און געלד מיט וואָס צו מאכען פּסח האָט זי יאָ, גאָט צו דאנקען. איצט פעהלט איהר נאָר כח, און שרה שמועסט זיך איין, אז דער „פּאָדריאד“ איז נאָך ניט געענדיגט: זאָל דאכטען, אז זי דארף נאָך א טאָג שטעהן און קנעטען, פון בעקען טאָר מען דאָך געוויס ניט אוועקגעהן, היינט וואָס מאכט זי זיך נאריש? און זי פּרובט אָנהויבען צוצוקלויבען, מאכען פּסח׳דיג. נאָר עס פאלט ביי איהר פון די הענד. זי האָט קיין כח ניט איינצובויגען זיך, און זי בלייבט פערצווייפעלט.
— איך וואָלט חיימ׳קען כאָטש האָבען אין דער היים! — קלאָגט זי זיך, — ער איז א טייער קינד, שוין 12 יאָהר א בחור, ער וואָלט מיר געהאָלפען!
איהר חיימ׳קע איז אבער שוין דריי יאָהר פערקויפט ביי זעליג דעם שוסטער פאר׳ן עסען, און זעליג וועט איהם ניט לאָזען קומען העלפען דער מאמען.
און שרה׳ן פאלט נאָר איין דינגען א „מענשען“, צו מאכען איהר שטיבעל פּסח...
לכתחילה פערשעמט זי זיך פאר׳ן געדאנק. זי ווערט ממש רויט. סטייטש. זי, אָרעמע ענונה, וואָס איז ביי יעדער בעל-

הבית'טע א דיענסט, וואָס האָט קיין שום „ווערדע" ביי קיינעם ניט, וואָס אויסער איהר שטיקעלע יחוס, וואָס זי איז אַן עגונה און מען האָט דערפאר אויף איהר רחמנות, האָט זי קיין אויס־קוק ניט פון וואנען זי זאל קיין יאָר לעבען, — זי וועט גאָר ווערען א „פריצטע" און וועט זינגען זיך „מענשען" צו רוימען, וואשען ביי איהר אויף פסח! עס איז בזיונות פאר לייטען, מען וועט פון איהר חוזק מאכען...

פון דעסטוועגען בעשליעסט זי עס פעסט צו טהאָן. פאר צוויי גילדען וועט איהר חאשע די אלמנה אלץ צוואוואשען. זי וועט איהר דערצעהלען די גאנצע מעשה, זי וועט איהר בעטען זי זאל קיין פעראיבעל ניט האָבען...

זי מאכט זיך א הארץ און געהט ארויס קעגען איבער צו חאשע די אלמנה, וועלכע פערנעהמט אויך דיזעלבע שטעל ביי די שטעדטעלשע רייכע בעל־הבית'טעס, וואָס זי, שרה.

— גוט מארגען, חאשע, — זאָגט זי קוים ארויס אריינגע־הענדיג צו דער אלמנה אין פינסטערען שטיבעל.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר, א גאסט! — ענטפערט חאשע, וועלכע עסט פון א צובראָכענער שיסעלע א מין געקעכץ, וואָס האָט נאָך דערווייל קיין בעזונדער נאָמען ניט.

— זאָסט עפּעס ארבייט? — פרעגט שרה, און דאָס הארץ ציטערט איהר.

— ניין. — ענטפערט חשה — איך האָב שוין ביי אלע בעל־הבית'טעס מיינע ארבייט אָבגעטהאָן. קוים פערדיענט אויף פסח.

— וואלסט עפשר וועלען נאָך עפּעס פער־יענען? — פרעגט שרה א דערשראָקענע.

— אח, מיט'ן גרעסטען כבוד! — ענטפערט חאשע א דער־פרעהטע — א קליינינקייט פסח! פיעל מען פערדיענט — איז ווענינ.

דערהערענדיג אזא מיינונג וועגען פסח, פערשעמט זיך

שוין שרה אויסצורעדען איהר בקשה, און זי ווערט אנ־שוויגען.

— וואוהין איז דאס? — פרעגט חאשע.

— וואוהין... וואוהין?... דאס איז צו...

שרה פערליערט זיך און קען נישט אויסרעדען קיין ווארט.

— אודאי צו דעם „חזיר“ צו ביילה ברוך׳ס? — וויל חאשע טרעפען.

— ניין! — האקט אב שרה, און גיט צו ווי מיט גוואלד:

— איך האב געוואלט זאלסט צו מיר אריינגעהן...

— צו דיר? — פערוואונדערט זיך חאשע און שטעלט אויס די אויגען: לאכסט דאס ניט?

דא בעליידיגט זיך שוין שרה. זי דערמאהנט זיך אן איהרע 12 רובל, וואס זי פערמאגט און רעדט ארוים ווי מיט שטאלץ:

— וואס מיינסטו, איך וועל דיר נישט בעצאהלען? איך וועל דיר בעצאהלען ווי א בעל־הבית׳טע.

דער שטאלצער טאן געפעלט שוין ניט ווידער חאשען: א נייע בעל־הבית׳טע געווארען — טראכט זי — און זי בלאזט זיך אן.

— נו, איז וואס, דו נעהסט אריין? — פרעגט שרה ווי א בעליידיגטע.

— ניין, מיט אן אמת?... וויל חאשע ניט גלויבען.

— ס׳אר׳א נאר דו ביזט! קומט שוין שרה צו זיך: עס איז מיר גאר ניט אזוי פרעהליך אויפ׳ן הארצען צו לאכען פון דיר און קיין כח האב איך דערצו אויך ניט, קוים וואס איך לעב. צוויי וואכען אז מען שטעהט אב ביים בעקער ביז צ ויי א זייגער ביי נאכט, איז ניט קיין געלעכטער... איך קען מיט א גליעד ניט א ריהר טהאן. וועסט ביי מיר אביסעל א וואש טהאן, איך וועל דיר ניט קריוודען, שרעק זיך נישט.

חאשע שמייכעלט און דאך בעשליסט זי צו געהן.

— מילא, זאל זיין פון א קאזאק — אבי צום לעבען.

און חאשע קומט צו שרה'ן אין שטיבעל און הייבט אן ארבייטען.

שרה וויל זיך צולעגען, זי קען ממש אויף די פיס ניט איינ־שטעהן, זעהענדיג אבער, ווי חאשע נעהמט אליין שלעפען דעם קאסטען און ווערט רויט שלעפענדיג, פערקלעמט איהר דאס הארץ און זי געהט איהר צו העלפען.

— געה. געה!... טרייבט איהר חאשע: איך וועל אליין!

נאר שרה געהט ניט אוועק און מיט די לעצטע כחות העלפט זי איהר ארויסטראגען דעם קאסטען.

שפעטער א ווײַלע פערגעסט זיך שרה אן אלע איהרע וועה־טאגען און זי הויבט אן גלייך ארבייטען מיט חאשען. חאשען ווערט נמאס אוועקטרייבען איהר, אוןביידע וויבער ארבייטען מיט דעם זעלבען חשק, אויסרעדענדיג איינע פאר די אנדערע די טרויעריגע הערצער.

און זעהענדיג ווי זיי ארבייטען ביידע, וואלט שווער געווען צו דערקענען ווער איז דא די בעל־הבית'טע און ווער די גע־דונגענע...

דער שמעק טאַבאַק.

אין דעם קליינעם שטעדטעל קאַניוויקע געפינען זיך פינף גרויסע שוהלען, נאָר די גרעסטע ראָלע שפּיעלט דאָרט „דער קליינער בית־המדרש", ווייל אין איהם דאַווענט דער שטעד־טעלשער ערשטער נביר, ר' יעקב סינקעס. שאצט מען דאָס שטעדטעל דעם גביר'ס פערמעגען אין צוויי הונדערט טויזענד רובל, נאָר א מאה־אלף האָט ער טאַקי געהאַט, און פאַר קאַ־ניוועקע וואָלט גענוג געווען א פיערטעל פון דעם, אום צו שפּיע־לען א גבירישע ראָלע. דערפאַר דאַווענען טאַקי „אין קליינעם בית־המדרש" די שעהנסטע בעלי־בתים, אויך די שטעדטעלשע כלי־קדש, ווי למשל דער רב, דער שוחט, דער בעל־טאַקסע, א פּאָר פּרושים, וואָס „דיענען" שוין באַלד א יאָהר צעהן אין דער קהלה.

צווישען די אַלע שענע אידען האָט דאָ געדאַווענט גרונם דער דרדקי מלמד, וועלכער איז דאָ געווען עפּעס ווי א פינפטער ראָד צום וואָגען. פון קינד־וויַיז אויף א דערשלאָגענער, האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט דעם מוטה אריינמישען זיך אין א שמועס שבת נאָכ'ן דאַווענען, וואו דער ראש־המדברים איז גע־ווען דער „גביר". ער האָט אפילו ניט געוואָגט אנבויגען דעם קאָפּ אויף א זייט און צולעגען דעם אויער עפּעס הערען. פון וויַיטען פלעגט ער נאָר שטעהן און שלינגען יעדעס וואָרט, וואָס נעהט ארויס פון גביר'ס מויל. א שפּאַס וואָס יעקב סינקעס דערצעהלט זיך אַן! דאָ דערצעהלט ער פון גראַף צאַפּסקי, מיט וועלכען ער איז שטאַרק „נעקנעפּעלט" און איז ביי איהם כמעט אַלע וואָך, ווי אַזוי דער דאָזיגער גראַף האַלט חשוב א אידען.

נאָך דער מעשה געהט ער איבער צום קורס, ווען דער רוסישער רובעל הויבט זיך און ווען ער פאַלט; (גרונם קען עס בשום אופן ניט פערשטעהן: ער ווייסט דאָכט זיך, אז א רובעל איז אלע מאָל א רובעל! ער וויל עס פרעגען, נאָר ער האָט קיין העזת כים). ווייטער דערצעהלט ער פון זיין נסיעה קיין קעניגסבערג יענע וואָך, וואוהין ער האָט „אַטפּראַוועט א טראַנספּאָרט" געהילץ; ווי אזוי ער האָט צוריקפּאַהרענדיג זיך בעקאַנט מיט א פּוילישען גלח, האָט געהאָט מיט איהם א ויכוח וועגען אמונה, און ער האָט דעם גלח מנצח געוועזן... און נאָך אזוינע טויזענ־דער מעשיות, וואָס נאָר א גביר קען עס וויסען, א גביר, וואָס פיהרט געשעפטען מיט די גרעסטע שררות און קיין זאַך איז פאַר איהם ניט צו שווער...

גרונם וואָלט אָבגעגעבען א האַלב לעבען, נאָר אויסרעדען אמאָל האָטש א י י ן וואָרט מיט'ן גביר, ער וואָלט זיך מחיה געוועזן... ער פּרובט עס אבער קיינמאָל נישט: דאָס גבירי־שע געשטאַלט, די הויכע געוויקס, דער גרויסער בויך לאָזט עפּעס ניט צו; דאָס קלאָרע, פולע פנים, דער שטרענגער קוק וואַרפט אַן אויף גרונם'ן א פּחד. ער וואונדערט זיך נאָר אויפ'ן שוחט'ס גבורה, ווי אזוי יענער שטעהט אמאָל גאָר נאָהנט נעבען גביר און וואַרפט אריין אין שמועס אויך א וואָרט... „מען דאַרף מאַקי האָבען, טראַכט גרונם דאַמאָלס, א שוחטישע הארץ צו פועל'ן דאָס ביי זיך... איך קען דאָס נישט!"..

און גרונם, וועלכער דאַוועגט שוין באַלד פונפצעהן יאָהר אין „קליינעם בית־המדרש", האָט נאָך קיינמאָל מיט'ן גביר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. נאָך קיינמאָל די זכיה נישט געהאָט און האָט עס אפילו אין זינען נישט. ווען? ווי אזוי? סיידען ער זאָל ווערען אליין א נגיד, נאָר פון וואָס קען ער רייך ווערען? פון די דרדקי־יונגלעך?

דאָך די לעצטע צייט האָט גרונם אָנגעהויבען צו טראַכ־

טען וועגען רעדען עפּעס מיט'ן גביר, און נישט נאָר רעדען, נאָר טאקי שטארק א שמועס טהאָן...

ביים רעיון וועגען שמועס, קומט איהם דאָס בלוט גלייך אריין אין פּנים, דאָס הארץ — קלאַפּט ווי ביי א גזלן, וואָס געהט הרג'נען א מענשען. א שפּאַס! ער דאַרף פיהרען מיט'ן גביר אזא וויכטיגען שמועס! ער וויל בעטען דעם גביר'ס אייניקעל, וואָס הויבט דעם זומער אָן צו לערנען, צו זיך אין חדר אריין. בעטען א איינגעל אין חדר איז ביי גרונם'ן אפילו ניט קיין נייעס: אלע „זמן" בעט ער אזוי איין צוואַנציג תלמידים, און האָט שוין דערויף אן אויסגעארבייטען „נוסח", נאָר וואָס גלייכט מען? מיט פּשוט'ע בעלי־בתים מאכט נישט אויס, ווי אזוי מען רעדט, אבער מיט אזא גביר דאַרף מען דאָך וויסען וואָס צו רעדען. א י י ן איבריג וואָרט, חלילה, קען אוועק־הרג'נען אין גאַנצען...

און פון פּורים אָן ביז פּסח קומט פאַר ביי גרונם'ן אין הארצען א גרויסע מלחמה. ער וויל אריינגעהמען א גרויסען גע־נעראל אין פּלען, און וויים נישט אויף וואָס פאַר אן אופן און האָט סתם מורא...

נאָר אָט איז שוין פּסח! אויב ער וועט די טעג נישט צוּ־נעהן איז שוין פערפאַלען, פערשפּיעלט דאָס גליק אויף אייביג! און א קליינינקייט וואָס פאַר א גליק דאָ וואָלט געווען! דעם גביר'ס אייני־על לערנט ביי איהם!... ערשטענס דאָס געלד: ער וואָלט אודאי געצאָהלט פונפצעהן קערבלעך, אויב נישט די גאַנצע צוואַנצ־ג. היינט דאָס צאָהלען שמועסט מען דאָך נישט— פאַראויס א צעהן־רובעלדיגע!... היינט דער כבוד אליין, וויפיעל איז ווערטה דער כבוד?...

און גרונם'ן פערטראָגט דער כח הדמיון ווייט:

— וואו לערנט ר' יעקב'ס אייניקעל, ר' גרונם?

— וואָס הייסט „וואו"? איהר ווייסט גאָר נישט? א שע־נע מעשה? ער לערנט ביי מיר, ביי מיר מאַקי! וואָס דען האָט

איהר געמיינט: ער וועט איהם צו אנ׳אנדערן מלמד אוועקגע־
בען? מעהר וואלט איהם ניט פעהלען?...

א גליקליכער שמייכעל בעשיינט זיין פינסטערן פנים, נאר ער גיט א קוק אויפ׳ן גביר און פון גאנצען דמיון ווערט אש! דאס בלוט ווערט אין איהם פערקיהלט פאר שרעק: „ווי אזוי נעהט מען צו“? וואו נעמט מען אזוינע געזונדטע פיס, זיי זאלען קענען איינשטעהן בשעת מעשה, וואו נעמט מען אזא הארץ, וואס זאל אזוי ניט קלאפען?...

און אט איז שוין די „אנדערע טעג“ פסח! היינט מוז ער צונעהן, ער מעג אפילו וויסען, אז ער וועט דערפון זיכער שטאר־בען! ער מאכט אן ארדנונג מיט זיינע געדאנקען און גרייט זיך צו, ווי אזוי צו רעדען נאכ׳ן דאווענען.

— „גוט יום־טוב“, ר׳ יעקב!... מאכט ער א רעפעטיציע— דאך בעקלערט ער: עס איז צו פראסט: „גוט יום־טוב, ר׳ יעקב!“ אזוי זאגט מען דאך אלעמען, היינט וואס איז דער חילוק? איך וועל בעסער זאגען: „א גוטער יום־טוב, ר׳ יעקב!“... עס גע־פעלט איהם ווייטער נישט: ער געדענקט, שמחת־תורה האט זיך לייבע דער שוסטער איינגעשכורט פלעגט ער אזוי שרייען ווע־מען ער פלעגט נאר בעגעגענען... ביי איהם בלייבט, אז ער וועט טאקי זאגען „גוט יום־טוב“, נאך ווייך און שטיל...

— גוט יום־טוב — דעקלאמירט ער... — יא, אזוי וועט זיין גוט.

ער גרייט זיך ווייטער צו:

— איך האב געהערט זאגענדיג, אז אייער אייניקעל, זאל זיין אויף לאנגע יאהר (דאס וועט דעם גביר זיכער געפעלען ווע־רען) הויבט אן אין א מזל׳דיגער שעה היינטיגען זומער צו לער־נען... איך בין גרונס דער מלמד... ביי מיר לערנען די שענסטע בעלי־בתי׳שע קינדער... איך בעט אייך, ר׳ יעקב, (אפשר מורנו ר׳ יעקב? — פליהט איהם דורך אין קאפ) גיט מיר אייער איי־ניקעל, צוליעב שכנות — מען דאווענט צוזאמען...

נאָר דאָס לעצטע געפעלט איהם נישט. וואָס פאר א שכן ביזטו מיט מיר, מלמד איינער — דו דאווענסט נעבען טהיר און איך נעבען אָרון קדש..

ער זוכט אנ'אנדער נוסח: „צוליעב אלטע בעקאנטשאפט"..
פוי, נאָך ערגער, שפּייט ער אוים — „א נייער בעקאנטער" וועט ער זאָגען און גאָר אין כעס ווערען.

ענדליך געלינגט איהם צו פערבייטען אזוי:

— איך בין א גרויסער „בעל־פועל", אין איין „זמן" פאָהרט מען ביי מיר אריין אין עברי, טאקי רעכט אין עברי!
איך האָב דערצו א בעזונדער למוד.

ער קלערט איבער דאָס זעלבע נאָך אמאָל און געפינט, אז עס איז גוט, נאָר „פאָהרט מען ביי מיר אריין" איז עפּעס מעשה „בעל־עגלה"...

ער זוכט אן אנדער נוסח:

— אין איין „זמן" לערן איך אוים עברי על־פּי דקדוק.—
דאָס געפעלט איהם שוין אין גאנצען און ער האָפט, אז דער נגיד וועט איהם מיט גאָטס הילף ניט אָבזאָגען.

נאָכ'ן דאווענען לעגט ער זיך איבער און בעשליעסט זיך פעסט צוצוגעהן. ממה־נפשך — שטארקט ער זיך — יאָ — יאָ. ניט — ניט! אין קאשע וועט ער מיך דאָך נישט אויפעסען.

די שענע בעלי בתים זאָגען שוין דעם גביר גוט יום־טוב, מען ווארפט זיך איבער נאָר מיט אייניגע ווערטער, און מען געהט זיך פענאנדער. קיין וויכטיגעס האָט די לעצטע טעג ר' יעקב נישט צו דערצעהלען. עס האָט זיך איבער יום־טוב אויס־גענומען. און דער גביר האָט שוין בדעה ארויסצוגעהן, ער דארף נאָר צונויפלעגען דעם טלית.

גרונם רוקט זיך ווי א שאָטען... די פיס ברעכען זיך אונטער איהם.

— מען דארף נעהמען א שמעק טאבאק ביי דעם שמש, דאָס וועט מיך אפשר מוטהיגען, בעשליעסט ער.

— זייט מוחל שמש — ווענדט ער זיך מיט א האר־ קלאפעניש צום שמש — גיט א שמעק טאבאק.

דער שמש נעמט ארויס פון'ם בוזעם דאס פושקעלע, גרונם רוקט אהין אריין די צוויי פינגער, פארשיט אביסעל אויף דער ערד, נאך דעם גיט ער א שטארקען שמעק, נים נאך זיין גע־ וואהנהייט. און טראכט זיך: „זאל זיין, רבונו של עולם, צו רפואה!" און לאזט זיך געהן קעגען גביר, ווי שכור...

אט שטעהט ער שוין נעבען ר' יעקב'ן.

— גוט יום־טוב, ר' יעקב — רעדט ער קוים ארויס.

דער גביר שטעלט אוים פערוואונדערט אויף גרונם'ן די אויגען און פרעגט:

— וואס וועט איהר זאגען?

„ע, ער לאזט זיך דאך רעדען — טרייסט זיך גרונם — שטייפער, שטייפער! גאר נישט געשראקען זיך", און ער פאסט זיך מוטה ווייטער צו רעדען:

— איך... האב... א פ ש ש ש ש — צעניסט ער זיך פלוצים, פון שמעק טאבאק, די אויגען ווערען איהם פול טרערען, און פערשפריצט דעם גביר'ס ראק און פנים...

— טפוי! וואס איז דאס פאר א מין מיאוסער איד!— ווערט ר' יעקב אויפגעבראכט און מיט עקעל ווייזט ער מיט דער האנד — געהט אייך, געהט אייך ווייטער! איך האב מיט אייך קיין געשעפטען ניט!... פוי... אין פנים ניסט ער... וואס א לומפ ניט קען. שמש!

דער שמש פליהט אונטער, ווי ניט לעבעדיג.

— ווער איז ער, אט דער שוטה! — פרעגט דער גביר, קר קענדיג בייז אויפ'ן שמש.

— א מלמד... א דרדקי־מלמד — ענטפערט דער שמש דער־ שראקען.

— ס'איז א מין שוטה ! אין פנים אריין ניסט ער... א מין פרא־אדם !.. פוי !...

— היינט געה צוריים זיך — האט גרונם, ארויסגעהענדיג מיט בזיונות פון דאוונען, געערדט מיט זיך אליין — קיינמאל שמעק איך ניט קיין טאבאק, היינט האט זיך מיר נאר פערגלוסט א שמעק טהאן. א נייע רפואה !... אזוי וואלט דאס אייניקעל ביי מיר געווים געלערנט, נעווים, נעווים ! דער שמעק טאבאק האט מיך גע'הרג'עט..

דער אלטער טשעסלער.

אלט איז שוין לייזער דער טשעסלער, געבוינען געהט ער שוין און קענטיג, אז דער שטעקען זיינער, וואס ער האלט אין דער רעכטער האנד, קומט איהם שטארק צו־ניץ, אהן דעם שטעקען וואלט ער אין בית־מדרש אודאי ניט געגאנגען; מעהר ווי אין בית־מדרש געהט ער נישט — עס איז איהם שווער און אנב האט ער נישט וואוהין צו געהן; זיינע קינדער זיינען זיך צעפאהרען אין אמעריקא און ער איז עלענד, ווי א שטיין. „די אלטע" זיינע איז שוין אויך טויט. געשטארבען איז זי מיט דריי יאהר צוריק, ווען ער האט נאך געארבייט, און געארבייט האט לייזער אזוי לאנג, ביז וואנען ער האט שוין ניט געקענט, אזוי לאנג, ביז די האק האט זיך נישט פון זיין האנד ארויסגעגליטשט. דאמאלס האבען איהם די יונגערע טשעסליארעס געזאגט:

— צייט שוין ר' לייזער, אייך אברוהען!...

און און שוין צוויי יאהר אז ער רוהט טאקי; אמת אין גאנצען רוהט ער ניט, עס קומט איהם אז זעהר שווער די „הוצאה" זיינע. דאס עסען איז שוין ווי עס איז: א פאר געבאקטע קארטאפעל און א קאפ פון א הערינג קלעקט איהם אויף א טאג. דאס אומגליק איז נאר דאן, ווען עס קומט איהם אויס צו צאהלען דעם אלטען זלמן די צוויי גילדען דירה־געלד; דאמאלס ארבייט ער מעשים, קעהרט איבער וועלטען; עס פערשטעהט זיך—נישט מיט די הענד, נאר מיט'ן קאפ; ער זוכט אויף אין מות פערוואלגערטע בעלי־בתים. וועמען ער האט הייזער נעבויט און וועלכע זיינען נאך איהם שולדיג געבליעבען. א סך

פון זיי לייקענען איהם; אנדערע זיינען מודה און שווערן, אז זיי האָבען ניט; טהייל זיינען ניט מודה און לייקענען ניט, און ווארפען איהם דאָך ארוים א פּאָר גילדען.

נאָר די לעצטע צייט קומט איהם אָן אלץ שווערער און שווערער די צוויי גילדען דירה געלד צו קריגען. ער איז שוין שולדיג דעם אלטען זלמן פיער גילדען פאר צוויי חדשים און עס געהט שוין באלד א דריטער חדש. זלמן וואָלט איהם אפ׳ן געוואָרט, נאָר ער קען ניט — ער איז אליין ניט דער „בעל־הבית, ער אליין צאָהלט דירה געלד און איהם קומט דאָס אויך זעהר שווער אָן. סך הכל איז זלמן אַן אלטער שניידער, אויף איין אויג שוין בלינד, און מעהר אז לאַטעס לעגען קען ער ניט. און וואָס פערדיענט ער פון א לאַטע, מישטיינס געזאָגט!...

לייזער דער טשעסלער האָט אויף איהם קיין פאראיבעל ניט ווען ער מאָהנט א מאָל צו שטארק, נאָר גוט איז דאָס איהם ניט, צייט ער לעבט האָט ער קיין ליגען ניט געזאָגט און איצטער, אויף דער עלטער, האָט ער שוין דעם אלטען זלמן גענאַרט, אז היינט, מאָרגען גיט ער איהם געלד...

און די לעצטע טעג בלייבט לייזער אין בית־מדרש ביז שפּעט נאָך מעריב, ער זיצט ביי א ספר אויף עברי־טייטש און וואַרט ביז וואנען דער בית־מדרש זייגער שלאָגט 10. דאמאָלס ווייס ער זיכער, אז דער אלטער זלמן שלאָפט שוין און ער געהט אוועק א היים...

דער אלטער זלמן האָט שוין געגעבען לייזער׳ן אַנצוהערעניש אז ער וועט פערדינגען זיין אָרט א צווייטען, אויב ער וועט איהם די טעג קיין געלד ניט געבען. לייזער איז צוטומעלט געוואָרען. ער האָט א מורמעל געטהאָן: איילט זיך ניט, מיר וועלען זעהן... נאָר טאקי מעהר ניט ווי א מורמעל — דייטליך

זאָגנען האָט ער עס ניט געקענט, וואָרום וואָס האָט ער צו זעהן? ער האָט שטיל גענומען דעם שטעקען און האָט זיך שטיל ארויס־גערוקט פון שטיבעל...

דאָס אומגליק איז גרויס געווען! דאָס אומגליק האָט דעם אלטען לייזערן צוטומעלט; ער איז געגאנגען און מיט שטאַרע בליקען געקוקט אויף דער ערד און אין די זייטען. נאָר אַט פּער־שווינדט דאָס גרויסע אומגליק, לייזער פערקוקט זיך אויף די הייזער און פערגעסט זיך. די הייזער ווערען איהם ליעב, פּיעל פון זיי דערמאָהנען איהם אמאָליגע יאָהרען, ווען ער, א הויכער, א גע־זונדטער, איז געשטאַנען און געשמאַק געאַרבייט. „אַט די שטוב", דערמאַנט ער זיך, פּערבייגעהענדיג יענקעל דעם שענקערס שעהנע הויז — האָב איך צעהן וואָכען געטהאָן! — ער האָט גאַנץ עהרליך געצאָהלט — פינף גילדען א טאָג, און פלעגט אמאָל געבען אביסעל בראָנפען נאָך דער ארבייט. — עס איז נאָך גאַנץ שטארק! א מאָליגע געהילץ — אייזען!... אַט די שטוב — פערקוקט ער זיך אויף נאָך איינער — האָב איך שוין געאַרבייט ניט פון טאָג — אַגולנאָ! איך האָב זיך דערמאָלט אב־גענאַרט, עס האָט מעהר נישט אויסגעמאַכט ווי א האַלבער רו־בעל צי פיער גילדען א טאָג — ער קען זיך נישט דערמאהנען... אַט געהט ער פאַרביי דעם גביר'ס הויז. „א הייזעלע, טראַכט ער און קווועלט — „נאָך גאַר ניי!" — שוין א מעשה, פון א יאָהר צוואַנציג — א מאַסע חדרים, דערמאַהנט ער זיך, זיינען דאָ! — ביי דעם גביר האָט ער נישט שלעכט פערדיענט:— זעקס גילדען א טאָג. ער פערוואונדערט זיך אין געדאַנק: „אזוי פיעל?" „נו, ער איז דאָך פאַרט דער ערשטער גביר אין שטאָדט!" פערענטפערט ער זיך אליין זיין הארבע קשיא... און ער פערקוקט זיך אויף נאָך און נאָך הייזעלעך, וועלכע ער האָט אין זיין לאַנגען לעבען געבויט; זיי גיבען איהם אָב גריסען און עס ווערט איהם וואַרעם אין זיין אלטער קאלטער נשמה... נאָר אַט וואַקסט פּלוצים דאָס אומגליק צוריק ארויס, ער דער־

מאַהנט זיך עפּעס שרעקליכעס און זיין אַלטער קערפּער ציטערט...

פערצווייפעלט איז ער אריין אין בית־מדרש, אָבגעדאַווענט מנחה, שפּעטער — מעריב. דער זייגער שלאָגט שוין 8—9—10. איצטער שלאָפט דער אַלטער זלמן, נאָר לייזער האָט נאָך נישט בדעה צו געהן אהיים. ער זיצט ביי'ן „קב הישר". זיינע געדאַנקען אָבער זיינען ערגעץ וואו אַנדערש. „וואָס טהוט מען", אָט די אייזערנע ווערטער קלאַפּען איהם אין זיין אַלטען מח. זיי האָבען אָבער אַזוי לאַנג געקלאַפּט, ביז זיי האָבען אויפגעבויט אין זיין קאָפּ אַ גליקליכען פּלאַן. דער אַלטער שמייכעלט, ער איז גליקליך: פון היינט אָן וועט ער שוין בלייבען אין בית־מדרש אויף שטענדיג, צוריק וועט ער שוין נישט געהן צום אַלטען זלמן! — ער לעגט זיך איבער עטליכע מאָל, טאָמער איז דאָ פאַרהאַן אַ שטיקעל חסרון, עפּעס אַ שטערעניש, נאָר ער געפינט ניט. ער ווערט בעגייסטערט: געוויס, געוויס — בעשליעסט ער זיך פעסט — פון היינט אָן בלייב איך אין בית־מדרש. אַראָב אַזאַ יאָך! אַ קליינינקייט — אַלע חדש צוויי גילדען... „צוויי גילדען!" רעדט ער אַרויס שוין ניט אין געדאַנק, נאָר מיט ווערטער, און איהם דאַכט זיך, אַז פון זיינע פּלייצעס איז עפּעס אַראָב געפאַלען און איהם איז גרינג געוואָרען...

אַ פּיצעלע משאַ בלייבט איהם דאָך — דער חוב! אָבצאָהלען מוז מען! נאָר ווי אַזוי? ער זיפצט...

* * *

דער בית־מדרש זייגער האָט געשלאָגען צוועלף. דער אַלטער לייזער זיצט ביי'ן טיש און דרעמעלט און איהם חלום'ט זיך, אַז דער אַלטער זלמן זיצט נעבען איהם און שטשאָבעט, און נאָך יערען שטאָך אין בנד, גיט ער איהם מיט'ן נאָדעל אַ שטאָך אין די אויגען.

— ר' זלמן, שטעכט זיך ניט — בעט ער זיך — איך וועל אייך די פיער גילדען אבצאהלען, מארגען הויב איך אן צו אר־בייטען ביי יענקעל דעם שענקערס הויז, ער צאהלט פינף גיל־דען א טאג... זלמן וויל עס ניט הערען און שטעכט איהם מיט'ן נאדעל אין די אויגען און אין אלע גליעדער. און אט דערפיהלט ער אז ער שטורבעט איהם.

נאר דאס שטורבען איז שוין געוועזען אויפ'ן וואהר. דאס האט געשטורבעט דער אונטער־שמש, וואס איז נעבען איהם געשטאנען און בייז געברומט:

— זייט מוחל, דא איז מיין ארט! איך דארף זיך לעגען. לייזער האט אנגעהויבען רייבען די אויגען. דערזעהענדיג אנ־שטאט דעם אלטען זלמן'ען — דעם אונטער־שמש איז ער צו זיך געקומען. ער האט זיך דערמאהנט אן זיין פלאן, אז ער בלייבט פון היינט אן אין בית־מדרש, נאר דער אונטער־שמש האט איהם טרוקען איבערגעגעבען, אז דא איז ניט קיין הקדש; די גבאים האבען פערזאגט, אז מען זאל קיינעם ניט לאזען נעכטיגען, עס איז נענוג די ישיבה בחורים, וואס שלאפען דא. אויס...

און געהענדיג צוריק צו דעם אלטען זלמן, האט שוין לייזער נישט געקוקט אויף די הייזער, וועלכע ער האט געבויט; עס איז געווען זעהר א פינסטערע נאכט און אין די אויגען איז איהם נאך פינסטערער געווען. זעהר פאמעליך איז ער גע־גאנגען, נאך פאמעליכער ווי ער האט געקאנט: עס איז איהם ליעבער געווען צו שלעפען זיך אין דער פינסטערער נאכט איי־דער צו קומען צו דעם אלטען זלמן'ען, צו זיין „מאהנער"... און וואס וועט זיין דער סוף?...

דער אלטער זלמן וועט איהם ווארטען נאך א פאר טעג, אבער ניט מעהר... אויפ'ן גאס וועט איהם אויסקומען צו לעגען זיך... אויפ'ן גאס!

— אוי! — האט ער א קרעכץ געטהאן ביי דעם רעיון.

און איצטער האָט ער זיך דערמאָהנט, וואָס זיין „אלטע" האָט איהם אמאָל, אמאָל געזאָגט: „לייזער, אלע בויען זיך, לאָ־מיר זיך אויך פערזאָרגען מיט א שטיבעלע". „מען קען ניט — האָט ער איהר געענטפערט, — פאר מיין ארבייט פאר זיך, וועט מיר קיינער נישט בעצאָהלען".

ער האָט איהר אפילו גוט געענטפערט, זי האָט דערויף ניט געהאט וואָס ווייטער צו רעדען; דאָך דערמאָהנענדיג זיך, אז אָט באלד־באלד האָט ער זיך ניט וואו אהינצוטהאָן, ווערט ער אויף זיך אין כעס און זידעלט און שילט זיך אליין:

— אלטער נאַר! הייזער האָסטו געבויט און אויפ'ן נאָס וועסט דו שטארבען....

ווען עסט חיים מלמד א בויגעל?

צוויי פרנסות האט חיים געהאט: ער האט געקנעלט און בייגעל געבאקט, און א וואונדערליכע זאך! — ער איז געווען א ארעמאן און האט געזוכט א דריטע פרנסה, נאר צו קיין דריטער פרנסה האט ער שוין ניט געטויגט; א קול האט ער אפילו געהאט א הייזעריגליכען און האט געקלונגען זעהר הארציג און צובראכען, און ימים־נוראים וואלט ער געקאנט דאווענען פאר'ן עמוד און כאפען דערפאר עטליכע רובל, — האט ער אבער, ניט פאר קיין אידען געדאכט, געהאט א קורצען אטהעם: רעדענדיג אפילו פלעגט ער זיך מוזען נאך יעדען ווארט אברוהען און חאפען דעם אטהעם. עס פערשטעהט זיך, אז מיט אזא „פעהלער" קען מען ניט האבען קיין העזה צו שטעלען זיך ימים־נוראים פאר'ן עמוד, ביי אזעלכע לאנגע שמונה עשרה'ס, וואס מען דארף איבער'חזר'ן ווארט און ווארט פאר'ן עולם. דעם עולם געהט כלל ניט אן, צי חיים האט א לאנגען אטהעם, צי א קורצען און ער פערלאנגט פאר די עטליכע רובל, אז דער ש"ץ זאל פאהרען ווייטער און ווייטער, ניט אבשטעלען זיך אויף א רגע... חזנות איז ניט מלמדות — א מלמד קען אפילו קיין לונגען ניט האבען, מאכט אויך ניט אויס: מיט קליינע אינגלעך לערנען דארף מען קיין גבורה ניט האבען, אבער שטעלען זיך פאר א צבור, איז געוויס ניט קיין קלייניגקייט — דא דארף מען האבען א האלז, א הארץ און טאקי אן אטהעם...

קיין לייכטערע פרנסות, צו וואס חיים וואלט יא געטויגט, א'ז אין שטעדטעל ניט געווען. צו א קראם פאר זיין ווייב האט חיים קיין „קאפיטאל" ניט געהאט. דער האלבער פוד מעהל,

פון וועלכען חיים פלעגט אויסבאקען אלע טאָג בייגעל פאר דאָס שטעדטעל, פלעגט איהם אויך שווער אָנקומען, און דעריבער האָט זיך חיים געמוזט בעגנוגענען נאָר מיט די צוויי פרנסות און לעבען טאקי אין גרויס נויט...

די בייגעל פלעגט חיים באקען: ווינטער־צייט פאר טאָג און זומער — ווי די זונן פלעגט אויפגעהן. זיין ווייב, עלקע, פלעגט דאָס טייג פערקנעטען, די עלטערע טאָכטער, ביילה, פלעגט ווע־גערן און מאכען קיילעכדיג, דאָס יונגערע מיידעל, גרונה, פלעגט עס ווארפען אין א הייסען טאָפּ וואסער, און פון טאָפּ פלעגט שוין חיים בכבודו ובעצמו אליין ארויסנעהמען און זעצען אין אויווען. ווי מען זעהט דאָ, האָט חיים גענומען פאר זיך די שווערסטע מלאכה, נישט קוקענדיג, וואָס ער איז דער שוואכס־טער געווען פון די איבעריגע. דער טעם דערפון איז א פּשוטער: ערשטענס איז דאָס זעצען אין אויווען אָנשטענדיגער, ווי קנע־טען דאָס טייג, און דאָס איז ניט אַזאַ בזיון פאר א אידען א תלמיד חכם, ווי חיים איז: זעצען איז א מאנסבילשע ארבייט. פּסח אין "פאָדריאַד" פון מצות זיינען אלע זעצער מאנסביל. אמת, עס טרעפען זיך אמאָל ווייבער אויך זעצערינס, נאָר דאָס איז א זאך, וואָס געהט ארויס פון כלל, ווי למשל, אלע דאָק־טוירים זיינען מאנסבילען, פון דעסטוועגען טרעפט אמאָל א „יודענע" אויך א דאָקטאָרקע... צווייטענס, האָט חיים גענומען די ארבייט פון זעצען צוליעב דער ווארעמקייט. חיים איז געווען א איד אָהן א טראָפּען בלוט און איהם איז שטענדיג קאלט גע־ווען. עס פלעגט טרעפען אמאָל, אין די גרויסע היצען פלעגט חיים קענען א זאָג טהאָן צו די תלמידים :—מאכט צו קינדער־לעך די טהיר, מיר איז עפּעס מאָדנע קאָלט...

אָט די ווארעמקייט, איז חיים'ן ניט נאָר ווינטער, אפילו זומער אויך ליעב געווען, און ער פלעגט מיט גרויס תענוג שטעהן ביים אויווען, וואו דאָס פייער האָט אזוי פריינדליך, אין מזרח־

זייט פון אויוועז, געפלאקערט און בעלויכטעז די ציילעז בייגעל, וואס חיים פלעגט בריה'ש אויסזעצען אויפ'ן „פאר".

חיים איז געוועז א בייגעל־בעקער, פלעגט אויסבאקען אלע טאג ביז צוויי הונדערט גראשענע בייגעל און פון דעסטוועגען האט ער אליין מיט דעם ווייב און קינדער, זעהר זעלטען א בייגעל פערזוכט, און חיים פלעגט זעהר אפט זיך ווינשען זיין א נגיד און עסען „אז אמת'ן ריינעם בייגעל"... „אז אמת'ער ריינער בייגעל" האט ביי חיים'ן געהייסען יענער בייגעל, וועלכען מען פערקויפט די בעלי הבתים פונ'ם שטעדטעל פאר א גראשען; וואס געהט ארוים פון אויוועז ריין, טרוקען, און גלאנצט, ווי מיט א רויטליכער פארב. אזא בייגעל הייסט פערברוינט און ער איז טאקי זעהר געשמאק — ער צעשיט זיך ממש אין מויל; ווענען גאט העלפט אויפעסען אזעלכע 5—6 בייגעל, קען ווערען געזונד ווי א מויער... אזעלכע געראטענע בייגעל האט חיים מיט זיינע בני בית זיך ניט פערגונען צו עסען. צו א שעה־נעם תכלית וואלטען זיי געקומען, ווען יעדער פון זיי וואלט אלע טאג אויפגעגעסען אזעלכע עטליכע גראשענע בייגעל!... דאס זעכציג־רובעלדיגע קנעלונג פאר'ן זמן, וואס חיים האט אין שטעדטעל, וואלט אויך ניט געטראגען, אפילו אז אלע בעלי־בתים זאלען איינצאהלען, — בפרט אז א גוטע העלפט שכר־למוד ווערט פערפאלען...

עסען פלעגט חיים, זיין ווייב און קינדער נאר פון אזא סארט בייגעל, מיט וועלכען עס פלעגט טרעפען א סבה: אז ער פלעגט צוגעברענט ווערען א ביסעל, אדער אין אש זיך איינריכטען, אדער אויף דר'ערד פון דער לאפעטע אראבפאלען און דערפון פערלירען זיין געהעריגע צורה. אזוינע מיני בייגעל פלעגט אבער טרעפען זעהר זעלטען, ווייל חיים האט זיך שטארק געהיט, אז קיין סבות זאלען זיך ניט טרעפען. צייטענווייז נאר,

ווען חיים'ס יצר הרע פלעגט זיך שטארק צופלאקערן נאך א שטיקעל בייגעל, פלעגט ער גאט בעטען, אז עס זאל זיך טרעפען עפעס א סבה, און ניט פערלאזענדיג זיך אין גאנצען אויף גאט, פלעגט ער „ברויכען" אייגענע מיטלען, אז א פאר בייגעל זאלען ניט ארויס גאנצע פון אויווען. לאזען זיי בעצם ידו פערברענט ווערען, אזא העזה האט חיים ניט געקענט האָ־בען: אליין קאליע מאכען — זאל דער אויבערשטער אויסהיי־טען, דאס איז א גרויסע טפשות און א חטא... נאר אבנארען זיך אליין און דאס ווייב און די בייגעל אפילו, דערויף האט חיים יא א העזה געהאט, און אין אזעלכע מינוטען, ווען דער יצר הרע — פון א בייגעל פלעגט זיך אויף איהם מתגבר זיין, פלעגט ער זיך כלומר'שט פערטראכטען, וואו צו נעמען מארגען געלד אויף האלץ, נישט קוקען דערוויייל אין אויווען, זיך פלוצים א חאפ טהאן צום אויווען מיט א געשריי:

— א — אי — אי!...

— וואס איז דארטען? — פרעגט דאס ווייב דערשראקען.

— אי—אי—אי! — שרייט אלץ חיים און הויבט אן ארויסנעמען געשווינד די בייגעל, צווישען וועלכע א פאר גע־פינען זיך אין גאנצען צוגעסמאליעט...

דאס ווייב און די צוויי טעכטער בעטראכטען די פאר ביי־געל און זיפצען:

— ווער וועט זיי שוין איצטער קויפען?

— א משוגענער סיידען... זאגט חיים כלומרשט פער־טרויערט און אין הארצען איז ער שטארק, שטארק צופריע־דען: ער וועט היינט עסען א בייגעל... ער ווארט נאר, אז עלקע זאל וועגען דעם דערמאהנען. ער וויל ניט ארויסטרעטען דער ערשטער — עס פאסט פאר איהם ניט, א איד טאר קיין „זולל וסובא" ניט זיין...

און עלקע קוקט, קוקט אויף די פאר בייגעל און זאגט ענד־ליך ארויס:

— מען וועט שוין, ברוך השם, אליין מוזען אויפעסען— וואס זאל מען טהאן? גע׳פטר׳ט א קאפּיקע...

און נאכ׳ן ראווגען וואשט זיך חיים מיט מעהר „פּאראד“, ווי שטענדיג, זאגט שאו ידיכם מיט א נגון און מאכט המוציא אויף א גאנצען בייגעל, האטש א פערברענטען.

און יענער טאג איז ביי חיים׳ען א מין יום־טוב. און ווען ער וואלט זיך ניט געשעמט, וואלט ער יענעם טאג מיט די תלמידים גאר ביז מיטאג געלערנט, ווי למשל ראש חדש, ווען זיין עלקע קאכט א „בעסערן ווארמעס“...

דער אורח.

זעליג דער מולער, צי ער האט ארבייט, צי ניט, געהט שטענדיג פערשמירט אין לעהם און ניט נאר די בגדים, אויב מען קען זיי אזוי אנרופען, נאר אויך דאס גאנצע פנים איז ביי איהם דערין אויסגעשמירט. און אז מען קוקט זיך אין איהם איין, דאכט זיך, אז ער איז אין גאנצען א לעהמענער.

זעליג האט ווינטער קיין ארבייט ניט, זעלטען ווען ער קריגט א שטיקעל ארבייט ביים בעקער, איז דאס אויך נאר אויף א האלבע שעה, און דאך איז ער ווינטער אזוי אויסגעשמירט ווי זומער, ווען ער האט פיעל ארבייט. עפעס דאכט זיך, אז דער לעהם איז אויף איהם פערטריקענט געווארען און עס איז שוין גאר קיין סגולה ניטא איהם אראפצוואשען.

זעליגען קען יעדער דערקאנען פאר א האלב ווערסט. זיין גאנצער הילוך, זיין איינגעבויגענע פלייצע, פון די מולטערס לעהם, וואס ער האט אין זיין לעבען איבערגעטראגען, שיידען איהם אפ פון אלע אנדערע אידען אין שטעדטעל און ער ווארפט זיך שטענדיג אין די אויגען. אין א גרויס געלויף אין גאס, ביי יעדער רעדעל, אפילו אין בית־המדרש, ווען א בעריהמטער מגיד „זאגט" און די אנזיכטיגסטע בעלי־בתים פערלירען זיך צווישען גרויסען עולם, זעהט מען נאר איין זעליגען, און יעדערער, אויב ער טראגט נאר א שטיקעל רעכטען בגד, היט זיך פון זעליגען ער זאל חלילה זיין בגד אין לעהם ניט פערשמירען.

נאך פורים, אז דער עולם הויבט זיך אן צו קאלכען, קען מען זעליגען סיידען פערבייטען מיט דעם צווייטען קאלכער חיים „האזש", וועלכער איז אין איין הויף מיט זעליגען. זעליג'ס

קליידער בעדעקען זיך דאָן אין גאַנצען אין ווייסע קייקעלעך און די היטעל, וואָס האָט אין מיטען אַ ריס איז דורכאויס פער־קאַלכט, אַזוי אַז דער ריס זעהט זיך ניט און מען קען דעריבער מיינען, אַז זעליג דער מולער טראָגט אַ גאַנץ היטעל.

און וואָס אַ טאָג נעהנטער צו פסח, ווערט זעליג אַלץ ווייסער און ווייסער, און אָנהויב ניסן אַז די לבנה איז נאָך ניטאָ און די פינסטערנ׳יש אין שטעדטעל איז זעהר גרויס, בעגעגנענדיג זעליגען, דערפרעהט מען זיך ממש: פאַר דער שיין פון זיין ווייסקייט קען מען זעהן ווי דורכצוקריכען די בלאָטע, וואָס שפּיעלט זיך אין שטעדטעל אָנהויב ניסן פונאַנדער, אַז מען קען אין דער פינסטער דערטרונקען ווערען.

און פון פּורים ביז ניסן וואַרפט זיך זעליג יעדערן אין די אויגען. ער איז דער איינציגער, וואָס צייכענט זיך אויס מיט זיין אויסזעהן, און ווען אין שטעדטעל, למשל, קיין מאָדע, אָדער געסער געזאָגט, קיין „מנהג“ ניט געוועהן דאָס קאַלכען זיך, און אַזאַ אָבגעווייסטער ווי זעליג וואָלט אהין אריינגעפאַלען, וואָלט מען נאָך איהם געוויס נאָכגעלאָפען, ווי מען לויפט נאָך נאָך בעריל דעם משוגענעם, אַזוי אבער קוקט מען אויף זעליגס אויס־זעהן ווי אויף אַ געוועהנליכע זאַך. יעדער שטעדטעלדיגער איד, אפילו אַ אינגעל, פערשטעהט ווי באַלד זעליג איז אַ מולער און אַ קאַלכער מוז ער אַזוי אויסזעהן, ווי דען אנדערש?...

פערשוואונדען פון דער סצענע ווערט זעליג ערב פסח. ניטאָ זעליגען! און ווען מען וואָלט איהם ווי נויטיג געדאַרפט האָבען, וואָלט מען איהם בשום אופן ניט געפונען, ווייל אויף דער אר־בייט נעהמט מען איהם שטענדיג פון גאַס; וואו זעליג וואָהנט ווייסען נאָר יחידי סגולה, אַ פּאָר שכנים, און דער שמש פון בית־מדרש.

נאָר זעליג האָט זיין ארבייט אָבגעטהאָן ביז ערב־פסח און קיינער דאַרף איהם ניט און ערב פסח מאַכט זיך זעליג פסח׳דיג, און פסח׳דיג מאַכען זיך דאַרף ביי זעליגען געדויערן זעהר

לאנג. ניט אזוי גרינג איז אראבוואשען אזוי פיעל לעהם און אזוי פיעל קאלך פון פנים, פון דעם גאנצען גוף. נאר זעליג ריי־ניגט זיך, ער געהט אין באד און וואשט זיך דארט זעהר לאנג, חאטש עס איז זעהר ענג. קומענדיג פון באד רייניגט ער אויס זיינע שטיוועל, אנווייקענדיג פריהער זיי גוט אין וואסער. שפע־טער אביסעל הויבט ער אן זיך איבערטהאן. פארט'ג ווערט ער קוים, ווען מען געהט שוין דאווענען און דאס ווייב זיינס, די ביינאכטיגע מלכה, טרייבט איהם: „געה שוין, זעליג, אין שוהל, ביזט שוין ריין“.

נאר זעליגען גלויבט זיך עפעס ניט. איהם דאכט זיך, אז דער שפיץ נאז איז אין קאלך, אז הינטען איז דער גאנצער יום־טוב'דיגער סורדוט אין ווייסע פלעקען, חאטש ער האט אין סור־דוט קיינמאל ניט געארבייט, און ער זעהט זיך נאך אמאל ארום, ביז ער איבערצייגט זיך, אז ער זעהט שוין אויס ווי א „מענש“.

אין בית־מדרש קומט ער צו דער מנחה'דיגער שמונה־עשרה, און ער זעצט זיך אוועק אויפ'ן באנק הינטער דער בימה. דאס איז די איינציגע באנק, וואס איז א קהל'שע און וואו „שטערט“ זיינען ניט קיין פערדונגענע.

די עטליכע אידען, וואס דאווענען ביי דער באנק, קוקען אויף איהם, קוקען און ווילען עפעס פרעגען. זעליג קוקט אויף זיי אויך. ער דערקענט זיי יעדערן, ער האט כמעט ביי יעדערן די שטוב געקאלכט...

ער וויל זיי עפעס זאגען, נאר ער האלט זיך איין, ניט הא־בענדיג איינענטליך וואס.

— שלום־עליכם! פון וואנען איז א איד?...

ביים דריטען „שלום־עליכם“ קומט שוין זעליג צו זיך און מיט א געלעכטער'ל נעהמט ער זיי ארויס פון טעות.

—איהר דערקענט מיך ניט? שטעלט ער אן זיינע אויגען.

— ניין, הערט ער אז ענטפער, און באלד א פראגע: „ווער זענט איהר דען?“

— א געלעכטער, כ׳לעבען... איך האב דאך ביי אייך די שטוב געקאלכט... זעליג דער מולער...

— טפו, מיינע שונאים! — שפייט דער ערשטער אויס נאך דער ערקלערונג. — וואס עס קענען זיך טרעפען געשיכטען! איך האב געמיינט, אז דאס איז ווער ווייסט ווער, ערשט זעליג דער מולער גאר.

און די אידען ביי דער באנק שמועסען וועגען זייער טעות, ניט קוקענדיג שוין מעהר אויף איהם. זעליגען פערדריסט וואס ער האט אט די נארישע בעל־גאוה׳דיגע בעלי־בתים אויסגע־זאגט זיין יחוס.

— א קריינק זיי אין די ביינער, טראכט ער אין הארצען. ניעחיי וואלטען די „יאלדען" געמיינט, אז איך בין טאקי ווער ווייסט ווער!

נאר יעדעס יאהר קען זעליג זיך ניט איינהאלטען און זאגט אויס זיין יחוס...

בולקעס.

ביי פריידע, שלמה דעם שניידערס איז מען אפילו ברויט אויך געווען זשעדנע, נאר אזוי ווי דאס ברויט האט זי אליין געבאקען און באקען האט זי ניט געקענט און עס איז שטענדיג ארויס אדער טייג אדער פערברענט און דאס עצם מעהל איז געווען שווארץ און זאמדיג, האבען זיך די זעקס קינדער, וואס זי האט פערמאגט, פאר ברויט ניט געשלאגען. א בולבע איז געווען שוין א זאך וואס עס איז כדאי צו מאכען סקאנדאל. און אויך ניט פאר אלע מינים בולבעס. אויב די בולבע איז געווען פון א העכערן מין, וואס הייסט סלאנקע און איז געווען געשיילט און מיט זאלץ געקאכט, האט זי זוכה געווען אז מען זאל פאר איהם מקריב זיין עטליכע „קניפ", גראפען און דאס גלייכען, טאמער איז אבער די בולבע געווען פון דעם נידריגען מין, וואס האט געהייסען „מאסקוי־קע", א מין וואסערדיגע, פאר אזא פרי האט מען זיך נאר אונ־טערגעשאלטען און אויך ניט זעהר הויך.

סקאנדאלען זיינען ערשט פארגעקומען פרייטאג פריה ביי די בולקעס.

שטעלט זיך פאר, אז פריידע שלמה'ס האט געבאקען אויף שבת פיער פונט ווייצענס, האט זי פון די פיער פונט מעהל קודם כל געמוזט האבען דריי חלות אויף קידוש און די איבריגע אויף בולקעס אויף פרייטאג. וואלט טאקי פריידע אויסען געווען די בולקעס נאר אויף פרייטאג אליין, וואלט נאך געווען ווי־עס־איז, דען די פיער פונט מעהל פלעגען אייגענטליך אויסער די דריי חלות, נאך ארויסגעבען פון זיך אכט־ניין בולקעס, אז מען זאל זיי דארפען קויפען ביי דער בעקערין, וואלטען זיי

געקאָכט צו זעקסערלעך. איז אָבער פריידע שלמה'ס אַ גרויסע פערזאָרגערין, באַקן באַקט זי די בולקעס כלומר'שט אויף פריי־טאָג, און מיינען מיינט זי אויפ'ן מיטן דער־וואָך... און טאַקי אויף דעם קומענדיגען שבת אַ קוגעל מאַכן. פריידע שלמה'ס זאָגט, אַז אַ קוגעל פון אַן אַלטער אַנגעווייקטער בולקע איז פאַר מלכים צו געבן — אַזאַ מאכל איז דאָס, אַ שאָד נאָר וואָס די בולקע דערלעבט ניט אַלט צו ווערן. ביז דיענסטאָג קען זי די פערבליעבענע עשירות בשום אופן ניט איינהיטען און פון אונ־טער די הענד גנב'עט מען זיי אַרויס און מען פרעסט זיי אויף— פרעסען זאָלען זיי די ווערים! וואָרים פריידע האָט דען — ווי זי קלאָגט זיך — קינדער? שדים האָט זי, פרעסער, זויפער! און „ער“, שלמה אַליין, איז דען בעסער? ער איז אויך אַ גוטער טרפה'נער האלז. זי האָט איהם דען ווייניג מאָל געכאַפּט נאָך פאַר'ן דאַוונען — אַזאַ שניידערוק — קייענדיג בולקע. באַקאָם זאָל איהם אַרויס!...

נאָר דאָס איז אָבער אַלץ געזאָגט בנוגע די בולקעס, וואָס בלייבען אויפ'ן מ טען־וואָך. פרייטאָג אָבער איז זי אַליין ניט קיין שטיעף־מאַמע און גיט יעדען קינד, לויט די יאָהרען, צו שטיקלעך בולקע צום מילכיגען קרופּניק, וואָס זי קאָכט טאַקי לכבוד פרייטאָג. איהם, דעם שפּייזער, גיט זי אַ גאַנצע בולקע, נאָר וואָס קלעקט פאַר איהם אַ בולקע? ווי אַ פערד אַ צוקער־לעקעך, אַזוי זאָגט פריידע, נאָכדעם ווי ער שלינגט זי איין ביי די ערשטע פאַר לעפעל קרופּניק און בעט נאָך אַ שטיקעל. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס בעטען איז נאָר אויס געוואָהנהייט. פריידע ענטפערט איהם אפילו ניט, אַזוי צוקאָכט איז זי. סטייטש! אַ מענש זאָל זיך קיינמאָל ניט אָנעסען! ניט אַזוי גיך אָבער ווערט זי מוסכם מיט די קינעדר, איבערהויפּט מיט די קלענערע. מען רייסט זי פון אַלע זייטען: מאַמעלע, נאָך אַ שטיקעל: מאַמעלע, נאָך איין ביס, און גאָר דאָס יונגסטע זעקס־יעהריגע גאָלדעלע וואָס קען נאָך קיין קוף ניט זאָגען, שפּרייט

זיך אוים אויף דער ערד, פערוואַרפט דאָס קעפעל און שריים אין איינע קולות:

— נאָך בולטע!

און פריידע ענטפערט איהם צום גראַם:

— נאָך אַ סטולטע וועל איך דיר געבען. דאָס הייסט, נאָך אַ מכה, און דאָס קינד וויל אבער פאַרט נאָך אַ בולטע — הויבט זיך די שטוב.

אַ טאָג פאַר פסח באַקט פריידע אויף דעם ערב־פסח'דיגען אַנבייסען די זעלבע פיער פונט ווייצענס: קיין חלות אויף שבת דאַרף זי שוין אָבער ניט. עס געהען אַרוים אַ בולקעס 12—13. זי בעהאַלט עס ביז מאָרגען פריה און ניט קיינעם ניט אַ ביסען.

אין דער פריה. ערב פסח, וועקט זי די קינדער:

— שטעהט אויף ממזרים, די בולקעס עסען, באַלד פער־ברענט מען חמץ און מען וועט ניט טאָרען עסען.

די קינדער אבער, אַלע פערהאָרעוועטע פון דעם נעכטיגען שייערן און כשר'ן אויף פסח, שטעהען ניט אַזוי שנעל אויף און פריידע מוז נאָך אויסשיטען איהר גאַנצען רעפערטואַר קללות.

ענדליך זיינען שוין די אויפגעשטאַנען. שלמה קומט שוין פון בית־המדרש, וואו עס איז אַן ערב־פסח'דיגער סיום געווען און ער האָט גענומען דאָרט אַביסעל בראַנפּין מיט פערבייסען. פריידע טרייבט:

— נו, גיכער, לאָמיר שוין אַנבייסען די בולקעס מיט די מילך: באַלד דאַרף מען דאָך חמץ פערברענען.

— מיר ווילט זיך גאָר ניט עסען... כ'לעבען — וויצעלט זיך שלמה, האַלב־שכור'לעך... כ'האָב גענומען אַ ביסעל בראַנפּען..

— מיר ווילט זיך נאָך אויך ניט עסען, אויף נאַמנות! — קלאָגט זיך דאָס עלטערע מיידעל, קוקענדיג אויף דער מוטער מיט די בולקעס.

— איך וויל נאָך אויך ניט... זאָגט אַ קינד.

קורץ, עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיינער וויל אויף צו־להכעיס ניט עסען. פריידעס אויפרעגונג איז ניט משער צו זיין.

— איהר פרעסט, צי ניט? — ברענט זי און כעס'ט, — וואָרום איך וועל אייך מיט געוואַלט אַריינשטאָפּען.

שלמה נעהט זיך וואַשען, נאָך איהם די קינדער.

מען שטעלט זיך אַלע אַרום דער מולטער בולקעס, פריידע גיסט אַן יעדען צו גאַנצע גלאָז מילך און סטאַרעט זיך פריינדליך צו זיין; זי דאַרף יעצט זייער טובה.

— עסט, קינדערלעך.

הערענדיג אַזאַ ווייכקייט פון דער מאַמען, ווערען די קינדער געריהרט און עסען מיט געוואַלט אַ ביסען נאָך אַ ביסען. אָבער אַז די מילך איז געענדיגט בלייבט נאָך אין מולטער זעקס בולקעס.

פריידע קוקט אויף זיי פערצווייפעלט.

— משומדים, עסט! זאָל איך אַרויס וואַרפען זעקס בולקעס?... פרעסט!

— כ'לעבען עס געהט ניט מעהר... בעט זיך שלמה — איך וואָלט דיר אודאי צוליעב געטהאָן...

— נו, און איהר? — ווענדט זי זיך צו די קינדער.

די בעסערע, מעהר געהאַרכזאַמע קינדער, וואָס ווילען צו־ליעב טהאָן דער מאַמען, נעהמען נאָך צו ביסען, די ערגערע אָבער האַלטען אין איין טענה'ן:

— עס געהט ניט!...

עס העלפט ניט פריידעס ניט דאָס בעטען מיט גוטען, ניט דאָס שילטען; און אַ פערצווייפעלטע מוז זי אַ פיער בולקעס אַרויפטראָגען אויפ'ן בוידעם, וואו עס ערוואַרט זיי פערשימלונג און פערדאַרונג...

און זי שילט פול מיט ערביטערונג:

— זאָל פון אייך ווערען וואָס פון די בולקעס וועט איבער יום־טוב ווערען...

נאָר אין האַרץ גיסט זי ערשט אויס אַ זייגער עלה, ווען די בולקעס זיינען שוין אויפ'ן בוידעם, דער חמץ פערברענט און קיין מצה טאָר מען ניט און עס איז אַ שאָד צו עסען — און אַט ערשט דאַן איז זיך מישב אַ קינד און מורמעלט ארויס:

—עס ווילט זיך עסען...

און באַלד ווייזט זיך ארויס, אַז אַלע ווילען עסען...

דאַ פעהלען שוין פריידע'ן קללות אויס, און זי מוז קיה־לען איהר האַרץ מיט אַ קלאַפּ, און זי רייצט זיך:

— אויפ'ן בוידעם ליגען פיער בולקעס...

און די קינדער הויבען אָן שטאַרק חרטה האָבען אויף זייערע זינד, וואָס זיי האָבען אין דער פריה ניט געגעסען, נאָר די תשובה איז שוין שפּעט. און שלמה אליין, וועלכער האָט זיך שוין אויך גוט אויסגעהונגערט, געהט ארום אַ האַלבער אַ פּסח־דיגער און מורמעלט:

— היינט זיי אַ חכם און טרעף, אַז עס וועט זיך באַלד וועלען עסען...

און אַ הונגעריגער ווארט ער אויפ'ן סדר, וועלכער וועט נאָך ערשט העט־ווען זיין...

און אַ הונגעריגער נעהמט ער אויף זיך, בלי נדר, אַז אי־בער אַ יאָהר וועט ער אויפעסען אַלע בולקעס, איבער אַ יאָהר וועט ער פאַר'ן בוידעם ניט לאָזען קיין ביסען.

איבער אַ יאָהר איז אָבער ווידער די זעלבע מעשה.

האָט שוין פריידע אַמאָל געפּרובט באַקען נאָר דריי פונט, איז אויך געבליעבען אַ דריי בולקעס. ניט אַנדערש ווי אימיצער האָט פערשאָלטען, ניט אַנדערש!...

א דראַמאַ איבער 5 קאַרטאָפּעלס.

— וואָס מען קען שוין די קאַרטאָפּעל אָבזייען? — האָט פריידע געפרעגט מיט א שטארק ערנסטען פּנים, קוקענדיג צום טיש, וואו איהר מאַן, שלמה דער שניידער האָט געגעהט מיט צוויי פּועלים.

שלמה האָט נאָך אפילו קיין צייט ניט געהאט צו לאָזען די ארבייט, ער האָט נאָך געדאַרפט איין ארבעל ענדיגען און צו־שניידען א פּאָר הויזען פאר די פּועלים, נאָר דערהערענדיג דאָס וואָרט קאַרטאָפּעל, האָט זיך ביי איהם דער „יצר הרע" אזוי צופלאַמט, אז ער האָט גלייך אויסגערופען:

— וואָס פרעגסט דו, נארישע אידענע? אודאי אָבזייען! קאַרטאָפּעל, אז עס ווערט פערטיג, זייט מען עס אָב. וואָס דען לאָזען איבערקאָכען זיך?...

— אלץ וויים ער! — האָט פריידע זיך געקרימט.

— וואָס עפּיס גוטע קאַרטאָפּעל? זיי צופאַלען? — האָט שלמה געפרעגט, ניט בעמערקענדיג פריידעס קרימערייי...

— וועסט עסען, וועסט דו וויסען! — האָט פריידע בייז געענטפערט.

— נו, חברה! נעמט צו פון טיש, לאָז מען שוין עסען אָנבייסען! — האָט שלמה געקאָמאנדעוועט מיט א לוסטיג פייער'ל אין די אויגען.

די „חברה" וואָס איז בעשטאַנען פון צוויי דארע בחורים־לעך, האָבען פלינק אוועקגעוואָרפען די ארבייט, פונקט ווי זיי וואָלטען עס מעהר צוריק קיינמאָל ניט בעדאַרפט נעהמען, האָבען אוועקגעשטעלט דעם פּרעס אונטער'ן טיש און זיינען שוין גע־

ווען גרייט מיט זייערע הונגעריגע מיילער איינשלינגען דאָס, וואָס די „גוטע“ בעל־הבית׳טע זייערע, פריידע, וועט זיי דער־לאַנגען.

נאָר ביי פריידע׳ן איז עס נאָך קענטיג, ניט אין גאַנצען פערטיג געווען, זי האָט זיך נאָך געפּאַרעט מיט גרויס פערטראַ־גענקייט אין אויווען, פּונקט ווי דאָרטען וואָלט זי היהנער גע־בראָטען.

אַז פריידע האָט שוין מיט גאָט׳ס הילף די קאַרטאָפעל פון אויווען ארויסגענומען און אוועקגעשטעלט דאָס טעפּעל אויפ׳ן פריפּעטשיק, האָבען די צוויי פּועלים פרייער אָבגעאָטהעמט; שלמה אליין, אלס בעל־הבית איז מיט ברייטקייט צוגעגאַנגען צום פריפּעטשיק, און איידער פריידע האָט נאָך גענומען אבזייען, האָט ער א חאַפּ געטהאָן פון טעפּעל מיט די הענד א צוגעברענטע קאַרטאָפעל; די קאַרטאָפעל איז אבער זעהר היים געווען, שלמה האָט זי ניט געקענט איינהאַלטען, און זי איז ארויסגעפאַלען פון זיינע הענד אויף דר׳ערד.

די צוויי פּועלים, וועלכע האָבען צום אַנהויב איהם שטאַרק מקנא געווען און ניט פערגונען, וואָס ער געהט צו צום טעפּעל נעהמען א קאַרטאָפעל, האָבען זיך ווי מיט נקמה צולאַכט אויף דער שרעקליכער סיבה.

און פריידע האָט אויפגעעפענט איהר מויל און האָט אָנ־געהויבען צו שרייען:

— א קאַרטאָפעל גע׳פּטר׳ט! טריפה האלז! איינהאַלטען קען זיך דאָס ניט, אַזוי ווי איך וואָלט עס געטראָגען פערקויפען.

שלמה׳ן האָבען פריידעס קולות קיינמאָל ניט געאַרט. בפרט ווען עס געהט אין א קאַרטאָפעל, און ווען זי האָט שוין די קאַר־טאָפעל געזייעט, האָט ער זיך מכין געווען ווידער א חאַפּ טהאָן פון טעפּעל א קאַרטאָפעל. נאָר פריידע בעמערקענדיג עס (אויך האָט פריידע שוין געקאַנט איהם!) האָט מיט א ווילדען כעס א געשריי געטהאָן:

— דו לאזט מיר פרעסער, אבזייען די קארטאפעל, צי ניט, ווארום איך שיט אוים באלד דעם טעפעל קארטאפעל אויף דר'ערד.

שלמה האט מורא געהאט צוליעב איין קארטאפעל פער־שפיעלען די גאנצע, און קוקענדיג מיט אפעטיט אויפ'ן טעפעל, איז ער זיך געגאנגען וואשען.

— איהר האט, א פנים, מורא פאר הייסע — האט ביי'ם וואשען זיך איינער פון די פועלים, בערציק, געפרובט מאכען א שמועס וועגען דער אראבגעפאלענער קארטאפעל.

שלמה האט איהם גאר נישט געענטפערט, נאר מיט א שארפקייט אויף איהם א קוק געטהאן. דער פועל האט חרטה געהאט וואס ער האט דעם „בעל הבית אויפגערייצט פאר'ן „אנ־בייסען" און האט אין הארצען א נדר גענומען קיין זייטיגע זא־כען מיט'ן בעל הבית קיינמאל ניט רעדען. „חאפט איהם דער רוח, הענגט ער זיך אויף!"...

דער „עולם" האט זיך געזעצט צום טיש, פריידע האט פרי־הער דערלאנגט דאס ברויט, נאך דעם האט זי צוגעטראגען א פאר זויערע אונגערקעס מיט ראסעל.

— גוט! גוט! — האט שלמה געלויבט.קארטאפעל האט ליעב א זויערן אוגערק, דאס ליגט אזוי אין דער טבע... גוט— גוט!

באלד האט פריידע אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש א גרויסע לעדיגע שיסעל. דאס איז געוועזען א מין דריטער קלונג, אז קארטאפעל געהט! און ווירקליך האט אין א רגע ארום פריידע צוגעטראגען דאס טעפעל און האט מיט גרוים בריה'שקייט איבערגעקעהרט און אנגעהויבען שיטען אין שיסעל אריין. שלמה האט געקוקט ווי די קארטאפעל האבען פרעהליך איינע נאך דער אנדערער געיאגט זיך און געפלויגען מיט שמחה און ער האט העכסט צופריעדען אויסגערופען:

— גוט — גוט! א חוואט! נאר דאכט זיך אז ווייניגלעך

א ביסעל! — האט ער צום סוף געמאכט א בעמערקונג, זע־הענדיג, אז די שיסעל איז ניט פול.

— עס וועט דיר זיין גענוג צו לעבען! — האט פריידע מיט רוגזא געענטפערט.

שלמה האט די ערשטע קארטאפעל גענומען, נאך איהם האבען גענומען די צוויי בלייכע דארע פועלים, הערציק און בערציק, און די סעודה האט זיך פרעהליך אנגעהויבען. ביי דער צווייטער קארטאפעל איז שלמה אריין אין זיין ראָלע און האט פערקאשערט אביסעל די היטעל, ווי זי וואלט איהם געשטערט צו שלינגען. און די צוויי דארע בלייכע פועלים האבען ווילד גע־גלאצט די אויגען: די קארטאפעל איז פאר זיי צו הייס גע־ווען; ווארטען, וויעדער, זיי זאלען זיך אביסעל אבקיהלען האבען זיי מורא געהאט, אז ר' שלמה זאל זיי מיאוס ניט אבטהאן, און זיי האבען געשלונגען הייסע שטיקער...

אז שלמה האט געהאלטען שוין ביי דער זעקסטער קאר־טאפעל, האט זיך די טהיר געעפענט, און עס איז אריין אין שטוב חיענע די שוסטערקע, וואס האט געוואהנט געגענאיבער און האט זיך געהאלטען מיט פריידע אין קרובה'שאפט. שלמה אליין, צווישען אונז זאל עס בלייבען, האט אפילו אויך ניט גע־שטאמט פון גרויסען יחוס, פון דעסטוועגען האט ער זיך מיט דער שוסטערין אביסעל געשעמט, ווענינגסטענס ניט צופריעדען גע־ווען מיט איהר און פלעגט זי ניט ליידען.

— וואו איז פריידע? — האט חיענע געפרעגט קוקענדיג צום טיש, וואו די חברה האט „געריבען" די סעודה.

— איך וויים וואו! — האט שלמה טרוקען ארויסגע־ברומט — מסתמא אין קיך!

— איך בין דא חיענע! — האט זיך געהערט פריידעס קול פון קיך.

פריידע איז ארויס פון קיך.

— מען דארף אנקומען אזא „צעקער", אזא „פלוימע"!

האט זי זיך געקלאגט פאר חיענען, רק מען פארעט זיך, ברוך השם!

— דו האסט היינט גאר געקאכט אויף אנבייסען קארטאפעל — האט חיענע געפרעגט, קוקענדיג מיט הונגעריגע אויגען צום טיש.

— יא, קארטאפעל, — האט פריידע געענטפערט ווי מיט א זיפץ, — איך האב אפילו קיין צייט ניט צו עסען. נעהם, חיענע, א קארטאפעל, האט זי ענדליך צוגעלעגט, ווי מיט א האלבען מויל.

שלמה האט מיט כעס א הוסט געטהאן, און די צוויי פועלים זיינען בלייכער געווארען.

— מען דארף טאקי פערזוכען א קארטאפעל — האט חיענע זיך פרום פערקנייטשט צוגעהענדיג צום טיש נעהנטער.

שלמה האט זיך נערוועז א הויב געטהאן פון באנק און זיך צוריק אראבגעלאזען, ניט וויסענדיג וואס צו טהאן פאר כעס.

— טייערע קארטאפעל! — האט חיענע געלויבט, עסענדיג די קארטאפעל מיט גרויס אפעטיט.

„זאל איהר באקאם ארוים!“ — האט שלמה אין הארצען געשאלטען.

— גאר גוטע קארטאפעל, וואו האסטו דאס געקויפט? — האט חיענע אלץ געלויבט און גענומען נאך איינע.

שלמה האט א ציטער געטהאן. ווען ער וואלט זיך ניט געשעמט, וואלט ער א חאפ געטהאן די שיסעל צו זיך און ניט געלאזט, נאר ער איז אזוי שטארק ניט געווען און ער האט נאר זעהר בעס׳דיג געהוסט.

— וואוילע קארטאפעל, עס צוגעהט אין מויל! — האט חיענע אלץ געלויבט און האט גענומען א דריטע קארטאפעל.

— „א רוח אין איהר טאטען אריין, וואס איז דאס פאר א חוצפה!“ — האט שלמה שטיל געקאכט. „דעם מוח וועל איך איהר פלעטען!“...

— מאָרגען, אם ירצה השם, דאַרף מען אויך קאָכען קאַר־טאָפּעל — איך האָב שוין לאַנג נ׳ט געקאָכט.

— אז מען האָט נים, קאָכט מען ניט, עסט מען נים — האָט שלמה געברומט אָהן צוזאַמענהאַנג, נאָר פאַר ווילדען חשק צו שטעכען דער אַרעמער קצבנ׳טע, דער מיאוסער שוסטערקע, וואָס פּרעסט אויף זיינע קאַרטאָפּעל.

— נייז, ניט דאָס, איך האָב ניט קיין צייט צו שיילען — האָט חיענע, ניט פערשטעהענדיג שלמה׳ס כעס געענטפערט און האָט גענומען נאָך א קאַרטאָפּעל.

— „שלעכט!" האָט שלמה געטראַכט און א וואָרף געטהאָן א פערצווייפעלטען בליק צו די צוויי פּועלים, ווי ער וואָלט זיי געזאָגט: חברה וואָס שווייגט איהר, ראַטעוועט! שוין פיער קאַרטאָפּעל! — די פּועלים האָבען אָבער גאָר נישט פערשטאַנען און חיענע האָט גענומען א פינפטע קאַרטאָפּעל. . . .

. . . .

— דו! ! ! — האָט שלמה ווילד אויסגעברומט, אז חיענע איז ארוים, — דו! ! ! וואָס האָסטו איהר געבעטען עסען קאַרטאָפּעל, הא? „בעל צדקה!"

— איך וויים, — האָט פריידע, ווי פערשולדיגט געענט־פערט, מען קען דאָך ניט זיין קיין „חזיר" — א מענש געהט אריין, בעט מען עסען, זי דאַרף דאָך אָבער אויך קיין חזיר ניט זיין, זי דאַרף דאָך האָבען איהר איינענע איידעלקייט און ניט עסען.

— דיינע א קרובה וועט האָבען איידעלקייט! — האָט שלמה געברומט.

— דיינע קרובים זיינען טאַקי זעהר איידעל! ליבטשי דיין טייערער פעטער, אז ער קומט א מאָל שבת פרעסט ער אויף אלץ...

— שווייג! — האָט שלמה זיך צעקאָכט. דערזעהענדיג ...וין באַלד די דעק פון שיסעל און דערמאַהנענדיג זיך, אז ווען

די שוסטערין וואָלט ניט אריין וואָלט נאָך מיט פינף קאַרטאָ־פעל מעהר געווען — אויף זיין חלק צוויי און אפשר דריי...

— איך האָב מורא פאַר דיר טאַקי! — האָט פריידע זיך נים אונטערגעגעבען.

בערציק און הערציק האָבען גענומען נאָך צו קאַרטאָפעל.

די שיסעל איז נאָך לעדיגער געוואָרען, און שלמה׳ן האָט זיך נאָך געוואָלט, אזוי שטאַרק געוואָלט שלינגען זיי, שלינגען אָהן א סוף, און די פינף קאַרטאָפעל, וואָס חיענע, די מיאוסע שוסטערין, האָט אויפגעפרעסען האָבען איהם רוהען ניט געלאָזט, און ער האָט וויעדער א ברום געטהאָן:

— דו שווייגסט!?... איך פלעט דיר דעם מח.

— איך לאָך פון דיר! — האָט פריידע זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען.

די שיסעל איז לעדיג געוואָרען, אויף שלמה׳ן איז אָנגע־פאַלען א ווילדער כעס: די פינף קאַרטאָפעל האָבען איהם באמת נעפעהלט און זי לאַכט נאָך פון איהם. — זי, וואָס זי האָט אזא פרעסערין פאַר א קרובה. ער האָט פאַר כעס ניט געקענט רעדען.

ער האָט נאָר געזוכט עפּעס אויפ׳ן טיש, דאָס האַרץ איז נעווען איבער פול מיט רציחה. פריידע האָט בעמערקט זיין רציחה, און עס האָט איהר אויך שרעקליך פערברענט: זי האָט אפילו איין קאַרטאָפעל ניט פערזוכט, זי האָט קיין צייט ניט געהאַט, און ער האָט זיך אָנגעפרעסען ווי א פויער און ער שרייט נאָך און זי האָט א געשריי געטהאָן:

— גזלן דו, פרעסער, שכור!

— וואו איז די שער? די שער? די שער!! — האָט שלמה פאַר רציחה געשריען. איך וועל איהר פלעטען דעם מח.

און די שטוב האָט זיך געהויבען אין דער לופטען..

דער קראנקער פינגער.

ביי זעליגען, א בלאסער אכצעהניעהריגער פועל, וועלכער ארבייט שוין ביי לייזער דעם שניידער צוויי יאהר און בעקומט שכירות פופציג רובל א יאהר מיט קעסט, האט „אנגעריסען“ א פינגער און אקוראט יענער פינגער, אהן וועלכען די נאדעל קען ניט אויסקומען, מוז איהם נויטיג האבען. ערב רייסען האט זעליג קיין יום־טוב דערפון ניט געמאכט. ער האט אפילו גע־וואוסט, אז דעם יום־טוב פון פינגער־רייסעניש, וועט ער מוזען פייער'ן, עס העלפט ניט קיין חכמות: ער האט אבער געמאכט עטליכע טעג „נדחה“, אבגעלעגט אויף מארגען, איבער־מארגען און ווייטער אויף מארגען. דעם לעצטען פריה־מארגען איז ער אבער אויפגעשטאנען מיט א פינגער, וואס האט געהאט דעם אויסזעהן פון א גלאז און מיט א שטעכעניש, וואס איז אזש אין די שפיץ פינגער פון די פיס פערגאנגען. אז ער האט גע־דארפט אנטהאן דאס רעקעל און דער קראנקער פינגער האט זיך פערטשעפעט אין די צוריסענע אונטערשלאג פון ארבעל, האט ער זיך שמערצליך פערקרימט און געגעבען א קרעכץ ווי אין דער היים פאר דער מאמען:

— אי!

דא אבער, ביי'ן שניידער, האט עס קיינער נישט געהערט און זעליג האט זיך ניט געקענט קיין עצה געבען, וואס צו טהאן, ווי אזוי מעלדעט מען עס פאר'ן בעל־הבית און פאר דער בעל־הבית'טע. מען דארף האבען דערצו א כח פון א... ער וויים אליין נישט וואס פאר א כח — ער וויים נאר, אז ער וועט עס ניט קענען מעלדען.

און זעליג בעשליסט זיך שווייגען, זיצען אנ'אָנגעטהונע־נער און שווייגען אין געהאקטע וואונדען; זאָל זיין וואָס עס ועט זיין, וועט אויסקומען צו דערצעהלען וועט ער דערצעהלען.

די צוויי איבריגע פועלים האָבען זיך שוין אָנגעטהאָן און האָבען זיך געזעצט צו דער ארבייט. זעליג האָט אויף זיי נע־קיקט מיט קנאה. אָט זיינען זיי גליקליכע מענשען, זיי האָבען געזונדע מיטעלסטע פינגער און וועלען זיך זעצען ביז אָנבייסען און געהען, און נאָכדעם וועלען זיי זיך „איינרייבען" די גוטע קארטאָפעל מיט די אוגערקעס, מיט דעם טייערן מילכיגען קרופ־ניק פערזופען און זיך ווייטער זעצען נעהען, ביז מיטאָג; שען און פיין. וואָס וועט זיין מיט איהם?...

— וואו איז דאָס זעליג ערגיץ? — קייקעלט זיך א קול פון לייזער'ן, וועלכער שטעהט ביי'ן גרויסען טיש און צייכענט אָן א סורדוט מיט קרייד, וואו די קנעפּ איינצונעהען.

— איך בין דאָ... שטאמעלט זעליג, שטעהענדיג אין ווינ־קעל. ווייסט ניט וואָס צו ענדיגען און בלייבט אנשוויגען.

לייזער ווערט נשתומם פון ענטפּער, גיט א קוק אין זעליג'ס ווינקעל און וויצעלט זיך:

— ביזט דאָ? יישר כוחך! ווילסט זיך דורכגעהן אפשר א ביסעל שפּאצירען? אין דער בריה שאדט עס נישט. עס וועט זיך עסען געשמאקער...

— א פינגער רייסט... מאכט זעליג א טריט נעהנטער צום טיש, און שטרעקט אוים דעם קראַנקען פינגער, מיט א מינע פון א גנב ווען ער איז זיך מודה, אז ער האָט גע'גנב'עט.

— וואָס? דערהערט ניט, אָדער מאכט זיך לייזער ניט הערענדיג — וואָסער ציינג?

— א פינגער אָנגעריסען, ווי א גלאָז! ווערט שוין זעליג דרייסטער און האָט א העזה אונטערצורוקען דעם ג"ע ערנעם פינגער גלייך דעם בעל הבית אין די אויגען אריין און שמייכעלט, ווי נערעדט: נאַ, האָב פון מיר נחת!...

— ביזט א חכם! — שרייט אוים לייזער קוקענדיג מיט א דאקטארישען בליק אויפ'ן פינגער — האסט געפונען א צייט ווען א יום־טוב צו מאכען.

— וואס קען איך העלפען? — פערענטפערט זיך זעליג און שמייכעלט דאכט זיך מיט א טרעהר — דאס איז דאך ניט מיט א כיון...

— ניט מיט א כיון, יא מיט א כיון, חקר'נט זיך לייזער בייזליך — די ארבעל וואס דו האסט צו מאכען, וועלען אבער דערפון ניט ווערען פארטיג.

„גוט אבגעשפיעלט"! — „דאנקען גאט"! — טראכט זעליג נאך דעם בעל הבית'ס ווערטער און וואלט שוין זיין גאר צופריעדען, ווען ער וואלט געהאט אזא ווינקעל וואו צו בעהאל־טען זיך, אז קיינער זאל איהם ניט זעהן, ער זאל זיך קענען זיצען שטילערהייד און צוהערען זיך צום וועהטאג און פאמע־לעך קרעכצען: אי — אי...

אזא ארט איז אבער ניטא, סיידען אין קיך: אין קיך קאכט אבער ציפע אנבייסען און זי איז ביים קאכען זעהר בייז און וועט איהם געוויס ניט לאזען רוהיג...

ער שטעהט אין מיטען שטוב און ווייסט זיך ניט צו וואס צו כאפען.

— אוי, עס נעמט! עס נעמט! פרובט ער ארויסרופען ביי לייזער'ן מיטלייד צו איהם, אויסשטרעקענדיג אין דער הויך דעם פינגער.

די צוויי פועלים גיבען אויף איהם א קוק, ווי נערערט: ברודער! וואס קענען מיר דיר העלפען?... ווייסט דאך...

נאר זעליגען איז זייער בליק ניט וויכטיג; איהם איז נויטיג פון דעם בעל־הבית א ווארט... לייזער אבער שווייגט.

— ער מוז זיין אין כעס! שרעקט זיך זעליג און פרובט פערגרינגערן לייזער'ס כעס מיט א קרעכץ. עס טהוט מאקי וועה, עס שנייאט ווי מיט מעסער.

— אי, ווי עס רייסט!

— נו, ברודער! — ווענדעט זיך לייזער צו איהם, קיין קינפּעטאָרין ביזט דו נאָך ניט, קיין סכנות שטעקט ניט, סיידען פאר מיין קעשענע. קרעבצען געה אין בעט...

זעהר ניט גוט, דער בעל הבית איז אין כעס טאקי... קרעבצען דארף מען נים. וואו דען טהוט מען זיך אהין?

זעליגען פאלט גאָר איין צו זאָגען דעם בעל־הבית, אז מאָרגען וועט דער פינגער זיכער בעסער ווערען.

— מאָרגען וועל איך מסתמא קענען נעהען... שטאמעלט ער ארוים.

— איך בין גליקליך! — ענטפערט לייזער איראָניש.

— ע, דאָס איז שוין אן עולה — טראכט זעליג — איך קוק ניט וואָס דער פינגער שטעכט מיר ווי מיט נאָדלען און וויל זיך סטארען מאָרגען געהען און דו — גאָר נישט. ביזט א שלעכטער...

און זעליג בעשליסט, אז ער וועט גאָר ניט בעשטעהן אַן איהם. וואָס שרעקט ער זיך אזוי? א נייס, אז עס רייסט אַן ביי א שניידער־יונג א פינגער, מען נעהט אזוי פיעל! א קלייניגקייט! א פינגער איז דאָך ניט פון אייזען, רייסט ער אַן א מאָל, איז וואָס איז דאָס פאר אן אונגליק! עס איז א העזה צו זיין אין כעס! זעליג ווערט שטארק ברוגז: לאָ די וואָס דער בעל הבית טרייסט איהם ניט, קרימט ער זיך נאָך. וואָס קרימסטו זיך?

און זעליג פּראָטעסטירט שטארק אין הארצען קעגען בעל־הבית און רוקט זיך אָב מיט האלב זיכערע טריט צום בעט, וואו ער זעצט זיך אוועק, קוקט אויפ'ן פינגער, בלאָזט אויף איהם און פערגינט זיך ארויסלאָזען א קרעבצעלע און איז זיך גאָר מחיה... מורא האָבען וועל איך, וואָס? טראכט ער ביי זיך דרייסט און נעמט זיך קרעבצען אָפטער און העכער, און ער פיהלט, אז ער איז גאָר ניט אזא ציטעריגער, ווי מען מיינט...

נישקשה, אז ער דארף און ער וויל קאָן ער קרעכצען... ער לאַכט זיך פון איהם אויס!...

אין אַ פּאָר שעה ארום איז ציפּע אריין פון קיך אין שטוב און אַ פערשוויצטע מיט אונטערגעקאשערטע עקען פון טיכעל אויף די אויערן, מיט אראָבגעלאָזענע הענד און מיט אַ שטרענגען פּנים, האָט זי אָבגעגעבען אַ ראפּאָרט:

— דער אָנבייסען איז שוין פארטיג! מען דארף גרייטען צום טיש.

זעליג, וועלכער פלעגט אַלע טאָג דעם ראפּאָרט אָבוואַרטען מיט גרויס אונגעדולד און אויסהערען ניט אָהן פרייד, האָט איצט דערפיהלט זיך ווי פערלאָרען. ער האָט אראָבגעלאָזט די בליקען צום פינגער, ווי ער וואָלט איהם אַן עצה געפרעגט:

— קען איך געהן צום טיש עסען? געגעהט האָב איך היינט ניט... ווי זאָגסטו — עס פּאַסט?

דער פינגער האָט אבער נאָך שטרענגער געקוקט. גלייך אַ שטאַרקען שטאָך געטהאָן און גאָר נישט געענטפערט.

זעליג האָט געזעהן, ווי ציפּע שפּרייט אויס איבער'ן האַלבען טיש אַ טישטוך, לעגט אַוועק אַ לאַבען ברויט מיט אַ מעסער און זי לאָזט זיך געהן צוריק אין קיך. וויעדער זעהט ער, ווי די צוויי פּועלים איידער זיי געהען זיך וואשען, ברעכען אָב צו ביסען ברויט עד לחשבון און קייען מיט אַפּעטיט. דער פינגער שטעכט איהם וואָס אַ רגע מעהר, ער איז אַן אמת'ער חולה. דער קאָפּ אפילו טהוט איהם אויך וועה, און דאָך, ווי צו להכעיס ווילט זיך איהם היינט מעהר עסען ווי אַלע טאָג, און גאָט ווייסט, צי וועט ער האָבען כח איינזיצען אַזוי אויפ'ן בעט און ניט געהן עסען...

צוצוגעהן אָבער צום טיש דארף מען האָבען אויך אַ כח. וואו־זשע נעהמט מען איהם? מה דאָך אז ער נעהט אויף אין ־ער פריה אַ פּאָר הויזען און פערדינט זיבעציג 2—3 זילבערן.

זעצט ער זיך עסען ווי אן אָרעם בחור און עסט אלע מאָל ווענ־גער זויפיעל ער וויל, ווייל איהם דאכט זיך אלץ, אז לייזער קוקט איהם אין מויל אריין און רעכענט זיך צי לוינט איהם צו האַלטען אזא עסער, א פשיטא שוין היינט וואָס ער האָט גאָר גישט פערדיענט...

און די פראגע „עסען צי ניט" פילט אָן זעליג'ס מח און ער פערגעסט אויף א ווײַלע דעם וועהטאָג.

אָט זיצט שוין לייזער ביים טיש, ביי די זייטען — די צוויי פּועלים. זיי קוקען צום קיך־טהיר, פון וואנען ציפּע דארף עפּעס אריינטראָגען. עס נעדויערט עפּעס צו פיעל. לייזער ווערט בייז און גיעט א ברום:

— וואָס פּאַרקעסטו זיך דאָרטען? דיינע שעהנע מאכלים! זעליג דערשרעקט זיך פאר'ן בעל־הבית'ס שלעכטען הומאָר. צו־געהן צום טיש איז איצטער א סכנה. ער זעהט ווי די פּועלים, וואָס האָבען געזונדטע פינגער און האָבען עהרליך דעם גאנצען פריהמאָרגען געארבייט, ציטערן אויך ווי א פיש אין וואסער, קייען די שטיקלעך ברויט און קענען דוכט זיך ניט אראָבשלינ־גען... און זעליג בעט גאָט, אז מען זאָל גאָר ביים טיש פערגע־סען, אז עס עקזיסטירט דאָ ערגיץ אין שטוב, אויפ'ן בעט ערגיץ, נאָך א פּועל, וואָס מען רופט איהם זעליג... זאָל מען איהם לאָ־זען זיצען רוהיג, זאָל ער ניט דארפען בעגעגענען זיך מיט ליי־זער'ס בליקען...

נאָר עס געראָט ניט. אז ציפּע טראָגט אריין די גרויסע שיסעל מיט קארטאָפעל און די טעלער מיט די זויערע אוגער־קעס, ווערט לייזער ווי ווייכער, ער זאָגט מבינות אויף די קאר־טאָפעל און עסט מיט גרויס אפּעטיט. זעליג וואַרט אויף עפּעס און דאָס הארץ ווארפט זיך ווי ער וואָלט ערוואַרטען דעם בע־שלום ווענען זיין ווייטערדיגען לעבען.

— וואו איז דאָס ערגיץ זעליג? — פרעגט פּלוצים ציפּע, וועלכע זיצט שוין אויף ביים-טיש.

זעליג רעכענט ניט פאר איבריג צו געבען אַן ענטפער דורך א קרעכץ, און זאָל מען שוין דאָרט ביים טיש ערקלערען וואָס מיט איהם איז... ער שטרענגט אָן די אויערן.

— זעליג איז א חולה! הערט ער לייזער'ס איראָנישען טאָן.

— זעליג! — רופט ווידער לייזער.

— הא! — רעדט זעליג שוואַך ארוים, און וואַרט אויף א איינלאַדונג צום טיש...

— פון דעסטוועגען גייה צום טיש! — רופט לייזער פון יוצא וועגען.

„פון דעסטוועגען" — — וואָס עפּעס פון דעסטוועגען" — קריטיקירט ער אין געדאנק דעם בעל הבית'ס טאָן, און ער איז זיך נוקם און שווייגט, חאָטש ער ווייס, אז די נקמה איז א גע־פעהרליכע. יעדע מינוט, יעדער רגע ווערט אין שיסעל וועני־גער.

— וואָס? א פינגער רייסט איהם מסתמא? — פרעגט ציפּע קאַלט, ווי איהר געהט די גאַנצע מעשה ניט אָן.

— וואָס דען? — ענטפערט נאָך קעלטער לייזער — ווע־מען זאָל רייסען א פינגער אז ניט איהם? — זעליג, גייה צום טיש... זעליג גיט א קלער אהין און אהער, אהער און אהין, און ווי ער וואָלט אויף זיך אליין קיין דעה ניט האָבען, געהט ער צו צום טיש, זעצט זיך אויף דעם שפּיץ בענקעל און ער הויבט ניט אויף די אויגען.

— לעג איהם אריין אין טעלער'ל א פּאָר קארטאָפּעל,— ווענדעט זיך לייזער צו ציפּען. ציפּע רוקט איהם אונטער א טעלער'ל מיט עטליכע קארטאָפּלעס און זעליג מאַכט זיך הארץ

און עסט אויף איינע. ער וויל נעהמען א שטיקעל ברויט. נאר קיין אנגעשניטענע אויפ'ן טיש איז ניטא. יעדער האלט נעבען זיך א שטיקעל, און ער אליין זאל נעמען צו זיך דעם לאבען און שניידען האט ער היינט ניט קיין העזה, און ער עסט אהן ברויט.

— ווייז, ווייז דעם פינגער! — רייסט איבער אין מיטען ציפע. זעליג לאזט דאס עסען, און חאפט זיך מיט אימפעט ווייזען דעם קראנקען פינגער, זאל זי טאקי זעהן, זאל זי ניט מיינען...

— א פינגער ווי א בארג! — זאגט ציפע און קעהרט גלייך אב דעם קאפ. ער וועט צורייבען א וואך, אויב ניט מעהר.

לייזער גיעט א קרומען בליק אין זעליג'ס ווינקעל. זעליג ווערט צוטומעלט, און פאר צוטומלונג נעהמט ער נאך א קארטאפעל, נאר אראבשלינגען קען ער בשום אופן ניט, ער ווארגט זיך מיט איהר. די אויגען ווערען אנגעלאפען מיט בלוט, אין די שלייפען האקט און דער פינגער קעהרט ממש וועלטען, ער שטעכט און רייסט און בריהט...

זעליג דערשלינגט ווי עס איז די קארטאפעל און א קרעכץ נעבענדיג הויבט ער זיך אויף און געהט אוועק צום בעט, און בעשליסט, אז ביז וואנען דער פינגער וועט זיך ניט אויסהיילען וועט ער צום טיש, עעסן אפילו, ניט צוגעהן.

צוקומענדיג צום ווינקעל בעט, ווארט ער דאך, אז מען וועט איהם איינלאדען צום קרופניק, און עס קען זיין, אז ער וואלט אפשר געבראכען דאס ווארט און געגאנגען... ציפע איז זעהר א שלעכטע בעל־הבית'טע, קרופניקעס, אבער, א מכה איהר, קאכט זי זעהר גוטע, צום קרופניק אבער לאדעט מען שוין איהם ניט און זעליג האט חרטה, וואס מיט די פאר קארטאפעל

האט ער זיך נאר מיאוס געמאכט, און ער זאגט זיך אליין מוסר:

— פרעסער! אז מען נעהט ניט, עסט מען ניט, ליעגט מען אין געהאקטע וואונדען...

און דער פינגער שווייגט אויך ניט. ער הויבט אן וואס א מינוט שארפער און שארפער צו שניידען. אבער זעליג שמארקט זיך: ער קרעכצט ניט. ער בעשליסט אפילו זיך זעצען צו דער ארבייט און זאל געשעהן מיט'ן פינגער וואס עס זאל געשעהן: ער מעג איהם אפילו פערליערען: צו אלדי שווארץ יאהר מיט'ן פינגער, מיט דער גאנצער האנד!...

דעם טאטענ'ס שטיוועל.

אלע ווייסען, אז שטיוועל „מאכט מען" און א הויז בויט מען. חיים, אן ארימער טאטע פון 5 קינדער מיט א צוגאב א ווייב, איז קיין משוגענער ניט געווען, פון דעסטוועגען פלעגט ער שטענדיג זאגען: מען דארף בויען א פאר שטיוועל, אדער: איך האב, גאט צו דאנקען, אויפגעבויט א פאר שטיוועל... און זאגען פלעגט ער דאס ניט אין א וויץ — חיים'ען איז ניט געלעגען אין קאפ ז'ך צו וויצלען, — נאר אין ערנסט. דערפון קאן מען שוין פערשטעהן, ווי ווייט חיים'ען איז שווער אנגעקומען צו מאכען זיך א פאר שטיוועל. און נישט אפט, פערשטעהט זיך, איז חיים אין שטאנד צו בויען זיך שטיוועל: אין משך פון צוואנציג יאהר נאך זיין חתונה, האט ער זיך סך הכל געבויט דריי פאר שטי־וועל. עס איז לייכט אויסרעכנען, אויף ווי פיעל יאהר עס מאכט אוים א פאר שטיוועל און צו בעגרייפען, ווי פיעל לאטעם א פאר שטיוועל האט מיט דער צייט בעקומען...

חיים פלעגט זאגען, אז ווען עס זאל זיך ווענדען נור אן איהם אליין, וואלט ער געטראגען א פאר שטיוועל בי'ן טויט אריין; ווארום ער ווייסט, ווי אזוי מען דארף זיך בעגעהן מיט א פאר שטיוועל: ער פערשטעהט ווען די פאר שטיוועל זיינען דארשטיג, און ווילען א טרונק, נאטירליך ניט קיין וואסער. נאר „דזיעגיץ", וואס ער פלעגט קויפען פאר דער לעצטער קאפיקע— און ווי אזוי זיי אבצוהיטען פאר איין אונגליק, ווי א פלאצונג פון דעם לעדער, א ריס א. ד. ג. איז אבער איין אונגליק, אז מיט די שטיוועל, וואס געהערען איהם אליין על פי דין און על פי יושר, און מען רופט זיי טאקי אין שטוב: „דעם טאטענס

שטיוועל", בענוצט זיך דאך דאס גאנצע הויז־געזינד, איבערהויפּט הערבסט און ווינטער צייט, און דאָס איז פאר די שטיוועל גע־ ווען, ווי חיים פלעגט זיך ביי'ן אויסדריקען „אן אמת'ע הריגה"— מען קוילעט זיי ממש אוועק פאר דער צייט! אָט, למשל, די יעצ־ טיגע פאָר שטיוועל, וואָס ער האָט ערשט סך הכל מיט 5 יאָהר צוריק געבויט, האָבען שוין דריי לאַטעס און וואַלטען, עס זאָל נאָר זיין געררוים אין קעשענע און פרעהליך אויפ'ן האַרץ, גע־ דאַרפט נויטיג ווי דאָס לעבען, א פיערטע לאַטקעלע.

מילאָ, אז דאָס ווייב, וואָס האָט נעבעך זעהר צעריסענע שיך, טהוט זיי אָן אין דער פריה, ווען חיים שלאָפט נאך און געהט אין זיי נאָך וואסער, איז א האַלבע צרה; ערשטענס איז זי אן „עלטערער מענש" מיט שכל, און ווייס, ווי אזוי מען בע־ געהט זיך מיט א שטיוועל (חאָטש, אייגענטליך, איז דאָס א מאנסבילשע זאך...), צווייטענס האָט זי טאקי קיין עין הרע אויך א גרויסען פוס, פונקט ווי זיינער, און דאריבער שאדט איהר טריט ניט אזוי שטארק. די זעלביגע זאך איז מיט די עלטערע קינדער, וואָס האָבען אויך נעבעך אַלע צעריסענע שיך, וואָס נעעצן און קוויטשען, ווי מען שטעלט זיי נאָר ארויס אויף דער בלאָטיגער גאס. און זיי, וואָס געהען זומער־צייט ארום באָר־ פיס, האָבען אויך, קיין עין הרע ניט, גרויסע פיס און פון זיי־ ערם א טריט קען אויך אזוי שטארק א שטיוועל נישט ליידען. דאָס אונגליק איז נאָר מיט לייבעלען, מיט'ן 12 יעהריגען מי־ זיניקעל, וואָס האָט לחלוטין קיין שיך ניט און האָט, בערך א קליין פיסעל, און אָט זיין פיסעל איז שוין א הריגה פאר'ן שטיוועל....

חיים, וואָלט איהם אפילו ניט געלאָזט זיי אָנטהאָן: אין חדר געהט ער שוין דעם לעצטען ווינטער סיי ווי סיי ניט. ער אליין לערנט מיט איהם א שטיקעל חומש. ארויסגעהן אויפ'ן הויף, קען ער אין די „חאַראקעס*) וואָס זיינען ספּעציעל גע־ מאכט געוואָרען צו פערשאָנעווען די איינציגע פאָר שטיוועל

און יענע שיך פון שטוב, וואס זיינען שוין לאנג אפילו, דאך אמאל ניי געווען... ווילט זיך איהם אבער ארויסגעהן אין מארק אריין, ווען מען וויל גראד שיקען איין עלטערן נאך א האלבען הערינג, למשל:

— ווילסט געהן אין מארק אריין — זאגט איהם חיים כלומרשט בייז, ווארום אין אמת'ן האט ער איהם ליעב — נעה אין די „חאדאקעס".

— אין די חאדאקעס! — פערקרימט זיך לייבעל וויינענ־דיג, — עס איז דאך קאלט.

-- קאלט? טא זיץ אין שטוב! — ענטפערט חיים.

— א'ן שטוב, אין שטוב! — וויינט לייבעל — א גאנצען טאג אין שטוב?

— מילא, גיעב איהם שוין די שטיוועל! — מישט זיך אריין די מאמע, — זאל דאס קינד זיך אביסעל דורכלופטערן. ער ווערט דאך נעביך פארזעסען.

— ביזט א בעל צדקה! — בייזערט זיך חיים און הויבט אן, פון רעסטמוועגען, אראבצושלעפען די שטיוועל, פריהער פון לינקען, דערנאך פון רעכטען פוס, ווי עס שטעהט ערגיץ אין א ספר (חיים איז א איד וואס קען לערנען!)

— נא! — זאגט ער ארויס, ווענדענדיג זיך צו לייבעלען מיט א טאן, אין וועלכען עס הערט זיך: נעהם מיין נשמה!

לייבעל, וואס פערשטעהט ניט, ווי גרויס דער קרבן איז, ווארפט שנעל פון זיך אראב די חאדאקעס מיט א שטראהלענדיג געזיכט הייבט ער אן ארויפציהען דעם רעכטען שטיוועל אויף דעם לינקען פוס...

דערזעהענדיג אזא ווילדען טעות, ווערט חיים ווירקליך בייז און, אהן א ווארט צו רעדען, נעהמט ער צוריק די שטיוועל.

— פאר וואס? — פרעגט לייבעל מיט א געקלעמט הער־צעל. אויסשטעלענדיג אויפ'ן טאטען די פערטרערטע או־גען.

— דערפאר, וואס דו ביזט א גוי. ווי טהוט מען אן שטי־

וועל? דעם רעכטען אויפ׳ן לינקען פוס? ! צעקרימען ווילסטו זיי? !

ליבעל בלייבט שטעהן, ווי א פערשולדיגטער, אהן א ווארט פערטיידיגונג, און אין דער אמת׳ן — מיט וואס קען ער זיך פערטיידיגען געגען אזא עולה, ווי ער האט געטהאן? אנטהאן דעם רעכטען שטיוועל אויף דעם לינקען פוס!...

מישט זיך אבער ווידער אריין די מאמע (א, די מאמע, די מאמע, לאנג לעבען זאל זי!...) און זאגט:

— פון וואנען זאל ער, נעביך, וויסען, ווי מען טהוט אן א פאר שטיוועל? דו האסט א סך פאר שטיוועל איהם געמאכט („געבויט" ווילט זיך חיים׳ען פערבעסערן). נאר ער בלייבט ביים ווערען). די „חאראקעס" וואס ער טראגט, זיינען איינפי־סיגע.

ביי אזא מין גערעכטיגע פערטיידינונג ווערט שוין ליבעל שטאלץ און טרייבט שוין אפילו איבער די מאס. ער גיעט, ווענדענדיג זיך צום טאטען, א געשריי:

— גיעב מיר די שטיוועל! די שטיוועל גיעב אהער!...

איצט דערפיהלט זיך חיים שולדיג! האט קיין מוט ניט צו אנשרייבען אויף ליבעלען, וואס איז עובר אויף „כבוד אב" און ער גיעהט איהם צוריק די שטיוועל, און ליבעלע טהוט זיי שוין אן ווי געהעריג איז.

— אט אזוי! לויבט חיים.

אז ער קוקט זיך אבער צו, ווי אזוי ליבעלע מאכט דעם ערשטען טריט, קען ער זיך ניט איינהאלטען און גיעט איהם א רוף צוריק:

— ווי אזוי געהסטו? קרים ניט די אבצאסען. געה ווי א מענש!

נאר ליבעל הערט שוין נישט! ער האט שוין האסטיג גע־עפענט די טהיר און ער „שוועבט" שוין, אין די גרויסע שטי־יועל, איבער דער בלאטינער גאס און איהם דאכט זיך, אז פאר־

שמחה האָט ער בעקומען פּליגעל.

א קליינינקייט: ער, לייבעלע, א שנעק פון 12 יאָהר, נעהט אין טאַטענס שטיוועל, אין אזוינע גרויסע!...

און פאר גליק, שפּרינגט ער אונטער, חאַטש ער ווייס, אז פאר די שטיוועל איז עס ווי דער טאַטע זאָגט: „אייז אמת'ע הרינה"...

די אידענע מיט'ן באב.

דער גרויסער טאפ באב, וואס חייקע די אלמנה, א הויכע דארע אידענע מיט גוטע שווארצע אויגען, וואס מען זעהט זיי קוים ארויס פון אונטער'ן טיעף אראבגעלאזטען קאפ־טיכעל— דער גרויסער טאפ באב, וואס זי קאכט צום פערקויפען, איז אין די גאסען, וואו זי געהט אום, זעהר א גאנגבארע סחורה; מען רייסט זיי פון די הענד. ערשטענס איז באב ביליג — א קאפיקע א מעסטעל; און צווייטענס קויפט זי זעהר גוטען באב און קאכט איהם אויס זעהר ווייך. ווער עס קויפט ביי איהר איין מאל, וועט שוין א צווייטען מאל זי זוכען. אזא נאמען האט איהר באב! זי זאל זיין בעזאנדערס שטאלץ אויף איהר סחורה, קען מען ניט זאגען: משטיינס געזאגט, דער גאנצער יחוס פון באב! אז „ער“ האט געלעבט און האט געקנעלט מיט אלף־בית קינדער, איז איהר געווען אביסעל בעסער! האבען איהר א זעכציג קינדער גערופען „רביצין“. אוודאי איז „רביצין“ שעהנער, ווי באב־אידענע... וואס זאל מען אבער טהאן? דארף „ער“ קריגען די סוכאטע און אוועקשטארבען! מסתמא האט גאט אזוי געוואלט.

אבער מאנכע מינוטען פון גדולה גיעט איהר אויף דער מסחר פון באב, און ניט נאר גדולה, נאר אפילו שמחה און נחת.

ווי געזאגט, האט זי איהר באב זעהר לייכט פערקויפט אי'ן די ארעמע גאסען. ארומגעהן אין די הייזער מיט'ן באב האט זי ניט געברויכט; נאר אין איין הויף פלעגט זי מיט א בעזונ־דער שמחה און גדולה אריינגעהן מיט איהר סחורה. אבער ניט אליעב פריון, נאר צוליעב גאר עפעס אנדערש...

אריינגעהענדיג אין דעם גרויסען תלמוד־תורה־הויף, וואס איז ארומגעצוימט מיט א הויכען לאנגען פארקאן, האט זי דער־פיהלט, אז איהר לעבען איז נאך ניט אזוי פינסטער, ווי זיי מיינט, אז זי לעבט און ברענגט נוצען מיט איהר לעבען.

אין דעם דאזיגען גרויסען הויף, צווישען די פיעלע אבגע־ריסענע ארעמע תלמוד־תורה אינגלעך, געפינט זיך איינער, אויך אן אבגעריסענער ווי אלע איבעריגע, און א יתום — דאס איז איהר בערעלע; איהר טהייערער קדיש.

— בערעל! די מאמע מיט'ן באב איז געקומען! הערט זי, אריינגעהענדיג אין הויף, ווי קינדערשע שטימען רופען.

א־הר הארץ הויבט אן קלאפען פאר פרייד, איהרע אויגען אונטער'ן קאפ־טיכעל שיינען.

— בערעלע! — רופט זי מיט נחת.

און עס בעווייזט זיך א בלאס אינגעלע, מיט צוויי שוואר־צע אויגעלעך און מיט א צודראפעט שפיץ נעזעלע, ער לויפט צו צו דער מוטער און לאזט פערשעמט אראב די אויגען.

— בערעלע! האסט שוין געלערנט? — פרעגט זי מיט ליעבשאפט.

— שוין צוויי מאל!— ענטפערט פאר בערעלען א צוויי־טער מיט א פנים פון א רעבטען קונדס, און לאזט נ־ט אראב די אויגען פון טאפ מיט באב, וואס איז איבערגעדעקט מיט א זישט זעהר קלאר, פון פארע דורכגעפייכטען טישטוכעל.

— און ווער ביזטו? — פרעגט הייקע מיט א גוטמוטיגען שמייכעל, קוקענדיג דא אויף איהם, דא אויף איהר בערעלען.

— אייער בערעלעס א חבר! — שיסט אויס דער קונדס'ל מיט נצחון, און קוקט אויפ'ן טאפ מיט באב.

— ער שלאָגט דיך ניט, בערעל — האַ? — פרעגט זי בעזאָרגט.

— ניין מאַמע! — ענטפערט בערעלע פערשעמט.

— איך נעהם זיך פאַר איהם שטענדיג אָן! — שרייט דער קונדס אוים מיט היץ — ניט אמת, וואָס? זאָג בערעל!

בערעל שווייגט, נאָר אין זיין שעמעדיגען שמייכעל שטעקט אַ בעשטעטיגונג.

— נו, ווילסט אביסעל באַב? — פרעגט זי דעם קונדס׳ל.

דער קונדס דערפרעהט זיך און פערשעמט זיך צוזאַמען.

— אומזיסט וויל איך ניט... איך וויל קויפען...

— האָסט דען געלד? — שמייכעלט גוטהערציג די אלמנה.

— באָרגען... איך וועל אייך מאָרגען אָבגעבען, אויף נאמנות!

— נו, איך באָרג דיר, ביזט אודאי אַן עהרליך אינגעל! — ענטפערט חייקע געריהרט און שיט איהם אַ פול מעסטעל באַב אין די יידע אויסגעשטעלטע, דאַרע און קויטיגע הענדטלעך אריין.

— אַ דאַנק... זאָגט ער ארוים ווי צוטומעלט פאַר גליק. באַלד אבער האַפּט ער זיך, אַז מען דאַנקט נאָר פאַר אַ מתנה, ער אָבער נעהמט דאָך בלויז אויף „באָרג“, פעררירכט ער זיך:

— מאָרגען בעצאָהל איך אייך!

חייקען מיט׳ן טאָפּ רינגלען דערוויייל ארום די אלע אינג־לעך, וואָס האָבען שוין אָבגעלערנט דעם פריהמאָרגענדיגען „שיעור“. ווער עס קויפט פאַר באַאַר, ווער אויף באָרג און ווער גאָר בעטעלט מיט שטומע יתומדיגע בליקען.

חייקע שטעלט אלע צופרידען, און אַז זי געהט אוועק טאַנצט דער נאַנצער תלמוד־תורה־הויף פאַר פרייד.

און דער אבגלאנץ פון דער פרייד בלייבט ביי חייקען אויף
א גאנצען טאג. פאר נאכט קומט בערעל אהיים, און זי פרעגט
איהם:

— נו, בערעלע, היינט האט דיר קיינער ניט געשלאגען?

— די אינגלעך ניט, נאר דער רבי... — ענטפערט בערעל
אומעטיג. דערצו האט שוין חייקע קיין מיטעל ניט. געלד
פאר'ן רבי'ן האט זי ניט און באב עסט ער ניט — עס שאדט
איהם צום געזונד.

די מרידה ביי אקדמות.

„שלשה ימי הגבלה" איז דאס געשעהן, ווען אויף אונזערע הערצער איז געווען פרעהליך, ווען מיר האבען שוין געפיהלט די האלבע פרייהייט, וואס מיר וועלען געניסען די דריי טעג, לערנענדיג נאר צו האלבע טעג און די גאנצע פרייהייט וואס מיר וועלען געניסען אין די פיער טעג: ערב שבועות, צוויי טעג שבועות און „אסרו חג"...

עה, פרייהייט, פרייהייט! אזוי שרייט זיך מיר אצונד נישט־ווילענדיג אוים און איך דערמאן זיך אן דער מרידה, וואס מיר, חדר־אינגלעך האבען, דערשמעקענדיג די פרייהייט, געמאכט ביי אונזער רבי'ן אין חדר און, וואס ער האט איינגעשטילט, ווי דער שטייגער איז, מיט שמיץ...

א בייזער, א שטרענגער איז אונזער רבי, ר' משה חיים ברוך'ס, געווען און א גרויסער למדן, דער ערשטער למדן אין שטאדט. גרויסע אידען מיט בערד האבען פאר איהם אבשיי געהאט, און מיר, חדר־אינגלעך, האבען מורא געהאט. עס איז געווען געוווינ, אז ער זאל זאגען, דאכט זיך, גאר שטיל: „נעהמט די גמרות", אז אונזערע הערצער זאלען זיך אנהויבען ווארפען פאר שרעק.

יא, א גרויסער למדן איז ער געווען. מיר האבען עס געפיהלט, לערנענדיג ביי איהם מסכת בבא קמא, און דערהויפט דעם פרק „מרובה". אין „מרובה" האט ער געוויזען גרויסע קונצען. ער פלעגט אויף איין ריש־לקיש'ן אבשטעהן גאנצע שעה'ן, אויף די תנאים א גאנצען נאכמיטאג צייט און פלעגט זעהן זיי אלעמען אויסגלייכען, אבשלאגען אלע קשיות, נישט דערלאזען

צו גרויסע מחלוקות, און וואו עס פלעגט האלטען שמאל, פלעגט ער רופען צו הילף דעם תוספות, דעם „מהר"ם שיף", דעם „נחל יהושע", דעם „באר יצחק", און נאך און נאך, ביז ער פלעגט ארויס ווי א העלד, א בעזיגער און פלעגט א ווײַלע אברוהען, גלעטענדיג דאס שפּיציגע בערדיל...

און מיר, חדר־אינגלעך, האבען געמיינט, אז גרעסער פאר אונזער רבי'ן אין לומדות איז גאר אין דער גאנצער וועלט נישטא און אונזער מורא פאר איהם איז פון טאג צו טאג גע־וואקסען.

אגב פלעגט ער נאך אונזער מורא פערשטארקען מיט א קלאפּ, א שמיץ און אנדערע מיטלען פון א הערשער...

עס פערשטעהט זיך, אז קענען קלעפּ פלעגען מיר שטארק, שטארק פּראטעסטירען... מיט וואס פאר א העזה שלאגט ער אונז, 12—13 יעהריגע אינגלעך! א שאד נאר, וואס פּראטעס־טירען פלעגען מיר אלע אונטער די אויגען, געהענדיג מיט צו־קלאפּטע זייטען, צופּאטשטע באקען א היים; אין די אויגען דעם רבי'ן האבען מיר קיינמאל די העזה און דעם שכל ניט געהאט צו פּראטעסטירען. און עס איז טאק שווער געווען: געה פּראטעס־טיר קעגען ר' משה חיים ברוך'ס, אזא למדן! עס האט טאקי קיין פּנים, חוזק וואלט מען פון אונז געמאכט.

דארף זיך אבער טרעפען צום גליק אדער צום אונגליק א מעשה, אז מיין טאטע, וואס האט פאר מיר געצאהלט 20 קערבליך א זמן — און געצאהלט גוט, אלע חודש 4 קערבליך — אז מיין טאטען פערוועלט זיך אז דער רבי זאל מיט אונז שלשת ימי הגבלה לערנען אקדמות און רות...

און איך קום צו געהן אין דער פריה אין חדר און זאג ארויס מיין טאטענס בעפעהל:

— רבי, דער טאטע האט געהייסען, איהר זאלט מיט אונז לערנען אקדמות און רות...

— אקדמות גאָר... — האָט דער רבי זיך ווי אַ קרים גע־טהאָן, — וואָס דאַרפט איהר אקדמות?...

— דער טאַטע האָט געהייסען... האָב איך זיך געהאַלטען ביי מיינס, וויסענדיג, אַז מיין טאַטע איז ביים רבי'ן אַ גוטער בעל הבית.

— נו, מילא, אַז דער טאַטע וויל אקדמות, זאָל זיין אקדמות. מהיכא תיתי — האָט ער אונצופריעדען אַרו סגעברומט און דער רבי האָט געשיקט די תלמידים, וואָס וואָהנען נאָהנט פון חדר, ברענגען שבועות'דיגע מחזורים.

עס איז געוואָרען לעבעדיג, די אינגלעך האָבען זיך מיט געפּילדער אַרויסגעריסען פון טיש און אַרויסגעכאַפּט זיך אויפ'ן גאַס, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דער פרעהליכער אויס־געשריי: אקדמות!...

— אקדמות! — האָט דער רבי געברומט, ווי דאָס וואָרט „אקדמות וואָלט איהם עפּעס געררייצט...

באַלד האָבען די פיער אינגלעך געבראַכט די שבועות'דיגע מחזורים, דער רבי האָט די מחזורים בעטראַכט מיט קרומע בליקען און זיך גענומען אויסקלייבען אַ מחזור פאַר זיך...

ער האָט געקליעבען עטליכע מינוט און האָט עפּעס געזוכט. נאָר דאָס, וואָס ער האָט געזוכט האָט ער נישט געפונען, ווייל ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, האָט נעביך אונזער רבי, דער למדן, געזוכט אַ מחזור מיט „עברי־טייטשט"... מיט אַ כעס האָט ער גענומען דאָס מחזור וואָס יאַשקע־חייקעלס האָט גע־בראַכט מיט די פּירושים „מטה לוי", „בית לוי" און „מעשה אורג" — דאַכט זיך גענוג פּירושים, נאָר דער רבי האָט געבענקט נאָך אַ פיערטען, ווייבערישען פּירוש — נאָך אַ ביסעלע „עברי טייטש"... ער וואָלט גאָר גענעזען געוואָרען... עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָב איך ערשט שפּעטער מיט די איבעריגע תלמידים פערשטאַנען...

— נו, נעהמט, געפינט אקדמות! — האָט ער מיט אונגעווּעהנליכען כעס א קאָמאנדעווע געטהאָן.

איך ווייס נישט, צי דערפאר וואָס מיר האָבען זיך געפיהלט שוין האלב פרייע אינגלעך, צי האָבען מיר זיך געשטויסען, אז דער רבי אונזערער, דער למדן, האָט מורא פאר אקדמות'ס מאָד־נעם תרגום — אזוי צי אזוי — די מורא איז עפּעס פון אונז אין גאנצען אראָב און מיר האָבען זיך פאר שמחה צעזונגען:

אקדמות מילין ושריות שותא
אולא שקילנא הרמן ורשותא.

דערביי האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט און געוואַרט, אז דער רבי זאָל אונז „טייטשען". דער רבי אבער האָט זיך אריינגעקוקט מיט דאָס גאנצע בערדיל אין „מטה לוי" און האָט געזוכט עפּעס דאָרטען, געזוכט מיט שרעקליכע ווילדע בליקען...

— נו, רבי... — האָב איך זיך אָבגעשטעלט — פערטייטשט אונז...

— זאָגט, קינדערלעך, ווייטער... זאָגט... — האָט דער רבי פון אונטער „מטה לוי" ווייך ארויסגערעדט...

דאָס ערשטע מאָל האָבען מיר דערהערט פון אונזער בייזען רבי'ן דאָס וואָרט „קינדערלעך", דאָס ערשטע מאָל האָט זיין קויל אזוי ווייך געקלונגען.

דאָס האָט אבער נישט געווירקט, מיר האָבען אלע ווי אין געדאַנק „יד אחת" געמאכט נישט ריהרען זיך פון אָרט, וואו ער יעט אונז נישט איבערטייטשען יעדעס וואָרט בעזונדער.

— נו, רבי! — האָט שוין נאָך א תלמיד געמאָהנט א בי־סעל מיט עזות — פערטייטשט!...

דער רבי האָט ארויסגענומען דאָס בערדיל מיט די אויגען פון „מטה לוי" און האָט קוים ארויסגערעדט:

— אקדמות — איידער איך הויב אָן, מילין — ווערטער, ושריות־שותא... נו, זאָגט, קינדערלעך, ווייטער... האָט זיך דער רבי געבעטען און האָט געווישט דעם שטערן...

מיר האָבען אויסגעשאָסען א געלעכטער, פאר וואָס מיר וואָלטען אין אן אנדער צייט בעקומען א שעהן ביסעל פּעטש און האָבען גענומען ווייטער זינגען:

גויל אלו רקיעי קני כל חורשתא.

— רקיעי — די הימלען! — האָט דער רבי אונז דאָס וואָרט פערטייטשט און געטריבען ווייטער:

— זאָגט, קינדערלעך, זאָגט, דער טאָג שטעהט נישט, מיר דארפען נאָך לערנען רות אויך, הײנט איז דאָך בלויז א האַלבער טאָג... נאָך מיטאָג פריי!...

דאָס וואָרט „פריי" האָט דער רבי געדריקט, ווי ער וואָלט אונז וועלען דערמיט אונטערקויפען, אז מיר זאָלען ניט בעטען „פערטייטשען". פון איין זייט האָט ער געווירקט, פון דער צווייטער זייט האָט ער דערמיט נאָך ערגער געמאכט, ווייל פּרעהליך ווערענדיג פון דאָס וואָרט „פריי" האָט זיך אונז פערוואָלט לוסטיג מאכען איבער אונזער בייזער רבי'ן און יעדער תלמיד פלעגט אלע ווײלע אן אנדער וואָרט פרעגען:

— וואָס טייטש כלול גפי?

— וואָס טייטש באדישתא?...

— וואָס טייטש טרשותא?...

און נאָך יעדער פראגע פלעגט זיך גלייך הערען א שאָס פון מויל — א הילכיג געלעכטער...

און דער רבי, דער בייזער רבי, האָט מוטהלאָז געווישט דעם קאלטען שוויים פון שטערן, צוויי ווערטער פלעגט ער אָב־טיישען, צעהן דורכלאָזען און פלעגט זיך בעטען אליין:

— זאָגט קינדערלעך, זאָגט! באלד דארפט איהר שוין געהן פריי, און איהר האָט נאָך קיין רות נישט געלערנט...

און מיר זאָגען ווייטער און שטעלען זיך אב ביי שווערע ווערטער, און שלעפּען דעם רבי'ן פון „מטה לוי", אווו ער זוכט „ראטונאק" און קען נישט געפינען...

ענדליך, אז מיר האלטען שוין ארייננגעפאהרען אין האלב „אקדמות" פאלט דער רבי אויף א פלאן (קיין נאר איז ער נישט געווען) און רופט זיך אן מיט זיין שטענדיגער שטרענגער שטימע:

— נו, גענוג! דאס ווער דעלען מיר „קאנטשען" מארגען; איצט נעהמט נעפינט רות...

ווי פון הימעל אראבגעפאלען פיהל איך זיך נאך דער גזירה. ס'טייטש נישט ענדיגען אזא פרעהליכעס שפיעל?... און איך בונטעווע מיין חבר מיט'ן פוס:

— מען דארף קאנטשען!..

און מיין חבר איז אויך קיין נאר נישט און בונטעווע א צווייטען, און דער צווייטער איז אויך קיין נאר נישט און בונטעוועט א דריטען, ביז אונזער גאנצער חדר צובונטעוועט זיך און אלע שרייען ווי אין איין קול:

— קאנטשען אקדמות! ! !

— קאנטשען אקדמות! ! !

— קאנטשען אקדמות! ! !

אונזער בייזער רבי, דערזעהענדיג אזא מיאוסע מעשה פון זיינע ביזהעריגע שטילע, געהארזאמע חדר איינגלעך, האט זיך אין גאנצען פערלארען. זיינע אויגען האבען זיך מיט בלוט אנגעגאסען, די באקען זיינען ווי אייגנגעפאלענער געווארען און ער האט זיך אין גאנצען געטרייסעלט, נישט וויסענדיג וואס צו טהון, ווי איינצושטילען די מרידה און ער האט קוים געקענט זשיפען:

— רות, זאג איך אייך!... רות!...

— אקדמות! אקדמות! האבען מיר זיך געהאלטען פעסט...

. . . .

. . . .

דער סוף פון דער מעשה איז פאר אונז טרויעריג געווען. דער רבי, ווי א צורייצטער האהן, איז ארויסגעלאפען פון חדר און

אין א האלבע שעה ארום איז ער געקומען מיט דריי בעלי בתים— דריי טאטעס — און האט גערעדט:

— דאס ערשטע מאל טרעפט מיר אזא מעשה! דאס ערש־טע מאל!...

— אזוי גאר קינדער, איהר שלאגט א רבי'ן?... — האט איין בעל הבית רוהיג זיך אבגערופען — פיין! פיין! נישטא וואס צו רעדען!...

דער רבי האט זיי קענטיג דעם אמת נישט דערצעהלט און כדי צו פערגרעסערען אונזער שטראף האט ער אויסגעטראכט אויף אונז א בלבול, אז מיר האבען איהם געשלאגען.

— נו, וועט איהר, הייסט דאס, מיר העלפען? — האט דער רבי זיך געווענדט צו די בעלי־בתים...

— שייך העלפען — האבען די בעלי בתים, ווי אין איין קול געענטפערט — מען דארף זיי „קאטעווען“, אז בלוט זאל שפריצען...

קיין בלוט האט אפילו נישט געשפריצט, מען האט אונז מיט רחמים גענעבען נאר צו צעהן שמיץ — די בזיונות אבער האבען אונז וועה געטהאן, שטארק וועה געטהאן! אזוי, אז די פאר פרייע יום־טוב טעג איז אונז נישט איינגעגאנגען און מיר האבען גענומען אויף זיך דאס צווייטע מאל מאכען די רעוואלו־ציע מיט מעהר שכל...

אויפ'ן בוידעם.

איינע פון די ערהאבענע זאכען, צו וואס לייזער'ל א זעקס־יעהריג אינגעלע, האט געשטרעבט, איז געווען דער בוי־דעם פון דעם איינשטאקיגען שטיבעל, וואו זיין טאטע־מאמע האבען געוואהנט. ווי א פאעט ציהט צו די וואלקענס, צו די שטערן, צו דער לבנה, אזוי האט לייזערלען געצויגען צום בוי־דעם. אבער פונקט ווי די וואלקענס, שטערן, לבנה זיינען צו הויך און אונמעגליך צו דערגרייכען פאר דעם פאעט, אזוי איז צו הויך געווען און נישט דערגרייכבאר פאר לייזער'לען דער בוידעם.

און געצויגען צום בוידעם האבען לייזער'לען א סך זאכען. דארט אויפ'ן בוידעם, ווייסט לייזער'ל, געפינען זיך די פסח'די־גע כוסות, צווישען וועלכע עס געפינט זיך זיין כוס, א בלויער מיט בלומען... ווייעדער געפינט זיך דארטען א סך אלטע בגדים מיט א סך קנעפלעך, וועלכע וואלטען איהם זעהר גוט צונוץ געקומען, ווען ער זאל זיי אויסרייסען. ער וואלט באלד אנ'עושר, א „מיליאנער" פון קנעפלעך געווארען און אלע חברים פון דער גאס וואלטען פאר איהם דרך ארץ געהאט... אויסער כוסות און קנעפלעך, ווייסט לייזער'ל זיכער, אז דאס צובראכענע וועגעלע ליגט אויך אויפ'ן בוידעם. ער האט אליין געזעהן, ווי מען האט עס אמאל ארויפגעטראגען און פון דאמאלט אן האט זיך זיין בענקשאפט צום בוידעם פערגרעסערט. היינט וויפיעל זאכען ליגען דארט, וואס ער ווייסט נישט! און דאס טאקי אליין פערגרעסערט זיין שטרעבען צום בוידעם. ווער ווייסט וואס פאר א בילד עס וואלט זיך פאר איהם ענטפלעקט, ווען ער

וואַלט נאָך אַריבערגעטראָטען די שוועל פון ידעם בוידעם....

מיט שטרעבען צום בוידעם אַליין איז לייזער׳ל נישט אָבגעקומען.

נישט איין מאָל פלעגט ער זיך מוטשיגען, קוקענדיג אויף דעם האַלב־צובראָכענעם הויכען לייטער און זיך נעהמען טאַקע קריכען; נאָר אָוועקשטעלענדיג זיך אויף דער ערשטער טרעפּ פלעגט זיך דער לייטער נעהמען שאָקלען און אַ דערשראָקענער פלעגט ער אַראָבפּליהען, אָבלעגענדיג זיין נסיעה אויף אַ צווייטען מאָל, אַז ער וועט גרעסער ווערען, און וועט ניט אַזוי מורא האָבען. —

— —

איינמאָל, אין אַ שענעם העלען מיטען טאָג האָט לייזער׳ל דערהערט ווי די מאַמע רופט איהם:

— לייזער׳ל, גיכער!

ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן נעבען זיך די טאַטע־מאַמען, דערשראָקען און בלייך.

— וואוהין? — האָט לייזער׳ל אויף ידערשראָקען גע־פרעגט.

— אויפ׳ן בוידעם, מיין קינד.

„אויפ׳ן בוידעם!“ האָט אַ הם אָבגעקלונגען אין קאָפּ. עס קען נישט זיין! און ער האָט ווידער, שוין אין גאַנג, איבערגע־פרעגט:

— וואוהין?

— קום מיין קינד, קום — אויפ׳ן בוידעם.

ניין, ער האָט טאַקי קיין טעות נישט געהאַט. מען נעהמט איהם טאַקי אויפ׳ן בוידעם. אָט שטופּט איהם דער טאַטע אונ־טער אויפ׳ן לייטער... אָט איז ער שוין טאַקי אויפ׳ן בוידעם, דערלעבט!

אָבער וואָס זאָל דאָס בעדייטען? אפשר אַזאַ יום־טוב. יאָ, געוויס אַזאַ יום־טוב. עס איז טאַקי אַ מאָדנער יום־טוב, אָבער

פאַרט אַ יום־טוב; און לייזער׳ל דערמאַהנט זיך אַז נאָך מאָדנע יום־טובים, ווען דער טאַטע עסט אַ בייגעל מיט אַש, ווען מען שאָקעלט אַ לולב, ווען מען בעט אוים די שוהל מיט היי, ווען מ׳ען געהט צום טייך און נאָך אַזוינע יום־טובים.

„יאַ, דאָס איז געוויס אַזאַ יום־טוב", בעשליסט ער פעסט און עס געפעלט איהם.

און נאָך מעהר זיכערער ווערט ער אין דעם יום־טוב, אז ער וויל עפּעס זאָגען און דער טאַטע מאַכט איהם צו דאָס מויל און שעפּטשעט איהם צו:

— שטילער, מען טאָר נישט רעדען.

ווי באַלד אַז מען טאָר נישט, איז דאָס געוויס אַ יום־טוב. יום־טוב טאָר מען טאַקי אַ סך זאַכען נישט טהאָן...

באַלד דערהערט ער פון דרויסען קולות...

— אוי מאַמע, מען שרייט! — זאָגט ער און וויל צוגעהן צום פענסטעריל אַ קוק טהאָן.

נאָר די מאַמע און דער טאַטע שלעפּען איהם צוריק און לאָזען איהם נישט געהן, אוועקלענענדיג איהם נעבען זיך.

עפּעס אַ מאָדנער יום־טוב, ווערט לייזער׳ל נישט צופריעדען און קוקט מיט רוגזא אויפ׳ן בוידעם, וועלכער האָט ביי איהם פערלאָרען זיין גאַנצען חן, און עס ווילט זיך איהם אראָב, אראָב...

נאָר אויף דער גאַס הערען זיך שרעקליכע קולות, יאָמערייען ווי פון טויזענדער לויות...

דער קליין רעדלעכ'ל.

דער חשק צו רעדלען האט זיך ביי יאסלען דערוועקט זעהר פריה. אז ער איז אלט געווען זעקס יאהר, פלעגט ער שוין געהן מיט דער מאמען אין „פאדריאד", ווען מען האט נעבאקט זייער'ע מצה און מען האט איהם געמוזט געבען האטש איין מצה אב־רעדלען, עס פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע מצה איז געווען א צוריסענע. א גע'פטר'טע, עס האבען זיך פון איהר ממש שטיק־לעך, פאסען געשלעפט, אויסער דעם האט זי אין אויווען שטארק נעבלעזעלט און דער זעצער, אזוי אויך א גרויסער כעסן האט זיך צושריען: „גזלנים, ווערמען לאזט מען דאס צום בלעך"... אבער א „טאלאנט" האט שוין אפילו דאמאלט דער „סטארשי" רעדלער אין איהם דערקענט.

— דער יאט וועט ווען עס איז זיין א זעלטענער רעדלער, האט ער זיך געוועגדעט מיט אן אווטאריטעטען־טאן צו זיין העלפער.

און דער „פאמאשטשניק", וועלכען עס האט אפילו ניט אזוי שטארק געשמעקט צו האבען א קינפטיגען קאנקורענט, האט אבער אויס אכטונג און מורא פאר'ן „סטארשי" מודה געווען:

— יא, עס ווייזט אויס...

נאר די מאמע יאסעל'ס וואס איז דערביי געשטאנען, האט איהם אבגעשלעפט פון בלעך און מיט גרינג־שעצונג געזאגט:

— זאל ער בעסער קענען לערנען, ווי רעדלען...

דאס האט שוין אי דעם „סטארשי", אי דעם „פאמאש־טשניק" פערדראסען, און דערפאר האבען זיי בשום אופן ניט געגעבען יאסעל'ען נאך א מצה אברע־לען...

אָבער צערייצענדיג זיך בלויז מיט דער איין מצה, איז יאָסעלע שוין ניט אָבגעטרעטען פון בלעך און אז ער האָט אליין שוין ניט זוכה געווען צו רעדלען, האָט ער חאָטש געהאלטען אין האנד א רעדעל מיט א קאטשעלקע און געאיבט זיך אויפ'ן בלעך אליין. פון צייט צו צייט פלעגט איהם אוך געלינגען א פיהר צו טהאָן מיט'ן רעדעל איבער אן אָבגערעדעלטער מצה, אויף וואָס דער „סטאַרשי" פלעגט איהם גוט־מוטהיג בעמערקען.

— מע טאָר ניט, אינגעלע...

ער איז אזוי גוט צו יאָסעלע'ן געווען, ווען זייער מצה האָט זיך געבאקט, מיט א בעל הבית'ס א קינד קען מען ניט איינרייסען... אז די מצות האָבען זיך אבער אָבגעבאקט, און די מאמע איז אוועק א היים, נאָר יאָסעלע, ניט קענענדיג זיך שיידען פון בלעך, איז געבליבען, האָט זיך שוין דער „סטאַרשי" מיט איהם אנדערש בעגאנגען. די רעדעל מיט דער קאטשעלקע האָט ער ביי איהם גלייך צוגענומען און שפּעטער א ווײלע האָט ער איחם אפילו געטריבען פון בלעך:

— געה אינגעלע, אהיים. געה געזונדטערהייט...

און נאָך שפּעטער, אז יאָסעלע פלעגט זיך ווידער צורוקען און קוקען מיט דאַרשטיגע בליקען אויפ'ן רעדעל, האָט איהם שוין דער „סטאַרשי" מיט'ן האנד אָבגעטריבען:

— אז דו ועסט ניט געהן מיט גוטען, וועסט דו קריגען ארויסגעוואָרפען.

און יאָסעלע איז א פערשעמטער ארויס מיט אן אראָבגעלאָזענעם קעפּעל פון פּאַדריאַד.

יאָסעלע איז אבער ניט אראָבגעפאלען ביי זיך. די גאַס, וואו זיין טאַטע־מאַמע האָבען געוואָהנט, האָט פערמעגט נאָך פּאַדריאַדען. און אויף מאָרגען נאָך האלבען טאָג, ווען ער איז פריי געוואָרען פון חדר, איז ער שוין געשטאַנען אין א צווייטען פּאַדריאַד. דאָרטען איז געווען א רעדלער אן עלטערער איד, וואָס האָט זיך נע'גט מיט דער ווייב, ווייל ער האָט קיין

קינדער ניט געהאַט, און ער האָט יאָסעלען צוגענומען, ווי א טאַטע.

— איך זעה, אינגעלע, — האָט ער זיך צו יאָסעלען מיט ליעבשאַפט געווענדעט — אז דו ווילסט „קענען“... און אז מען וויל, „קען“ מען... מובטחני, אז דו וועסט זיין א רעדלער ביי אידען.

און יאָסעלע איז שוין פון דעם דאַזיגען אידען און פון רעדער בלעך ניט אָבגעטראָטען און ער האָט טאַקע געכאַפּט פון צייט צו צייט א רעדעל אין האנד און געפ׳הרט איבער די מצות, וועל־כע דער איד פלעגט נאָך דעם אליין איבעררעדלען און זאָגען דערביי:

— מען דאַרף, זוהנינקע, שטייפער צודריקען... שטיי־פער... אָבער דו וועסט קענען... איך זעה, אז דו וועסט קענען. מובטחני שתהיה רעדלער בישראל...

וואָלט שוין יאָסעלע א גליקליכער געווען, דאַרף זיך אָבער אין אלע זיינע גליקען אריינמישען דער טאַטע און וועלען צו־שטערען זיי. אַזאַ טאַטען האָט ער שוין. דאַכט זיך, וואָס קען עס אַרען דעם טאַטען, אז זיין בחור׳על וויל ווערען א מענש: וויל זיך עפּעס אויסלערנען א מלאכה... ניין! יאָסעלעס טאַטע, כאַ־פּענדיג זיך, אז יאָסעלע ווערט פערפאַלען גאנצע שעה׳ן, הויבט איהם אָן צו זוכען און „פּאַקט“ איהם, א דאנק פערשיעדענע מסידות פון יונגערע און עלטערע ברידער און שוועסטער, וואָס פערגינען ניט יאָסלען דעם נחת...

— א דו, שייגעץ! — שרייט דער טאַטע, ווען יאָסעלע׳ן ברענגט אָן עלטער׳ער ברודער אָדער די מאַמע אהיים פון פּאַד־ריאַד, וואו ער האָט ניט נאָר די רעדעל, נאָר אויך די נשמה גע־לאָזען — א, די יורקע! וואָס טהוסטו דאָרטען אין פּאַדריאַד צווישען אזוי פיעל נקבות... א שעהנער שטאַט פון א בחור! וועסט דאָך בטל בששים ווערען... שייגעץ דו... דיין פוס זאָל יאָרן מער ניט זיין... די הויט וועל איך דיר אראָבשינדן...

און יאסעלע האט נעבאך געמוזט אבווארטען א טאג און נים ארייננעהן אין פאדריאד; אבער אויף איבערמארגען איז ער שוין ווידער געווען, געשטאנען נעבען בלעך מיט א רעדעל און קאטשעלקע אין האנד און מיט גרויס פערגניגען אויסגע־הערט די נביאות פון דעם אידען, דעם רעדלער:

— —מובטחני, יונגעלע, אז דו וועסט זיין א רעדלער ביי אידען...

— אט דאס איז טאקי א גוטער איד, — טראכט דאמאלס יאסעלע — אט ער וואלט געווען א גוטער טאטע... האט ער דוקא קיין קינדער נים.

און יאסעלען האט זיך געדאכט, אז גאט פיהרט נים ווי מען דארף די וועלט...

א סך רדיפות און פערפאלגונגען, א סך מסירות האט יא־סעלע איבערגעטראגען אין א גאנצע רייהע פון יאהרען אין דער צייט פון די פאדריאדען. אבער דער „טאלאנט" זיינער האט זיך פאר קיין זאך נים אבגעשראקען. צו צוועלף יאהר איז שוין יא־סעלע אנערקענט געווארען פון אלע רעדלער אין די פאדריאדען. זיי האבען געזאגט, אז ער וואקסט א רעדלער איינער אין דער וועלט און ווען ער וואלט געהאט א ביסעל מעהר כחות, וואלט מען איהם שוין געקענט אנטרויען א בלעך...

די דאזיגע קלאנגען זיינען דערגאנגען צו דעם טאטענס אויערן. דער טאטע, וואס האט אזוי פיעל געשטערט יאסעלען צו ענטוויקלען זיין רעדלערישען טאלאנט, האט ענדליך געמוזט, ווי־לענדיג נים ווילענדיג, א מורמעל טהאן:

— וואס מען קען, שאדט נישט...

און יאסעלע האט שוין פון יענעם טאג אן פראנק און פריי בעזוכט אלע פאדריאדען אין גאס און האט זיך פערפאלקאמט אין זיין ארבייט. די עלטערע רעדלער האבען איהם מיט גרויס

רעספּעקט אויפגענומען און פּלעגען איהם די בעסטע רעדעל אונטערטראָגען.

— נא, אַט האָסט דו די דאָזיגע רעדעל — האָט זיך צו איהם איינמאָל געווענדט א רעדלער — און בייט מיר איבער אויף א שעה...

ביז אהער פּלעגט מען יאָסעלען נאָר געבען א רעדעל אויף העלפען. לאָזען איהם אליין מיט'ן „פּאַמאַטשניק“ האָט מען נאָך ניט געוואגט. פון דער דאָזיגער נייער פאַרלעגונג איז יאָסעלע אָפיציעל אנערקענט געווארען אלס א רעדלער, אויף וועלכען מען קאָן זיך פערלאָזען. שטאָלץ און גליקליך האָט ער זיך געפיהלט שטעהענדיג אויף דעם סטאַרשי'ס אָרט ביים בלעך און אין די אויערן האָבען איהם געקלונגען דעם עלטערן אידענס ווערטער פון אמאָל:

— מובטחני, אז דו וועסט זיין א רעדלער ביי אידען...

* * *

אין א ווינטער ארום איז יאָסעלע בעל מצוה געוואָרען.

— זאָלסט וויסען! האָט איהם דער טאַטע געזאָגט, אז פון היינט אָן ווערסט דו שוין א איד, דארפסט זעהן פיהרען שטאָט... עס קען זיין, אז דו וועסט אפשר דארפען פאָהרען אויף זומער לערנען אין דער פרעמד... שווערע צייטען.. קיין פרנסה נישטאָ... עס געהט א פסח.. אוי—אוי—אוי, פון די זאכען ווייסט דו נאָך גאָר נישט...

די דאָזיגע ווערטער האָבען יאָסעלען א גאנצען ווינטער געגעבערט אין קאָפּ. עפּעס האָט זיי דער טאָטע ארויסגעזאָגט, ניט ווי זיין שטייגער; מיט א בייזקייט, דאכט זיך, אָבער מיט א געבראָכענקייט, מיט א געבעט. יאָסעלע האָט עס דערפיהלט און ער האָט גענומען אויף זיך פון היינט אָן ניט נאָר מורא האָבען, נאָר אויך האָלט האָבען דעם טאָטען... און טאקי העלפען איהם.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָט ער געוואַרט אויף נאָך פּורים, ווען די פּאַדריאַדען וועלען אָנהויבען צו באַקען מצות. ער וועט זיך פערדינגען פאַר א „פּאַמאַטשניק“ און דאָס געלד וועט ער אָבגעבען דעם טאַטען... אין גאַנצען דעם טאַטען. וועט איהם דער טאַטע קויפען א היטעל, ווי ער רעכט; ווען ניט, וועט ער זיך בּעגעהן מיט דער אַלטער...

— טאַטע! — האָט זיך יאָסעלע נאָך פּורים געווענדעט צום טאַטען — איך וויל היינטיגען פאַר פּסח רעדלען מצה פאַר געלד... וועסט לאָזען?...

דער טאַטע האָט פערקנייטשט דעם שטערן, אַנגענומען מיט ביידע הענד די באָרד, געברומט עפּעס אונטער'ן נאָז און אָבגערופען זיך:

— וואָס איז שייך — צי איך וועל לאָזען... אודאי איז דאָס ניט אזוי שעהן... עס איז ניט קיין שטאָט... שטעהן צווישען ווייבער ביז 12 א זייגער ביי נאַכט... איך רעד שוין גישט, וואָס דאָס איז שווער... נאָר אויב דו ווילסט, וואָלט צוניץ געקומען, וואָלסט זיך געמאַכט א גאַרניטורעל...

די מאַמע האָט אָנפאַנגס ניט געוואָלט הערען: — פון איהם וועט דאָך א תל ווערען, — האָט זי גע'טענה'ט — וועה איז מיר...

יאָסעלע האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, געזאָגט אז רעדלען איז זעהר גרינג... „אַלץ וואָס אויף רעדער“ — האָט ער גערקלערט מיט שכל: „איז גרינג... עס געהט אליין“.

און יאָסעלע האָט זיך פערדונגען פאַר א רעדלער אין דער ווייטער גאַס. אזוי האָט דער טאַטע געפּאַדערט.

— זאָלען דאָס מיינע אויגען ניט זעהן!

א וואָך נאָך פּורים איז שוין יאָסעלע געשטאַנען ביי יענקיל'ה'ס אין פּאַדריאַד אָהן א רעקעל, נאָר אין ארבע כנפות מיט

פערקאשערטע ארבעל אויף די הענד און האט גערעדעלט א מצה נאך א מצה. פון דעם שטאלץ און גליק, וואס ער האט איבערגעלעבט אין די פריהערדיגע יאהרען ביים רעדלען, איז שוין מעהר קיין שפור ניט געבליעבען. איצט האט פערנומען דעם ארט דער געדאנק, אז די צעהנרובעלדיגע, וואס ער וועט פערדיענען, וועט ער אוועקגעבען אין גאנצען דעם טאטען.

און דאס האט איהם געגעבען כחות צו שטעהן ביז 12 א זייגער ביי נאכט און רעדלען א מצה נאך א מצה...

מיינע ערשטע האָנאָראַרען.

(פון אַ שריפטשטעלער'ס ערינערונגען)

מיין ערשטער האָנאָראַר איז געווען ניט בעזונדערס גרויס: אַ צווייער פאר אַ ליעד.

דערפאר אָבער איז דער צווייער געווען זיכער: וואָרים ניט פון אַ רעדאַקציע האָב איך דעם צווייער בעקומען, נאָר פון מיין באָבען...

מיין באָבע האָט געצאָהלט עהרליך! איהר קאָנט אודאי מיינען, אַז מיין באָבע איז געווען אַ רעדאַקטאָרין פון אַ אידישער ציימונג. ווערט איהר אַ טעות האָבען. מיין באָבע, אַ פשוט'ע קרעמערין, האָט מיט ליטעראַטור קיין מגע ומשא ניט געהאַט (דערפאַר איז זי טאַקי געווען אַ וואוילע אידענע!), זי איז סתם געווען אַ ליעבהאָבערין פון גראַמען און זי איז געווען די איינציגע, וואָס האָט אנערקענט מיין טאַלאַנט אין יענער צייט.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר צעהן־עלף...

מיין טאַטע האָט ניט געטאַרט וויסען, אַז איך שרייב; ערשטענס איז ער דעמאָלט געווען געגען זשאַרגאָן און צווייטענס האָט ער בעסער געהייסען לערנען!

— ליעדער! — האָט ער געזאָגט — זאָלען שרייבען גרעסערע מענשען פאַר דיר, עלטערע אידען...

דאָס האָט ער געמיינט טאַקי זיך אַליין... מיין טאַטע פלעגט ליעב האָבען אַמאָל בין־השמשות צו מאַכען אַ ליעדעל, און ווער ווייסט, אפשר טאַקי ז'ערפאַר האָט ער מיר פערבאָטען צו שרייבען: קיין „פּראָפּעסיע“ האָט קיין קאָנקורענץ ניט ליעב.

מילא, ער לאָזט ניט, לאָזט ער ניט... נתפעל פון אַזעלכע זאַכען ווערט מען ניט. און אַז דער טאַטע לאָזט ניט געהן אין

וואלד, געה איך דען ניט? און אז ער לאזט נים, למשל, ווינטער קראצען די פערפרוירענע שויב, קראץ איך דען ניט?... מען קריגט שוין אנ׳עצה...

קריך איך ארויף ווינטער אין אבענד אויפ׳ן אויווען (דאס ערלויבט ער יא!...) און גיס מיט גראמען...

וואס טהוט מען אבער — מען מוז דאך זיי עמיצען ווייזען: עס איז דאך אונמעגליך שטיקען זיך אליין מיט׳ן ליעד. עד היום גלויב איך ניט די פערריסענע פאעטען, וואס זאגען בלומר׳שט, אז זיי זינגען ווי דער פויגעל, נאר פאר זיך אליין און דער עולם געהט זיי ניט אן! שקר וכזב! א מענש איז ניט קיין פויגעל, און אז א מענש מאכט א ליעד, מוז ער האבען, דער מענש הייסט עס, נאך א מענשען מיט צוויי אויערן, וואס זאלען זיין ליעד אויסהערען.

ווענען־זשע קאן איך פארלעזען מיין ליעד? דעם טאטען, ווי געזאגט, איז אן אונמעגליכע זאך; די מאמע איז א פערטראגענע אידענע, חאטש זעהר א גוטע; די עלטערע שוועסטער האט יא א שטיקעל ידיעה אין אזוינע זאכען, זי זינגט אליין דאס ליעד „פון אזיע נאך יעווראפע בין איך אין אן אבסניא פערקראבען" און זינגט גאר ניט שלעכט; בין איך אבער מיט דער שוועסטער שטענדיג ברוגז, דא צוקריעגט מען זיך פאר א צונאמען, וואס איך גיב איהר, דא פאר א מסירה׳לע און אמאל טאקי פאר א גרעסערע „המוציא"־חלה.

בלייבט מיר פארט די באבע. מיין באבע איז אפילו שוין אן אלטע אידענע. אבער זעהר א וועלטליכע. און דער עיקר— זי האט פרנסה! שטענדיג איז זי אויפגערוימט. זי האט א גרויסען רימענעם בייטעל מיט אלערליי מטבעות ארומגעבונדען פעסט ארום איהר קליינעם גוף, און צוליעב דעם דאזיגען בייטעל גועהט פון דער באבען א זיסע ווארעמקייט... ווער רעדט, אז די באבע לעגט אריין איהר דארע אדערדיגע האנד אין דעם רימענעם בייטעל, דאכט זיך מיר, אז באלד, באלד נעהמט זי ארויס

עפּעס אַ גרויסע ישועה פון דאָרט און עס וועט ווערן אַלעמען ליכטיג אין די אויגען...

טראָג איך יעדעס גייע ליעד דער באָבען, נאַטירליך אין אָבענד, ווען זי קומט פון קראָם. וואוינען וואוינט די באָבע די צווייטע שטוב פון אונז אין אַ קאַמערל ביי איהר עלטערן זוהן, אַ גרויסער למדן, אָבער זעהר אַ בייזער איד...

געה איך אריין אין קאַמערל, די באָבע זיצט ביים טישעלע און שטריקט אַ זאָק. דער זיידע כלומר׳שט אַ בייזער, אָבער באמת זעהר אַ גוטער, זיצט אויף דעם אויוועלע, וואָס איז ספּעציעל צוגעבויט געוואָרען פאַר איהם צום גרויסען אויווען, און לערנט עפּעס אין אַ ספר.

איך שטעה נעבען דער באָבען און וואג ניט צו זאָגען איהר פון מיין ליעד, ביז זי וועט מיך אליין ניט פרעגען.

ענדליך פרעגט זי גוטמוטהיג:

— נו, וואָס שווייגסטו? זאָג עפּעס!

מיט אַ הארצקלאַפּעניש נעהם איך ארויס פון קעשענע דאָס שטיקעל פּאַפּיער, פערשריבען דורך און דורך מיט גראַמען און האַלט עס אַזוי אַ ווײַלע, ביז איך קריג מוטה און זאָג:

—אַ ליעד געמאַכט... איינער אליין...

— גאַנץ פיין! — לויבט די באָבע נאָך איידער וואָס ווען — אדרבא לאָמיך הערען...

פון דער באָבעס גוטען טאָן בעקום איך שטאַרק מוטה און הויב אָן לעזען...

פאַר אַ גראָשען געלט
ענדיגט זיך די וועלט...

די באָבע איז שוין צופריעדען, די ערשטע צוויי צײַלען געפעלען איהר שטאַרק, זי קאָן זיך ניט איינהאַלטען און ווענדט זיך צום אויוועלע, וואו דער זיידע זיצט, ווי ניט איהם מיינט מען.

— דו הערסט, מאשע — מאשע, דו הערסט, וואס זאגסטו אויף זיין קעפעלע?

נאר דער זיידע איז ניט צופריעדען, ער האלט דערפון ניט און ברומט ארויס:

—ער וואלט בעסער געלערנט גוט, איידער אזוינע נאריש־קייטען...

פון דער דאזיגער מיינונג ווער איך שטארק אראבגעפאלען און אלע מיינע גראמען פערליערען אויגענבליקליך זייער גאנצען ווערטה: „אין דער אמת'ן" — בליצט מיר דורך אין קאפ — „וואס מאך איך זיך נאריש". די באבע אבער מוטהיגט מיך און זאגט:

— אט הער דעם אלטען, וואס ער רעדט... ס'איז זעהר שעהן; וואס מען קען איז גוט...

און זי גיט מיר א קאפיקע, זאגענדיג, אז איך וועל איהר ברענגען א ניי ליעד, בעקום איך ווידער א קאפיקע.

נאטירליך, הייסט זי מיר פון דעם געלד מאכען א תכלית, איך זאל זאמלען, הייסט עס...

איך וואלט אודאי מיין באבען געפאלגט, איך ווייס, אז מען היט די קאפיקע איז אז וואויל און גוט, נאר זאמלען קאן איך ניט, ס'איז איבער מיינע כחות. אויף מארגען ווערט די קאפיקע פערשוועגדט און איך זוך שוין א נייע טעמא פאר א ליעד, איך מוז ווידער האבען די קאפיקע.

א קאפיקע איז א מטבע! מאך איך נאך און נאך א ליע־דעל און נאך א ליעדעל — דריי ליעדער מיט אמאל. איך ווער אליין נתפעל פון מיין פרוכטבארקייט. איך מאך א חשבון, אז איך זאל אין פערלויף פון א יאהר מאכען דריי ליעדלעך א טאג קאן איך נתעשר ווערען. אויסערדעם, זיינען דאך די ליעדלעך אן און פאר זיך אויך עפעס ווערטה... אמת דער טאטע האלט ניט פון זיי, וויל אפילו ניט, איך זאל זיי שרייבען. דער זיידע

ברומט אויך אונצופריעדען, נאר ווער דארף זיי אלע, אז איך האב די באבען, וועלכע צאהלט במזומנים פאר יעדעס ליעד?

איך בין א גליקליכער, פערזארגטער מענש.

געהט אבער אב א צוויי וואכען און עס געהט ניט ארויס קיין איין ל עד. איך ווער שטארק פערצווייפעלט. גאט מיינער, ברום איך פאר ווערהטאג, ניט שוין־זשע וועל איך שוין מעהר קיין ליעדער נישט מאכען, וואס טויג דאן מיין לעבען?

און וואס מעהר פערצווייפעלט איך בין, אלץ ערגער געהט ביי מיר דאס מאכען א נייע ליעד. איך האב אפילו פון דעם אליין, וואס עס מאכט זיך ניט קיין ליעדער, א ליעד געוואלט מאכען און דערויף האב א ך שוין אפילו געהאט צוויי גראמען:

איהר מעגט אייך, ברידער, לאכען.

איך קאן איין ליעד ניט מאכען...

נאר איך האב אזא שרעקליכען סוד מורא געהאט צו ענטדעקען. צו וואס זאל מען וויסען פון מיין אונגליק? ווארום חאטש אין שטוב האט מען פון מיינע ליעדער ניט געהאלטען, פלעגט דאך די מאמע מיך רופען „דער בדחן“ און דאס האט מיך שטארק געפרעהט.

פערגאנגען דריי וואכען אהן א ליעד, פרעגט מיך די באבע:

— נו, פאר וואס ברענגסטו ניט קיין ליעדער?...

איך ווער רויט פאר שאנד, איך פיהל, אז איך פערליער דעם גאנצען אנזעהן ביי דער באבען. איך נעהם זיך פעסט, איך מוז מאכען א ליעד.

אויף מארגען קלער איך א גאנצען טאג. איך פיהל, אז דער קאפ ווערט מיר צושפרונגען: עס געהט גארנישט ארויס. א ליעד אבער מוז איך דאך דער באבען ברענגען, ווען ניט בין איך פערלארען, איך האב שוין לאנג קיין קאפיקע אין די אויגען ניט געזעהן...

און פלוצלונג פאלט מיר איין א ווילדע אידעע.

איך נעהם א ביכעלע מיט ליעדער, וואס געפינט זיך ביי

אונז, קלויב אויס פון דארט דאס שעהנסטע ליעד, שרייב איבער און טראג צו מיין באבען.

דאס הארץ קלאפט, ווער ווייסט, צי וועט מען מיך ניט כאפען.

איך לעז איהם דורך פאר מיין באבען. מיין קול ציטערט און דער גאנצער אינהאלט פון ליעד געהט ארויס נעפעלדיג.

מיין באבע הערט אויס, צוגענעצט זיך און זאגט:

— דאס ליעד געפעלט מיר עפעס ניט, ביזט, זוהנעניו, קאליע געווארען...

איך ווער שטארק פערשעמט: וואס הייסט? א געדרוקטע ליעד... פאר וואס זאל איך ליידען פאר יענעמס ליעד און איך שים ארויס קיין סך ניט קלערענדיג:

— דאס ליעד איז גאר ניט מיינס.

די באבע קוקט מיך אן פערוואונדערט און בייזערט זיך:

— וואס חייסט ניט דיינס? וואס פלוידערסטו... נעה, נעה ביזט א נאריש איננעל...

אז מען קאן א ליעד אויך גנב'ענען, דאס קאן מיין באבע ניט פערשטעהן. איך וויל עס איהר ניט ערקלערען. איך בעשלים, אז עס איז בעסער זיין א נאר איידער גנב'ענען ליעדער. איך געה ארויס פון דער באבען אהן האנאראר, אהן כבוד און נעהם אויף זיך קיין ליעדער קיינמאל, קיינמאל ניט צו גנב'ענען...

און נאט האט מיר שטענדיג געהאלפען!...

דער גימנאזיסט.

דער ערשטער, וואָס האָט אוועקגעשיקט זיין אינגעל אין גימנאזיע, איז געווען אברהם אליה.

אברהם אליה איז געווען א איד א משכיל. עס איז וועגען איהם אין שטעדטעל ארומגעגאנגען, געדענק איך, א לעגענדע, אז בחור־ווייז האָט ער זיך געהאלטען ביי׳ם שמד׳ן: אזוי ווייט איז ער, הייסט עס, אוועק אין חקירה... ווי אזוי ער איז פון שמד ניצול געוואָרען — האָט די לעגענדע ניט געוואוסט. עס איז אבער געווען אין דער לעגענדע א וואריאנט, אז פון שמד האָט איהם אָבגערעדט חנה ביילע, זיין איצטיגע ווייב, וואָס איז געווען מיידעל־ווייז א גרויסע פארשוין און א חכמה און מיט וועלכער ער לעבט עד היום זעהר גליקליך.

אלענפאלס האָט מען איהם א סך זאכען מוחל געווען, סיי די צו־קורצע קאפּאָטע, וואָס ער האָט געטראָגען אין מיטען וואָך, סיי דאָס גלוי־ראָש צו הויז. אדרבא, מען איז געווען צו־פריערען, וואָס חאָטש שבת געהט ער דאווענען — אמת, ניט אין שוהל, אבער אין א „מנין" איז אויך די תפילה אָנגענומען, בפרט, אז אין מנין, וואו אברהם אליה האָט געדאווענט, איז צו־געגאנגען עכט־אידישלעך און מען פלעגט אפילו נישט דורכלאָ־זען די פיוט אין פרשה שקלים און פרשה זכר... אמאָל פלעגט ער אפילו דאווענען שחרית פאר׳ן עמוד, און זיין עברי איז געווען וואָס צו הערען: ווערטער ווי פערעל. איינס נאָר האָט די דאווענער פון מנין אביסעל געשטערט: א למד פלעגט ער ארויסזאָגען צו ווייך. נאָר א משכיל פון מנין האָט ערקלערט, אז דאָס קומט פון די פיעל דייטשע ביכער, וואָס אברהם אליה לייענט... און

דער קליינער עולם פון מנין איז מיט דער צייט אויך מיט'ן ווייכען למד שלום געווארען.

אין מנין פלעגט אברהם אליה שטענדיג קומען מיט זיין עלטערען אינגעל, וואס פלעגט שטענדיג זיצען נעבען איהם מיט א סדור'ל אין האנד, און פאמעליך דאווגען. וועגען אינגעל האט מען דערצעהלט, אז ער קען אלע גראמאטיקעל אויסוויינינג און דוקא אהן לעהרערס. דאס אלץ האט איהם דער טאטע אויסגעלערנט, און די דאוונער האבען געהאט פאר'ן אינגעל, שלמה'קע, פונקט דעמזעלבען דרך־ארץ, ווי פאר'ן טאטען אליין.

צווישען די דאוונער פון מנין איז אויך געווען מיין טאטע, וואס האט ליעב געהאט צו שמועסען, ווי ווייט עס האט זיך גענאזט, מיט אברהם אליה'ן, וועלכער איז קיין איבעריג „בעררעדטער" נישט געווען. דאך האט ער אויף מיין טאטען, אויך א שטיקעל משכיל, געלעגט דרך־ארץ, און זיי פלעגען אמאל צוזאמען ארויסגעהן פון מנין און דער איבעריגער עולם פלעגט נאכגעהען פון הינטען און הארכען, פון וואס ריידען צוויי „קענער"...

איך פלעג דאן כאפען א שמועס מיט שלמה'קען.

— דו געהסט גאר ניט אין חדר?

— ניין... — האט ער קורץ געענטפערט.

— לערנסט מיט'ן טאטען?...

— אלץ מיט'ן טאטען...

— און רוסיש לערענסטו זיך אויך ביים טאטען?

— אפילו דייטש אויך.

— דייטש אויך?! — האב איך זיך פער'חדוש'ט און בין שטארק געווארען ארויבגעפאלען ביי זיך אין די אויגען, וואס איך קען נאך אזוי ווייניג, און האב ניט געוואגט מיט שלמה'קען ווייטער צו רעדען.

שלמה'קע אבער איז געווען ביי זיך פראסט, און איינמאל האט ער מיר אנגעזאגט:

— ווייסט, נאך יום־טוב פאהר איך קיין מינסק, אין גימ־נאזיע...

— אין גימנאזיע!... — האב איך אויפגעשטעלט אויף איהם די אויגען און באלד צו זיך געקומען און געפרעגט:

— און אום שבת וועסטו שרייבען?

שלמה'קע האט א שמייכעל געטהאן און גארנישט געענט־פערט.

איך בין אוועק א פערשעמטער און פול מיט קנאה. אויף מיין טאטען האב איך געקוקט מ'ט פערדרוס און גרינגשעציג. אויך מיר א טאטע! אט אז מען האט פאר א טאטען אזא, ווי אברהם אליה, קאן מען קומען צו א תכלית!... און איך וואס?... אז שלמה'קע וועט אמאל קומען צופאהרען, וועט ער שוין אפילו ניט וועלען רעדען מיט מיר.

און איך האב גענומען אויף מיר צו לערנען זיך רוסיש, געקויפט גאנצע זעקס בויגען פאפיר, געמאכט דערפון א העפט פון אכט און פערציג זייטען, יעדעס זייטעל האב איך אבגעצווימט מיט א לאנגען שטריך און אויף איין זייט פערשריבען אלע שווע־רע רוסישע ווערטער. אויף דער צווייטער זייט דעם „טייטש־ווארט" און פלעגט נאכאנאנד חזר'ן: באך — גאט, ניעבא — דער הימעל, זוויאזדי — די שטערען, פטיצא — א פויגעל...

אויף אזא אופן האב איך געהאפט אויסלערנען זיך „פאל־קאם" די רוסישע שפראך, און טאמער קומט שלמה'קע צו־גאסט, זאל איך חאטש ניט זיין קיין שטומער און קאנען מיט איהם אויסרעדען א פאר ווערטער....

איינמאל אין א זומערדיגען שבת קום איך אריין מיט'ן טא־טען אין מנין, ערשט איך זעה נעבען אברהם אליה'ן זיצט איי־נער מיט א בעקאנט פנים, אין א היטעל מיט א קאקארדע, אין א בלאהען מונדיר מיט מעשענע קנעפ, אויסגעזעצט אין א לאנגער

רייה; האלט א סדור׳ל אין האנד און קוקט דאַ אויפ׳ן באַלקען, דאַ אויפ׳ן עמוד און דער גאַנצער עולם אויף איהם...

אַנפאַנגס בין איך מבולבל געוואָרען, נאָר אין א ווײַלע אַרום האָב איך מיך געכאַפּט, אַז אַט דאָס איז דאָך טאַקע שלמה׳קע אברהם אליה׳ס, וואָס געהט איצט אין מינסקער גימנאַזיע און איז אויף זומער געקומען אהיים.

שטעה איך אַזוי און קוק אויף איהם און שלינג איהם שיער ניט איין מיט מײַנע בליקען, און איך פיהל, אַז דאָס איז זעהר ניט איידעל צו קוקען אַזוי נאָכאַנאַנד אויף א מענשען, ער מעג אפילו זיין א גימנאַזיסט... בפרט, אַז איך האָב אין דעם יאָהר אויך עפּעס אויפגעטהאָן: האָב אין מײַן העפט שוין פערשריבען דריי הונדערט זיעבען און פערציג רוסישע ווערטער און קען אַלע טייטש־ווערטער, און אין דייטש איז א סברא, אַז איך קען שוין באַלד דעם גאַנצען א־בע־צע... מיט איין וואָרט — שטאַרק נתפּעל ווערען דאַרף איך ניט.. און איך בעשלים — אינגאַנצען מבטל זיין איהם, מיט זיין היטעל, מיט זײַנע קנעפּ און קוקען בעסער אין פענסטער אַריין... אָבער אויספיהרען דאָס איז ניט אַזוי לייכט. איך וועל קוקען אויף איהם אַזוי, אַז ער זאָל ניט בעמערקען... איז אָבער מעשה־שטן, ווי נאָר איך גיב א הויב די אויגען צו איהם, טרעף איך זיך גלייך מיט זײַנע בליקען.

בעטראַכט איך מיך, אַז אין פלוג זײַנען מיר דאָך אַלטע בעקאַנטע, פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט קוקען אויף איהם אָפען? צו חזרת הש״ץ, איך זאָל ניט זיין קיין טרוס, קאָן איך אפילו צוגעהן צו איהם און געבען איהם די האַנד און זאָגען: „זדראַווסטוואויטע“ — און זאָל ער ניט מיינען, אַז איך בין שוין גאָר א גאַרנישט!...

א לייכטע זאַך איז דאָס, נאָר אַט־אַט האַלט שוין דער חזן ביי „שים שלום“ און איך בין נאָך אַלץ זיך מכין צו צוגעהן.

מילא, איך וועל דאָס אָבלעגען צו קריאת־התורה. דעמאָלט וועט זיין בעסער. נאָר אַט האַלט מען שוין באַלד ביי מפטיר, און

איך האב נאך מיין פּלאן נישט אויסגעפיהרט. איך האלט אלץ אין איין חזר'ן „זדראווסטוואויטע". און דא הער איך, ווי מען רופט אויס: יעמוד החתן ר' שלמה ב"ר אברהם אליה מפטיר....

מפטיר אין א גוי'אישען היטעל, אין מעשענע קנעפּ... פערחדוש איך מיך, און דאך טהוט עס מיר הנאה: ווי באלד אז מפטיר — איז ער דאך פּארט נעהנטער צו מיר...

אמת, ביי די ברכות האט ער זיך אביסעל אויסגעגליטשט, א פּאר ווערטער האט ער דורכגעלאזט, אבער בכלל איז דער ניגון געווען אויסגעהאלטען. און ביי מיר בלייבט, גלייך ווי ער ענדיגט מפטיר — צוגעהן צו איהם און געבען איהם שלום־עליכם. עס איז פּארט לייכטער, איידער אויסצורעדען „זדראווסטוואויטע". ווער ווייסט, צי וועל איך עס נאך שארף ארויסרעדען? איך קאן נאך מעשה־שטן ארויסרעדען מיט א „זשע", ווי עס טרעפט ביי מיר אפט, און דעמאלט וועט ער האבען וואס צו לאכען.

אז ער האט געענדיגט דעם מפטיר, האב איך שוין געמאכט א טריט פאראויס. נאר דא האבען מיר געשטערט עטליכע איידען פון עולם, וועלכע האבען זיך א לאז געגעבען איהם אבגעבען „שלום־עליכם".

— פאר מיר — האב איך בעטראכט — פּאסט ניט צוזאמען מיט די פּראסטע אידען...

און איך האב אבגעלעגט אויף נאכ'ן דאווענען..

און נאכ'ן דאווענען האט מיר גאט געגעבען מוטה, איך בין צוגעגאנגען צו איהם, אויסגעשטרעקט די האנד און געבליבען שטעהן אהן א ווארט.

ער האט צוריק דערלאנגט מיר די האנד און געשמייכעלט.

— איהר זענט א גימנאזיסט...—האב איך אויסגעשאסען פון גרויס פערלעגענהייט...

— יא, א גימנאזיסט... — האט ער גוטהערציג געשמייכעלט.. — און דו? וואס מאכסטו?

— איך — איך קען שוין אויך גוט רוסיש, מיר פּעהלען נאָר אביסעל ווערטער...

— נו, מיר וועלען זיך זעהען... — האָט ער אויסגעשטרעקט מיר די האנד און איז אוועק מיט'ן טאַטען...

מיין טאַטע איז צו מיר גלייך צוגעגאנגען און מיט א צו־פריעדענער מינע זיך געווענדעט צו מיר:

— וואָס האָסטו גערעדט מיט שלמה'קען?

— עט, האָב איך געענטפערט ווי א גרויסער — גערעדט וועגען רוסיש... ער האָט ביי מיר געפרעגט א טייטש־וואָרט.

— נו, האָסטו געוואוסט?

— יאָ! — האָב איך שטאָלץ געענטפערט...

ז'ער טאַטע האָט צופריעדען א גלעט געטהאָן דאָס בער־דעל, א הוסט געטהאָן און זיך אָנגערופען:

— עס שאַדט נישט, אז דו זאָלסט מיט איהם זיין אויפ־געטראָגען... קאָנסט עפּעס נאַשען פון איהם, א שטיקעל גראַ־מאַטיקע, א שטיקעל חשבון, דאָס, יענעס...

און דעם גאַנצען שבת האָט דער טאַטע אויף מיר געקוקט מיט דרך־ארץ: גערעדט מיט'ן גימנאַזיסט!...

א אידיש הארץ.

נאך איינגעלוויין האט בעריל גענוינוסט דעם חשבון פון זיינע אידען: צוועלף מיליאן! אזוי פלעגט ער זעהן שווארץ אויף ווייס אין דעם לוח. אין איין לוח איז אפילו אמאל געווען נישט מעהר, ווי אכט מיליאן מיט עפעס. נאר בעריל האט אין דעם דאזיגען לוח נים געגלויבט. פערקעהרט. ער איז געווען זיכער, אז עס איז נאך דא מעהר ווי צוועלף מיליאן. ווארום, ווי אזוי קאן מען דאס אינגאנצען איבערצעהלען! אט איז די שוועס־טערל, דינה׳לע, שוין דריי יאהר אלט און זי איז נאך ניט פער־שריעבען — הערט ער אפט ווי די מאמע דערמאנט דעם טאַ־טען. און וויפיעל אזוינע דינה׳לעך זיינען נאך דא אויף דער וועלט. נאר ס׳א דאגה! צוועלף מיליאן קלעקט איהם אויך. וויפיעל איז דער שיעור! אמת, גאט האט די אידען געבענשט זיי זאלען זיין, ווי די זאמד ביי׳ן ברעג ים. נאר דאס איז נאר א משל, אין תנ׳ך זיינען דא א סך משלים.

און אט די צוועלף מילאן אידען האט בעריל דאס אינגעל ליעב מיט׳ן גאנצען הארצען. עס פערדריסט איהם נאר, וואס זיי זיינען ניט אויף איין ארט. אט ווען ער זאל האבען אלע צוועלף מיליאן אידען אויף איין ארט, וואלט געווען א גוטע זאך; נאר בעריל טרייסט זיך מיט דעם געדאנק, אז גאט האט אליין גע־זאגט, אז ער וועט זיי צושפרייטען אין דער גאנצער וועלט, און דערנאכדעם וועט ער זיי אויפקלויבען אלע צוזאמען. עס איז שוין אפילו צו לאנג, אז ער האט זיי פערשפרייט, שוין צייט אויפצוקלויבען, נאר ווי באלד, אז צושפרייט האט ער זיי, וועט ער זיי אמאל אויפקלויבען אויך. קיין ליגנער, ווייס בעריל, איז

גאט נישט. והא ראיה, ער האט געזאגט, אז אידען וועלען זיין אין גלות און זיי זיינען טאקי אין גלות. זעהט מען דאך, אז עפּעס איז ער יאָ מקיים...

און צוריק רעדענדיג האט בעריל געגוג אידען אויף איין אָרט אויך. „ברוסיא, אין רוסלאנד, לעזט ער אין לוח פינף מיליאָן!" ער צעהלט איבער די נולן, צי האט ער קיין טעות ניט. און עס איז ריכטיג: זעקס נולען מיט א 5! פּערמאָגט ער, הייסט עס, אין רוסלאנד אליין פינף מיליאָן! אויף איין אָרט! מיט אזוי פיעל אידען קאָן ער שוין אויך עפּעס מאכען א תכלית. רוסלאנד איז אפילו אויך א גלות, פאַרהאַן א סך גזרות אויף אי־דען, פון דעסטוועגען גאר שלעכט איז ניט. אידישע קינדער גע־הען אין חדרים, האבען אייגענע בתי־מדרשים, רבנים, מען לאזט קינדער מל זיין, חופה שטעלען. ניט צו פערזינדיגען. אין רוים, אין יון, איז ערגער געווען, וויים בעריל א ביסעל פון גמרא און א ביסעל פון „דברי ימי עולם" אין וועלכען ער קוקט אמאל אריין, בשעת דער טאטע איז ניטאָ אין דער היים. אי, וואס דאָ ניט לאנג איז ארוים א גזרה, אז אידען טארען קיין שענקען ניט האלטען, איז ניט אזא בייז: וועלען זיי האלטען קראמען, טרייסט זיך בעריל. פון א קראם קאן מען אויך האבען פּרנסה. אדער זיי וועלען האנדלען מיט תבואה. אבי אידען זיין לאזט מען... און דאס איז ביי דעם דרייצעהן־פיערצעהן־יעהריגען בערלען דער עיקר.

שפּעטער, אז בעריל ווערט עלטער און הויבט אן צו לייענען ביכלעך, ווערט ער אויך חלילה ניט אוים איד! ביי איהם בייט זיך גאר דער קוק אויף קלייניגקייטען. מיט די צוועלף מיליאן אידען איז ער אויך איצטער שטאָלץ. נאָר וואס דען? די אידען פון אויסלאנד שפּיעלען שוין ביי איהם אויך א גרויסע ראָליע. מענדעלסאָן איז א גרויסער פילאָזאָף און א איד, האט וכוחים מיט גרויסע גלחים און איז זיי מנצח... נאכדעם דערוויסט ער זיך, אז דער גרויסער משורר היינע איז געווען א איד. פון היינען

האט ער אפילו ענגמת־נפש: ער האט זיך גע׳שמד׳ט — אן עולה, א גרויסע עולה! נאר ער לייענט וועגן איהם שווארץ אויף ווייס, אז ער איז געשטארבען א איד און פאר׳ן טויט האט ער אויסגעשריען: שמע ישראל! און בעריל גלויבט און איז מוחל.

און אויב פון היינען האט ער אביסעל ענגמת־נפש, ווייס ער אבער, אז מעערבער, דער גרעסטער קאמפאזיטאר אין דער וועלט, איז געשטארבען א איד און ליעגט אויפ׳ן אידישען בית־עולם...

היינט די ראטשילדען, ביי וועמען קיסרים לייהען געלד! און אזוינע אידען! איין ראטשילד, ווייס בעריל, זיצט יום ולילה און לערנט. און חאטש בעריל איז שוין א שטיקעל משכיל און האלט, אז אויסער גמרא איז פארהאן נאך עפעס חכמות אויף דער וועלט, פון דעסטוועגען איז ער שטארק צופריעדען, וואס עס איז דא א ראטשילד, וואס זיצט און לערנט. פאר׳ן כלל ישראל איז דאס געזינדטער... ווארום בעריל פיהלט, אז מען האט צו־פיעל געלד איז זעהר א שווערע זאך צו בלייבען ביי אידיש־קייט...

און אויסער די דאזיגע אידען, ווייס בעריל פון נאך א סך גרויסע מענשען—אידען! צייטענווייז האט ער א טעות און רע־בענט אריין בעריהמטע קריסטען אין אידישען צעטיל. אזוי, למשל, האט ער א לאנגע צייט געהאלטען לעסינג׳ען פאר א איד און האט זיך אפילו געוואטען אין צוויי פעטש: סטייטש, האט ער גע׳טענה׳ט: אפרים לעסינג!... אפרים! עס פערשטעהט זיך, אז דעם געוועט האט ער פערשפיעלט, ד. ה. ער האט בעקומען צוויי פעטש, נאר פון דעסטוועגען איז ער גע־ווען צופריעדען, וואס אזא גרויסער מענש, ווי לעסינג איז, האט א אידישען נאמען. צוליעב דעם אידישען נאמען האט ער אויך אמאל זיך טועה געווען און האט געהאלטען פראנקלין דעם אמע־ריקאנער פאר א אידען. בנימין פראנקלין! אמת, געוואטען האט ער זיך שוין ניט. ער האט זיך נאר אזוי געשפארט.

אויף עדיסאָן האָט ער אויך געוואַרפען אַן אויג. אַזאַ קאָפּ! אַזאַ גרויסער ערפינדער און די פאַמיליע איז אַ אידישע. עס האָט איהם אָבער ניט געגאַלטען! איז וואָס? ווערט ער אויך ניט נתפעל! ער האָט געגנוג אידען, גרויסע לייט!

שפּעטער האָט בעריל נחת פון דר. הערצל. נאָך אַ אידי־שען קיסר האָט בעריל שטענדיג געבענקט, און ניט איין מאָל פּלעגט ער בלעטערן אין תנ"ך פון ראשונים ביז מלכים. „וימת— וימלך"... אַ סך מלכים זיינען ביי אידען געווען! היינט איינער ניטאָ! און דר. הערצל איז ביי בערלען געווען פערזעכענט, אויב ניט פאַר אַ קיסר, ווענינגסטענס פאַר אַ שופט. וישפוט את ישראל און ער האָט געמשפּט די אידען. זאָל דאַכטען, אַז ער לעבט אין דער צייט פון די שופטים.. און בעריל האָט זיך איינגעשריבען אין ציוניסטען...

אָבער אויסער כבוד, וויל בעריל אויך פאַר אידען אַ תכלית. אויף אידען האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען פּאָגראָמען, מען שלאָגט, מען הרג'עט. פון די צוועלף מיליאָן הויבט איהם אָן עפּעס צו פעהלען. אין קישינעוו — 45, דעם צווייטען מאָל — נאָך מעהר, דערנאָכדעם געהען 136 שטעדט און שטעדטלעך, און אומעדום הרוגים! און עס איז נאָך דעם שונא ווניג... בעריל געהערט שוין צו אַ פּאַרטיי, וואָס זוכט פאַר אידען אַן אָרט. מען לעגט איהם פאָר ערד אין אַזיען, אויסטראַליען... בעריל איז זיך מישב, וואו איז בעסערע ערד, וואו זיינען בעסערע תנאים, וואו וועט דאָס אידישע פאָלק, זיינע צוועלף מיליאָן, פון וועלכע עס פעהלט שוין אַביסעל, געפינען אַ שוץ, עס זאָל בליי־בען גאַנץ.

און קיין צייט צו קלערען איז ניטאָ... און בעריל איז פער־צווייפעלט און זיין האַרץ בלוטיגט...

— וואָס טהוט מען מיט אידען? — ברעכט בעריל מיט די הענד און זאָרגט ווי אַ טאַטע, ווען זיין פאַמיליע איז אין אַ סכנה.

די נאשערין.

דער אָנבייסען איז ביי שיינדלען געווען נישט קיין זעטיגער. אָפּקאָכען א טעפּעל קארטאָפּעל, האָט זי קיין צייט נישט גע־האט, זי איז געווען פערנומען מיט די וועש וואָס זי האָט גענומען געוואשען. און אין דערפריה געדארפט אויסהענגען צו טריקע־נען. זי האָט אפילו דעם אויווען נישט געהייצט און אויף מיטאג נישט געקאָכט קיין ביסעל געקעכטס. אז עס איז געקומען א זייגער איינס, האָט חיים, דער מאן, וואָס איז כלומר'שט א הענדלער, א זאָג געטהאָן נישט גאנץ דרייסט:

— דו ווייסט, שיינדעל... מיר ציהט עפּעס אין הארצען...

— שוין? אזוי גיך! — האָט זיך שיינדעל אָנגעכאַפּט — ווי לאנג, דוכט זיך, האָט מען אָנבייסען געגעסען, איך ווייס נישט צי עס איז פארהאן פיער שעה...

— וואָס רעדסטו, נארעלע, עס וועט זיין געזונטע פיער שעה, אויב נישט טאקי די גאנצע פינפטהאלבען... — האָט חיים זיך געסטארעט צו ריידען וואס ווייכער און האָט גענומען רעכענען אין דער שטיל, טאָמער איז נאָך טאָקי קיין פיער שעה נישטאָ, זאָל זי חאָטש נישט הערען.

— אנבייסען האָבען מיר געגעסען פ א ר צעהן, איצ־טער איז נ אָ ך איינס... היינט דאָרט איז געווען פ א ר צ ע ה ן און איצט איז נאָך א י י נ ס...

דער חשבון האָט איהם אויפגעמונטערט און ער האָט שוין כמעט ווי מיט העזה ארויסגערעדט:

— ס'איז שוין דאָ שעהנע פיער שעה, טאָקי באלד די פינפטהאלבען...

— און אז צעהן שעה, וואס זאל איך דיר געבען? זאל איך אזוי וויסען פון בייז... — האט שיינדעל בעזארגט גע־רעדט — אין שטוב איז א חוץ ברויט גאר נישטא... אויך וועטשערע וועל איך עפעס קאכען.

— אפשר א הערינגעל... — האט חיים ווי דערשראקען פארגעלעגט.

— נאך א נייעס, — האט זיך שיינדעל געקרימט — וואס איז היינט פאר א מין „קאזאטשינע"! הערינג איז איצט פלאם פייער, אכט גראשען א הערינג, א ברעקיל...

— נו, פונדעסטוועגען איז א הערינג אויף מיטאג נישט שלעכט... שיק נאך א הערינג — האט חיים, קענען זיין נאטור, זיך געהאלטען פעסט אן זיין אידעע.

— איך וויל אויך עסען! — האט די עלטערע, זעבצעהנ־יעהריגע טאכטער זיך אנגערופען פון א ווינקעל, וואו זי איז געזעסען און שטיל געארבייט.

— און איך „שטארב" אויך עסען! — האט זיך אנגע־רופען די צוועלפיעהריגע גרונע, וואס איז געזעסען ביי'ן פענס־טער און די גאנצע צייט געקוקט צום גאס.

— א הונגער איז אויף זיי אנגעפאלען! — איז שיינדעל אין כעס געווארען — פאר וואס ווילט זיך מ י ר נאך נישט עסען, דאכט זיך, איך בין אויך אזא מענש, ווי איהר.

— דו עסט טאקי גאר נישט... — האט חיים ווייך גע־רעדט — ביזט טאקי א שוטה... נארעלע, די וועלט איז אויך א וועלט.

— פון וואנען, פערדיענער מיינער, זאל איך דאס אלץ נעמען? — האט זי פערדריסליך געפרעגט. — וואס איך רייס נישט אפ פון זיך, דאס האב איך נישט.

— גאט וועט העלפען, נישקשה, — האט חיים גענומען טרייסטען. שיק נאך א הערינגעל, שיק! — איז ער אלץ ווייטער מעהר מוטיג געווארען.

— נו, געה, גרונע, אין קרעמיל און נעהם א הערינג... — האָט זיך שיינדעל, נאָך א ישוב־הדעת, געווענדט צו דער אינ־גערער טאָכטער. ווערסט „איהר“ זאָגען, אז מיט נעכטיגען פער־פער וועט זיין אינאיינעם 27 גראָשען.

דאָס מיידעל איז מיט שמחה ארויסגעלאָפען פון שטוב...

— נאָר א גוטען! — האָט שיינדעל איהר נאָכגעשריען.

— מיט רויגען! — האָט אויך חיים פון זיין זייט צוגע־שריען.

נאָר דאָס איז געווען ווי א קול אין דער מדבר. די שליח'טע איז שוין מיט איהר שליחות ווייט געווען...

באַלד איז גרונע געקומען צו לויפען פערפלאָטערט און פער־סאָפּעט, אבער א פרעהליכע, מיט א הערינג, איינגעוויקעלט נאָר אין דער מיט אין א שטיקעל פּאַפּיער.

— וויין, וויין, — האָט שיינדעל אונגעדולדיג ארויסגענו־מען איהם פון איהר האנד און בעטראַכטענדיג איהם פון אלע זייטען, האָט זי זיך פערקרימט און געזאָגט:

— א הערינג — א ברעט'ל... אז מען שיקט א „גלאָמפּ“.

— וויין נאָר, — איז שוין אויך חיים בכבודו ובעצמו צו־גענאַנגען צום הערינג... אבער שיינדעל, אָהן א בעזונדער סבה און אן אויפגערעגטע, האָט איהם אוועקגעטריבען:

— געה, געה ווערסט שוין זעהן פארטיגערהייד... — דאָך האָט חיים שוין בעוויזען דעם הערינג אָנצוקוקען און האָט מיט סלינע אין מויל, וואָס די מראה אליין פון הערינג האָט ביי איהם ארויסגערופען, גוטהערציג געזאָגט:

— ניין, מיר דאכט, אז דאָס הערינג'ל איז דוקא נישט קיין שלעכטער... א פעטינקער הערינג...

— אָט אזוי ווי דו ביזט פעט! — האָט שיינדעל געמור־מעלט, האָטש אין הארצען איז זי אליין געווען צופריעדען פון הערינג.

באלד זיינען ארייננעלאָפען די דריי קלענערע קינדער פון הויף, וואו זיי האָבען געשפּיעלט, און האָבען זיך פרעהליך צו־זונגען:

— א הערינג! א הערינג!

— מיר א שטיקעל

— מיר דעם עק!

— מיר דעם „קאָפּ“...

— זעהט אביסעל, ווי זיי זיינען בעפאלען, ווי די קאָזא־קען — האָט שיינדעל זיי אָבגעשטופּט — לאָזט מיר איהם פרי־הער „מאכען“.

— דו וואָלסט איהם געמאכט מיט א „ציבעלע“ — האָט חיים פאַרגעלעגט.

— עס דארף ביי מיר זיין ערגעץ א ציבעלע — האָט שיינ־דעל געענטפערט, און האָט גענומען זוכען אויף דער גראַטקע, וואו זי געדענקט אויף זיכער, די צ״בעלע איז נאָך נעכטען אין דער פריה געלעגען.

די ציבעלע איז אבער, ווי אין דר׳ערד אריין!

— וואו איז די ציבעלע? — האָט זיך שיינדעל געווענדעט צו דער עלטערער טאָכטער.

— איך ווייס נישט — איך האָב נישט געזעהן.

— ד י ך זאָל איך נישט זעהן! — האָט זיך שיינדעל צעקאָכט—קיין זאך זעהט זי נישט... גרונע, אפשר ווייסט דו?—האָט זי זיך געווענדעט צו גרונען.

די קליינע גרונע האָט אָנשטאָט צו ענטפערן, זיך שטארק פונאַנדער געלאכט, נאָר אין געלעכטער האָט זיך געהערט פער־צווייפלונג און טרערען...

— אי, זי לאכט! זי לאכט! זי האָט אויפגעגעסען! — האָט זי דער געלעכטער ארויסגעגעבען.

— א ליגען! — האָט זי, רויט ווערענדיג, זיך געלייקענט.

— זי האָט אויפגעגעסען! — האָט די עלטערע טאָכטער גע'מסר'ט — מען דערקענט אָן איהר פּנים.

— זאָג, וואו איז די ציבעלע? — האָט די מאַמע אויסגע־שטעלט פערבלוטיגע אויגען...

— איך האָב נעכטען אויפגעגעסען מיט ברויט, — האָט גרונע א דערשראָקענע זיך פערענטפערט.

— זאָל אויף דיר קומען א טוידט! — איז אויף איהר שיינדעל ארויפגעפאַלען מיט די דארע פויסטען.—משמדת'טע, ווי נאַשט מען דאָס אויף איינע אליין א גאַנצע ציבעלע?!

— דאָס איז אַן אַקט אין דער וועלט און איז ווערט, אַז מען זאָל זי אויף שטיקער צושניידען — אזא נאַשערין!—האָט חיים פון זיין זייט צוגעלעגט.

און באַלד, אלס פאָטער און ערציהער, האָט ער ארויסגעגע־בען א פּסק:

— מען זאָל איהר קיין ברעקיל הערינג נישט געבען.

דעם פּסק האָט ער אויך בעגרינדעט:

— נישקשה, מיט א ציבעלע קען מען זיין זאַט אָהן הע־רינג.

און חאַטש חיים האָט נישט אזא דעה אין שטוב, דאָך איז דער פּסק דין ערפילט געוואָרען — עס האָט נישט געהאָלפען דער נאַשערקעס געוויין.

— אין רחמים בדין! — האָט חיים זיך געשטאַרקט דאָס האַרץ, ווען איהרע טרערען האָבען אויף איהם אָנגעהויבען שטאַרק צו ווירקען און דער הערינג איז שוין געווען אויפגעגע־סען...

מיין באָבעס גליק.

(אַ שמועס)

מיין באָבע איז געווען אַ שוואַכע אידענע, אַ קליין־געוויקסיגע, און גאָר צו דער עלטער האָט זי אויסגעוויזען נידריגער פון איהרע פינף־יעהריגע אייניקלעך, און פון דעסטוועגען איז זי שטענדיג געזונד געווען און האָט אויסגעלעבט איהרע יאָהרען — הלואי אויף אונז אַלעמען געזאָגט געוואָרען — צו 90 יאָהר איז זי געשטאָרבען, און געשטאָרבען שעהן, מיט לשון און מיט ודוי און האָט נאָך געגוג זכרון געהאַט צו געדענקען איהרע אַלע חפצים, וואָס זי האָט אָבגעזאָגט די טעכטער, און דעם האַר־באַנד — דער אַלטער זאַגערין פון גרויסען בית־מדרש, וואו מיין באָבע האָט געדאַווענט.

וואָס מיינט איהר, אַמאָליגער כח איז טאַקי קיין שפּאַס ניט! און איהר וועט גלויבען, עס פּלעגט זיך מאַכען צייטען, ווען איך פּלעג בעוואונדערען מיין באָבעס כח, — איבערהויפּט אין די גרויסע תעניתים, אין די זומערדיגע טעג.

מיין באָבע איז געווען אויף אַלץ אַ בריה, וואָס איהר ווילט האָט זי געקענט! מילא פון „לאָקשען מאַכען“ וויל איך שוין ניט שמועסען. דערמיט האָט זי געקלונגען אין גאַנץ שטעדטעל, און אַז איינער פּלעגט ווע̇לען אויסדריקען אַ זאַך, וואָס עס איז דין, פּלעגט ער געבען אַ משל: דין ווי שולקעס לאָקשען (מיין באָ־בע האָט געהייסען שולקע). אָבער בעסער פאַר אַלעם האָט זי גע־קענט פאַסטען תעניתים, דעריין מעג מען זאָגען איז זי געווען אַ מושלמת. ביי מיין באָבען האָט געהאַט אַ תענית אַ ווערט ווי אַ שפּיי. — ביי מיר אַ תענית, פּלעגט זי זיך בעריהמען פאַר איהרע אַלטע חבר׳טעס, און פאַר די אייגענע קינדער —

ביי מיר א תענית איז א געלעכטער, דער רבונו של עולם זאל איהם נאר אננעהמען צו גוטען!

מילא פון די „געבאטענע“ תעניתים שמועסט מען דאך גישט: א שעהנע מעשה, די באבע מיינע זאל נישט פאסטען א תשעה באב צו אפילו א צום גדליה! און אז טויזענד רבנים וואלטען איהר זאגען: שולקע, דו ביסט אלט און שוואך, מיר זייענען מתיר: ביים אן, וואלט זי ניט געהערט, אפילו דער פעטער ר׳ הלל, א גרויסער למדן, וואס פון איהם האט די משפחה שטארק געהאלטען, אז ער וואלט איהר מתיר זיין, וואלט זי אויך נישט געפאלגט: שמועסען שמועס איך דא פון סתם תעניתים, ווי למשל א כה״ב, עשרת ימי תשובה, געהויבענער מאנטאג און דאנערשטאג, אויסער דעם ווען א קינד אדער א אייניקעל צו אן אור אייניקעל פלעגט חלילה קראנק ווערען און נישט האבענדיג קיין אמונה אין דער רפואה פון דאקטאר, וואס פאהרט אום שבת, פלעגט זי געבען איהרע אייגענע מיטלען: א תענית בשעת מעשה און אז דער אויבערשטער וועט געבען דאס קינד וועט געזונד ווערען, זאגט זי צו בלי־נדר דעם רבונו של עולם פינף תעניתים!.. און מיין באבע פלעגט האלטעןווארט און פינקטליך אלע תעניתים אבפאסטען, און מיר דאכט זיך, אז זי האט שוין געהאט אזוי פיעל נאמנות ביים רבונו של עולם, אז ווען זי זאל, למשל, זאגען: רבונו של עולם! לייה מיר א פינף־און־צוואנציגער, איך וועל דיר אבגעבען מיט תעניתים, וואלט ער איהר אויך געטרויט...

ריידענדיג דא אזוי וועגען מיין באבעס תעניתים, זאלען איהר ביישטעהן, האב איך זיך דערמאנט אן דאס גליק, וואס איהר האט אמאל געטראפען מיט א תענית גאר אין א מיטען מיטוואך: א געוועהנליכער מיטוואך, נישט קיין גזרה איז חלילה געווען צו הערען, נישט קיין הונגער צייט, אפילו איהר אייניקעל נחום, דער שוואכינקער נעבעך, איז אויך נישט שוואכער געווארען, און דאך האט זי דעם מיטוואך אבגעפאסט לויט איהר

מנהג ביי אלע תעניתים און צו מנחה אפילו „עננו“ געזאגט.

די מעשה איז אזוי געווען:

אז זי איז אמאל אריין צו איהר עלטערע טאכטער, האט זי בעמערקט ווי דער אכט יעהריגער איינגעלע, איהר אייניקעל, איז געקומען פון חדר מיט פערפרוירענע פינגער, עס איז געווען ווינטער. זי האט זיך צושריען אויף דער טאכטער, וואס זי לאזט איהם אהן הענטשיקלעך געהן אין חדר, האט אויף איהר געזאגט, אז זי איז נישט קיין מאמע, נאר א שטיעף־מאמע, נאך ערגער, און האט צוגעזאגט, פערשטעהט זיך, בלי־נדר, איהם אויסצושטריקען א פאר הענטשיקלעך פון גוטען וואל, וואס זי האט אליין אויסגעשפינט. נאר א גאנצע וואך האט זיך איהר אלץ קיין לעדיגע צייט נישט געמאכט. ד׳ענסטאג ביי נאכט, אז זי איז ווידער געקומען געוואהר ווערען די טאכטער האט איהר שוין דער אייניקעל דערמאנט:

— נו, באבע, וואו איז אייערע הענטשיקלעך?

— אם ירצה השם מארגען, מארגען! — האט זי איהם פערזיכערט.

אויף מארגען, מיטוואך, איז זי אויפגעשטאנען, אפגעדאווענט, אבגעזאגט אלע תחינות פון „קרבן מנחה“ (מיין באבעס קרבן מנחה איז נאך איצטער אויף ווערט א גילדען צעהן ווער עס דארף נישט, איהר געפינט דארט פון פייגעל־מילך!) און האט זיך נאך דעם גלייך גענומען צו די הענטשיקלעך. זי האט אזוי פלייסיג געשטריקט עטליכע שעה ביז וואנען איין הענטשקעלע איז פארטיג געווארען און זי האט שוין געוואלט אויפשטעהן און נעמען עפעס אנבייסען, און דאס אנדערע הענטשקעלע שפעטער ענדיגען, נאר זי האט זיך בערעכענעט, אז דאס עסען וועט נישט אנטלויפען און איין מאל פאר אלע מאל— בעסער איצטער! און האט ווייטער פלייסיג אפגעארבייט א פאר שעה ביז דאס צווייטע איז אויך פארטיג געווארען.

— נו, דאנקען גאָט, פּארטיג! — האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין — איצטער דאַרף מען עפּעס עסען.

זי האָט א קוק געטהאָן אויף דעם אלטען וואנט־זייגער און האָט דערזעהן אז עס איז שוין באַלד צוויי. א גליקליכער גע־דאנק איז איהר דורכ׳ן קאָפּ דורכגעפלויגען, און זי האָט ליעב געשמייכעלט...

— נאָך צוויי שעה אין גאנצען! — האָט זי זיך מיישב געוועזען — דער טאָג איז איצט א ברעקעל! — מען דאַרף שוין גאָר פאסטען!... עס וועט נישט וואו היין קומען, זאָל זיך וואַל־גערען א תענית...

נאָך מעריב, נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעביסען, איז זי גלייך אוועקגעגאנגען צו דער עלטערער טאָכטער, איבערגעבען דעם אייניקעל די מתנה — די הענטשיקלעך, און האָט דאָרט אלעמען דערצעהלט פון איהר היינטיגען גליק — אריינגעכאַפּט א תענית גאָר נישט געריכטערהייט. דערביי האָט איהר פּנים געשטראַהלט, ממש די שכינה האָט אויף איהר גערוהט...

די הייזער.

יעדער בעל־הבית אין שטעדטיל, וואָס האָט געהאט עטלי־כע רובל, — האָט געזוכט געשעפט, אָבער לייזער אליה איז גע־ווען אַן אנדער מין איד — ער האָט געהאַלטען פון הייזער.

— היינטיגע געשעפטען זיינען אַלע אין דר׳ערד! — פלעגט לייזער אליה זאָגען, בדלות קאָן מען ווערען, און הייזער איז אַלע מאָל געלד. טאָמער א שרפה, בין איך נישט קיין שוטה ווי אַנ־דערע און פערזיכער, קאָסט עטליכע רובל!

און לייזער אליה האָט זיך געהאַלטען שטענדיג אין בויען.

דער הויף זיינער איז געווען א גרויסער, און דער גאַנצער הויף איז געווען אָנגעבויט מיט שטיבלעך. זיעבען שטיבלעך אויפ׳ן הויף, אויסער די שטוב צום גאַס, האָט לייזער אליה פערמאָגט. גערופען די שטיבלעך האָט ער אויך הייזער.

— מיינע הייזער! — פלעגט ער אָפט רעדען וועגען זיי מיט גרויס גדלות.

ער אַליין האָט געוואוינט אין דעם קלענסטען שטיבעל אויפ׳ן הויף, חאָטש ער איז געווען א מטופל מיט קינדער. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פערנעהמען קיין אנדער דירה.

— די דירות איז מיין פּרנסה! — פלעגט ער זאָגען, ווען איינער פלעגט איהם מאַכען דעם פאָרוואורף, וואָס ער, א בעל־הבית פון הייזער, וואוינט אַליין אין אַזאַ ענגשאַפט.

און שכנים האָט ער געהאַט א סך. אין יעדען שטיבעל א געזינדעל, אַזוי אַז דער הויף זיינער איז געווען א גאַנץ פרעהלי־כער.

— גאַר אויפ'ן גרויס־שטאָדטיגען אופן! — פלעגט זאָגען א מאָל און אנדערער, וואָס האָט געוואוסט וואָס א גרויסע שטאָדט בעטייט. און לייזער אליה פלעגט דאמאָלס מיט גדלות ענטפערן:

— ווען איך זאָל מיינע הייזער אריבערטראָגען אין א שטאָדט, וואָלט איך שוין מיט אייך ניט גערעדט!

אבער שטארק זאָרגען, וואָס זיינע הייזער געפינען זיך אין א קליין־שטעדטעל, פלעגט ער ניט. מיט שכנים, גאָט צו דאנ־קען, האָט ער קיין זאָרג ניט. מאכט חתונה א בעל־הבית א טאָכ־טער, קומט איהם צו א שכן, און חתונות מאכט מען אין שטעד־טעל ניט זעלטען.

צום גליק גיט לייזער אליה אויס זיינע קינדער אלץ אין פרעמדע שטעדט, אזוי אז אויסער איין דירה פאַר זיך אליין דאַרף ער ניט האבען און קאָן אלע פערדינגען פרעמדע, ביי ווע־מען ער נעהמט דירה־געלד.

— און וואָס מיינט איהר — זאָגט ער אמאָל, — זאָל זיך מיין עלטערער טאָכטער, למשל, מאכען א שידוך דאָ היע און זאָל זי דאַרפען האָבען א דירה, וועל איך איהר דען אָבגעבען א שטיבעל? חלילה! עטליכע רובעל קאָן איך איהר געבען אבער א שטיבעל — ניין! דאָס איז מיין ברויט.

און זיין ברויט האָט לייזער אליה געהיט. אלע אין דער פריה פלעגט ער, נאָך פאַר'ן דאַווענען, ארויסגעהן אויפ'ן הויף, ארומקוקען די ווענד, די פריזבעס, די קוימענס, די גאניקלעך, און טאָמער חלילה בעט זיך א שטיקעל רעמאָנטעל, פלעגט ער ניט זשאַלעווען צו לאָזען זיך קאָסטען עטליכע גילדען און גלייך פער־ריכטען.

דערהויפט האָט ער אכטונג געגעבען אויף די אויווענס. אלע טאָג פלעגט ער פרעגען ביי די בעל־הבית'טעס:

— נו, ווי קאָכט אייער אויווען?

און בעקומענדיג א מאָל אן ענטפער מיט א האלבען מויל,

פלעגט ער גלייך ארייננעהן, הייסן עפענען דאס ברעטיל פון אויוון, ארייגרוקען דעם קאפ אינוועניג. און אויב ער פלעגט נאר געפינען די קלענסטע פגימה אין „פאד", צי ערגיץ אנדערש וואו, פלעגט שוין אין א שעה ארום שטעהן ביי דעם דאזיגען אויוון א איד מיט א פארטוך, א מולער הייסט עס—און פלעגט שוין שמירען וואו מען דארף.

און לייזער אליה איז געווען זיכער, אז דערפאר וועט ער שכנים שטענדיג האבען.

און ער וויים, צי וואלט טאקי לייזער אליה געדארפט ווען עס איז זארגען וועגען שכנים, ווען ניט די פערשאלטענע אמע־ריקא.

פון אמעריקא וויים מען שוין אין שטעדטעל לאנג. נאר ווער פלעגט אמאל פאהרען? א צולאזענער שניידער, וואס האט פיינד געהאט דאס ווייב און פלעגט וועלען דארטען לעבען מיט א טייטשקע. א רעכטער מענש וועט דען פערשלאגען דעם קאפ אזוי ווייט?

לייזער אליה פלעגט אלע מאל פיהלען, ווי דאס הארץ וואלט איהם געזאגט, אז פון אמעריקא וועט קיין גוטס איהם ניט ארויס־קומען, און וואו עס האט נאר געפאסט, פלעגט ער עס זידלען מיט די שטארקסטע ווערטער.

— זאגט מיר איך בעט אייך, — פלעגט ער טענה'ן אפט פאר זיינע שכנים, — וועלכער רעכטער מענש לאזט זיך דאס אוועק אין אזא העק ווי אמעריקע איז, וואו עס איז אפילו ניטא ווי מען זאגט, קיין קיסר, אליץ מעג מען דארטען, יעדערער טהוט וואס ער וויל, עס איז ניטא קיין מורא פאר אן עלטערן — גלאט א הפקר־וועלט! און דערצו מוז מען ווערען נאר א בעל־מלאכה, ווען ניט פגר'ט מען ווי א הונד פאר הונגער...

די שכנים פלעגען איהם אלע ווי איינער געבען גערעכט. נאר לייזער אליה'ן איז דאס געווען ווי ווענינ, איהם האט זיך עפעס געוואלט ארויסנעהמען א כתב, אז קיין אמעריקא זאל

קיינער פון זיי ניט פּאַהרען. עס פערשטעהט זיך, אז אזוי ווייט איז ער ניט געגאַנגען. נאַר אמאָל פלעגט ער א זאָג טהאָן.

— זאָל יענער ברעכען רוק און לענד ווער עס קלערט גאַר צופּאַהרען אהין!

און ניט בעקומענדיג דערויף קיין הסכמה פון די שכנים, פלעגט ער ווי צורייצטער ווערען און צוגעבען:

— אז איך וואָלט זיין א רב, וואָלט איך אויף אמעריקא געמאַכט א חרם, עלעהיי ווי אויף יענקעל טרייפנאַקס פלייש...

קיין חרם האָט אבער דער רב ניט געמאַכט און אין איין ליכטיגען פריהמאָרגען בשעת לייזער אליה האָט אבגעשטעלט א יונגע שכנה און געפרעגט: „ווי קאָכט דער אויוועןִ?“ האָט זי א שמייכעל געטהאָן און געענטפערט.

— דער אויוועו קאָכט נישקשה, נאַר איך וועל זיך אם ירצה השם אין גיכען ארויסציהען צו מיין טאַטען, ווייל „מיינעם“ האָט זיך פערוואָלט קיין אמעריקא...

די שכנה איז געווען א קליינע, א בלאַסע און א שוואכע. בשעת זי האָט גערעדט, האָט זי, דאַכט זיך, אין די הענד גאַר נישט געהאַלטען. ווייל זיי זיינען ביי איהר געלעגען צונויפגעלעגט רוהיג אויפ׳ן ברוסט. נאַר לייזער אליה וואָלט שווערען, אז דאָס ווייבעל האָלט א דובינע און קלאַפּט איהם אין קאָפּ, און ווי א צוטומעלטער איז ער אריין אין זיין שטיבעל.

— וואָס ביזטו אזוי צוטראָגען, לייזער אליה? — האָט איהם דאָס ווייב א פרעג געטהאָן:

— באַלד בלייבט פּוסטעוועו א דירה! — האָט ער מיט רוגזא געענטפערט, פּונקט ווי דאָס ווייב, און ניט קאָלומבוס, וואָלט ענטדעקט אמעריקא.

— וואָס איז?

— יענקעלען האָט זיך פערוואָלט אמעריקא און זי ציהט זיך אריין צום טאַטען.

— נו, מילא... — האט דאס ווייב געטרייסט — וועסט קריגען אן אנדער שכן.

לייזער אליה'ן אבער איז ניט געגאנגען אין שכן, איהם איז געגאנגען אין אמעריקא...

— דו וועסט זעהן — האט ער זיך פלוצים, ניט קאנענדיג זיך איינהאלטען, ארויסגעחאפט — דו וועסט זעהן, אז דאס אמעריקא וועט אונז אין דר'ערד לעגען...

— מיינע שונאים זאלען ליעגען אין דר'ערד! וואס הייסט?

— אז דו ביזט א אידענע, א בהמה! — האט זיך לייזער אליה געקאכט — היינט וואס זאל איך מיט דיר ריידען. דו ווייסט דען וואס אמעריקא איז? דאס איז דאך א קליפה... עס ציהט! דו מיינסט, איך ווייס ניט. א זאראזע איז דאס, מען נעהמט זיך אן איינע פון די אנדערע... היינט פאהרט איינער אוועק און מארגען דער אנדערער שכן און איבערמארגען דער דריטער און נאכדעם וועסטו גריזשען די קלעצער פון די הייזער. פערשטעהסט, די קלעצער... ווארים קיין דירה־געלד וועסטו ניט האבען.

געזאגט דאס אלץ האט ער לכתחלה נאר פון צורייצטקייט. ער האט ניט געגלויבט, אז די זאך האלט טאקי אזוי שמאל, נאר ארויסזאגענדיג דאס אלץ און ניט בעקומענדיג קיין אבשלאגונג פון דעם ווייב, האט ער זיך אליין דערשראקען פאר זיינע בייזע נביאות און ער האט זיך כלומר'שט פערכאפט.

— קיין גרויסע יסורים האב איך ניט... איך וועל קריגען שכנים... אט זוכט בערעס איידעם א דירה! ער געהט אראב באלד פון קעסט... איך מיין גלאט, אז אמעריקא — איינגעבראכען זאל זי ווערען.

— הלואי רבונו של עולם! — האט דאס ווייב פרום צו־

גענוואונשען, האָטש הרג'ע זי, וואָלט זי ניט געוואוסט וואָס האָט זי צו אַמעריקאַ.

דער שכן איז אוועקגעפאָהרען. דאָס ווייבעל האָט זיך אריינגעקליעבען צו איהר טאַטען, און דאָס שטיבעל האָט גע־פוסטעוועט...

די ליידיגקייט פון שטיבעל ביי טאָג און זיינע פינסטערע שויבען ביי נאַכט האָבען לייזער אליה'ן געשראָקען מיט א בייזער אומגליקליכער נביאות... און ער פלעגט דעם קאָפּ אבקעה־רען פון איהם.

אָבער אויף די איבריגע שטיבלעך האָט ער שוין אויך אויפ־געהערט צו קוקען מיט אזא מין בעזאָרגטקייט ווי א מאָל. זעל־טען ווען ער האָט געפרעגט ביי א בעל־הבית'טע: „ווי קאָכט דער אויווען?“ עפּעס האָט ער געקוקט אויף אלע שכנים ווי אויף ניט היעגע, ווי אויף געסט, וואָס װעלען היינט־מאָרגען אוועק־פאָהרען.

און קיין טעות האָט לייזער אליה ניט געהאַט. דאָס שטעד־טעל האָט אָנגעהויבען וואָס ווייטער צו פאָהרען אלץ מעהר נאָך אמעריקאַ... אויפ'ן הויף האָבען זיך וואָס ווייטער מעהרער דירות אויסגעליידיגט און ביי נאַכט פלעגען צעהנדליגער פינסטערע שויבען פון די ליידיגע שטיבלעך איהם שרעקען, ווי אויגען פון א מלך המות.

— נו, וואָס וועט איצטער זיין? — האָט ער א זאָג געטהאָן אמאָל צום ווייב, אז ער איז געבליבען מיט איין שכן אויפ'ן הויף...

— אפשר וואָלטען מיר אויך געפאָהרען... — האָט דאָס ווייב בלומרשט געלאַכט...

— וואָס לאַכסטו, וואָס? — האָט לייזער אליה ווי אַן אבל געענטפערט — איך וואָלט דער ערשטער געפאָהרען. נאָר מיט וואָס, אז דאָס גאַנצע געלד ליגט אין די הייזער... און קוי־

פען וועט זיי קיינער ניט... מען שמועסט, אז דאָס גאַנצע שטעדטעל צופּאַהרט זיך.

און לייזער אליה האָט זיך פּערטראַכט, אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געצופּט פון באָרד גראָהע האָר איינע נאָך די אַנ־דערע... איינע נאָך די אנדערע...

די רעוואלוציע אין קליינעם בית־מדרש.

אין קליינעם בית־מדרש פלעגט מען שבת אבדאווענען שפע־טער ווי אין די איבריגע דריי בתי מדרשים, האטש דארטען האט ניט דער רב געדאווענט און ניט קיין חזן געזונגען. געדא־ווענט האבען אין קליינעם בית־מהרש אויך גיט קיין פרומערע אידען ווי אין די אנדערע דריי בתי מדרשים. אדרבא, דוקא אין קליינעם בית־מדרש האבען געדאווענט אויך די פאר משכילים פון שטעדטעל, אויף וועלכע מען האט אונטערגעמור־מעלט, אז זיי זיינען אביסעל ניט פרום און בחור־ווייז זיינען זיי גאר געווען וויט פון אידישקייט; די איבעריגע דאוונער זיינען געווען אידען פון א גאנץ יאהר, אמת ניט קיין בעלי מלאכות— אין קליינעם בית־מדרש האבען קיין בעלי מלאכות ניט גע־דאווענט, — נאר אידען קרעמער און תבואה־הענדלער, א פאר מלמדים, אויך מעהר פון די היינטיגע, וואס האבען שוין גע־וואוסט פון דקדוק און פון „שפה חיה" און איינער האט געהאט א חדר גאר אויפ'ן נייעם שטייגער — מיט בענק.. און דאך, ווי געזאגט, פלעגט מען דוקא פון קליינעם בית־מדרש שבת ארויסגעהן מיט א שעה אנדערהאלבען שפעטער ווי פון די אי־בעריגע שולען, אפילו שפעטער ווי פון דער חסידישער שטיבעל, וואו עס האבען געדאווענט די ליבאוויטשער, נישט קוקענדיג, וואס צווישען די דאוונער פון קליינעם בית־מדרש איז א חסיד אפילו אויף קיין רפואה ניט געווען.

די אורזאכע איז געווען גאר אן איינפאכע: אין קליינעם בית־מדרש האט געדאווענט דער גביר פון שטעדטעל — חיים מאיר טשארניאק. וועגען זיין פערמעגען איז געווען חלוקי־דעות,

מאנכע האָבען געדרונגען, אז ער פּערמאַגט צוויי הונדערט טויזענד, מאנכע הונדערט טויזענד קערבלעך; די פּאָר משכּלים, וואָס זיינען געוועזען אפּיקורסיש געשטימט, האָבען איהם אראָבגענומען זעהר א גרויסע סומע און האָבען איהם נאָר איבערגעלאָזט א 50 טויזענד קערבלעך. נאַטירליך פלעגט מען ניט דערלאָזען אזא'ן עולה און ענדליך פלעגען אפילו די פּאָר משכּילים מאכען א פּשרה און דערלעגען איהם נאָך א 25 טויזענד און זאָל דער עולם ניט בייז זיין.

דערפאַר איז אבער ביי קיינעם קיין חלוקי דעות ניט געוועזען וועגען וואָרטען אויף'ן גביר מיט'ן דאַוונען, דערפון האָט מען אפילו גאָר ניט גערעדט. זאָל זיין אפילו, אז די משכּילים זיינען גערעכט, אז ער פּערמאַגט מעהר ניט ווי 50 טויזענד — נו און 50 טויזענד וואַלגערען זיך דען אין גאַס? וואַרטען מוז מען אויף איהם סיי ווי סיי. ס'וואָלט גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלען, אפילו אין א שפּאַס, א זאָג טהאָן, זאָל מען דאַוונען אָהן איהם. אין דער פּראַגע זיינען די דאַוונער פון קליינעם בית־מדרש געוועזען איינִיג. ס'האָט זיך אפילו אמאָל געפונען איינער, חנן דער תבואה הענדלער, אן עזות פּנים. וואָס האָט געזאָגט, אז ביז ברוך שאמר קען מען דאַוונען אָהן איהם, נאָר דער עולם האָט דאָס אנגענומען פאר א האַלבען שפּאַס און קיינער האָט אפילו ניט געפונען פאר נויטיג צו שפּאַרען זיך אויף ניין. די זאַך פּערשטעהט זיך ממילא, און ביז ברוך שאמר קען מען דעם גביר לאָזען אליין? מען וועט איהם דען צווינגען צו נאָכיאָגען דעם חזן, וועלכער וועט האַלטען ווייטער? וואָס הייסט! עס איז שוין, אמת, געוועזען אמאָל געווען גענוג העזה ווען מען האָט, נאָכדעם, ווי דער זייגער האָט געשלאָגען 10 און דער גביר איז אַלץ ניט געקומען, געשיקט דעם שמש צו איהם אהיים פרעגען: וואָס איז די מעשה? מען איז דאָך ניט מעהר ווי א מענש — א גביר קען דאָך אויך חלילה וחס קראַנק ווערען.. בפּרט, אז דער גביר האָט טאַקי געהאַט א שטיקעל פעהלער: ס'האָט געהייסען: די דיקע

רער, האָט הייסט ער איז געווען צו דיק... דער גביר איז אבער דערפאַר בייז געוואָרען און האָט געזאָגט, אז ער בעט גאָר ניט מען זאָל אויף איהם וואַרטען... ער איז מוחל דעם כבוד...

דעמאָלט האָט דער שמש געכאַפּט א פּסק פון די בעלי בתים:

— עס האָט ניט געפּאַסט טאַקי צו געהן טרייבען איהם, עס איז ניט קיין דרך־ארץ פאַר א גביר..

און אז דער גביר איז דעמאָלט געקומען ערשט אין א האַלבער שעה ארום, איז צוגעגאַנגען צו איהם טאַקי חנן דער תבואה הענדלער, וואָס האָט געהאַט א נאָמען פאַר אַן עזות־פּנים און האָט מיט א זיסען שמייכעל, וואָס האָט זיך צוגאָסען איבער זיין גאַנצען דאַרען פּנים ביז אראָב באָרד, אויסגעשטאַמעלט:

— פון אונזערטוועגען, ר׳ חיים מאיר, וואָלטען מיר נאָך געוואַרט... וואָס איז שייך!... און ר׳ חיים מאיר האָט האַלב אָנגעבלאָזען און האַלב גוטהערציג געענטפערט:

— רופען מיך דאַרף מען ניט... אויב ס׳איז שווער צו וואַרטען — טאָ זאָל מען דאַוונען אָהן מיר.. איך פּאַזוואָליע...

נאַטירליך, איז געוואָרען באַלד א מהומה: דער גביר איז ברוגז. עס זיינען צו איהם צוגעגאַנגען די שעהנערע בעלי־בתים, די פאַר משכילים, דער מלמד וואָס לערנט אויפ׳ן היינטיגען שטייגער מיט׳ן „שפה חיה“ און מיט די „ביינק“, און יעדער האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, וואָס דער הויפּט געדאַנק איז בעשטאַנען אין דעם, אז פון זייער זייט וואָלטען זיי נאָך געוואַרט און געוואַרט, נאָר אַליץ צוליעב׳ן שמש...

— און דער שמש — נאָר וואו שמש, ווען שמש? ס׳איז געשטאַנען ביי דער בימה א מת ניט קיין שמש — א קליינינקייט — איינגעריסען מיט׳ן גביר!...

קומט אָן פלוצלונג אין שטעדטעל א נייעס, אז מען האָט

געוואָרפֿען אַ באַמבע אויף פּלעווען... אין מיטען וואָך נאַטירליך איז מען פעריאַגט אין פּרנסה, לאָזט מען די נייעס בעשפּרעכען די ווייבער און די בחורים׳לעך: זיי האָבען צייט! שבת אבער קעהרט זיך דער קליינער בית־מדרש, איבערהויפּט די פּאָר משכילים. זיי דרינגען אז איצט וועט ווערען פריי...

דערהערט דאָס וואָרט פריי, פרעגט דער שמש, וואָס הייסט פריי, מען וועט דען מעגען האַלטען שענקען, אָדער וואָהנען אין דערפער? לאַכט זיך פּאַנאַנדער איין משכיל און זאָגט, אז פריי הייסט אָהן אַ קיסר, און חנן דער עזות פּנים ערקלעהרט די פרייהייט אויף זיין שטייגער און זאָגט ארויס זיין השערה אז פריי הייסט, אז מען וועט אויפהערען וואַרטען אויפ׳ן גביר מיט׳ן דאַווענען...

געזאָגט געוואָרען איז עס נאַטירליך אין אַ שפּאַס, נאָר עפּעס איצט איז דער שפּאַס געפעלען געוואָרען און דער שמש האָט זיך אַנגערופען:

— איך זאָג אייך, ברידער, אז דאָס וואָלט געווען די גרעס־טע ישועה...

און חאָטש דאָס איז פון שמש געווען די ערשטע ארויסטרע־טונג קעגען גביר, האָט ער זיך גאָר ניט געשראָקען, אדרבא ער האָט באַלד אַ שמעק טאַבאַק געגעבען און געזאָגט ווידער:

— ער זיצט שוין מיר אָט־אַ־דאָ־אַ!...

דעם אנדערען שבת, האָט מען שוין גערעדט וועגען דער גרויסער דעמאָנסטראַציע וואָס איז געווען, ווי בעלי העגלות דערצעהלען, אין דער גובערניע...

—מען זאָגט, אז דער חיל בונטעוועט זיך אויך — האָט איין משכיל פון די פּאָר מיטגעטהיילט...

נאָר באַלד איז אָנגעקומען דער גביר.

— עפּעס פריה זענט איהר היינט געקומען, ר׳ חיים מאיר? — האָט חנן דער עזות־פּנים אַ פרעג געטהאָן, — ערשט ניין אזייגער...

— עס שלאפט זיך עפעס ניט... — האט דער גביר, ווי ברוגזליך, אבער גענוג פיין געענטפערט — בין פריה אויפ־געשטאנען...

— וואס זאגט איהר, וואס עס טהוט זיך אזוינס אין רוס־לאנד? עס קעהרט די וועלט! — האט חנן געוואלט הערען דעם גביר'ס מיינונג.

דער גביר האט מיט שטאלץ א הוסט געטהאן און געענט־פערט:

— וואס זאל איך זאגען? — לײדאקעס, יונגאטשעס, זיי ווילען איבערמאכען א וועלט...

דא האט שוין דער שמש זיך אריינגעמישט און, אמת, א ביסעל מיט הארץ־קלאפעניש, אבער דאך גענוג קלאר ארויסגע־רעדט:

— מען זאגט, עס זאל ווערען פריי...

דער גביר האט איהם קרום אנגעקוקט און גאר נישט גע־ענטפערט...

מעהר רעש האט אנגעמאכט אין בית־מדרש דער אויפשטאנד אויף „פאטיאמקינס שיף".

— מען זאגט, אז מען גיט קאנסטיטוציע... — האט איינער א זאג געטהאן.

— וואס הייסט מען גיט? — האט דער מלמד, וואס לע־רענט אויפ'ן נייעם שטייגער געענטפערט — מען נעהמט אליין.

— שוין דריי פיערטעל אויף 9! — האט חנן דער תבואה הענדלער פלוצלונג אויסגערופען, — לאז מען זיך שטעלען דאוו־נען אהן איהם.. ווי פיעל איז דער שיעור צו ווארטען אויף איהם?

— ווי איך בין א איד, ער איז נערעכט.

— קאנסטיטוציע איז קאנסטיטוציע! — האט איינער פון די משכילים אויסגערופען.

— פרייהייט איז פרייהייט! — האט א צווייטער משכיל אונטערגעהאלטען.

און חנן דער תבואה הענדלער האט זיך געשטעלט ביי׳ן עמוד און אויסגעזונגען די ברכות פון פארענט און דער עולם האט מיט א בעהאלטענער שמחה, געמישט מיט נקמה־געפיהל, הויך נאך יעדער ברכה געענטפערט:

— אמן!

דער ארעסטירטער קרעמער.

1.

פאר וואָס מען האָט איהם ארעסטירט, האָט חיים בשום אופן ניט פערשטאַנען. אָנהערענדיג זיך א סך מעשיות פון בלבולים, האָט איהם, אז ער האָט דערזעהען אין האלבער נאכט א פולע שטוב מיט פּאָליציי, א קלאפּ געטהאָן גלייך אין קאָפּ: א בלבול! נאָר, אז ער איז עטוואס געקומען צו זיך, און האָט זיך דערמאָנט, אז היינטיגע צייטען נעהמט מען צו גאָר פאר מאָדנע חטאים. האָט ער גענומען זוכען אין קאָפּ, וועלכען חטא פון ידי נייע איז ער בעגאנגען. א גאנצען טאָג זיצט ער אין טאַבאַק־קראָם און מישט זיך ניט אין קיין זאַך. אפשר האָט ער זיך עפּעס אויסגערעדט אנטקעגען דער מלוכה? ער ווייס אבער זיכער, אז ניט; אז ער האלט גאָר פאר דער מלוכה. פערקעהרט, ער האָט די „היינטיגע" פיינט ווי א איד חזיר. אפשר איז ער ביי'ם מנין, וואו ער דאווענט, צו „הנותן תשועה" ניט אויפגעשטאַנען? ער ווייס אבער זיכער, אז ביי איהם קען דאס ניט טרעפען. עהדער דער בעל תפלה הויבט נאָך אָן ארויסצוזינגען דעם „הנותן", שטעהט ער שוין גלייך אויף. אמת, אין מנין דאווענען נאָר איי־גענע מענשען. נאָר וואס דארף ער זיצען, אז ער קען שטעהן, בפרט אז יעדער מלך האָט א שד... היינט פאר וואָס? וואָס וויל מען פון איהם.

ער האָט זיך גענומען פערענטפערן פאר'ן זשאַנדאַרמסקען אָפּיציער; געוויינט, געבעטען זיך. „איך האָב א ווייב, האָט ער גע'טענה'ט... איך טהו גאָר נישט... איך בין א קרעמער..." אויך האָט ער אליין געהאָלפען מאכען דעם „אָביסק" און זעהר ווייך און ערעל דערקלערט וואָס עס בעדייט דאָס לאנג בעשריעבען־בי־

כעל מיט ציפער און אותיות! „דאס איז חובות, וואשע וויסאקא בלאגאראדיע, חובות!“... „א ביכעל מיט חובות — ווייטער גאר נישט“. און אז דער אפיציער האט ארויסגענומען א פאפיראס צו פעררויכערען, האט ער גענומען זוכען א שוועבעלע, אויף גיך אנגעצונדען און איהם אונטערגעטראגען. און דער נאך זיך איינגעבייגט... עס האט אבער גאר נישט געהאלפען.

— עס קען זיין, עס איז א טעות! — האט דער אפיציער ענדליך איהם ערקלערט,—אבער ארעסטירען דיך מוז איך...

2.

די נאכט האט ער איבערגענעכטיגט אין צירקעל. פאר איהם אין די אויגען האט מען געבראכט עפעס א גנב, וועלכען א דיקער גאראדאוואי מיט ווייסע אויגען און סארע וואנסען האט מיט אכזריות געשלאגען. חיים האט דאס צוגעקוקט און וועלענדיג זיך אונטער׳חנפה׳נען דער גאראדיוואי, האט ער געזאגט:

— גוט אזוי! ווייטער וועט ער ניט גנבה׳נען.

— און דו ווער ביזט? — האט זיך צו איהם דער גאראדאוואי א לאז געטהאן, מיט אן אויפגעהויבענער האנט.

— ניין, ניין! — איז חיים אבגעשפרונגען, — איך זיץ על פי טעות...

— איך וועל דיר ווייזען על פי טעות! — האט דער גאראדאוואי איהם געדראהט, — מיש זיך ניט.

חיים האט זיך בעהאלטען אין א ווינקעל און האט גענומען זוכען מיטלען, ווי אזוי אויסגעלייזט צו ווערען פון די גוי׳שע הענט.

אין דער פריה האבען איהם צוויי גאראדאוויעס געפיהרט אין טורמע.

אויפ׳ן וועג האָט ער געפּרובט מאַכען מיט זיי א שמועס. ער האָט געוואוסט, אז העלפען וועט דאָס ניט, נאָר גלאַט געהן און שווייגען פּאַסט ניט. זיי קענען נאָך מיינען, אז ער איז טאַקי א פּעדביסענער יונג... און ער האָט ביי איינעם פון זיי א פרעג געטהאָן, צי ער איז א געבאָרענער א היעגער...

— געה, געה, ניט גערעדט! — האָבען זיך ביידע גאָראָ־דאָוויעס אויף איהם ארויפגעוואָרפען - - מיר קענען אייך!...

„נאָר קאַליע געמאַכט!" — האָט ער זיך געמוסר׳ט אין געדאַנק, און האָט בעשלאָסען, אז רעדען איז נאָך ערגער.

3.

אריינגעפיהרט און איבערגעלאָזען האָט מען איהם אין א קאַמער, וואו עס זיינען געזעסען א גאַנצע חברה.

יעדער האָט זיך צו איהם געווענדט מיט א פראַגע, נאָר חיים האָט ניט אויסהערענדיג גלייך אָבגעהאַקט:

— דאָס איז על פּי טעות... מען וועט מיר גלייך ארויס־לאָזען. איך בין ניט פון אייערע...

אויסערעדענדיג דאָס, אלס סגולה, אזוי ווי א שפּרוך פאַר מזיקים, האָט ער אָבגעזוכט א ווינקעל און זיך אוועקגעזעצט.

די פּאָליטישע האָבען אויף איהם געקוקט און געשמייכעלט.

שפּעטער אבער איז איהם נמאס געוואָרען זיצענדיג און צו איינעם, וואָס האָט איהם אויסגעוויזען מעהר „געזעצט" ווי די איבריגע, האָט ער זיך געווענדט מיט א שאלה: ווי איז דער דין, אז „מען איז דאָך ניט מעהר ווי א מענש"!...

יענער האָט איהם מיט א שמייכעל דערקלערט דעם דין. חיים האָט בעדאַנקט און איז ווייטער שטום געוואָרען.

עס איז אבער איהם זעהר אומעטיג געוואָרען און פאַר ליינגווייליע האָט ער זיך גענומען צוהערען צו די שמועסען.

די שמועסען זיינען איהם געוועזן פרעמד. אבער פעראינ־טערעסירט האבען זיי איהם מיט זייער נייקייט און דרייסט־קייט. איבערהויפט איז איהם געפעלען ווי אזוי איינער אז אב־צעהניעהריגער בחור האט דערצעהלט ווי ער האט זיך געהאלטען ביי׳ן אביסק.

— אויף קיין פראגע ניט געענטפערט.

— און איהר האט קיין מורא ניט געהאט? — האט זיך חיים ארויסגעכאפט מיט א פראגע, ערשטוינט פון דעם בחור׳ס גבורה.

דער בחור האט א שמייכעל געטהאן און געענטפערט: אזוי־נע ווי איהר האבען מורא...

חיים האט זיך פערשעמט. ער האט זיך דערמאנט, ווי אזוי ער האט געוויינט פאר׳ן אפיציער, ווי אזוי ער האט גע׳חנפה׳ט דעם גאראדאוואי אין צירקעל, און האט אויסגעזעהן ביי זיך אין די אויגען אזוי קליין, אזוי געפאלען.

— וואס מיינט איהר — האט ער זיך גענומען פערענט־פערן — א ווייב, צוויי קינדער... א קראם...

דער יונגער בחור האט זיך פון איהם מיט עקעל אבגע־קעהרט.

ער איז אין אזא לאגע אבגעזעסען עטליכע טעג. אין די עטליכע טעג האט ער א סך ערפאהרען. די מורא פון דער ערש־טער צייט איז אביסעל ביי איהם קלענער געווארען, איהם האט יאר געקרענקט, וואס די חברה לייט ווייכען פון איהם.

— מען מוז זעהן מיט זיי אנהויבען לעבען גוט! — האט ער בעשלאסען. און האט דעם בעשלוס געכשר׳ט מיט א פסוק: עם חסיד תתחסד.

— וואס מיינט איהר, ברידער, — האט ער זיך צו די פא־ליטישע געווענדט, — אז איך זיץ חלילה פאר א גנבה...

— פאר וואס דען? — האט דער בחור׳ל, וואס האט דער־

צעהלט ווי אזוי ער האט זיך ביי'ן אביסק געהאלטען, פארשענד געפרעגט.

— נישקשה, מען האט ביי מיר געגוג געפונען, — האט זיך חיים בעריהמט.

— וואס האט מען ביי אייך געפונען? — האבען אלע פון קאמער זיך נאהענט צוגערוקט צו איהם.

— איהר ווילט וויסען — וואס?... ער האט זיך פערהאקט. ניט וויסענדיג וואס אזוינס צו זאגען...

— ברידער, ער איז א שפיאן! — האט איינער דעם צווייטען איינגערוימט אין אויער.

— אבער א גרויסער שוטה! — האט א דריטער שוין הויך געמאלדען.

און פון דעם שמועס אז איז חיים ווידער געבליבען אליין, ניט וויסענדיג ווי אזוי זיך צו האלטען סיי מיט די „חברים" און סיי מיט נאטשאלסטווע....

א פסח'דיגער טאטע.

יעדער בעל הבית פון שטעדטעל האט זיך געוואונשען צו האבען אזא „שטעלע“ ווי מענדיל טאמארקין. ערשטענס איז דאס א בכבוד'יגע שטעלע: א „שאפער“ אין א וואלד, צווייטענס, איז זיין בעל הבית ניט קיין אנדערער ווי דער גרויסער בערע ראפאפארט — א איד, וואס פערמאגט איבער א מיליאן. ס'הייסט, מען קען דען וויסען וויפיעל אזא גביר פערמאגט? אז די בעלי בתים פון דעם שטעדטעל זיינען בעזונדערס גוט אויפגעלעגט, ווי למשל אין א יום טוב, קאנען זיי זיך פערגינען און דערלעגען א הם נאך א מיליאן. אט ממש איינס־צוויי, און בערע ראפאפארט פערמעגט שוין צוויי מיליאן. און עס טרעפט אז אן עקשן א בעל הבית שטעלט זיך איין און וויל נישט אנ־דערש, אז בערע ראפאפארט זאל פערמעגען דריי מיליאן.

— איהר וועט ביי מיר נישט אוועקנעהמען! — טענה'ט איינגעשפארט דער עקשן — איך וויים פון א זיכערען ארט, אז בערע ראפאפארט פערמאגט איבער דריי מיליאן.

נאר ניט אין דער עשירות פון בערע ראפאפארט בעשטעהט דאס גליק צו זיין ביי איהם א מענש. בערע סוטינער, למשל, פערמאגט ארום זיעבען־אכט מיליאן און אפשר מיט א סמי־טשיק, און האנדעלט אויך מיט וועלדער און פון דעסטוועגען איז ביי'ן דאזיגען בערע סוטינער צו דיענען דוקא ניט קיין גרויסער יחוס. א מענש האלט זיך ביי איהם ניט מעהר ווי א האלב יאהר, ער איז יעדען אידען חושד אין גנבה... און די שכירות וואס ער צאהלט איז אויך גאר ניט מעשה־גביר...

בערע ראפאפארט אבער איז א איד א בן־תורה און בעהאנ־

רעלט זיינע מענשען ווי חברים. אזוי דערצעהלט מען וועגען איהם. וואָס איז שייך צו די שכירות צאָהלט ער יעדען איינעם לויט די עהרליכקייט און לויט די קינדער וואָס דער „מענש" פּער־מאָגט. אויף יעדע ניי־געבאָרענע קינד איז בערע ראַפּאָפּאָרט מוסיף א פּאָר רובעל די וואָך, און אז העם „מענשען" קומט אויס חתונה צו מאכען א טאָכטער, גיט בערע ראַפּאָפּאָרט דעם נדן... אזא קבלה האָט ער שוין פון זיין טאַטען וואָלף ראַפּאָ־פּאָרט, און וואָלף ראַפּאָפּאָרט שטאמט פון דעם גרויסען צדיק ר' משה ראַפּאָפּאָרט...

פון אזוינע שמועסט מען ניט...

און נאָך בעסער פון אלע זיינע מענשען בעהאנדעלט ער טאקי מענדיל טאמארקינ'ען. ערשטענס, איז מענדיל א גרויסער בעל חשבון, עס איז א סברא, אז ער קען אזש ביז אריבער תשבורות... דערצו איז ער בעהאָווענט אין „חכמת המדידה". מיט'ן אויג מעסט ער אויס וויפיעל „טפחים" א בוים האלט די דיק און וויפיעל די הויך. דערצו איז א סברא, אז מענדיל טאַ־מאַרקין איז ראַפּאָפּאָרט'ס א שטיקעל קרוב... אויף זיכער וויים מען ניט, נאָר שמועסען שמועסט מען יאָ...

אנגעקומען צו ראַפּאָפּאָרט'ן אין וואלד איז טאמארקין א יאָהר נאָך דער חתונה. נאָכדעם ווי זיין ווייב זעלדע איז אויפ־געשטאַנען פון ערשטען קינפּעט מיט דעם ערשטען קינד — א מיידעלע... גאַנץ שטעדטעל איז דאַמאָלס געגאַנגען האָראָראָם: א קליינינקייט — אזא שטעלע...

זעלדע אליין איז אפילו די ערשטע צייט ניט געווען בעז־זאָנדערס צופריעדען, דען אויסער וואָס מענדיל איז א געראָ־טענער, איז ער טאקי א פּארשוין א מאן. זיינע אויגען שוואַרץ ווי די נאכט, די האָר פון פּעך און זיין פּנים קלאָר און קיי־לעכדיג... אויף די ליפּען ליגט שטענדיג א גוטער, זיסער שמייכעלע... עס איז איהר געווען שווער צו שיידען זיך מיט איהם...

אָבער מענדיל האָט איהר געשריעבען די ערשטע צייט אַזוי־נע שעהנע בריוולעך, אז עס איז שוין כדאי געווען צו ליידען פון דער צושיידונג... מיט׳ן מויל וואָלט ער אונז איהר קיינמאָל ניט געזאָגט... אין יעדען בריעף האָט ער איהר געטרייסט, אז אויף פסח קומט ער צופאָהרען. ער וואָלט געקומען פריהער, אויף אַן אנדער יום טוב, אבער דער סוחר ראפאפּאָרט לאָזט איהם ניט אָב... ער איז זיין רעכטע האנד געוואָרען...

מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָט די יונגע זעלדע גע־וואַרט אויף דעם ערשטען יום־טוב.

ענדליך איז געקומען פסח און מיט דעם יום טוב — איהר מאַן מענדיל...

נאָכ׳ן ערשטען שלום־עליכם (צוקושען זיך האָט מען נישט געקאָנט, ווייל א שכנה איז גראד געווען אין הויז), האָט זעלדע אביסעל שעמעוודיג — וואָס האָט איהר אבער צוגעגעבען מעהר חן — אנגענומען מענדלין פאר׳ן האנד, איהם צוגעפיהרט צום וויעגעלע וואָס איז געשטאַנען אין ווינקעל פון שלאָף צימער און איהם אָנגעוויזען אויפ׳ן יאָהריגען קינד, וואָס איז געלעגען און זיך געשפּיעלט מיט די קליינע, צונויפגעלעגטע פויסטעלאך.

מענדיל האָט עס אָנגעקוקט מיט א ליעבען שמייכעלע, גע־נומען עס אויף די הענד און לאַכענדיג געזאָגט:

— איך דערקען עס גאָר ניט... אוועקפאָהרענדיג איז עס געווען אלט אין גאנצען א מאָנאט... ווי רופט מען זי... איך האָב שוין פערגעסען...

— גיטעלקע הייסט זי... — האָט די מוטער מיט שטראַה־לענדע אויגען געענטפערט...

— אך, יא, גיטעלקע... נאָך דיין באָבע׳ן, דאכט זיך...

— יאָ, — האָט זעלדע מיט גרויס חן צוגעגעבען.

דער יום טוב איז אוועק איז איילעניש. מענדיל, וועלכער איז געווען א גאנץ גרויסער בעל משפחה, איז א גאנץ יום טוב געווען פערנומען מיט געהן צו־גאַסט און אויפנעהמען געסט...

זעלדען האָט עס זעהר פערדראָסען, אבער זי האָט ניט געהאט קיין העזה איהם אבצוהאַלטען, און אזוי איז מענדיל געווען א גאַנץ יום טוב מעהר פאר לייטען ווי פאר איהר און פאר׳ן קינד...

מוצאי־יום־טוב האָט זיך שוין מענדיל געפּאַקט אין וועג...

זעלדע איז געשטאַנען מיט אראבגעלאָזטע הענד און גע־זיפצט.

— שוין פאָהרסטו אוועק?...

— יא, מיין גאָלד... דער סוחר האָט מיר אָנגעזאָגט אז גלייך נאָך יום טוב זאָל איך צוריק קומען אין וואלד. עס איז דאָ א סך, א סך ארבייט...

אין עטליכע מאָנאַט ארום איז זעלדע טראָגענדיג געוואָרען...

די שכנות פון גאס האָבען געקוקט אויף איהר און האָבען געשמייכעלט...

— דער מאַן איז נישטאָ און זי, פונדעסטוועגען...

— וואָס הייסט — האָט בעמערקט א צווייטע שכנה — ער איז דאָך יום טוב געווען אין דער היים, געהעו׳ט א ביסעל?...

זעלדע האָט געוואוסט, אז מען רעדט וועגען איהר ניט קיין שלעכטס, אז מענדיל איז יום טוב געווען אין דער היים האָט דאָך דאָס גאַנצע שטעדטיל געוואוסט, פונדעסטוועגען איז איהר „די לאַגע" געווען ווי אונבעקוועם, און זי האָט זיך געשעהמט צו ווייזען אין גאס...

געהאָפט האָט זי אבער, אז ווען זי וועט געלעגען ווערען, וועט ער קומען. עס וועט אפילו אויסקומען פאר יום טוב, אבער ער וועט מוזען קומען... און טאָמער א ברית?...

צום שלים־מזל אבער איז דאָס צווייטע קינד אויף געבאָ־רען געוואָרען א מיידעל... זעלדע האָט איהם געלאָזט טעלעג־ראפירען...

ער האָט געענטפערט צוריק מיט א טעלעגראַמע, אז ער

ווינשט איהר א מזל־טוב און ער האט איהר ארויסגעשיקט געלד.

און נאכדעם האט ער איהר געשריעבען א לאנגען און א הייסען בריעף, און געטרייסט איהר, אז אויף פסח קומט ער צופאהרען.

קומענדיג אויף יום טוב האט מענדיל שוין געטראפען צוויי קינדער.. דאס ערשטע, גיטעלקע, איז שוין ארומגעגאנגען. אז ער האט זי אבער דאס ערשטע מאל גענומען אויף די הענד, האט זיך דאס קינד דערשראקען פאר זיין שווארצען בארד און גרויסע שווארצע אויגען... זי האט ארויסגעלאזט א שרעקליכען געוויין און מענדיל האט זי געמוזט אבלאזען צוריק מיט א זיפץ...

דאס צווייטע קינד איז שוין געווען אלט ביי פינף וואכען... זעלדע האט מענדלען פערזיכערט, אז עס לאכט שוין. מענדיל האט אבער נישט געוואלט גלויבען. ער האט געוואלט עס זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען. זעלדע האט דאס קינד געקיצעלט, געשמוטשערט צו איהר אויף'ן קינדערשען לשון: אומזיסט אבער, דאס פינף־וואכעדיגע מיידעלע איז געווען שטרענג ערנסט און קיין שום שמייכעל האט זיך ניט בעוויזען אויף איהרע ליפעלעך...

— זי וועט שוין שמייכלען... — האט מענדיל זעלדען גע־טרייסט...

— ניין, — האט זעלדען באנג געטהאן — עס איז א פערדראסיגע זאך. אט דא ניט לאנג האט זי ביי מיר געשמיי־כעלט... איצטער דוקא ניט...

—נו, קיין בייז נישט — האט מענדיל זי ווידער בערוהיגט,— איך גלויב דיר...

און ער איז באלד ארוים אין צווייטען צימער.

אזוי האבען זיך געצויגען יאהרען. מענדיל, א דאנק זיין וויכטיגע שטעלע, וואס ער האט פערטראטען אין וואלד ביים

סוחר ראפאפארט, האט מעהר ווי איינמאל אין יאהר א היים נישט געקענט קומען, אויסער דאס איינציגע מאל ווען זעלדע האט געבארען א אינגעלע, נאכדעם ווי זי האט שוין געבארען פיער מיידעלעך...

דאמאלס איז ער געקומען בלויז צום ברית און האט זיך שטארק משמח געווען און איז אבער באלד צוריק אוועקגעפאה־רען.

די איבריגע קינדער זיינען ביי איהר אבער אלץ מיידלעך געבארען געווארען... און צו די מיידעלס געבורט פלעגט מענדיל יוצא זיין מיט א „מזל־טוב" דורך א טעלעגראמע...

אויף אזא אופן איז אין פערלויף פון צוואנציג יאהר מענ־דיל געווען א טאטע פון דרייצעהן קינדער...

בעקומענדיג אן הוספה פון סוחר פאר יעדע ניי־געבארענע קינד, איז מענדיל'ס געהאלט געוואקסען אין די הונדערטער...

— אויב אזוי — האבען די ארימע בעלי בתים געשמועסט צווישען זיך — איז שוין כדאי צו קינדלען... א קלייניגקייט, אז גאר פאר יעדען קינד בעצאהלט מען...

זעלדע איז אבער נישט געווען בעזאנדערס צופריעדען... מענדיל קאן גאר נישט די קינדער... ער איז א יום־טוב'דיגער מאן און א פסח'דיגער טאטע... קומט צו פאהרען אויף יום טוב, און צוקושענדיג זיך פריהער מיט איהר, נאכדעם מיט די קינדער, וואס דאס עלטסטע איז שוין ביי ניינצעהן יאהר, הויבט ער זיך אן צו טומלען אין די נעמען...

— נו, וואס מאכסטו, באסקעלע? — פרעגט ער דאס 12־יעהריגע מיידעלע.

דאס מיידעלע לאזט אראב די אויגעלאך און שווייגט.

— פארוואס־זשע שווייגסטו, באסקעלע? — נעהמט ער זי אן פאר'ן בעקעלע.

— איך בין נישט באסקע — ענטפערט דאס קינד נאך מעהר פערשעמט.

— וואָס־זשע רעדן בייזטו? — פרעגט ער צוטומעלט.

— איך בין טעמע... טעמע רופט מען מיך...

— אה, יאָ, איך האָב מיך טאקע טועה געווען... — פאַר־ענטפערט זיך מענדיל — אזוי, בייזטו טעמעלע, הייסט עס... וואו־זשע איז באסקעלע?

עס לויפט צו א צווייטע מיידעלע, אינגער מיט א יאָהר, און פאלט צו צום טאַטענס קניע.

— איך בין באסקעלע... מיך רופט מען באסקעלע...

— יאָ, יאָ, איך דערמאָהן זיך...

זעלדע שטעהט דערביי און ווישט זיך די אויגען:

— א טאַטע, שטיינס געזאָגט, וויים נישט אפילו ווי אזוי מען רופט זיינע קינדער...

מענדיל ווערט געריהרט, נעהמט זי אַן גוטמוטיג פאר'ן האנד און ענטפערט:

— וואָס־זשע קען מען מאַכען, מיין זעלדעלע... אבי דיין נאָמען וויים איך.

און דער יום־טוב'דיגער מאן צוקושט זיך מיט זיין ווייב.

די קינדער קוקען אָן די סצענע פערוואונדערט:

—א פרעמדער איד קושט זייער מאמע...

און זיי צולויפען זיך פערשעמט אין די ווינקלעך...

גבירה׳שע מצה.

די ווירטהין איז אריין צורודערטערהייט אין „פּאַדריאַד“ און האָט אָנגעזאָגט:

— נאָך דעם געבעק וועט באַקען פייגע חנה!

דער עולם „וועלגערין׳ס“ זיינען געבליבען ווי צוגעשמידט צו די ברעטער און האָבען פאַר איבערראַשונג א וואָרט נישט געקאָנט אויסריידען. נאָר איין רעדלער האָט געהאַט דאָס מוטה איבערצופרעגען:

— פייגע חנה?!

— יאָ, פייגע חנה! אין א פּאָר שעה ארום וועט זי דאָ זיין!

— אַט, וועט זיין א „מתנה“! האָט ענדליך איין וועלגע־רין, גרונע די מלמד׳קע, אויסגערופען, ווענדענדיג זיך מיט א פרעהליך שיינענדיג פּנים צו די איבעריגע וועלגערינס.

— יאָ, יאָ! — האָבען פיעלע בעשטעטיגט. — א שפּאַס אַזאַ גבירטע!

און אין „פּאַדריאַד“ האָט אָנגעהויבען צו רודערן. יעדער האָט פריהער פאַרגעזאָגט פיעל די גבירה פייגע חנה וועט „צו־טהיילען“.

— און איך זאָג אייך, — האָט בעריל דעם שניידערס ווייב געזאָגט,—אז זי וועט ניט געבען מעהר פאַר אַנדערע בעל־בתים, מען קען זי, אז זי איז ניט קיין גרויסע געבערין.

— אז פריידע זאָגט איז פערהאַן וואָס צו הערען, האָט גרונע די מלמד׳קע ניט געוואָלט איינשטימען — קיין געבערין איז

זי טאָקי ניט, אבער פּאַרט אזא גבירה, ווי וועט איהר אָנשטעהן צו געבען די וועלגערינס וויינינגער ווי דריי רובל.

— ממה נפשך, אז מיר וועלען לעבען וועלען מיר עסען,— האָט דער רעדלער, א יונג־בלאָס בחור׳ל, זיך געוויצעלט.

דער זעצער, וועלכער האָט די גאנצע צייט פון דעם טור־מעל ביי׳ן אויוועז ערנסט געארבייט, גלייך ווי צו איהם וואָלט די גאנצע זאך ניט שייך געווען, האָט ענדליך זיך ניט איינגע־האלטען, ער האָט זיך געווענדעט צו די וועלגער, האלטענדיג אין האנד א פּאָר טרוקענע מצות:

— פרעהט זיך, פרעהט זיך! — האָט ער גערעדט מיט א טאָן, אין וועלכען עס האָט געקלונגען איראָניע און פעסימיזם— פרעהט זיך, קינדער! איהר וועט דאנקען גאָט, אז איהר וועט ארויס לעבעדיג פון איהרע הענד: זי וועט אייך פערמוטשען! דאָ וועט זי זאָגען, די מצות זיינען צו גרויס, דאָ — צו גראָב, שיטער גערעדעלט, פערברענט...

ער איז אין כעס געוואָרען און האָט זיך אָבגעהאקט, ווי ער וואָלט ש ו י ן ערקונדיגט זיך, אז אזוי וועט טאָקי זיין, און צוגעהענדיג צום בלעך און ארויפכאַפּענדיג אויפ׳ן „זעץ־שטעקען" א פּאָר מצות, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— איך קען זיי!... כאַפּט זיי דער רוח. איך האָב זיי פיינד די רייכע...

ביי׳ן לעצטען וואָרט „רייכע" האָט ער מיט כונה אויסגע־שפּייט, ווי א פרומער איד צו „עלינו".

דעם זעצער׳ס בייזער טאָן און די גיפטיגע ווערטער האָבען זעהר ניט גוט געווירקט אויף אלע ארבייטער אין „פּאַדריאַד". דאָס קליין אינגעלע, „דער שיטער", וועלכער איז געשטאַנען ביים זאק מעהל אויסגעשמירט ווי א רוח, האָט אויסגעשטעלט דערשראָקען זיינע שוואַרצע אויגעלעך און עס האָט זיך געדאכט, אז ער בעט זיך ביי׳ן זעצער:

— שרעק מיך נישט, איך האָב מורא!...

נאָר איין גרונע די מלמד׳קע האָט זיך געהאַלטען ביי איהר׳ס, אַז „זי" וועט איבערלאָזען אַ שעהנע מתנה.

זי האָט שוין צוגעגרייט, ווי צו רעדען מיט דער גבירה, ווען יענע וועט צו איהר צוגעהן און וועט הייסען זי זאָל דינער וועלגערען:

— געזונדערהייט זאָלט איהר עסען — וועט זי איהר זאָגען, איך וועלגער דאָך אַזוי דין, אַזוי דין...

ווינשעווען, קלערט זי, וועט זי אַזוי:

— הלואי זאָלט איהר איבער אַ יאָהר דערלעבען און „לשנה הבאה בירושלים"...—זאָל די גבירה זעהן, אַז אַ וועל־גערין, ווייס אויך ווי צו ווינשעווען אויפ׳ן גרויסען שטייגער... זי וועלגערט און שמייכעלט, ווי זי וואָלט אַ גוטען חלום גע־זעהן... דאָס האַרץ ציטערט היימליך... דאָס האַרץ ערוואַרטעט גרויסע פאַנטאַסטישע גליקען: פייגע חנה... אַ גבירה... דריי רובל... אפשר פינף... אויף איהר חלק אַ גילדען צוויי... זי וועט קויפען אַ האַלב זיידען טיכעל לכבוד פסח!...

דער קלומעק וואָס פאַר דער גבירה׳ס איז שוין געענדיגט, באַלד וועט מען ברענגען דער גבירה׳ס מעהל.

עס איז דריי דער זייגער בייטאָג. אין דער צייט וואַרפט מען אָן דעם אויוועז אויף דאָס ניי מיט האָלץ, דאָס הייצען געדויערט אַנדערהאַלבען שעה און דאַמאָלס געהען די וועלגע־רינס און די איבעריגע אַרבייטער פון פּאָדריאַד אַהיים עסען, און עס בלייבט נאָך צייט אַביסעל אָבצורוהען זיך, כדי מען זאָל קענען ווייטער אַרבייטען ביז שפּעט אין דער נאַכט. איצט אָבער, ריכטענדיג זיך אויף דער גבירה׳ס מצה, מאַכט מען דאָס עסען בקיצור און מען קומט גלייך אין פּאָדריאַד צוגרייטען זיך צו דער גבירה׳ס מצה.

די בעל־הבית׳טע פון "פּאָדריאַד" גיט אַרויס אַ שטרענ־

גען בעפעהל, אז מען זאל „גוט־גוט“ (די ווערטער „גוט־גוט“ דריקט זי צו) אבשאבען די ברעטער, די קאטשעלקעס, מען זאל גוט צו וואשען די הענד, ריינע פארטיכער אנטהאן און מען זאל ניט ריידען קיין גראבע רעד בשעת פייגע חנה וועט דא זיין און מען זאל קיין ליעדעליך ניט זינגען...

— עס עקט זיך גאר די וועלט! — שפייט אויס דער זע־מער, חאטש אלע מאל פראטעסטירט ער אליין, אז מען זינגט ליעדער ביי'ן וועלגערען.

— אודאי ניט, — חאפט זיך ארויס גרונע די מלמד'קע, ווי אנגעצונדען, — „ער“ מיינט, אז חנה פייגע איז אזוי ווי אן אנדערע, אבי ווער...

— און דו, — ווענדעט זיך די בעל־הבית'טע צום רעד־לער, ניט ענטפערענדיג דעם זעצער,—זאלסט ניט מאכען קיין „מחזקות“ מיט ציפקעלע דער וועלגערין, בשעת זי דערלאנגט דיר צום בלעך א מצה.

— שא, וואס ווילט איהר פון מיר! — שרייט אויס ציפקעלע, א יונג־מיידעל מיט פערנאנדערגעווארפענע שווארצע האר איבער די פלייצעס — שוין גאר צו מיר זיך צוגעטשע־פעט!

די בעל־הבית'טע, ווי עס ווייזט אויס, דערשרעקט זיך ניט פאר ציפקעלעס שרייען, זי ווענדט זיך גלייך צו איהר און מוסר'ט איהר:

— עס וואלט ניט שאדען, נישקשה, אז דו וואלסט די האר פערפלעכטען צו דער גבירה'ס מצה, דער רעדלער וועט דיך אזוי אויך האלד האבען...

דערויף וויל שוין דער רעדלער עפעס ענטפערען, נאר די בעל־הבית'טע לאזט זיך איילענדיג צום טהיר, ביי'ן טהיר אבער דערמאנט זי זיך עפעס, זי קעהרט זיך אום צוריק, געהט צו צום אויווען, קריכט אריין מיט א האלבען קאפ אהין און

ארויסנעהמענדיג דעם קאָפּ צוריק פרעגט זי דעם זעצער צו־טראַגענערהייט:

— זאָגט מיר ר׳ חיים, טרוקענע העלצלעך האָט איהר געגנוג?...

— איך האָב, איך האָב! — רעדט ארויס דער זעצער, ווי מיט גדלות און מיט כעס צוזאַמען.

— זעהט־זשע! — מאכט איהם די ווירטהין מיט׳ן פינגער, און געהט איילענדיג ארוים. ווייזט אויס, אז זי האָט נאָך פיעל ארבייט, וואָס זיינען שייך צו דער גבירה׳ס מצה.

און דער „פּאַדריאַד“ העבט זיך אין דער לופטען: מען שאָבט די ברעטער, די קאַטשעלקעס; דער רעדלער „שטעלט אָן“ דאָס זיידענע רעדעל, ער קוקט צי האָט זי נישט קיין פּגימה, די מצות זאָלען זיך ניט רייסען. גרונע די מלמד׳קע לויפט אום פערשמייעט און זוכט א בעסערע קאַטשעלקע, עס זאָל זיך בעסער וועלגערען, זי בעמערקט ביי פריידע דעם שניידערס אונטער׳ן אָרעם אזא קאַטשעלקע, וועלכע זי דאַרף; זי חנפה׳ט זיך צו איהר און לעגט פאַר מאכען א חלוף, נאָר יענע דאַנקט איהר זעהר פאַר דער טובה און וויל ניט הערען. דער זעצער קעהרט מיט א פערפּלאָמט־פּנים דעם אויווען, ער האָט מורא עס זאָל ניט זיין צו היים, ער איז אין כעס און ווער עס געהט פערביי טרייבט ער מיט קולות:

— שטעהט מיר ניט אויפ׳ן וועג — צום טייוועל געהט מיט „איהר“ אין איינעם...

נאָר אָט טראָגט ארייז דער טרעגער דעם נייעם קלומעק מעהל — דער גביר׳טעם מעהל... עס ווערען אַלע שטיל; אויפ׳ן טרעגער קוקט מען מיט דרך ארץ, מען לאָזט איהם ברייט דעם וועג און עס איז איהם פערשפּאַרט צו שרייען, ווי ביי אנדערע קלומעקעס: היט זיך, לאָזט!... אפילו אויפ׳ן זאַק מעהל קוקט מען מיט דרך ארץ. גרונע די מלמד׳קע געהט צו און וויל מאכען

אויפ׳ן פינגער א „פראבע טייגעל״ צי קלעפּט זיך דאס מעהל ניט, נאר דאס „שיטעריל״ טרייבט זי.

— געהט, געהט! — שרייט ער מיט גאוה, עס איז ניט אייער דאגה, עס איז דער גביר׳טעס מעהל...

דער קליינער שיטער פיהלט שוין, ווי א גרויסער, וואס א גביר׳טע בעדריט. זיין קליין קעפּעלע, שטעהענדיג ביי׳ן זאק מעהל, ארבייט שוין, פיעל וועט איהם די גבירה איבערלאזען. פאר איהם איז דאס איבערלאזען מעהר וויכטיג ווי פאר אנ׳אנדער ארבייטער אין פאדריאד, ווייל קיין שבירות נעהמט ער ניט, זיינע שבירות איז נאר „דאס מאכען״. —

— נו, פון מיינטוועגען מעג זי שוין קומען! — שרייט פלוצים פרעהליך אויס גרונע די מלמד׳קע. זי האט געפונען א קאטשעלקע ווי זי האט געוואלט, פונקט ווי פאר דער גבירה׳ס מצה.

— ווען וועט זי שוין טאקע קומען? — פרעגען אלע אונ־גערדולדיג: אלע זיינען שוין פערטיג.

— זי האט זיך אודאי גאר פערגעסען! — ברומט דער זעצער אין כעס.

— שא, זי געהט! — זאגט אן ציפּקע די וועלגערין, וועל־כע האט געקוקט אין פענסטער.

— וואס רעדסטו?

— חא, חא, חא — צעלאכט זיך באלד ציפּקעלע, — אב־גענארט!

— חצופה! — זידעלט גרונע די מלמד׳קע — דאס בלוט איז מיר איינגעפאלען:

— גרונע, וואס האט איהר זיך דערשראקען? — לאכט ציפּקעלע.

— דערשראקען? א האר אויך ניט. נאר צי אזוי שרייט מען. — זי שעמט זיך פאר איהרע אייגענע ווערטער.

— שאַ, שאַ! זאָל איך אַזוי געזונד זיין, איצטער געהט זי טאַקי אויף אַן אמת. — זאָגט אַן אַ צווייטע וועלגעריז.

אַלע ווערען שטיל.

עס עפענט זיך די טהיר און עס געהט אַריין די גבירה פייגע חנה, אַ הויכע דיקע פרוי מיט אַ שעהן־קיילעכדיגען־פּנים, מיט אַ פּאָר שעהנע נאָר שטרענגע אויגען. אַריינגעהענדיג וואַרפט זי אַ פּאָר שטרענגע בליקען אויף די וועלגעש און נאָך דעם זאָגט זי מיט אַ טאָן פון אַ גענעראַל, וואָס „זדראַוועט" זיך מיט זיינע סאָלדאַטען:

— גאָט העלף אייך, ווייבער!

— שעהן־דאַנק, שעהן־דאַנק! — ענטפערען צוויי מאָל די וועלגער: איין מאָל — אַן ענטפער אויף איהר וואונש און דאָס צווייטע מאָל — דערפאַר וואָס זי איז אַ גבירה.

די בעל־הבית'טע לויפט אַריין דערשראָקען, וואָס זי האָט ניט אָבגעהיט דאָס קומען פון דער גבירה. זי פערענטפערט זיך פאַר איהר:

— עס איז אַזוי פיעל אַרבייט, אַזוי פיעל אַרבייט! אַ קליי־ניגקייט מען האָט צו טהאָן מיט מצה! זייט מוחל, זייט מוחל!..

די גבירה ענטפערט איהר דערויף ניט, זי געהט נאָר צום אויווען אַ קוק טהאָן.

— דער זעצער פערברענט חאָטש ניט? — פרעגט זי וועגדענדיג זיך צו דער בעל־הבית'טע, חאָטש דער זעצער שטעהט דערביי. ער פיהלט זיך דערפון בעליידיגט: „וואָס, ביי מיר קען זי ניט פרעגען!" קאָכט אין איהם דאָס האַרץ — אַ גרויסע יחסנ'טע... איהם ווילט זיך זידלען און פאַר כעס וואַרפט ער אַריין אין אויווען אַ העלצעל.

און די בעל־הבית'טע דערשרעקט זיך פאַר דער גבירה'ס פראַגע און זי צע'טענה'ט זיך:

— וועה צו מיר! וואָס רעדט איהר! זאָלט איהר געזונד זיין, גאָט איז מיט אייך, וואָס הייסט בערברענען, מען פער־

ברענט ביי אונז קיינעמס מצה ניט, בפרט אייערע... עס געהט ארויס מצה ווי אויף דער זון געבאקט!...

— גערענקט־זשע — שמייכעלט די גביר'טע.

— א שאלה א ביסעל: — ענטפערט די בעל־הבית'טע צו־פריערן פון דער גביר'טעס שמייכעל.

פייגע חנה געהט צו צו די וועלגער, די ווירטהין געהט איהר הינטען נאך און ווינקט עפּעס צו א וועלגעריז, יענע פערשטעהט ניט, וואס זי מיינט און שרעקט זיך.

— את — א גולם! — רוימט איהר איין אויפ'ן אויער די בעל־הבית'טע, זעהענדיג, אז מיט'ן וואונק קען זי גאר נישט מאכען — פערשפּילע דאס יאקעל!...

דאס באקען הייבט זיך אן.

גרונע די מלמד'קע האט זיך געפּלייסט אוועקצושטעלען זיך נעבען דער גבירה'טע, אפשר וועט איהר געראטהען צו פער־נאנדעררעדען זיך מיט איהר און אויספערצעהלען פאר איהר איהר ארעם־לעבען, און זי וועט איהר אליין א שעהנערע מתנה איבערלאזען. זי ווארפט אויף דער גבירה אויגען, חנ'ט זיך, קוקט איהר אין פּנים און שמייכעלט חנפה'דיג, נאר רעדען עפּעס האט זי קיין מוטה ניט, „אז זי וועט אנהייבען רעדען, דאמאלס" קלערט זי און ווארט...

די גבירה זעצט זיך אויף א שטוהל ביי דער „מיירע" און טהיילט די טייגלעך.

טייגלעך גיט זי קליינע, כדי די מצות זאלען דינער זיין. זי קנעט מיט דער קאטשעלקע די „מיירע" און קוקט, צי מאכט מען ניט פון צוויי איינע. איהר דאכט אז יא און זי צעבייזערט זיך:

— ווייבלעך, מיידלעך — מאכט ניט פון צוויי איינע!

— ווער? — דערשרעקען זיך אלע און מען קוקט זיך איבער.

— עס קען זיין, איך האב א טעות געהאט, מיר האט זיך אבגעדאכט, — זאגט די גבירה'טע קאלטבלוטיג.

אויף די וועלגער פאלט אַן אַ שרעק, גרונע די מלמד׳קע האָט שוין ניט אין זינען צו רעדען מיט איהר, זי דאנקט גאָט, אז „זי“ טשעפּעט איהר ניט, זי סטאַרעט זיך נאָר וואָס בעסער צו וועלגערן און אַז די מצה געהט אַרויס געראָטהען הויבט זי איהר אויף אויף דער קאטשעלקע, כדי די גבירה׳טע זאָל זעהן, ווי גוט...

נאָר — דאנקען גאָט — דאָס באַקען ענדיגט זיך! אַלע אַרבייטער פון „פאַדריאַד“, אויסער׳ן זעצער, ווערען פרעהליכער; אַראָב אַזאַ בארג — אַזאַ שרעק; די מצות זיינען אויף „חדושים“, ווי די בעל־הבית׳טע פון פאַדריאַד דריקט זיך אויס.

— נאָר געזונטערהייט צו עסען, — שמייכעלט די בעל־הבית׳טע אונטערטראָגענדיג דער גביר׳טע אַ פּאָר מצות.—איהר זעהט ווי עס שפּיגעלט!

די גביר׳טע געהט אַליין צו צום בעט וואו מען וואַרפט די מצה. זי בעטראַכט און עס איז קענטיג, אַז זי וויל עפּעס אויסזעצען אַ חסרון, נאָר זי קען לייכט ניט געפינען. און זי איז דערפאַר ווי אונצופריעדען, ענטפערט ניט דער בעל־הבית׳טע, ווען יענע לויבט; עגדליך ווערט זי ווי פרעהליכער, זי בעמערקט:

— צו שיטער גערעדעלט...

דער רעדלער דערשרעקט זיך און, אַ בלאַסער, גיעט ער איהר, ווי ווייט מעגליך עדעל, צו פערשטעהן, אַז געדיכטער רעדלען האָט מען שוין ניט געקענט: עס וואָלטען זיך די מצות צעריסען.

— אַז דו וואָלסט וועלען, למשל, וואָלסטו געקענט געדיכטער רעדלען.

דער רעדלער איז געבליבען אָהן ווערטער, — צי האָט איהם פאַרדראָסען, וואָס זיין מיה, זיין סטאַראַניע איז נישט אָנגעלעגט, צי ער האָט זיך בעליידיגט, וואָס זי האָט איהם, אַ צוואַנציג־יאָהריגען, „דו“ געזאָגט — ווער קען עס וויסען?...

דער טרעגער לעגט אַריין די מצות פון בעט אין צוויי

גרויסע קווישען, געפלאָכטענע פון דינע קין. ער לעגט זיי פאָרזיכ־טיג, זיי זאָלען זיך ניט ברעכען, עס געלינגט איהם דאָך ניט, די מצות זיינען אזוי געראָטהען־טרוקען, אז זיי ברעכען זיך ליי־גענדיג שוין אין קויש, פייגע חנה צעשרייט זיך אויף דעם טרעגער:

— גזלן! עס וועט דאָך מיר אויף קדוש איין גאנצע מצה ניט בלייבען.

דאָס קליין־געבויגענע אידעל, דער טרעגער, ווערט קלענער און געבויגענער. ער וויל איהר זאָגען, אז ער איז ניט שולדיג, נאָר א קוק טהוענדיג אויף איהר, פאַלט איהם איין די דמים און שטיל, מיט מעהר פאָרזיכטיגקייט, לעגט ער איבער...

נאָר דאָס איבערלעגען איז שוין אויך פאַרטיג. די צוויי גרויסע קווישען זיינען פול, דער טרעגער שטעהט גרייט צו נעה־מען זיי טראָגען, ווי די גבירה וועט נאָר פון מויל אויסרעדען.

זי הויבט זיך אָן פערנאַנדער צאָהלען מיט דער ווירטהין.

אלע איבעריגע אין פאָדריאַד וואַרטען. די הערצער קלאַ־פען — פיעל וועט זי לאָזען?... אויסער וואָס פאַר די אָרימע איז יעדע קאָפּיקע נייטהיג, איז זיי אויך אינטערעסאַנט צו ווי־סען: ווי פיעל?...

אָבצאָהלענדיג דער בעל־הבית'טע, העבט זי אָן טהיילען די ארבייטער. זי טהיילט מיט גדלות, כלומר'שט ניט געצעהלטער־הייט. עס ווערט א געוויינשעריי ביז'ן הימעל, עס פליהען מיליאָ־נען געלד... הונדערטער יאָהר לעבען, געזונד, נחת פון קינדער. נאָר די ברכה, וואָס גרונע די מלמד'קע האָט מכין געווען פריי־הער. „לשנה הבאה בירושלים“, איז ביי איהר אזוי געבליבען; עס איז עפּעס ניט אויסגעקומען צו זאָגען. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אז עס וואָלט געווען, ווי א הוסט אין א קרענק...

— א דאגה מיר — טרייסט זי זיך אין געדאַנק — מעהר קיין צער ניט האָבען!...

די גבירה געהט ארויס.

— ווי פיעל, ווי פיעל! — קלינגען די פראגען נאך איהר ארויסגאנג.

יעדער חאפּט זיך צו בעטראכטען די מטבעות און עס ווערט א געפּילדערייי:

— אוי, וואס פאר א חזיר דאס איז — די וועלגערינס האט זי בלויז איין רובל געלאזען — פאר 18 וועלגערינס איין רובל!...

— כדאי געוועזען זיך צו מאטערען אזוי!

— אזוי געדרעקסעלט איהרע מצה!

— א גביר'טע האט מזל!

— וואס האב איך געזאגט — שרייט דער זעצער— מיר האט זי, דער חזיר, א גילדען געלאזען.

— מיר דאס אויך ניט! — קלאגט זיך דער רעדלער — א זילבערנע גריווע האט זי מיר אריינגערוקט.

— גיעב א קוק, צי ניט קיין גלאטע,—לאכט דער זעצער.

— הערט איהר, קינדער, מישט זיך אריין די בעל־הבית'טע ווי א חברטארין — זי האט ביי מיר דאס ערשטע מאל געבאקט און זאל עס זיין דאס לעצטע מאל. איך פערדיען פון איהר גאר נישט. פאר דער צייט וואס איהרע מצה האט זיך געבאקט, האב איך געקענט צוויי געבעקס אבבאקען, און צאהלען האט זי גע־צאהלט סך־הכל מיט א גילדען טייערע אויפ'ן פוד, און רעד מיט איהר האט זי מיר גליקליך געמאכט!

אין פאדריאד ווערט פרעהליך, דער עולם הויבט אן צו קריטיזירען פייגע חנה'ן — עס שיטען זיך ווערטלעך און וויצ־לעך און די בעל־הבית'טע קוועלט.

— א חכם איז דער זעצער — לויבען אלע — ער האט טאקי פריהער געזאגט.

דעם זעצער טהוט הנאה דער קאמפּלימענט — „וואס דען" קלערט ער — „געלד האבען זיי און שכל איז ביי מיר", ער וויל עפּעס זאגען, נאר עס האט זיך פּלוצים דערהערט א געוויין.

— שא, ווער וויינט דאס? — האבען אלע זיך פער־וואונדערט. מען האט זיך אומגעקוקט און מען האט דערזעהן ווי אין א ווינקעלע אנגעשפארט דאס קעפעל אן וואנד שטעהט דאס שיטערעל און וויינט ביטער, רייבענדיג מיט'ן האנד די נא־סע אויגען און פערשמוצענדיג זיך דאס פנים.

— וואס וויינסטו, יענקעלע, וואס איז? — האבען אלע זיך צו איהם א לאז געטהאן.

— מיר... האט זי... גאר נישט געלאזען... — האט ער קוים ארויסגעכליפעט.

— אוי, זאל נאך איהר א קלאג פארגעהן! — האט זיך גלייך ארויסגעריסען פון יעדערענס מויל.

— ווי זי האט פערגעסען אן דעם יתום'ל, אזוי זאל גאט אן איהרע קינדער פערגעסען — האבען אנדערע געשאלטען.

די קללות זיינען געוועזן ערנסטע, הערצליכע; קוקענדיג אויף זיי, ווען זיי האבען געשאלטען, האט זיך געדאכט, אז זיי וואלטען גליקליך געווען, ווען עמיצער וואלט זיי צוזאגען, אז די קללות וועלען מקוים ווערען.

— וואס ביזטו אליין ניט צוגעגאנגען, שוטה! — מוסר'ט איהם ווייך די בעל־הבית'טע.

— איך האב פאר איהר מורא געהאט! — כליפעט דאס יתום'ל.

— פאר אלעמען האט ער ניט קיין מורא, נאר פאר איהר— שטראפט ווייטער די בעל־הבית'טע. — דו זעהסט אלעמען גיעט „זי" און דיר ניט, געהט מען צו און מען זאגט „זייט מוחל, מיר האט איהר פערגעסען"... ווי דען?...

אין דער צייט ווען די בעל־הבית'טע האט גערעדט, איז דער זעצער געשטאנען און געקוקט מיט אויגען פערלאפענע מיט בלוט; ער האט צוזאמענגעדריקט די פויסטען און געהויבען זיי אין דער לופט, ווי ער וואלט זיך געוואלט שלאגען; נאר אז דאס יתום'ל האט זיך נאך דער בעל־הבית'טעס רעד, שטאר־

קער צעווייִנט, איז ער צו איהם צוגעגאַנגען, אַ גלעט געטהאָן איהם איבער'ן קעפּיל און האָט, בעמיהענדיג זיך צו שמייכלען, געזאָגט:

— ווייִן ניט, נאַרעלע! פאַר דיר האָט זי ביי מיר איבער־געלאָזען אַ צעהנעריל, — נאַ!

ביי די ווערטער האָט ער איהם אין הענדטעל אריינגע־דרוקט פינף קאָפּיקעס.

די ווענגערינס האָבען זיך צוגעקוקט. גרונע די מלמד'קע האָט געוואָלט שוין קריטיזירען: „אַז אָרימאַן איז אַ בעל צדקה", נאָר אַ קוק טהוענדיג אויף'ן יתום'לס פערוויינטען פּנים, האָט זיך איהר דער צונג ניט געקערעוועט אויסצורעדען אַ וואָרט, שטיל נאָר האָט זי אַ קרעכץ געטהאָן:

— געוואַלט, רבונו של עולם! פאַר וואָס קומט דאָס זיי?!..

אָרימע לייט.

אויף די אָרימע לייט, וואָס קומען יעדען טאָג צעהנדליגער נאָך א נדבה, האָט חנן דער תבואה־הענדלער שטענדיג געקוקט, ווי אויף א בעזונדערע אומה, האָטש אויסער אידישע אָרימע־לייט פלעגען אין זיין שטיבעל קיין אנדערע ניט אריינקומען. זייער גאנצער הילוך, זייער האַלטען זיך, זייערע אַלע פּאָסטעמקעס האָ־בען געטראָגען א כאראקטער פון א פרעמד, ווייט פאָלק. א חרוש נאָר, וואָס רעדען רעדען זיי דוקא אידיש...

חנן איז ניט געווען קיין גוטהערציגער, אַלענפאַלס איז עס פון זיינע בענעהמונגען ניט געווען קענטיג. שטענדיג א פער־טראַגענער, א בייזער, א צורייצטער פון שלעכטע, ניט־געראָטע־נע מסחרים, פלעגט ער זיצען אין שטיבעל, שוין אפילו אין די רוהיגע מינוטען, ווי א ברוגז'ער אויף וועלט און מענשען. אז עס פלעגט אריינקומען אן אָרימאן, פלעגט ער זיך בייז ווענדען צו איינעם פון די הויזיגע:

— גיעב איהם שוין א שטיקעל ברויט און זאָל ער געהן.

און אז דער אָרימאן פלעגט געהערען צו דער אריסטאָקראַ־טיע, וואָס געהען אהן טאָרבעס און נעהמען בלויז מזומן, פלעגט ער ווערען אז אויפגעקאָכטער.

— ער וויל ניט, ווי ער וויל זיך...

און נאָכהער פלעגט ער א צורייצטער מורמלען:

— ברויט איז זיי שלעכט, דוקא א גראָשען!...

אבוואַרטשענדיג א ווײַלע אויפ'ן אריסטאָקראַטישען אָרי־מאן, פלעגט גלייך א מסחר־מחשבה פערטרייבען דעם געדאנק וועגען אָרימאַן און חנן פלעגט פערגעסען דאָס פאַרגעקומענע.

האָבען אבער די לעצטע יאָהרען חנן׳ס מסחרים אזוי שלעכט אנגעהויבען צו געהן, אז צייטענווייז איז איהם א שאָד געווען אן אָרימאַן א שטיקעל ברויט צו געבען. און וואונדערליך: דוקא אין די שווערע צייטען האָט ער געפיהלט, אז יעדער אָרי־מאן ווערט איהם נעהענטער. על כל פנים האָט ער שוין זיכער געגלויבט, אז די אַלע אָרימע לייט זיינען זיינע ברידער, געהערען צו דער אומה אידען...

און איינמאַל, ווען ביי חנן׳ען אין שפּייכלער איז קיין קערענדעל תבואה ניט געווען, אין שטוב קיין גראָשען געלד ניט און נאָר א האַלבער לאבען שווארץ ברויט איז געלעגען אויפ׳ן נאַקעטען טיש, ווי א בייזער עדות אויף דעם ווילדען דלות, איז אריין אן אָרימאַן, זיך געשטעלט ביים טהיר און מיט א געבראָ־כענעם קול, שטיל און ווי שעמעוודיג אויסגעברומט:

— קאָנט איהר עפּעס שענקען?

אזא מין ווענדען זיך פון אן אָרימאַן איז איהם געווען מאָד־נע אומבעקאַנט, און די דאָזיגע נייע שאלה האָט איהם עפּעס ווי געשראָקען און מיט געפאַלענקייט האָט ער געענטפערט:

— א שטיקעל ברויט, ר׳ איד, אויב איהר ווילט.

— א שטיקעל ברויט איז אויך גוט... — האָט דער אָרימאַן שוין דרייסטער געענטפערט.

חנן האָט איהם אליין אָבגעשניטען א שטיק ברויט, בע־טראכט אין האנד די וואָג און האָט משער געווען, אז עס וועט זיין אוראי א האַלב פונט. צופריעדען האָט ער עס דערלאנגט דעם אָרימאַן צום טהיר און עס איז געווען קענטיג, אז דער אָרימאַן וויל עפּעס רעדען. חנן האָט אבער פאר א שמועס מורא געהאט, ניט ווייסענדיג אליין פארוואָס און האָט זיך אָבגעקעהרט פון איהם...

פון דעם טאָג אָן האָט זיך חנן שטאַרק גענומען אינטערע־סירען מיט אָרימע לייט און פלעגט פון צייט צו צייט א מורמעל טהאָן, ווי פאר זיך.

— יעדער איד איז ניט בעווארענט פון געהן איבער די הייזער...

נאך דעם דאזיגען גערעדט פלעגט ער זיס זיך צוזיפצען און עס האט אויסגעוויזען, אז אין עצם איז דאס ניט אזוי שרעקליך...

און וואס טהוט טאקי א איד — האט זיך איינמאל חנן פערטראכט — אז די געשעפטען געהען אוועק אין דר'ערד און עס איז ניטא פון וואנען צו לעבען?... טא וואס טהוט מען?

„מען געהט איבער די הייזער!“ — האט איהם ווי א קלונג געטהאן אין די אויערען.

גראד האט זיך געעפענט די טהיר און עס איז אריינגעקומען אן ארימאן, א איד פון א יאהר זעכציג. חנן האט איהם גענוי בעטראכט און ער האט בעמערקט, אז דער ארימאן טראגט פונקט אזא קאפאטע, ווי זיינע... איין קאליער און איין שניט... ער האט א שוידער געטהאן.

צו דעם דאזיגען ארימאן האט איהם עפעס א ציה געטהאן: קיין ברויט וועט ער איהם ניט געבען: ער וויל איהם ניט מבזה זיין: ער טראגט אזא קאפאטע, ווי זיינע... ער וועט איהם געבען א גראשען, וועלכער ליעגט גראד אויפ'ן קוימען, א רעשט פון נעכטיגע „הליאק“, וואס מען האט געקויפט אויף וועטשערע.

אבגעגעבען דעם גראשען מיט א ציטערדיגער האנד, האט ער זיך געווענדעט מיט א שאלה:

— עפעס א וויטער איד?...

דער ארימאן איז פון דער שאלה ווי געהויבענער געווארען, ער האט זיך אויסגעגלייכט, בנעימות א זיפץ געטהאן און געענטפערט:

— א קאוונער...

— א קאוונער? — האט זיך חנן מאדנע פערחידושט — עפעס גאר ניט וויט...

— צו־פוס געהן איז גאַנץ ווייט... — האָט דער אָרימאַן געענטפערט מיט אַ ווייכען שמייכעלע...

חנן האָט איהם ווידער בעקוקט, געפונען, אַז די קאַפּאָטע איז פונקט ווי זיינע, נאָר די קנעפּלעך זיינען אַביסעל גרעסערע ווי ביי איהם... האָט ער אַ הוסט געטהאָן און ווייטער געפרעגט:

— שוין לאַנג, אַז איהר זענט אין אַזאַ מעמד?...

— שוין שעהנע עטליכע יאָהר... — האָט דער אָרימאַן געענטפערט און אין זיין ענטפער האָט געקלונגען אַ מין שטאָלץ...

— איהר האָט אַ ווייב און קינדער? — האָט חנן ווייטער געפרעגט:

— עס איז דאָ אַ ווייב און קינדערלעך, זאָלען געזונד זיין און מען וואַרט אויפ׳ן שפייזער...

— וואָס זענט איהר אַמאָל געווען?

„ער וועט געוויס ענטפערען אַ תבואה־הענדלער“ — האָט זיך חנן געשראָקען.

און ניט אומזיסט, דער אָרימאַן האָט ווידער מיט שטאָלץ געענטפערט:

— געהאַנדעלט מיט תבואה... געווען אַ סוחר...

איצט האָט שוין חנן געוואוסט דעם גאַנצען סוד, די צוקונפט האָט איהם ערשיינט אַהן אַ שלייער און ער איז ווי רוהיגער געוואָרען...

צוויי שוועסטער.

צו דער ארימער חיענען פלעגט די רייכע שוועסטער, זעל־דע, זעלטען קומען; דערפאר אבער, אז זי פלעגט שוין אמאל קומען, איז ביי דער אָרעמער חיענען אין שטוב קענטיג געוואָרען: די רייכע שוועסטער האָט שטענדיג עפּעס א מתנה גע־בראכט, אמאל א שטיקעל סיין אויף א קליידעל, א מאָל א פּאָר אָבגעטראָגענע ש ך פאר די קינדער, א מאָל אן עסענוואַרג און א מאָל א מזומן קערבעל.

אז זעלדע פלעגט קומען, פלעגט די אָרעמע חיענע פון אָנ־פאנגס צוטומעלט ווערען. אויף איהר געזיכט פלעגט זיך אויסגי־סען א פרייד און א שרעק צוזאמען, און די אויגען, די טיעפע איינגעגראָבענע אויגען, האָבען דאכט זיך געלאכט און געוויינט צוזאמען...

— ס'א בזיונות א ביסעל! — פלעגט חיענע קוים צו זיך קומען — איך זעה אויס, ווי דער שווארץ־יאָהר!

און חיענע פלעגט אראָברוקען נידעריגער דאָס טיכעל אויפ'ן שטערן און א וויש טהאָן מיט די הענד דאָס פּנים און פלעגט בלייבען שטעהן אָהן ווערטער.

— פאר וואָס בעטסטו ניט זיצען?... — פלעגט שוין די שוועסטער חיענען פון פערלעגענהייט וועלען ארויסנעהמען...

— וויים איך... פלעגט חיענע פערשוואַרגט ענטפערן, וואָרפענדיג א בליק איבער'ן שטיבעל — עס איז ברוך השם ניטאָ וואו — א הקדש...

— נייז! נייז! — פלעגט זעלדע ענטפערן — איך האָב

קיין צייט ניט, איך וועל באַלד געהן. וואָס מאַכסטו עפּעס, חיענע ?...

— מען מוטשעט זיך.. וואָס זאָל מען מאַכען. „ער“ זיצט א גאַנצען טאָג אין שטוב און גיט ניט א קלאַפּ א פינגער אָן א פינגער...

דער מאַן פלעגט כעס׳דיג א ברום טהאָן און גאַר ניט ענטפערען, און חיענע, קומענדיג שוין צו זיך, פלעגט אָנהויבען רעדען און רעדען, קלאָגען זיך און קלאָגען זיך, און זעלדע, די רייכע שוועסטער, פלעגט שטעהן און אויסהערען אויפמערקזאם אַלע טענות, דרעהענדיג די פרענז פון איהר מאַנטעל...

— נו, איך דאַרף שוין געהן ! — פלעגט ענדליך זעלדע נמאס ווערען אויסהערען חיענעס מעשיות — נאַ, דאָס וועסטו האָבען פאַר די קינדער אויף א פּאָר העמדלעך... טייערע פרעז...

— וואָס ? איך זאָל דיר דאַנקען ? — פלעגט חיענע גע־ריהרט ווערען, צונעהמענדיג די מתנה — איך זאָג דאָך, פריהער גאָט, דערנאָך דו... עס איז ברוך השם...

ביי חיענען פלעגען זיך שטעלען טרערען אין די אויגען, צי פאַר פרייד פון דער מתנה, צי פאַר צער, וואָס זי דאַרף נעה־מען... אַזעלכע זאַכען איז שווער צו וויסען... און זי פלעגט ניט וויסען מיט וואָס צו ענדיגען.

— פאַרט א שוועסטער — זי פערגעסט ניט ! — פלעגט חיענע נאָך זעלדע׳ס אַוועקגאַנג זיך ווענדען צו די הויזיגע.

— א גרויל גאָר ! — פלעגט דער „מאַן“ ווען וועלוועל ניט זיין צופריעדען — וויפיעל מיינסטו איז דאָס ווערטה ? ביי לייטען רייכע שוועסטער...

— ביי לייטען, ביי לייטען ! — פלעגט חיענע איבערקריי־מען איהר מאַן — דו האָסט ווען געזעהן „לייטען“, קבצן איי־נער ?... דו דאַרפסט דאָך נעמען א טאַרבע און געהן איבער די הייזער...

— שאַ, שריי ניט אזוי — פלעגט וועלוועל אראָבפּאַלען

ביי זיך — וואָס האָב איך דיר אַזוי געזאָגט... איך מיין גאָר ניט...

— אַזוי, מיינסטו גאָר ניט! — פּלעגט חיענע זיך צוהיי־צען — איך קאָן דיך, איך וויים, דו וואָלסט וועלען, אַז זי זאָל דיר וואָס זי האָט אַוועקגעגעבען, דו זאָלסט קענען אַ גאַנצען טאָג שלאָפען...

און חיענע פּלעגט נאָך דעם אַ שעה נאָכאַנאַנד רעדען וועגען דער רייכער שוועסטער און דערצעהלען, אַז זי איז אַלע מאָל אַ גוטע געוועזען; בשעת זיי זיינען נאָך מיידלעך געוועזען און ביידע געהאָדעוועט זיך ביים אָרעמען טאַטען, פּלעגט זי איהר אויך, וואָס זי האָט נאָר געהאַט, אַוועקגעבען...

— דערפאַר האָט איהר טאַקי גאָט געהאָלפען! — פּלעגט זי אויסלאָזען מיט אַ פרומען זיפץ, — גאָט זאָל איהר געבען צעהן מאָל אַזוי פיעל — זי איז דאָס ווערטה....

און חיענע, וועלכער האָט זיך שטענדיג געדאַכט, אַז זי איז זעהר פיעל שולדיג דער שוועסטער פאַר די פיעלע מתנות, וואָס זי גיט איהר איבער, פּלעגט חאָטש צאָהלען מיט ברכות אונטער די אויגען, ווי זי וואָלט וועלען גרינגער מאַכען די שווערע מישא, וואָס לעגט זיך ביי איהר אויפ'ן הארצען נאָך יעדער בעקומענער מתנה...

דאָך וואָלטען די ברכות אליין ניט געוועזען אין שטאַנד צו פערגרינגערן חיענעס הארץ. משטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען איהרע ברכות? איהר מויל איז ניט אַזאַ גע־בענשטער: אַ גאַנצען טאָג שעלט זי העם מאַן, די קינדער און זיך אליין — און ווער ווייסט צי איז גאָר איהר מויל מסוגל צו אַ ברכה?

פערגרינגערן איהר משא פון די בעקומענדע מתנה איז בעשטאַנען אין אַן אַנדער זאַך גאָר. די אָרעמע חיענע, וואָס האָט ערנעהרט כמעט אליין דאָס גאַנצע געזינד, דערמיט, וואָס זי פּלעגט האַנדלען מיט גאַסיגע „פּויערטעס", איז אויך אין

שטאַנד געווען עפּעס צו שענקען איין מאָל אין יאָהר דער רייכער שוועסטער. עס איז געווען אַ מתנה אפשר ניט אזא טייערע, אָבער זעהר אָן אָנגעלעגטע.

די מתנה פלעגט זי איהר שיקען איין מאָל אין יאָהר — אסתר תענית — מאָהן אויף המנ׳טאַשען.

חיענע האָט געהאַט אין גאַס אַ פּויערטע, מיט וועלכער זי האָט זעהר גוט געלעבט. און די פּויערטע, אַנדזשע, פלעגט איהר אַלע אָסיען שענקען אַ האַלבען טאָפּ מאָן.

חיענע פלעגט דאָס מאָהן בעהאַלטען ווייט, ווייט אויפ׳ן בוידעם, כדי די קינדערלעך, וואָס האָבען מאָהן זעהר ליעב, זאָלען דערפון ניט דערשמעקען. און מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרצען פלעגט זי אַרויפקריכענדיג אַ מאָל אויפ׳ן בוידעם, קוקען אויפ׳ן זעקעלע מאָהן און טראַכטען:

— אסתר תענית !...

מעהר איז זי ניט אין שטאַנד געווען צו פאַרשטעלען זיך. דער געדאַנק פלעגט איהר ווי פערשכור׳ען און גאָר שטראַהלענדיג פלעגט זי אויסרעדען הויך:

— אסתר תענית !...

און אסתר תענית אין דער פריה פלעגט זי לאָזען אַלע אַרבייט, אַרויפקריכען אויפ׳ן בוידעם, מיט ציטערנדע הענד אַראָפּנעמען דאָס זעקעלע מאָהן און מיט אַן ערנסט בעזאָרגט פּנים פלעגט זי זיך אָנהויבען עסק׳ן מיט די מאָהן...

— אי, מאָהן, מאָהן ! — פלעגען די קליינע קינדער זיך צעזינגען און אַוועקשטעלען זיך ביי׳ם טיש מיט דאָרשטיגע אויגעלעך.

— אַוועקט, אַוועקט ! — פלעגט חיענע פאַרזיכטיג זיי אַוועקטרייבען. דאָס איז פאַר דער מומע זעלדען — טשעפּעט ניט.

דערהערענדיג: „פאַר דער מומע זעלדען", פלעגען די קינ־דער זיך איבערקוקען און אָפּטרעטען אויף אַ פּאָר טריט צוריק.

בלויז דאָס יונגסטע. דאר אינגעלע מיט גרויסע שווארצע אויגעלעך פלעגט זיך בעטען:

— מאמע, וועל ניט נעמען, וועל נאָר קוקען... מיינע נאמנות... קוקען...

— נו, קוק, קוק! — פלעגט די מאמע ווייכער ווערען...

דערזעהענדיג, אז די מאמע איז מתיר צו קוקען, פלעגען זיך אלע קינדער א שאָט טהאָן צוריק צום טיש און בעטראכטען די מאָהן מיט גרויס חדוש און דרך ארץ...

און חיענע פלעגט אָנהויבען מעסטען און מעסטען. איהר געקנייטשטער שטערן פלעגט געקנייטשטער ווערען, די טיעפע איינגעגראָבענע אויגען פלעגען נערוועז אומלויפען. זי האָט ניט געקאָנט בעשטימען, פיעל זאָל זי לאָזען פאר זיך אליין: א האלבע קוואָרט, צי א קווארטירעל...

— וואָס זאגסטו, וועלוועל, עס איז ניט מיאוס צו שיקען איהר נאָר אנדערהאלבען קוואָרט?

— וואָס פרעגסטו מיר? — פלעגט וועלוועל זיך בלאָזען — עס איז דאָך דיין שוועסטער, ווייסטו דאָך בעסער פאר מיר...

וועלוועל האָט שווארצען מאָהן ליעבער געהאַט פאר אלע גוטע זאכען, ליעבער געהאַט אפילו ווי מעהרען־צימעס... און הלואי וואָלט ער נאָך כאַטש א ביסעלע פערדיענט, וואָלט ער געהייסען שיקען „איהר" א קוואָרט און פאר זיך א קוואָרט. נאָר וואָס העלפט דאָס ליעב האָבען? אן אָרעמאַן טאָר גאָר נישט ליעב האָבען...

און חיענע פלעגט נאָך א לאנגען ישוב־הדעת לאָזען זיך אליין נאָר א קווארטירעל און דאָס איבריגע פלעגט זי פערבינדען פאר זעלדען...

שווער איז דאָס צוגעגאנגען מיט'ן אוועקטראָגען. אייגענטליך, וואָלט חיענע זיך מחיה געווען, ווען זי וואָלט געקאָנט אליין אוועקטראָגען, ווען זי וואָלט זיך ניט געשעמט... נאָר חיענע האָט

בשום אופן זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלען, ווי אזוי וועט זי דאָס אריין און זאָגען: איך האָב דיר געבראכט א מתנה... ניין, זי וועט עס ניט קענען אויסרעדען... זי וועט זיך צעטומלען און עס וועט זיין א חרפה פאר'ן שוואָגער...

און חיענע ווענדעט זיך צו די קינדער.

— נו, ווער וויל אוועקטראָגען דער מוהמען זעלדען די מאָהן?

— איך! — פלעגט איין קינד א שפרונג טהאָן.

— איך! — פלעגט א צווייטעס איבערשרייען דאָס ערשטע.

— איך! — פלעגט א דריטעס זיך איינשפארען...

נאָר חיענע פלעגט יעדעס קינד בעטראכטען און געפינען חסרונות.

— ביי דיר איז צוריסענע הויזלעך. עס זעהט זיך דאָס הויזלע העמד... מיאוס פאר'ן פעטער...

— ביי דיר איז א צעריסען קליידעלע...

— דו, חאצקעל, געהסט אפילו ניט שלעכט אָנגעטהאָן, ערסט פאר אכטאָגען א פּאָר לאטקעלעך געלעגט... איך האָב אָבער מורא, דו קאָנסט אויפ'ן וועג אויפעסען... ביזט א נאשער. געדענקסט, ווי דו האסט זומער אויסגעזופּט א האלבע גלאָז וויער־מילך....

און חאצקעלע, א יונגעלע פון צוועלף יאָהר, הויבט זיך אָן שווערען מיט אלערליי שבועות, מיט עולם הבא, מיט די ציצית, אז ער וועט אויפ'ן זעקעלע אפילו ניט קוקען, ניט נאָר ניט עסען. אי די האלבע גלאָז וויער־מילך, האָט ער געמיינט, אז דאָס האָט מען איהם געלאָזען אויף אָנבייסען...

און חיענע שיקט די מאָהן מיט חאצקעלען. זי קוקט איהם גוט אַרום, פערשפּילעוועט איהם די קנעפּלעך. שנייצט איהם אויס דאָס נעזעל און הויבט איהם אָן עקזאמינירען:

— וואָס וועסטו זאָגען?

— איך וועל זאָגען — הויבט אָן חאצקעלע—און די אויגע־

לעך גלאנצען — איך וועל זאגען: די מאמע האט אייך געשיקט שלח־מנות...

— משוגע׳נער, — דערשרעקט זיך די ארעמע מוטער — און די איבריגע קינדער צעלאכען זיך — משוגע׳נער, וואס איז היינט פאר א שלח־מנות?... מ א ר ג ע ן איז דאך שלח־מנות.

— איך וועל זאגען: די מאמע האט אייך געשיקט מאהן אויף המן־טאשען...

—א, אזוי, אזוי,—ווערט חיענע צופריעדען... דו וועסט פריהער זאגען: גוט מארגען! שעהן, הויך: גוט מארגען!...

— גוט מארגען! — שרייט אוים חאצקעלע — און אלע קינדער לאכען זיך פענאנדער — די מאמע האט אייך געשיקט א מתנה מאהן אויף המן־טאשען...

— גוט! גוט! — קוועלט אן חיענע ביי דעם ווארט מתנה — חאצקעלע איז טאקי א קלוגער...

און חאצקעלע לויפט ארוים מיט׳ן זעקעל מאהן. אין שטי־בעל ווערט שטיל. אלע ווארטען אויף עפעם א גרויסע זאך. אלע־מען דאכט זיך, אז חאצקעלע וועט קומען צוריק און וועט עפעס ברייננגען אזא זאך, וואס איז טייערער פאר אלין. נאך וואס דאס גאנצע פינסטערע ארעמע שטיבעל קאן ליכטיג און רייך ווערען...

נאר מעהר אנגעשטרענגט ווארט חיענע אליין. עס איז דאך איהרע מאהן און איהר שוועסטער... וואס וועט זי זאגען?... פאר וואס זוימט ער זיך אזוי לאנג?... דאס הארץ שפרינגט איהר שיער ניט ארוים....

— שא, ער לויפט שוין צוריק! — זאגט אן א קינד, וואס קוקט די גאנצע צייט אין פענסטער.

און חאצקעלע לויפט אריין א פרעהליכער אין שטוב...

— נו? — שטעלט אוים חיענע אויף איהם איהרע אויגען.

— איך בין אריין...

— דער פעטער געווען אין דער היים ? — שלאָגט חיענע איבער.

— ניין ! — האקט חאצקעלע אב פרעהליך.

חיענע גיט א זיפץ און טרייבט ווייטער: נו, דערצעהל.

— איך בין אריין, פרעגט מיך די דיענסט: ווען דארפס־טו, איננעלע ? זאָג איך : איך דארף די מוהמע זעלדען...

— גוט געזאָגט ! — שיינען חיענע׳ס אויגען פאר גליק, וואָס איהר אָרעם איננעל איז אזא יחסן...

— די מוהמע זעלדע איז ארוים—דערצעהלט חאצקעלע וויי־טער—באלד וועט זי אריין, זאָגט די דיענסט—ווארט. און באלד איז אריין די מוהמע. „גוט מאָרגען !“ האָב איך געזאָגט.

— הויך ? — פרעגט חיענע.

— הויך, אויפ׳ן קול, זאָל איך אזוי געזונד זיין, — שווערט חאצקעלע — גוט מאָרגען — די מאמע האָט אייך געשיקט מאָהן אויף המן־טאשען...

— פאר וואָס האסטו ניט געזאָגט : א מתנה ?... — פרעגט די מאמע, ווי בעליידיגט...

— אוי, איך האָב זיך פערגעסען... אוי — אוי ! — האָט חאצקעלע חרטה און קראצט זיך אין פאה.

— נארישע אידענע !—ברומט וועלוועל—עס פערשטעהט זיך, אז דאָס איז א מתנה, ממילא. וואָס דארף מען נאָך אויסרע־דען. אודאי אז דו שיקסט איהר מאָהן איז דאָס א מתנה... „זי“ פערשטעהט דען ניט ?...

און חיענע גיט אין הארצען וועלוועלען געדעכט און א בערו־היגטע פרעגט זי ווייטער :

— נו, נו ! וואָס האָט זי געזאָגט ?

— זי האָט צוגענומען און עפּעס געשמייכעלט...

— עס האָט איהר הנאה געטהאָן ! — קוועלט חיענע...

— און האָט אריינגעשאָטען אין א גרויסער זילבערנער שיסעל און געזאָגט : טייערע מאָהן...

— שייך טייערע...—בעגייסטערט זיך חיענע — גאָלד! היינטיגעס יאָהר איז גאָר ניט צו קריגען אזא מאָהן...

— בעדאנק דער מאמען! האָט זי געזאָגט, דערצעהלט ווייטער חאצקעלע, און זאָגט איהר, אז איך בעט איהר, זי זאָל קומען מאָרגען צו דער סעודה...

—א שוועסטער איז א שוועסטער! — זיפצט צופריעדען חיענע, קעהרט זיך אום צום פענסטער און ווישט די אויגען פאר פרייד...

* * *

אזוי האָט זיך עס פיעלע יאָהרען געצויגען. דאָס זעקעלע שווארצע מאָהן האָט חיענע׳ן געמוטיגט. געגעבען שטאָלץ: זי, די אָרימע, דערשלאָגענע פרוי, איז אויך אין שטאַנד צו שענקען, און וועמען? איהר רייכער שוועסטער... פאר די אַפּטע מתנות, וואָס זי נעהמט פון איהר, קעהרט זי איהר אום כאָטש איין מאָל אין יאָהר א מתנה...

און חיענע איז גליקליך דערמיט געווען.

נאָר די אָרימע פרוי האָט דאָס גליק פּלוצים פערלאָרען און זי האָט דערפיהלט, אז איהר וועלט איז שוין פערשפּיעלט, זי האָט שוין ניט אויף וואָס צו האָפען — איהר שוועסטער, וואָס לעבט און איז רייך, איז פאר איהר אָבגעשטאָרבען.

עס איז געווען אסתר תענית. די אָרימע חיענע האָט, ווי אלע מאָל, מיט א קלאָפּענדען הארצען פאר פרייד, דאָס זעקעלע שווארצע מאָהן אראָבגענומען פון בוידעם, געמאָסטען און געמאָסטען, געקלערט און געקלערט, וויפיעל זאָל זי פאר זיך לאָזען: א האלבע קוואָרט, צי א קווארטירעל און קוים מיט דער הילף פון די צעהנדליגער קנייטשען אויפ׳ן שטערן, האָט זי בעשלאָסען, ווי אלע יאָהר, אז פאר זיך וועט זיין גענוג א קווארטירעל — און האָט עס אוועקגעשיקט מיט ברוך׳קען, ווייל

חאַצקעל איז גראָד דאָס יאָהר געגאַנגען אַהין שטיוועלעך און ברוך'קען האָט אבגעגאַלטען: די אַלטע שטיוועלעך, וואָס די מוה־מע האָט געשאָנקען, זיינען פּונקט געווען אויף זיין „פּוס".

מיט א קלאַפּענדען האַרץ, ווי אַלע יאָהר און נאָך מעהר ווי אַלע יאָהר, ווייל חיענע האָלט שטאַרק, אַז א האַרץ „זאָגט" — האָט זי ערוואַרטעט זיין קומען, וואָס פאַר א בשורה וועט ער ברענגען, וואָס האָט די שוועסטער געזאָגט?...

און אַט איז אריין ברוך מיט'ן זעקעל מאַהן צוריק... א דערשלאָגענער, פערשעמטער, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט און ניט געקאָנט א וואָרט אויסרעדען...

— וואָס ביסטו ניט געגאַנגען? — האָט חיענע בייז געפרעגט.

— איך בין שוין געווען... — האָט ברוך'קע קוים געענטפערט.

— ניטאָ זי אין דער היים? — האָט חיענע ווייטער געפרעגט...

— אין דער היים איז זי...

— נו?... — האָט חיענע אויסגעשטעלט די אויגען...

— זי זאָגט, אַז זי האָט שוין!

— וואָס, ביזטו משוגע? רעד! — איז חיענע ווי צומישט צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם און אָנגעהויבען איהם צו טרייסלען...

— וואָס ווילסטו? — האָט זיך דאָס אינגעל פאַנאַנדערגעוויינט — וואָס בין איך שולדיג, אַז „זי" האָט שוין?...

— פון וואַנען? וואָס? וועה איז מיר! וואָס טהוט זיך דאָ היינט מיט מיר? פון וואַנען האָט זי?...

— איך בין אריין — דערצעהלט ברוך'קע פערוויינט — זאָג איך: די מאַמע האָט אייך געשיקט מאַהן... זאָגט זי: איך האָב שוין... איך האָב גאָר פערגעסען, דאָס די מאַמע שיקט מיר אַלע יאָהר. איך האָב נעכטען געקויפט ביי זלאַטע דער אלמנה

א גאנצען האלבען טאפ פאר א האלבען רובעל... נעהם עס צוריק, דער מאמען וועט עס צונויץ קומען... — האט די מוהמע געזאגט.

— זי האט שוין! — האט חיענע אויסגעשריגען.

און אין שטיבעל איז שטיל געווארען, ווי עמיצער וואלט עפעס אנגעזאגט זעהר א טרויעריגע בשורה, וואס רויבט אוועק די לעצטע האפנונג, וואס לעשט אויס יעדען שטראהל...

און א גאנצען פורים האט דאס שטיבעלע געטרויערט, ווי מען וואלט דא „שבעה" געזעסען, ווי מען וואלט א געשטארבע־נעם בעוויינט.

געשטארבען איז פאר חיענע'ן די רייכע שוועסטער...

רייזעלע.

1.

אז דאָס אכט־יעהריגע רייזעלע שטעהט אויף אין דערפריה, רייבט זי אויס די פערשלאָפענע אייגעלעך, קוקט זיך אום אין אלע פיער ווינקעלעך פון דעם קליינעם שטיבעלע און זוכט עפּעס.

זי זוכט די מאמען. נאָר די מאמע איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען אין מארק מיט'ן קויש עפּעל און רייזעלע זיפצט אָב:

— אזוי גיך איז זי שוין אוועקגעגאנגען!

פויל טהוט זי אָן דאָס אלט צוריסען קליידעלע, וואשט זיך אוּן געפינט עפּעס א שמאטע, עהנליך צו א האנטוך און ווישט זיך אָב. דעמאָלט ווערט איהר קלאָרער דאָס מוח'ל, זי דערמאָנט זיך, אז היינט איז דינסטאג, נאָכדעם דערמאָנט זי זיך, אז די מאמע האָט א גאנצע נאכט געהוסט, געפּאָכט מיט דער נשמה. זי האָט איהר דערלאנגט קאלט וואסער מיט א שטיקעל צוקער, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען... די מאמע האָט אויף איהר עפּעס אזוי מאָדנע געקוקט... „רייזעלע האָט זי געזאָגט, דו האָסט אויף מיר רחמנות?“ זי האָט ניט געענטפערט, זי האָט זיך נאָר פונאָנדער געוויינט און איז אוועקגעלאָפען אין א ווינקעלע, שטארקער אויסוויינען זיך. מעהר געדענקט זי ניט. זי ווייסט נאָר, אז איהר האָט זיך א גאנצע נאכט גע'חלומט.

— זי איז שוין געזונד — טרייסט זיך רייזעלע — אזוי וואָלט זי דאָך אין מארק ניט געגאנגען.

זי געהט צו צו'ם טיש און געפינט דאָרט גרייט פאר איהר „אָנבייסען“ — א שטיקעל ברויט, און אביסעל מילך אין א צובראָכענעם גלאָז.

אז זי עסט אב דאָס אָנבייסען ווערט איהר אומעטיג. זי בעט גאָט, עס זאָל פינסטערליך ווערען און די מאמע זאָל שוין קומען. זומער קען זי זיך נישט איינהאַלטען און לויפט אין מארק זעהן, וואָס מאכט דאָרט די מאמע, און חאַטש די לעצטע פלעגט זיך שטענדיג קלאָגען, אז זי האָט גאָרנישט געלייזט, פלעגט דאָך רייזעלע קלויבען נחת שטעהענדיג נאָהענט נעבען דער מאמען. איהר נחת פלעגט זיך דייטליך אויסדריקען, ווען א קונה פלעגט אונטערקומען צום קאָשיק עפּעל און געבען עפּעס צולייזען. זי פלעגט פרעהליך אויסרופען:

— מאַמעלע, דו לייזט!

נאָר די מאמע פלעגט דאָס רוב טרויעריג ענטפערן:

— אז אַך און וועה מיין טאַכטער צו׳ם לייזונג — פאַר א גאַנצען טאָג ערשט די דריטע קאָפּיקע...

ווינטער אבער פלעגט רייזעלע ד ע ם פערגעניגען אויך ניט האָבען. קיין שיך האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט און לויפען אין מארק א באָרפיסע איז קאַלט. די מאמע זאָגט, מען קען זיך פערקיהלען און חלילה שטאַרבען. און שטאַרבען האָט זי גע־וואוסט איז זעהר א שלעכטע זאַך. ווען איהר טאַטע איז גע־שטאָרבען געדענקט זי ניט, נאָר זי ווייסט, אז ער ליעגט דאָר־טען ווייט אונטער דער שטאָדט אויפ׳ן בית־עולם אין א טיעפער גרוב און קען פון דאָרט קיינמאָל נישט ארויס, אפילו זומער אויך ניט... קיינמאָל ניט!... דעריבער היט זי זיך און זי זיצט ווינטער א גאַנצען טאָג אין שטוב און וואַרט ביז וואַנען עס ווערט פינס־טער, ווען די מאמע דאַרף קומען.

— שוין פינסטער! — געהט זי צו אַלע ווײַלע צום פענס־טער. — באַלד, באַלד קומט זי.

נאָר עס קומט איהר אויס נאָך פיעל צו וואַרטען. אין דעם קליינעם שטיבעל מיט די פערפרוירענע קליינע שייבעלעך ווערט פינסטער בשעת אויפ׳ן גאַס איז נאָך גוט ליכטיג און עס ציהט זיך רייזעלען אזוי לאַנג די צייט.

— עס איז דאָך שוין פינסטער, פאַר וואָס קומט זי ניט? זיפּצט זי מיט אומגעדולד.

און אַז אין קליינעם שטיבעלע ווערט שוין די פינסטערניש געדיכט און רייזעלע קען שוין ניט זעהן, וואָס אַרום איהר געפינט זיך אויסער דאָס שטיקעלע פריפּעטשיק, וואָס די מאַמע האָט ניט לאַנג אָבגעקאַלכט, דאַמאָלס דערהערט זי אַ קלאַפּ אין טהיר. איהר קליין הערצעלע שפּרינגט שיער נישט אַרויס פאַר שמחה און זי צעזינגט זיך:

— די מאַמע געהט, די מאַמע געהט!

זי ווייסט, אַז קיין אַנדערער קומט צו זיי קיינמאָל נישט, און ווירקליך, עס קומט צו געהן די מאַמע, אַ פערפרוירענע, שטעלט אַוועק דעם קאָשיק נעבען טהיר און רופט אויס:

— וואו ביזטו, רייזעלע?

— אָט בין איך, מאַמע, דאָ לעבען בעט — צינד אָן פייער.

די מוטער רייבט אָן אַ שוועבעלע, און צינדט אָן דאָס לעמפּעלע. אַ שוואַכע שיין בעלייכט דאָס שטיבעלע, נאָר פאַר רייזעלע איז גענוג — זי דאַרף נאָר דערזעהן די מאַמע און זי זעהט איהר פּאַר'ן רויכיגען פייער גאַנץ גוט און זי ווערט פרעהליך.

— מאַמע, וועטשערע וועסטו קאָכען?

— ווי דען? — ענטפערט די מוטער. — ביזט אודאי אַ הונגעריגע.

— ניין! איך וויל גאַרניט עסען — דו ווילסט דאָך אָבער...

— איך וויל אויך ניט, איך האָב אויפ'ן מאַרק געקויפט אַ האַלב פונט ברויט און געגעסען מיט אַ צופוילטער עפּעל — אַ מחיה!...

די מוטער לעגט פערנאַנדער אַ פייער. אַז עס ברענט זיך פערנאַנדער שטעלט זי צו אַ טעפּעל וואַסער און זי זעצט זיך אַוועק מיט רייזעלען. רייזעלע קוקט דאָ אויפ'ן פייער, דאָ אויף דער מאַמען און עס איז איהר אַזוי גוט. אַזוי וואַרים...

דאָס טעפּעל וואַסער הייבט פרעהליך אַן זיעדען. די מוטער פּערקאַכט אַביסעל גרויפּען און אין אַ האַלבע שעה עסען זיי ביי־דע די וועטשערע.

ביי די ערשטע צוויי לעפעל פערהוסט זיך די מוטער. רייזעלע הערט אויף צו עסען און וואַרט ביז וואַנען די מאַמע וועט זיך אויסהוסטען. די מאַמע וויל איהר זאָגען, זי זאָל נישט וואַרטען און עסען, נאָר דער הוסט וואַרגט זי און זי קען אַ וואָרט נישט אויסרעהען.

— מאַמעלע, גענוג דיר צו הוסטען, — בעט זיך די קליינע רייזעלע מיט טרעהרען.

— דו זשאַלעוועסט מיר? — פרעגט די מוטער נאָכ'ן אויס־הוסטען זיך, גלעטענדיג רייזעלען איבער'ן קעפּעלע.

נאָר אַנשטאָט אַן ענטפער נעהמט זי רייזעלע אַרום און וויינט זיך פונאַנדער...

2.

רייזעלע איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר.

עס איז זומער געוועזן. דורך די קליינע מיט שטויב פער־צויגענע שייבעלעך האָבען זיך שטראַהלען פון דער זון, ווי מיט געוואַלד אַריינגעשפּאַרט אין זיי שטיבעלע און זיי זיינען געפאַלען אויף רייזעלעס פּנים'ל. רייזעלע, וואָס איז דעם גאַנצען פריה־מאָרגען געזעסען פערטרויערט האָט זיך פון דאָס זיסע ליכט ערמונטערט און עס האָט זי געצויגען אויפ'ן גאַס... נאָר וואָס וועט זי דאָרט טהאָן? שפּיעלען זיך האָט זי ניט מיט וועמען. אַלע מיידלעך אין איהרע יאָהרען געהען אין פיינע קליידעלעך, און זי האָט אפילו קיין שיך ניט. אַלע שעמען זיך מיט איהר. איין חבר'טע האָט זי נאָר — די מאַמע!... זי איז אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע... אַלע פּאָלגט זי איהר, די גוטע מאַמע, אפילו אַז זי

הוסט זיך פונאַנדער קומענדיג אהיים פון מארק, און זי בעט זי זאָל אויפהערען, פאָלגט זי איהר אויך. נאָר ביי נאַכט הערט מען גישט איהר בעטען. הייגט ביינאַכט האָט זי אַזוי געהוסט... רייזעלע האָט איהר צוויי מאָל וואסער דערלאַנגט, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען... וואָס הוסט אזוי די מאמע? זי זאָגט דאָס איז א פעהלער, נאָר מען קאָן דערמיט אויסלעבען די יאָהרען. איהר מאַמע — די באָבע — איז אויך אזוי געווען און האָט אויסגעלעבט די יאָהרען... „אוי גאָט, זאָל די מאמע לעבען!" צעוויינט זיך אין רייזעלען דאָס קליינע הערצעלע. דער מאמעס בלאַס פּנים מאָלט זיך איהר און עס ציהט זי צו איהר... דאָס ענג שטיבעלע ווערט איהר נאָך ערגער... „אין מארק" — בליצט איהר דורכ'ן קליין קעפּעל — „צו דער מאמען"...

און א באַרפיסע, א ן אַן אַלט־צוריסען־קליידעלע לויפט זי גלייך אוועק צו דער מאמען.

— נו, וואָס ביזטו געקומען, רייזעלע? — פרעגט זי די מאמע מיט ליעבשאַפט.

— אזוי זיך, מאַמע... אומעטיג... — ענטפערט רייזעלע, ווי שעמעדיג.

— נו, נו, קיין בייז ניט... טרייסט זי די מאמע — שטעה זיך דאָ, קיין געלד לייזט זיך סיי ווי סיי ניט.

א זיצערין פון קעגענאיבער, וואָס קריעגט זיך שטענדיג מיט רייזעלעס מוטער פאַר א קאָפּיקע פדיון און ווערט „גוט־פריינד" בשעתביידע לייזען נישט, פערלאָזט איהר בענקיל און געהט־צו צו זיי ביידען. בעטראַכטענדיג רייזעלען מיט דורכדרינגענדע בליקען רופט זי זיך אָן.

— דו ווייסט, חייענע, אז דיין רייזעלע וואַקסט אַהן עין־הרע.

— זאָל נאָר אזוי איהר מזל וואַקסען! — זיפצט אָב חייענע, קוקענדיג מיט פייכטע אויגען אויף איהר קליין־דאָר טאָכטער'ל.

— וואָס מיינסטו, — רעדט ווייטער די זיצערין — נאָך א יאָהר, נאָך א יאָהר — באַלד ווערט זי א „מויד“ און זי דאַרף שוין א חתן. די יאָהרען לויפען... ווי לאַנג בין איך געוועזן אַזא מיידעלע? דאַכט זיך נעכטען... א גאַנץ שעהן מיידעל — ענדיגט די זיצערין, בעטראַכטענדיג רייזעלעס געקרייזעלטע העהרעלעך, וואָס פאַלען אראָב אין לאָקען אויפ'ן ברייטען שטערענדיל, בעטראַכטענדיג איהר בלאַס פּנים'ל, מיט די טיעפע, שוואַרצע אויגעלעך.

רייזעלע קען נישט פערטראָגען דער זיטצערינס בליקען. אויף איהר בלייכען פּנים'ל בעווייזען זיך א פּאָר רויטליכע פלעקען און זי ווערט נאָך שענער. די זיצערין לויבט ווייטער:

— גאָר א שעהן מיידעל!

— זאָל זי האָבען נאָר אַזא שעהן מזל ווי שעהן זי איז — זיפצט אָב חייענע, — איהר טאַטע זאָל פאַר איהר זיין א גוטער בעטער, רבונו־של־עולם!

— אוודאי! — ענטפערט די זיצערין — ווער רעדן אז ניט „ער“. פון דעסטוועגען, חייענע, האָסטו אליין געדאַרפט עפּעס אַנהויבען זאָרגען פאַר איהר, עס איז קיין תכלית ניט...

— נו, וואָס זאָל איך טהאָן — זיפצט די מוטער — איך זאָל זי שטעלען מיט א קויש עפּעל? — איך אליין ליין גאָרנישט.

— וואָס עפּעס מיט א קויש עפּעל! — האַקט אָב די זיצערין, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען פאַר נאָך א קאָנקורענטקע.— גיעב זי בעסער אוועק אויף א „שטעל“... קיין יחוס איז היינטיגע צייטען ניטאָ...

חייענע מיט רייזעלען האָבען זיך איבערגעקוקט, ביידענס פּנים'ער זיינען בלאַס געוואָרען. זיי האָבען שטרענג א קוק געטהאָן אויף די זיטצערין, ווי זיי וואָלטען פאַרגעוואָרפען:

— גזלנ'טע! ווילסט אונז צושיידען!...

רייזעלע איז שוין פון דער מאַמען ניט אוועקגעגאַנגען. זי

האָט געוואַרט ביז עס איז פינסטער געוואָרען און זיי זיינען ביידע אהיים געגאַנגען; אויפ'ן וועג האָבען זיי צווישען זיך ניט גערעדט, ווי זיי וואָלטען פּלוצים שטום געוואָרען. מינוטען־ווייז פלעגט רייזעלע אָננעמען דער מאַמען פאַר'ן קלייד, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס זיך געשראָקען...

אז זיי זיינען געקומען אין שטיבעלע, איז שוין פינסטער געווען. רייזעלע האָט אָנגעצונדען פייער און האָט זיך דער־שראָקען: איבער דער מאַמעס געל־דאַר פּנים האָבען זיך געקוי־קעלט צוויי גרויסע טרעהרען.

— מאַמעלע, דו וויינסט! — האָט זי מיט שרעק אויסגע־שריגען, צוטולענדיג זיך צו איהר.

— וואָס דען, מיין טאָכטער, לאַכען זאָל איך?... „זי" איז דען ניט גערעכט? וועה צו מיר, דו ביזט שוין א מיידעל פון 12 יאָהר און האָסט אפילו קיין פּאָר שיך ניט, קיין העמד אויפ'ן לייב. און איך בין קראַנק, איין גאָט וויים, ווי אזוי איך שטעה אויפ'ן מאַרק... וואָס וועט זיין דער סוף?...

— נו, וואָס זאָל איך טהאָן? — האָט רייזעלע געפרעגט — אז איך וואָלט געקענט פערדיענען געלד, וואָלט איך זיך געמאַכט א קליידעל מיט שיך און דיר וואָלט איך אויך געמאַכט אויף יום־טוב א שעהן קליידעל...

די מוטער האָט א ווײַלע געשוויגען, קוקענדיג מיט פולע בליקען אויף איהר טעכטעריל, נאָכדעם האָט זי שטיל געפרעגט.

— דו, רייזעלע, ווילסט פערדיענען געלד?

— אָהאָ! — האָט רייזעלע זיך דערמונטערט — איך וואָלט נאָר געוואוסט ווי אזוי. איך וואָלט גאָר ווילען זיין א שניידערין. לאה שרה'ס, וואָס וואוינט קעגען אונז, איז אויך א שניידערין. און זי פערדיענט אזוי פיעל געלד! אלע שבת זעה איך זי שפּאַצירען אין אזא שעהן קליידעל!... אפילו אין מיטען וואָך געהט זי אין א היטעלע. נאָר איך וואָלט קיין היטעלע נישט געטראָגען, איך וואָלט בעסער געקויפט דיר א נייעם פאַרוק,

ריינער האט זיך שוין גאר צוריסען...

— ניין, מיין טאכטער — האט איהר די מוטער איבער־געשלאגען — א שניידערין איז ניט פאר דיר, ביז וואנען דו וועסט אנהויבען נעהמען געלד וועט געדויערען דריי יאהר און קיין קליידעל וועסטו זיך אליין נישט קענען מאכען. ביים אנקומען דארף מען נאך געבען דער „בעל־הבית'טע" צעהן רובל פאר'ן אויסלערנען זיך.

— נא, ווי־זשע פערדיענט מען געלד? — האט ריי־זעלע אומעטיג געפרעגט.

— דו האסט דאך געהערט, וואס זי האט געזאגט...

רייזעלעס בלייך פנים'ל איז בלייכער געווארען, אין איה־רע טיעפע אויגעלעך איז אומגעשוואומען א שרעק.

— און דיך לאזען אליין, מאמע, ביינאכט זאלסטו אפילו ניט האבען ווער עס זאל דיר אביסעל קאלט וואסער דערלאנגען?

די מוטער האט גארנישט געענטפערט — נאר צוויי טרעה־רען זיינען אראבגערונען פון איהרע מאטע אויגען אויף רייזע־לעס פנים'ל...

—נו, מאמע, וויין נישט, — האט רייזעלע זיך געבעטען,— דו וועסט דאך מיך אבגעבען צו א גוטער „בעל־הבית'טע", וועט זי מיך לאזען אלע נאכט געהן צו דיר שלאפען...

— ניין, מיין טאכטער—קיין גוטע „בעל־הבית'טעס" זיי־נען ניטא — אז זיי צאהלען געלד, ווילען זיי האבען א נוץ ביי־טאג און ביינאכט.

— און זיי האבען גאר קיין רחמנות ניט?... — האט ריי־זעלע דערשראקען געפרעגט.

די מוטער האט אויף דער פראגע נישט געענטפערט. זאגען זיכער „ניין" האט זי ניט געוואלט איבערשרעקען איהר אייני־ציג ליעב קינד, וועלכע וועט געווים שוין מוזען צו „זיי" אריינ־

פאַלען, און זאָגען „יאָ“ האָט איהר די צונג ניט געדיענט: װי־פיעל בעל־הבית'טעס זי האָט געקענט, זיינען אַלע בייזע געװעזען, און זי האָט געשװיגען...

3.

אין אכט טאָג אַרום איז רײזעלע אָנגעקומען צו מאַדאַם גלאַצמאַן:

— דו זאָלסט נאָר זיין אַ בריה, — האָט איהר די מאַדאַם גלאַצמאַן די ערשטע אונטעררידט געגעבען — אַ בריה האָבען אַלע ליעב. און דו זאָלסט פאָלגען, װאָס מען װעט דיר הייסען, אַלעמען דאַרפסטו פאָלגען, אפילו דער קעכין, װעט דיר דאָ זיין גוט.

רײזעלע האָט אױסגעשטעלט די אױגען אױף דער גרױסער, גראָבער מאַדאַם. זי האָט ניט געקענט פערשטעהן, װי אַזױ קען דאָ זיין „גוט“, אַז אָט די גרױסע, גראָבע מאַדאַם װעט איהר געבען עסען, װעט איהר זאָגען: „געה לעג זיך שלאָפען!“ אַז אָט די גראָבע מאַדאַם װעט איהר „הייסען“ טהאָן אַן אַרבײט און זי װעט קיינמאָל ניט זאָגען „מיין קינד“, „מיין טאָכטער“, אפילו „רײזעלע“ װעט זיי ניט זאָגען, זי װעט איהר שטענדיג רופען „דו“.

— ניין! דו ביזט אַ ליגנערין, אַ שלעכטע! — האָט רײזע־לע די ערשטע נאַכט געקלערט, ליגענדיג אױפ'ן בעטעל אין קיך: „גוט“ קען דאָ מיר ניט זיין; גוט איז דאָרטען אין דעם קליינעם שטיבעלע, נעבען דער קראַנקער מאַמען. דאָ איז פאַר מיר אַן אַסטראָג... ביינאַכט װעט די מאַמע דאָרט הוסטען און איך װעל דאָ דאַרפען אַרבײטען... און אױף װאָס דאַרף „זי“ מיך, אָט די גראָבע גרױסע „בעל־הבית'טע“, זי הוסט דען, װי מיין מאַמע, װאָס?... זי איז דאָך אַזאַ געזונטע... און טאָמער װאָלט זי אַמאָל אַ הוסט געטהאָן — האָט זי אַזױ פיעל מעי־

שען, וואָס וואָלטען איהר אפילו וויין דערלאַנגט. און דאָרטען ליעגט מיין מאמע אליין און הוסט, הוסט. בעט זיך: רייזעלע, רייזעלע... אביסעל וואסער... רייזעלע, אביסעל וואסער...

און רייזעלע האָט זיך אראָבגעכאפּט פון בעטיל, צוגעגאַנגען צום פענסטער, געזוכט מיט די אויגעלעך יענעם קליין־שטיבעלע — וואו איהר מאמע ליעגט אליין און הוסט זי...

— מאַמע, מאמע, טהייערע מאמע! — האָט רייזעלע ניט אויסגעהאַלטען און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, איינגעוויינדיג דאָס קעפּעלע אין קישען.

איהר געוויין האָט אבער קיינעם ניט געוועקט, אלע זיינען פעסט געשלאָפען.

די נייע לאטע.

יענקעלע איז א אינגעלע פון זיבען יאהר, נאר זעהן זעהט ער אויס ווי צעהן יאהר. אבער דערין איז ניט ער נעביך שולדיג, נאר די איבערגענעהטע קאפאטקעלע זיינע. זי עלטערט איהם פאר דער צייט, זי איז אויף איהם זעהר ברייט און לאנג. בשעת מען האט זי איבערגענעהט פאר איהם, האט די מאמע בדעה געהאט, אז עס זאל קלעקען אויף עטליכע יאהר, ווייל דאס קינד האלט אין וואקסען. אויך דאס היטעלע זיינס איז אן אלט'ס און א גרויס, — פון טאטענס קאפ, — און ער זעהט אין זיי אויס עלטער אויף שטארקע דריי יאהר, און דער טאטע זיינער, ווען ער איז אין גוטען הומאר, רופט איהם „בעל הבית'עלע"... און יענקעלע איז צופריעדען.

ניט אזוי איז אבער מיט יענקעלע'ס הייזעלעך. זיי זיינען געווען זעהר קורץ, די לעצטע צייט זיינען די „קאלאש'עס" פון זיי צעפליקט געווארען און ביי יענקעלען האבען זיך נעבעך די הוילע קניה ארויסגעזעהען און די מאמע האט דורכ'ן ווינטער ניט איינמאל דערמאהנט איהר חייקלען.

— וואס וועט זיין, חייקעל, מיט א פאר הויזעלעך פאר יענקעלען? — זיי זיינען דאך שוין צעברעקילט געווארען.

און חייקעל פלעגט א קוק טהאן אויף יענקעלען, איהם הייסען בעווייזען. יענקעלע פלעגט אויפדעקען די פאלעס און אויסשטעלען די פיסעלעך, דער טאטע חייקעל פלעגט מיט גרויס מבינות בעטראכטען די „ריסען" אין די הויזעלעך, און פלעגט ענטפערען:

— מען דארף זעהן מאכען...

און א גאנץ ווינטער האָט מען אַלץ געזעהן צו מאכען. עס איז אָבער א שווערער ווינטער געווען, מען האָט זעלטען א מוזמענעם גראָשען אין שטוב געזעהן, און מען האָט ניט גע־מאכט...

נאָך פּורים האָט יענקעלע שטארק גענומען מאהנען:

— מאמע, נעה מיר „הויזעלעך"... מאמע!

און די מאמע האָט פערזיכערט, אז ווי מען וועט נאָר אָב־באקען מצה, איז די ערשטע זאך יענקעלען מאכען הויזעלעך...

און דער טאטע האָט אויך געזאָגט, אז ווי נאָר די מצה וועט זיין אין שטוב, וועט מען געהן אין קראָם און נעהמען פאר אלע קינדער סחורה און יענקעלען הויזעלעך און אפשר א היטעלע וועט מען איהם אויך קויפען...

מען האָט מצה קוים אָבגעבאקט, עס איז געבליעבען א וואך צו פּסח און אין שטוב איז קיין גראָשען ניטאָ. חייקעל האָט אָבגעלעגט געהן אין קראָם אויף נאָך פּסח.

— נאָך פּסח וועט זיך אם ירצה השם ווייזען ארבייט! — האָט ער מיט בטחון געזאָגט.

חייקעל האָט געהאט א מלאכה אין האנד — א מאליער איז ער געווען — און בטחון אין הארצען...

— וויל הויזעלעך! — האָט יענקעלע זיך געוואָרפען מיט א געוויין, א פּאָר טאָג פאר פּסח.

— נו, יענקעלע, וויינען טאָהר מען ניט! אין ווינקעלע שטעהט דער בעזעם... — האָט חייקעל געסטראשעט.

דער בעזעם איז אפילו געווען אן אלטער; די ריטלעך צעדאָר־טע און יענקעלע איז געווען מסופק צי וועט די עלטערע שוועס־טער, וואָס היט דעם בעזעם, ווי דאס אויג פון קאָפּ, לאָזען ריה־רען א ריטעלע. — דאָך איז ער באלד שטיל געוואָרען.

אויף מאָרגען האָט ער אָבער זיך נאָך שטארקער פערגאָנ־דערגעוויינט:

—נעה מיר הייזעלעך, מאמע, האסט דאך צוגעזאגט.—און יענקעלע האט אבגערעקט די פאלעס און וויינענדיג אנגעוויזען.

— זעה, זעה, צעררּיסען!.. איך שעם מיך.

— וואלסט אפשר זעהן צוקריגען עפּעס אויף הויזעלעך... האט די מאמע זיך געווענדעט צו חייקלען.

— אפשר געהן גנב'נען! — האט חייקעל חוזק געמאכט.

— ווייסטו גאר וואס, יענקעלע, — האט די מאמע זיך פלוצים ווי ערוואכט — איך וועל דיר לעגען אויף די הויזעלעך לאטעס, אז עס וועט זיין שעהנער ווי נייע...

— טאקי? — האט יענקעלע מיט לוסטיגע אויגעלעך גע־פרעגט.

— אויף נאמנות. מיין קינד... וועסט זעהן. באלד וועל איך ארויסנעהמען דעם קאסטען פון אונטער'ן בעט, דארטען ליעגט ביי מיר אודאי א האלבער ארשין קארט, פיינע, אין „קעסטע־לעך"!

— אין קעסטעלעך! — האט יענקעלע זיך נאך מעהר רערפרעהט. שוין לאנג, אז ער האט חשק צו אזא סארט בגד, נאר ער האט גאר קיינמאל ניט געהאט קיין העזה צו טראכטען פון אזא גליק.

און די מאמע האט ארויסגענומען דעם קאסטען פון אונ־טער'ן בעט און זיך גענומען זוכען דאס שטיקעל קארט אין „קעסטעלעך".

זי האט עס געפונען און געוויזען חייקלען און יענקעלען.

— אן אנטיק אין דער וועלט — האט חייקעל אויסגעשריען, כדי צו אבנארען נאך מעהר יענקעלען, — עס וועט זיין גאר רייך. גאר רייך — האט ער געדריקט ווערטער און גע־זשמורעט מיט די אויגען צום ווייב.

און יענקעלע איז געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל, דאס שטי־קעלע סחורה האט איהם ענטציקט. ער האט זיך גענומען צעהלען די קעסטעלעך.

— איינס — צוויי — דריי — פיער — אוי, סארא פולע קעסטעלעך!...

— היינט ביי נאכט, וועל איך דיר פעררעכטען, בשעת דו וועסט שלאפען.

— עס וועט זיין שעהן! — האט יענקעלע מיט א שיינענדיג פנים געזאגט, האלטענדיג דאס שטיקעל סחורה.

— מאמע, וואו האסטו דאס גענומען?

— עס ליעגט שוין ביי מיר לאנג. איך האב זיך גאר פער־געסען.

ביינאכט האט יענקעלע אויסגעטהאן די הויזעלעך, זיך גע־לעגט אין בעט און די מאמע האט גענומען זיך צו דער גרויסער רעפעראציע... איהר שטערען האט זיך געקנייטשט, די אויגען האבען געגלאצט און דער מוח האט געארבייט...

יענקעלע איז געלעגען אין בעט און האט ניט געקענט איינ־שלאפען, אלע וויילע האט ער פון בעטעל געפרעגט:

— נו, מאמע, באלד...

— שלאף, שלאף, מיין קינד, עס וועט נאך געראטהען.

נאר שווער איז יענקעלען געוועזען איינשלאפען. דארטען ביים טיש זיצט די מאמע איבער זיינע הייזעלעך, וועלכע דאר־פען מגולגל ווערען אין עפעס אזוינס, וואס זיין מוח׳ל קען זיך בשום אופן ניט פארשטעלען... און די רעיונות האבען איהם שלאפען ניט געלאזט.

אויף מארגען פריה, ערב פסח, האט די מאמע יענקעלען געוועקט:

—שטעהט אויף, מיין זוהן — איך האב דיר פערטיג געמאכט די הויזעלעך.

— וואסערע הויזעלעך — האט זיך יענקעלע רייבענדיג די פערשלאפענע אויגעלעך געפרעגט.

— דיינע הויזעלעך — פעררעכט.

אז ער האט די אויגעלעך גוט אויסגעריבען און זיך גוט

אויסגעקראַצט די רעכטע און לינקע זייט פּלייצעלעך, איז ער ערשט געקומען צו זיך און זיך דערמאָהנט אָן דעם נעכטיגען האַלבען ארשין קאַרט אין די „קעסטעלעך“ און זיין פּנים׳על האָט גענומען שיינען.

— שעהן עפּעס? הא, מאמע? — האָט ער אויסגעשטעלט זיינע אויגעלעך...

— אַן אנטיק! — האָט די מאמע געשמייכעלט, — נא, טהו אָן.

יענקעלע האָט אויף גיך זיי אָנגעטהאָן און אָנגעהויבען צו בעטראַכטען מיט אַן ערנסט פּנים׳על.

— אזוי ווי גייע! — האָט ער פרעהליך אויסגעשריען טאַפּענדיג די צוויי גרויסע לאַטעס, וואָס אויף יעדער „קאַלאַשע“.

— נאָך שעהנער! — האָט די מוטער ביטער געשמייכעלט.

— טאַקי שעהנער! — האָט יענקעלע איינגעווילינגט. — מאמע — האָט ער צום סוף בעמערקט — אָט די אַלטע איז א שעהנערע פאַר דער אנדערער — זי איז א קיילעכדיגע, אזוי ווי א ראָד...

—די אנדערע איז אויך שעהן, מיין זוהן... — האָט די מאמע איהם געטרייסט.

ער האָט זיך פאַרזיכטיג איינגעוואשען, ער זאָל חלילה ניט פערשפּריצען די קיילעכדיגע לאַטע, עס האָט זיך איהם אָבער ניט איינגעגעבען. די אמת׳ע שעהנע קיילעכדיגע לאַטע האָט זיך אביסעלע פערשפּריצט און יענקעלע האָט אביסעל צער דערפון געהאַט!... באַלד האָט זי זיך אָבער אויסגעטריקענט, ווייל יענקעלע האָט זיך געשטעלט נעבען קוימען, וועלכען מען האָט געברענט אויף פּסח, און ער איז ווידער פרעהליך געוואָרען.

ער האָט אָנגעטהאָן די קאַפּאָטקעלע און — אוי וועה — ווידער א צער — די קאַפּאָטקעלע איז לאַנג און זי פער־

שטעלט אזעלכע צוויי שעהנע לאטעס. אז ער וועט ארויסגעהן אויפ'ן גאס שפּיעלען, וועלען אפילו די אינגלעך גאר ניט זעהן...

— מאמע, — האט ער זיך געקלאגט — די קאפּאטע איז א לאנגע — עס זעהט זיך ניט די לאטעס ארויס...

— ס'א דאגה מיין זוהן — האט די מאמע מיט א זיפץ איהם געטרייסט — אז מען זעהט ניט איז נאך בעסער...

— איך וויל ניט, וויל ניט!... — האט ער זיך קאפּריזנע געווארפען — שנייד מיר אונטער די קאפּאטקעלע.

— שפּעטער, מיין זוהן — האט די ארימע מוטער איהם פערשפּראכען — עס אב פריהער דעם חמץ, באלד וועט מען דארפען טראגען אויפ'ן בוידעם.

אז ער האט אבגעגעסען אנבייסען און איז ארויס שפּיע־לען אויפ'ן הויף, וועלכען די פריהלינגס־זון האט שוין אביסעל אונטערגעטריקענט, האט ער גלייך געפונען א קאמפּאניע אינג־לעך אלע אין נייע בגדים'לעך.

— דיר, יענקעלע, האט מען גאר נישט גענעהט אויף פּסח?— האט איהם אייז אינגעלע געפרעגט.

יענקעל האט גאר ניט געענטפערט, נאר מיט שטאלץ פער־קאשערט די קאפּאטקעלע און געוויזען די צוויי נייע לאטעס.

די אינגעלעך האבען זיך פונאנדערגעלאכט.

— וואס לאכט איהר, וואס? — איז יענקעלע אין כעס גע־ווארען און פאר פערדרוס, וואס זיי שאצען ניט אב די שעהנ־הייט פון די לאטעס, שיעור וויינען ניט אנגעהויבען.

— חי—חי—חי—נייע לאטעס... חי—חי—חי!...

— אוועקט! — האט ער אויפגעהויבען א שטיקעל בלא־טע און א ווארף געטהאן פאר כעס, — אוועקט!... און מיט פערדרוס איז ער אליין אוועק.

אונטערשניידען דאס קאפּאטקעלע האט שוין יענקעלע ניט געוואלט, ער האט שוין פערשטאנען, אז נייע לאטעס זיינען ניט אזא גרויס גליק, ווי ער האט זיך פארגעשטעלט...

דער הענדלער און זיין האפנונג.

צי ער האט קיין כח ניט געהאט, צי ער האט זיך גע־שעמט, — ווער קאן וויסען, אפשר ביידע זאכען. אבער שרייען אויפ'ן הויף: האנדעל! האנדעל! ווי אלע הענדלער, פלעגט ער ניט. מיט'ן זעקעל אין האנד פלעגט ער פון דירה צו דירה אריינ־געהן און שטיל פרעגען:

— אפשר האט איהר עפעס צו פערקויפען?

מיט דער זעלבער פראגע איז ער אמאל, א דארער, א בלייכער מיט פערשמאכטע ליפען מיט רויטע אויגען, אריין אין מיין צימעריל.

— ניין! — האב איך ווי שולדיג געענטפערט.

— אפשר א פאר אלטע שיך? — האט ער תחנונים'דיג געפרעגט און זיך איינגעבויגען אונטער מיין בעטעל.

— ניין איך האב נאר איין פאר.

— אפשר אן אלטען הוט? — האט ער ווייטער מיט'ן זעל־בען טאן געפרעגט, און געהויבען דעם קאפ אין דער הויך אויף דער שאפע, מיין בעל־הבית'טעס שאפע.

— ניין!

— אפשר א העמד? — האט ער ניט אויפגעהערט צו פרע־גען, קוקענדיג אויף דעם טשעמאדאן, וואס איז געלעגען אויף א שטוהל.

— ניין, איך האב ניט, — האב איך געענטפערט, און א קוק טהוענדיג אויף איהם, האב איך דערזעהן, ווי זיין פנים דריקט אויס שרעקליכען פערצווייפלונג. איך האב האטש גע־

וואָלט איהם אויסדריקען מיין מיטגעפיהל און האָב איהם גע־פרעגט:

— וואָס, ר' איד, ניטאָ קיין פּרנסה?

— אי, ניטאָ, ניטאָ! — האָט ער זיך אָנגעחאַפּט אָן מיינע ווערטער, — אָבער טאַקי גאָר ניטאָ! האַטש נעהם און ציה זיך אוים אויף דער גאַס.

איך בין געריהרט געוואָרען. פאַר מיר איז געשטאַנען, האַלטענדיג אין די הענד א ליידיגען זאַק, די פערצווייפלונג אליין, און האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

איך האָב איהם געוואָלט געבען א פּאַפּיראָס.

ער האָט מיר געדאַנקט און געענטפערט:

— עס איז אַזוי אויך ביטער...

וואָס זאָל איך מיט איהם טהאָן, אַזוי אוועקלאָזען טאָר איך איהם ניט, פערקויפען איהם עפּעס האָב איך ניט וואָס, א פּאַפּיראָס נעהמט ער ניט און קיין נדבה האָב איך ניט (און אפשר וואָלט ער אויך ניט גענומען), און פּלוצלונג האָט זיך פון מיין מויל ארויסגעריסען:

— אין א וואָך ארום קויף איך מיר א נייעם אנצוג, קומט צוגעהן, וועל איך אייך פערקויפען דעם, וואָס איך טראָג.

— הא, וואָס זאָגט איהר! — האָט ער, ווי ערוואַכט פון א גליקליכער בשורה, אויסגעשריען, און זיך צוגערוקט צו מיר נעהנטער — אין א וואָך ארום? געוויס?...

— אפשר אין צעהן טעג ארום! — האָב איך געפּרובט אבלעגען זיין יום טוב אויף שפּעטער — אבער ווי איך קויף א נייעם, פערקויף איך אייך דעם, וואָס איך טראָג...

— מילא זאָל זיין אין צעהן טעג ארום. קיין נפקא מינא ניט... איך קאָן וואַרטען... — האָט ער געשטאַמעלט, און אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען א פרעהליך פייערעל... ער איז פאַר שמחה צו מיר צוגעגאַנגען גאָר נאָהענט און א טאַפּ געטהאָן דעם ארבעל...

— א פראסט סחורה׳לע... — האט ער געזאגט מבינות, און צוקוקענדיג זיך טיעפער, האט ער צוגעגעבען:

— שוין גוט אבגעטראגען... נאר עס מאכט ניט אויס... איך קויף ביי אייך אב... איז, הייסט עס, ווען זאגט איהר — אין עטליכע טעג ארום...

— אין צעהן טעג ארום! — האב איך איהם בעשטימט...

— גאנץ גוט! גאנץ גוט! — האט ער ווי צורודערט פאר גליק געריעדט און ניט אראבגענומען די אויגען פון מיין אנצוג, וועלכער איז קענטיג איהם יא געפעלען געווארען...

ער האט זיך שוין געזעגענט, געזאגט א גוטען טאג, נאר פלוצים איז זיין פנים ווידער דונקעל געווארען און מיט א ציטערדיגער שטימע האט ער זיך געווענדט שטעהענדיג ביים טיהר.

— און מיט וואס בין איך זיכער, אז איהר וועט איהם מיר פערקויפען? אפשר וואלט איהר ביי מיר גענומען א פאר גילדען האנד־געלד?

— ניין! — האב איך זיך ווי פערשעמט פון דעם מאדנעם מסחר — איידער איך קויף א נייעם, קאן איך דאס ניט טהאן, אבער איך פערזיכער אייך, אז אייך אליין וועל איך פערקויפען...

— נו, טא געדענקט־זשע...—איז ער ווידער פרעהליך געווארען. דער אנצוג געהערט מיר...

* * *

אין א וואך ארום איז ער צו מיר געקומען.
איך האב זיך פערשעמט און קוים געקאנט ענטפערן.
— נאך ניט.
— נו, נו, עס מאכט ניט אויס, — האט ער מיך ווי געטרייסט, — אבער פערקויפען איהם וועט איהר דאך מיר?

— אודאי — אייך, זיכער!

— נו, וועל איך ווארטען.

ער איז א פרעהליכער געבליבען שטעהן, און האט עפּעס ווי געוואלט זאגען, נאר קאנטיג ניט געוואגט.

איך האב איהם געפרעגט:

— וואס ווילט איהר ווייטער?

— אז איהר וואלט אזוי גוט געווען ווייזען מיר דעם אונ־טערשלאק פון רעקעל. איך דארף איהם אנקוקען. איך בעט אייך.

זיין בקשה איז געווען לעכערליך. איך אבער האט זי פער־שטאנען און האב ניט געלאכט. פערקעהרט — איך האב א טיעפען זיפץ געטהאן און האב אראבגעצויגען דאס רעקעל פון זיך.

ער האט זיך גענומען מיט מבינות בעטראכטען, געדרעהט דאס רעקעל אין אלע זייטען און אויסגערופען:

— א פראסטינקער אונטערשלאק... נאר נישקשה... איך קויף ביי אייך... איז הייסט עס, ווען זאל איך אריינגעהן...

— העכסטענס אין א וואך ארום...

— זעהר גוט! זעהר גוט! — האט ער פרעהליך און אויפ־געגעגט פאר גליק געמורמעלט. — הייסט עס, אז דער אנצוג איז מיינער — אין א וואך ארום.

און פול האפנונג איז ער ארויס פון מיין צימער. איך האב געקוקט אויף מיין אנצוג מיט כבוד און אבשיי, עפּעס איז עס ניט קיין געוועהנליכער אנצוג. איך האב איהם גענומען שטארק היטען, ניט נאך מיין געוואהנהייט, איך זאל חלילה ניט בעריי־סען דעם ארימען הענדלערס האפנונג, וואס איך טראג אויף זיך...

פערמאכט.

ליבעלע איז א אינגעל פון צעהן יאהר. ער האט בלאסע בעקעלעך, שווארצע, פייכטליכע פערחלומ׳טע אויגעלעך. זיינע שווארצע הערעלעך פאלען אראב אין קליינע געקרייזעלטע לאָקענדלעך, — פערשטעהט זיך נאר דאן זעהען זיך די לאָקענדלעך, ווען דאס היטעלע זיינס פאלט ארונטער פון זיין קעפעלע— אזוי איז ליבעלע א פרום אינגעלע און וועט דאס היטעלע קיינמאל נישט אויסטהאָן...

ליבעלע האט ליעב א סך זאכען און האט זיי קיינמאל ניט, אדער ער האט זיי ניט אין גאנצען און דערפאר זיינען טאקי זיינע אויגעלעך שטענדיג פער׳חלומ׳ט, פערזארגט און א בענקעניש שווימט אין זיי שטענדיג אום.

ער האט ליעב דעם זומער — זיצט ער אבער א גאצען טאג אין חדר. ער האט ליעב די זון, — פערהענגט דער רבי שטענדיג די פענסטער מיט זיין קאפאטע און אין חדר ווערט פינסטער, אזש ס׳פאלט אן א שווערע דריקעניש. ליבעלע האט ליעב די לבנה, די נאכט, — פערמאכט מען ביי זיי אין שטוב די לאדען און ער פיהלט זיך אויף זיין געלעגער׳ל, ווי לעבעדיג בעגראבען...

און ליבעלע קאן נישט פערשטעהן, ווי אזוי די וועלט פיהרט זיך עפעס מאדנע. דאכט זיך, אז די זון ליכט אין פענסטער, קלערט ער, איז א מחיה; עס איז אזוי גוט און פרעהליך, — נעמט דער רבי און פערשטעלט זי, — ניטא קיין זון!... ווען ליבעלע וואלט א העזה געהאט, וואלט ער אזוי וועלען פרעגען: וואס ארט אייך, רבי, אז די זון ליכט אין פענסטער? זי

שאַדט איך דען?...

נאָר לייבעלע וועט עס קיינמאָל ניט פאַרגעבן — דער רבי איז אַזאַ גרויסער איד און אַזאַ קלוגער איד, מסתמא פאַרשטעהט ער דאָך — אַ', פאַר וואָס דאַכט זיך איהם, לייבעלען, אַז עס איז ניט גוט, מסתמא איז ער נאָך אַ קליינער — אַז ער וועט ווערען אַ גרויסער, וועט ער אפשר אליין פאַרהענגען די פענסטער. אבער ווי די מעשה איז — ניט גוט איז לייבעלען און ער פיהלט זיך שטענדיג ווי אַ בעליידיגטער פון עלטערע מענשען...

פאַר נאַכט געהט ער פון חדר אהיים. די זון איז שוין פאַרגאַנגען. אין גאַס איז פרעהליך און לעבעדיג, די שוואַרצע זשוקעס הודזשען און פליהענדיג טרעפען זיי איהם אין נאָז, אין אויער, אין שטערן. ער וואָלט וועלען אביסעל שפּיעלען אין גאַס, לאָזען אין דער היים די גאַנצע וועטשערע, האָט ער אבער מורא פאַר'ן טאַטען. דער טאַטע איז אפילו אַ גוטער, אַז ער רעדט מיט פרעמדע מענשען איז ער אַזוי ווייך, אַזוי גוט, אַזוי צוגעלאָזען, — אבער צו איהם, צו לייבעלען, איז ער זעהר שלעכט, שטענדיג שרייט ער אויף איהם און זאָל ער קומען אמאָל פון חדר מיט עטליכע מינוט שפּעטער, וועט ער זיך באַלד צובייזערן:

— וואו ביזטו דאָס געווען, שעהנער מענש? האָסט עפּעס געשעפטען?...

היינט געה, דערצעהל דעם טאַטען, אַז אויפ'ן גאַס איז איצטער גאָר ניט שלעכט, אַז ער האָט ליעב ווי די זשוקעס הודזשען, ס'איז אַ מחיה צו הערען, אַז אפילו דער קלאַפּ זייערער, וואָס זיי גיבען פאַרביי־פליהענדיג, איז אויך זעהר פריינדליך און מעשה־חבר!...

עס איז דאָך טאַקי אַ ווילדע נאַרישקייט. באַשר ער, לייבעלע, איז אַ קליינער, געפעלט עס איהם, האָט ער נחת דערפון— דער טאַטע איז דאָך אָבער אַ גרויסער איד, וואָס האַנדעלט מיט

ווייץ און מיט קאָרן און וויים אַלע מאָל דעם מקח, ווען עס איז טייערער, ווען עס איז וועלוועלער, דער טאַטע קען רעדען גוט אויף גויעש און קען זיך דינגען, דער טאַטע פערשטעהט אויף דער „פּרייסישער וואָג", — אַ קלייניגקייט דער טאַטע! היינט ווי אַזוי דערצעהלט מען דעם טאַטען, אַז אויפ'ן גאַס איז איצט אַזוי גוט...

און לייבעלע איילט זיך גלייך פון חדר אַהיים. אַז ער קומט אַהיים פרעגט איהם דער טאַטע וויפיעל קאַפּיטעלעך תנ"ך ער האָט אָבגעלערנט. אַז ער ענטפערט: פינף — שווייגט דער טאַטע און זינגט אונטער אַ ניגונדיל, נישט קוקענדיג איהם אין פּנים אַריין. טאָמער ענטפערט ער: דריי, ווערט דער טאַטע בייז און פרעגט:

— וואָס איז די מעשה וואָס אַזוי ווייניג? האַ?

און לייבעלע שווייגט און פיהלט זיך שולדיג קעגען טאַטען.

נאָך דעם פרעגט דער טאַטע ביי איהם עפּעס אַ טייטש־וואָרט:

— סטייטש: כמלונה?

— כמלונה — ווי אַן איבערנעכטיגונג — ענטפערט לייבעלע דערשראָקען.

דער טאַטע שווייגט — אַ סימן אַז ער איז צופרידען. מען זעצט זיך צום טיש עסען וועטשערע. דער טאַטע קוקט די גאַנצע צייט אויף לייבעלען און לערנט איהם ווי צו עסען.

— ווי האַלסטו די לעפעל? — בעמערקט ער טרוקען. און לייבעלע נעמט די לעפעל נידריגער און דאָס עסען געהט איהם ניט איין.

נאָכ'ן עסען מוז לייבעלע בענשען הויך און זאָגען „עברי", ווי עס דאַרף צו זיין. טאָמער פערשלינגט ער אַ וואָרט, צושרייט זיך דער טאַטע:

— ווי האָסטו געזאָגט? ווי? נאָך אַמאָל: שאתה זן

ומפרנס אותנו... נו, זאג — חאפּ ניט, פליה ניט — עס ברענט ניט...

און לייבעלע זאגט נאך אמאל כאטש ער איילט זיך זעהר, כאטש ער וואלט וועלען זעהר פליהען אויפ'ן גאס, כאטש עס ברענט איהם זעהר, זעהר...

אז עס ווערט פינסטער, דאווענט ער מעריב שוין פאר'ן לאמפּ. דער טאטע כאפּט איהם אלע ווײלע ביי א גרייז, און לייבעלען קומט זעהר שווער אן צו איינהיטען זיך. די לבנה, ריין און קיילעכדיג, שווימט אויפ'ן הימעל און לייבעלע דאווענט און קוקט אויף איהר און עס ציהט איהם אזוי אויפ'ן גאס, און ער טומעלט זיך אין דאווענען...

נאך מעריב כאפּט ער זיך ארויס אויפ'ן גאס, אויסקלע־רענדיג עפּעס א תירוץ. ער זוימט זיך אביסעל און קוקט דערווייל אויף דער לבנה, וועלכע בעשיט מיט בלייכע שטראהלען די גאס. באלד אבער דערהערט ער דעם טאטענס קול:

— אין שטוב אריין שלאפען!...

אויפ'ן גאס איז ווארעם, קיין מינדסט ווינטעלע בלאזט ניט, נאר לייבעלען דאכט זיך, אז עס איז פון טאטענס ווערטער ווי א ווינט דורכגעפלויגען. עס איז איהם מארגע קאלט געווא־רען, און ווי א דערפרארענער גערט ער אריין אין שטוב, שטעלט זיך ביים פענסטער און קוקט, קוקט אויף דער לבנה...

— נו, מען דארף געהן צומאכען די לאדען, ניטא וואס צו זיצען! — דערהערט לייבעלע דעם טאטענס קול און אן אימה בעפאלט איהם.

און אט גשהט ארויס דער טאטע. לייבעלע דערהערט, ווי די לאדען קלאפּען, עקשנ'ען זיך, ווי זיי וואלטען זיך געגען זייער ווילען פערמאכען. און באלד דערהערט זיך א שטארקער קלאפּ— ניטא קיין לבנה!...

—דער טאטע האט זי בעהאלטען!...

און א ווײַלע שפּעטער ווערט דער לאָמפּ אױסגעלאָשען, אין שטוב איז פֿינסטער, אַלע שלאָפֿען שוין. לײַבעלע אָבער, װעלכער שלאָפֿט גראָד בײם פֿענסטער, קען ניט אײַנשלאָפֿען. ער װאָלט נאָך װעלען שפּילען זיך אױפֿ'ן גאַס, פֿון װאַנען עס דערטראָגען זיך דורך די שפּאַלטען רופֿענדע קלאַנגען... ער פּרובט זיך זעצען, אײַנקוקען זיך דורך די שפּאַלטען און טאָקי א פּרוב טהאָן אױפֿעפֿענען שטילערהײט א לאָדען און קוקען, קוקען... עס געלינגט אָבער ניט. דער טאַטע כאַפּט זיך גראָד אױף און ברומט:

— װאָס פּאָרקעסטו זיך דאָרטען, הא?... װילסט איך זאָל אָראָבנעהמען מיט'ן „פּאַס" און צוקאַטעװען דיך?!...

און לײַבעלע נורעט זיך אײַן שטיל אין קישעלע, דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע איבער'ן קאָפּ און איהם דאַכט זיך, אַז ער איז לעבעדיג בעגראָבען...

דאס בענשער׳ל.

גרשון — א צעהניאָהריג תלמוד תורה אינגעלע — האָט געהאט חשק צום קליין סדור׳ל, וואָס האָט זיך געפונען ביים פּאקען־טרעגער אין קאָשיק, ווייל דאָס דאָזיגע סדור׳ל איז געווען אין א רויטען איינבונד און די אותיות אויפ׳ן טאָוועל זיינען געווען אמת׳ע גאָלדענע און האָבען געפונקעלט נאָך בע־סער ווי גאָלד. נאָר פאר דאָס סדור׳ל האָט דער פּאקענטרעגער געבעטען א גילדען און גרשון האָט מעהר ניט געהאט, ווי א פּיערער׳ל, וואָס ער האָט אליין פערדיענט ביי זיין מאַמען, גרונה די אלמנה. האָט ער זיך מישב געווען, אז ער וועט גאָר קויפען דאָס בענשער׳ל. אמת, בענשען קען ער אויסווייניג, אבער אין בענשער׳ל שטעהט דאָך ניט נאָר בענשען אליין! דאָרטען שטעהט קריאת־שמע, ציצית־בענשען און א פולע ברכות, און דערצו איז נאָך דאָס בענשער׳ל א קליינס מיט רויטע פּאָדער־בלעטעלעך און שעהן צוזאמענגעניים.

און גרשון האָט עס אָבגעקויפט פאר א פּיערער׳ל.

געקומען אהיים, האָט איהם די מאמע געגעבען עסען ווע־טשערע — פּארפּעל.

— ווארט, ווי מאכט מען א ברכה אויף פּארפּעל? — האָט ער צו זיך אליין גערעדט. דער שנץ האָט געוואוסט, אז אויף פּארפּעל מאכט מען מזונות, נאָר ער האָט געוואָלט זיך אליין אָבנארען, אז ער ברויך דאָס בענשער׳ל נויטיג צו האָבען, אז ער האָט עס געקויפט ניט חלילה דערפאר וואָס ער איז א צולאָזען אינגעל און פערשווענדט גלאט אומזיסט געלד, נאָר אדרבא, ווייל

ער איז אן עהרליך איינגעל, וואס מוז האבען א בענשער'ל ער זאל וויסען ווי אזוי מען מאכט א ברכה.

— אויף פארפעל מאכט מען מזונות! — האט ער הויך געלייענט.

— וואס לייענסטו דארטען? — האט די מאמע, פארענדיג זיך ביים פריפעטשיק, געפרעגט.

— איך האב געקויפט א בענשער'ל! — האט גרשון גע־זאגט מיט א גלאנץ אין די אויגען.

— ניט קיין נארישקייט, — האט די מאמע איהם נאכ־געגעבען: וויפיעל קאסט?

— א פיערער... זעהסט — א טייערער בענשער'ל, — האט ער געלאזען די טעלער פארפעל און צוגעטראגען דאס בענשער'ל צום אויווען.

די מאמע, ניט קיין געלעהרענטע, האט עס גענומען אין דער האנד, אריינגעקוקט אין איהם און מיט אבשיי געענטפערט:

— א גוטער בענשער'ל — ווערט א פיערער. זיי נור א איד און וויל לערנען.

גערשונקע עסט אב ועטשערע און זוכט די ברכה אחרונה.

— ווערט א פיערער! — טרייסט ער זיך נאך דער ברכה אחרונה, חאטש דער שגיז קען די ברכה אחרונה ווי אלע ברכות. א, וואס מאכלים עס טהוט זיך אויף דער וועלט! גאנצע פיער בלעטלעך איינגעטונקט מיט גוטע זאכען!

— „אגרעסען וואס מען קען זיי עסען רויע"... ע... דאס ווייס איך... ער לייענט ווייטער.

— „אונערקעס"... דאס ווייס איך אויך.

— „אייגגעמאכטס" — איינגעמאכטס עסט מען דאכט זיך פסח... מאמע, ווען עסט מען איינגעמאכטס?

— ווען גאט חעלפט! — זיפצט די מאמע...

— „אייער"... אייער עסט מען צום סדר, דאס ווייס איך— ער לייענט ווייטער.

— „אינגבער..." אי, אינגבער איז א גוטע זאך. אינגבער־לעך פערקויפט מען נעבען תלמוד־תורה צו גראשען א שטי־קעל.. .עס איז גאנץ געשמאק...

„פייכטע" — מאכט מען „האדמה", — „טרוקענע אהן א ברכה"... ע... די אידינע פערקויפט טרוקענע, קוים וואס מען בייסט איין...

ער לייענט ווייטער:

— „און אזוי, איז דער דין ביי פעפער"... ע... פעפער איז בלאטע... פעפער האט ער פיינט.

— „ארבים, פאסאלים" — דאס איז גאר נישט...

— לימאנע שאלעכץ... — דאס ווייס ער נים.

— מאמע, וואס איז דאס לימאנע שאלעכץ?

— לימאנע שאלעכץ... פערטראכט זיך די מאמע: צי זאל דאס ניט זיין אפטמאל אזא מין ציטרין?

— א, ציטרין ווייס איך!...—שרייט גרשון אויס—עס איז זויער... איך ווייס!

ער לייענט ווייטער און וואס ווייטער ער לייענט, קריכט ער אלץ אריין אין אומבעקאנטערע מאכלים, וואס ער האט קיינמאל זייער נאמען אפילו ניט געהערט. איבערהויפט געפעלט איהם דער מאכל „סטרודיל", אויף וואס מען מאכט „מזונות".

— וואס איז דאס סטרודעל, מאמע?

— לאמיר, מיין זוהן, אזוי ניט וויסען פון בייז, ווי איך ווייס ניט וואס דאס איז, עס מוז זיין אזא געפילטער טייגעכ־ציל.

— עס מוז זיין געשמאק — איז זיך גרשון משער.

—מסתמא איז דאס ניט שלעכט—גיט איהם נאך די מאמע.

גרשון לייענט ווייטער, ער פערטיעפט זיך שטארק אין בענ־שער'ל, איהם איז ניט אזוי וויכטיג די ברכה ווי די מאכלים, די ברכות זיינען גאר פשוט'ע: אדער האדמה, אדער מזונות,

אדער שהכל, די מאכלים אבער זיינען אזוי פיעל און אזוי פער־שיעדען !...

ענדליך ווערט ער מיעד און, דאכט זיך, ווי ברוגז'לעך: פארהאן אזוי פיעל גוטע מאכלים אויף דער וועלט און ער ווייסט פון זיי גאר נישט ! פאר וואס איז עס אזוי ? ער איז אזא עהר־ליך אינגעלע — ער האט פאר'ן לעצטען פיערער'ל נעקויפט א בענשער'ל, עפעס פיהלט ער, אז עמיצער האט איהם געטהאן אן עולה און ער ווייסט ניט ווער...

ער לאזט דעם צעטעל פון די מאכלים און נעהמט זיך צו די אנדערע ברכות... „אויף א דונער מאכט מען: שכחו ונבורתו“.. ע... צו זומער איז נאך ווייט, טראכט ער און אויף שנעע מאכט מען ניט קיין ברכה.

„אז מען טהוט אן א נייעם בגד, מאכט מען: ברוך אתה מלביש ערומים“.

דאס איז שוין יא אן אינטערעסאנטע ברכה. נאר וואס איז די פעולה אז ער טהוט קיינמאל ניט אן קיין ניי בגד'ל, אלץ געלאטעט און געלאטעט. די מאמע האט א גרויסען קנויל פא־דעם און לאטעט רק.

— מאמע, אויף פסח וועסטו מיר נייהען א בגד ?—פרעגט ער.

— הלואי, מיין זוהן.

„עס, זי וועט ניט נייהען“, איז ער זיך מיאש, די ברכה „מלביש ערומים“ וועט ער קיינמאל ניט דארפען מאכען... קיינ־מאל ניט ! און וואס האט ער גאר גערארפט דאס בענשער'ל, אז קיין זאך האט ער ניט !...

ביי דאָקטוירים.

פון דער חברה „קרעדיט־געזעלשאַפט פאַר בעל־מלאכות“ איז יענקיל דער שניידער נתפעל. „זינד חברות האָבען זיך גע׳חבר׳ט“, וויצעלט ער, ווי זיין שטייגער איז: „איז נאָך אַזאַ חברה ניט געווען“. ערשטענס געפעלט איהם, וואס א בעל־מלאכה, א רעמעסלעננק, הייסט עס, איז נאַר דער, וואָס פיהרט אן אייגענעם טיש און האָט אייגענע געצייג... „וואָס דען, די שקאַציקעס, וואָס זייער געצוג איז בלויז זייערע צעהן פינגער און היינט ארבייטען זיי דאָ, מארגען דאָרטען — זיי זיינען דען מענשען? אָט, איך בין א שניידער, אָבער וויבאלד איך פיהר אן אייגענעם טיש און האלט פועלים, בין איך טאַקי א טשלען אין דער חברה און האָב קרעדיט ביז 30 רובעל. א קלייניגקייט ביי א „נאַש בראַט“ 30 רובעל! בשעת הדחק, למשל: א פאַר פסח, א פאַר סוכות, עפנען זיך דאָך די אויגען, אז מען קריגט געליהען 3 צעהנערלאָך... לייהען לייהט מען כלומרשט אויף געצייג, אויף „מאַטעריע“, אָבער ווער דאַרף דאָס וויסען, אז דאָס איז אויף מצה, צי גאָר אויף שיכלאָך פאַר די קינדער?

און זינד די דאָזיגע חברה האָט זיך געגרינדעט, נעהמט זי איהם פון זינען און פון מויל ניט אַרויס. עס איז א סברא, אז ניט די הילף, וואָס ער בעקומט פון דער חברה, איז איהם דער עיקר. איבערהויפּט איז איהר שטאָלץ וואָס ער, יענקעל דער שניידער, וואָס האָט אין שפּייז קרעמעל קאָנטאָ סך הכל ביז א האַלב־קערביל ווערט גאָר פּלוצלונג א „טשלען“ און מען געטרויט איהם ביז 30 קערבלעך — אַזאַ אייגענעם געלד!...

— פאַר אַזאַ סומע געלד, — וויצעלט ער אַמאָל — זיי זאָלען גאָר ניט אוועקגעהן אויף מצה, צי אַזוי אויף דער הוצאה,

בשעת עס איז ניטאָ קיין ארבייט, קען מען דאָך גאָר אָנהייבען צו האַנדלען און ווערען אוים בעל־מלאכה...

און יענקעל ליעגט דערפאַר מיט די ביינער אין דער דאַ־זיגער חברה. כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין קאַנטאָר וויסען, וואָס „הערט זיך", אַמאָל מיט אַ בקשה: אָבלייגען דעם טערמין פון צאָהלען, און אַמאָל: פּרוּאוּוען קריגען אַ הוספה אויף זיין קרע־דיט נאָך אַ צעהנרובעלדיגע... עס וואָלט, נישקשה, צוניץ געקו־מען! און ניט איין שעה האָט ער שוין מבטל געווען צוליעב דער דאָזיגער חברה, פאַר וואָס די ווייב זיינע פּלעגט איהם אַמאָל, אַזוי פאַרבייגעהענדיג, אַ זאָג טהאָן:

— די גליקען פון דיין חברה וויים איך נאָך „ברוך השם" ניט... דו צורייבסט מעהר צייט, ווי עס טרעפט אָן די געלד, וואָס דו לייהסט דאָרטען...

נאָר יענקעל ענטפערט איהר מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל פון אויבען אַראָפּ:

— דו האָסט אַ פּנים אַ ידיעה אין אַזוינע זאַכען... אָט פרעג דיך בחרם...

נאָר שטאַרק נתפּעל איז ערשט יענקעל געוואָרען, ווען די דאָזיגע חברה האָט פערברייטערט איהר טהעטיגקייט און האָט געגרינדעט נאָך אַן אבטיילונג אין דער חברה מיט'ן נאָמען: „ר ו פ א י ח ו ל י ם".

די תקנות פון דער חברה זיינען בעשטאַנען אין דעם, אַז יעדער מיטגליעד, ווען ער צאָהלט איין צוויי רובעל אַ יאָהר, האָט ער דאָס רעכט, ווען ער, ציּ ווער פון זיין הויזגעזינד, ווערט חלילה קראַנק, צו ווענדען זיך צו יעדען דאָקטאָר, וועלכען ער וויל נאָר אַליין. דערויף גיט זיך יעדערען אַרויס אַזאַ ביכעלע און ווי נאָר מען ווייזט דעם דאָקטאָר דאָס ביכעלע מיט'ן שטעמפּעל „רופאי חולים", מוז דער דאָקטאָר היילען אָהן אַ גראָשען געלד און דאָס גלייכען דאַרף יעדער אַפּ־טייקער געבען רעצעפּטען, ווי פיעל דאָס האַרץ געלוסט.

— דו בענעהמסט חאַטש, וואָס פאַר א טייערע זאַך דאָס איז! — האָט ער געפּראָוואָט איינטאַלקעווען מיט דער ווייב, אַז זי זאָל איהם ערלויבען איינשרייבען זיך אין דער דאָזיגער חברה.

— יאָ, גוט איז דאָס... — האָט די ווייב אונטערגעזיפצט— הלואי זאָל מען ניט דאַרפען... א דאָקטאָר קומט צוגיין... אַט בערעלע הוסט טאַקי, און יענטעלען רינט שוין א פּאָר חדשים פון אַן אויער, און וועלוועלע פּראָוואָט גאָר ניט עסען, אויסגע־דאַרט נעבעך איז ער געוואָרען. און איך אַליין וואָלט אויך גע־דאַרפט א דאָקטאָר... אָבער צוויי רובעל איז דאָך באַלד א האַל־בע שורקע האָלץ...

— ביזט א בהמה! — איז שוין יענקעל פון געדולד אַרויס, און האָט פאַר די לעצטע צוויי רובעל איינגעשריעבען זיך אין דער חברה.

— זאָלסט הייגט נעהמען בערעלען און אוועקפיהרען צום דאָקטאָר מינץ... א טייערער דאָקטאָר, — האָט יענקעל פער־זאָגט דער ווייב אויף מאָרגען נאָכ'ן איינשרייבען זיך. — מינץ נעהמט דאָך ניט אַנדערש, ווי א האַלבען רובעל. פערשטעהסט? דער בעסטער דאָקטאָר אין שטאָדט. געה שוין אַריבער, נאָ דיר דעם ביכעלע מיט'ן שטעמפּעל „רופאי חולים", וועסט איהם ווייזען און אוועקגעהן...

און אַז דאָס ווייב האָט אָבגעטהאָן איהרע מלאכות האָט זי בערעלען געהייסען גוט אויסשנייצען די נאָז, אָנגעטהאָן איהם די שבת'דיגע היטעלע און מיט איהם געגאַנגען צו מינץ...

יענקעל האָט איהר א גליקליכער נאָכגעקוקט און האָט געטראַכט:

— אַ האַלבער רובעל וועט שוין אַראָב... מאָרגען וועט גע־העז יענטעלע, איבער מאָרגען בערעלע, איבער־איבער מאָרגען וועלוועלע...

— אַזאַ טייערע זאַך, ווי די חברות זיינען, איז ניטאָ אויף

דער וועלט! — האָט ער שוין זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען ניט אויסצודריקען זיין התפעלות פאַר זיין איינציגען פועל.

דער פועל, א הויכער און א דאַרער, מיט פייכטע אויגען האָט טרויעריג אָבגעענטפערט:

— יאָ, וועמען גאָט העלפט...

פון דעם דאָזיגען ענטפער איז יענקעל שטאַרק גערירהרט געוואָרען און ער האָט בעשלאָסען צו זעהען מאַכען עפּעס א שווינדעל אין ביכעלע און זעהן, אז דער פועל זאָל זיך מיט איהם אויך קענען בענוצען.

— דו זיי נאָר א מענש — האָט ער זיך צום פועל געווענ־דעט, — וועסט דו אויך אריינגעהן צום דאָקטאָר... איך וועל שוין זעהען עפּעס מאַכען א קונץ, וואָס טהוט דיר וועה?

— אין הארצען כאַפּט אמאָל שטעכען! — האָט דער פועל געמאַכט א קראַנקע מינע.

— אויך צו מינץ'ן! — האָט דער שניידער אויטאָריטעט־טיש בעשטימט, — אויף א האַרץ־פעהלער איז ער דער גרעסטער דאָקטאָר... מען זאָגט, אז ער האָט געקאָנט זיין א פּראָפעסאָר, נאָר ער וויל זיך ניט שמד'ען...

— פאַרט א איד! — האָט ער מיט שטאָלץ צוגעגעבען — דאַכט זיך — וואָס? פאָהרט אום שבת. פיהרט א טרייפע קיך און שמד'ען זיך — דאָס א מכה!

אין עטליכע טעג זיינען אלע קינדער איבער־געוועזן ביי דאָקטוירים. די קליינע שטיבעל איז פול געוואָרען מיט פלעשע־לעך, סלויטשיקלעך און שאַכטעלעך, יענקעל פלעגט זיי טאַפּען שמעקען און שאָצען:

— די סלויטשיקלעך אליין זייגען עפּעס ווערט...

זיין „וויזיט" צום דאָקטאָר האָט ער אָבגעלעגט אויף שבת. אין מיטען וואָך געהן קורירען זיך פערגינט ער זיך ניט. דאָס

איז ער ניט ביכלת. און אגב פאסט ניט פאר לייטען. א מענש גערהט אום, עסט און טרינקט און נא דיר גאר קורירען זיך. שבת איז אנ׳אנדער זאך. שבת קורירען זיך אלע ארימע אידען...

און ווי יענקעל האט נאר אבגעדאווענט, האט ער זיך גע־איילט צו געהן צום דאקטאר.

געהענדיג האט ער איבערגעווארפען אין קאפ אלע זיינע חלאת׳ען און זיך אלץ מישב געווען, אויף וואס זאל ער פרע־גען, בעסער פאר אלץ וואלט ער וועלען האבען א רפואה צו זיין חלאת, וואס עס האט זיך ביי איהם די לעצטע צייט בעוויי־זען: ער קאן אין באד אויפ׳ן פאל די פארע ניט פערנעהמען. עס פערכאפט איהם גלייך דעם אטעם און ער מוז ארויסלויפען צו־ריק אין דער קאלטער באד. ער האט אזוי ליעב פארע!... און גלאט איז דאך גאר מעשה איינגעל... אמאל איז ער געווען פון די ערסטע, וואס פלעגען אויף דער אויבערסטער באנק זיצען און שרייען: פאדאוואי פארו!... איצט איז ער איינגאנצען אראב פון זיין גדולה: אויף דער סאמע אונטערסטער באנק זעצט ער זיך צו, און דאס נאר אויף א ווילע — ער מוז גלייך ענטלוי־פען...

אבער צי איז דאס א חלאת? עס קאן זיין, אז דער דאק־טאר וועט גאר לאכען דערפון... עס איז א ריזיקע צו פרעגען דאס ערשטע מאל וועגען אזא זאך.

און ער בעשליסט, אז וועגען דעם וועט ער פרעגען, אז ער וועט געהען צו דאקטוירים עטליכע מאל און וועט ווערען געניט.

דאס ערשטע מאל דארף מען פרעגען וועגען אן איידעלע קרענק: וועגען מאגען. עפעס שוין א צייט, אז ווי ער עסט נאר אב בולבע מיט ראסעל, שטעהט איהם מאדנע אונטער׳ן לע־פעלע, ערשט, אז ער עסט אב מיטאג, און לעגט זיך צו אויף א האלבע שעה, ווערט איהם אביסעל לייכטער, אבער אונטער׳ן לעפעלע דריקט אלץ...

— יא, דאס איז אן איידעלע קרענק! — בעשליסט ער—

און א ווייכטיגע. עס איז דא וואס אנצוגעהמען. און שפעטער, אין עטליכע וואכען ארום, וועט ער פרעגען אויפ'ן „קאפ", אויפ'ן הארץ, אויפ'ן שטענדיגען קאטער, וואס ער האט, אויף דעם גראבען פינגער פון פוס, וואס זינד דער נאגעל האט זיך פון איהם אראבגעריסען, ווערט ער אלץ שווארצער און שווארצער...

— און נאכדעם וועל איך ערסט א פרעג טהאן וועגען דער באד — בעשליסט ער...

און יענקעל לאזט זיך גיכער געהען צום דאקטאר. „דער זייגער איז שוין שפעט" טראכט ער, און דער טשאלענט קען קאלט ווערען — און ביי יענקלען א קאלטער טשאלענט איז א פערשטערטער שבת...

געקומען צום דאקטארס טיר, האט יענקעל דערזעהן צוויי גלעקלעך, איינעם, וויים ער, דארף מען קוועטשען און אייגעם ציהען. און ניט וויסענדיג, וועלכער גלעקעל קלינגט צום דאקטאר, האט ער אי געקוועטשט, אי געצויגען... און געקלונגען האט ער נאכאנאנד, ווייל איהם האט זיך אלץ געדאכט, אז מען הערט ניט אינוועניג... די טיר האט זיך געעפענט מיט האסט. און א בייזע צורה פון א לאקיי האט זיך בעוויזען און א געשריי געטהאן:

— וואס איז דאס פאר א מין קליגגען ?... דוראק ? !..

— איך דארף צום דאקטאר.... איך בין א טשלען... און יענקעל האט גלייך ארויסגעכאפט דאס ביכעלע...

דער לאקיי איז ווייכער געווארען. ער האט א שמייכעל געטהאן און געהייסען איהם ווארטען אין צווייטען צימער, ביז דער דאקטאר וועט איהם א רוף טהאן.

דער אויפנעהם-צימער איז געווען פול מיט פערשיעדענע מינים אידען אהן בערד, אידען מיט בערד און דערהויפט — ווייבער. געזעסען זיינען זיי אלע שטום און יעדער פערטיעפט אין זיין קראנקהייט... ווער ניט ווער, האט זיך נאר איבערגעשושקעט אויפ'ן אויער. יענקלען איז אזא גרויסער און שוויי-

גענדער עולם ניט געפעלען געווארען. עס איז איהם געווארען זיצענדיג באלד לאנגווייליג. ער האט זיך א וואנד געטהאן צום ערשטען בעסטען אידען און געפרעגט:

— איהר זייט אויך א טשלען?

— וואו? — האט דער איד אויסגעשטעלט פערוואונדערט די אויגען.

— אין „רופאי חולים“!

— לאזט צו רוה... — האט זיך דער איד אבגעקעהרט.

— א בעל גאוה! — האט יענקעל א טראכט געטהאן און האט חרטה געהאט, וואס ער האט מיט איהם גאר אנגעהויבען: אויפ'ן קוק, דאכט זיך, האט יענער אויסגעזעהען א צוגעלאזע־נער...

און ער האט שוין מעהר מיט קיינעם ניט גערעדט. ער האט נאר מיט גרויס אונגעדולד געקוקט אויף דער טיר, וועלכע האט געפיהרט צום דאקטאר. נאך יעדען מאל, ווען די טיר פלעגט זיך עפענען, פלעגט ער זיך אויפשטעלען, א טאפ טהאן דאס ביכעל — און זיך לאזען געהן, נאר דער לאקיי, א רוח אין איהם, פלעגט איהם מיט א בייזקייט אבשטעלען, זאגענדיג:

—ווארט, האט צייט!

און פלעגט א צווייטען דורכלאזען.

און יענקעל איז געבליעבען זיצען אין איינע שרעק: גאט וויים, וואס מיט דעם טשאלענט וועט דארטען ווערען... מען וועט איהם אין מויל ניט קאנען נעמען...

ענדליך איז ארויס פון דאקטארס צימער דער לעצטער חולה. יענקלען איז ווי א משא פון די פלייצעס אראבגעפאלען. ווארום די אלע בעזוכער זיינען ניט אויף שטוהלען, נאר ווי אויף איהם געזעסען, — אזוי האט זיך איהם געצוויגען די צייט.

צוטומעלט און צוטראגען, האלטענדיג אין האנד דאס בי־כעלע מיט'ן שטעמפעל „רופאי חולים“, איז ער אריין צום דאק־

טאָר און האָט זיך תמ'עוואטע אנידערגעשטעלט אין מיטען צימער.

דער דאָקטאָר איז געזעסען אויף א שטוהל, האָט געקוקט אויפ'ן פּאציענט, געגענעצט הויך און האָט ענדליך, ווי דורך די צייהן, דורכגעזוייהט:

— וואָס טוט וועה?...

— דער מאָגען... עס שטעהט אונטער'ן לעפעלע... — האָט יענקעל הערשראָקען געענטפערט.

— שוין לאַנג?...—האָט דער דאָקטאָר ווייטער, נאָכדעם ווי ער האָט א געגעץ געטהאָן, געפרעגט:

— אָ, שוין א צייט! — האָט יענקעל שוין ווי מיט א שטאָלין געענטפערט — עס וועט זיין א יאָהר צעהן...

דער דאָקטאָר האָט איהם צוגערופען נעהענטער, א טאַפּ געטהאָן דעם בויך, א קוק געטהאָן אין די אויגען, און געזאָגט:

— אבהיטען זיך מיט'ן עסען... עסען אלץ פרישע... ניט עסען די שבת'דיגע מאכלים אייערע: קוגעל... קאשע...

— הא? — האָט יענקעל אויסגעשטעלט דערשראָקען די אויגען.

— נו, וואָס פערשטעהט איהר ניט? — קיין טשאָלענט ניט עסען. — האָט דער דאָקטאָר דייטליכער ערקלערט...

— פּאני דאָקטאָר — וואָס הייסט? — האָט יענקעל אָנגעהויבען בעטען זיך ווי צומיישטערהייט... — טשאָלענט... וואָס הייסט טשאָלענט... ביי מיר איז גוטער טשאָלענט.... הייסער... אדרבא...

—איהר טאָרט ניט עסען קיין טשאָלענט, זאָג איך אייך!— איז דער דאָקטאָר אריין אין כעס — און געהט אייך!

— האָט קיין פאראיבעל ניט... — האָט יענקעל גענומען ציטערען. — איך בין א פּראָסטער מענש... איך האָרעווע א גאנצע וואָך... ביי מיר איז טשאָלענט...

נאָר יענקעל האָט שוין ניט געהאַט פאַר וועמען צו רע־רען: דער דאָקטאָר איז שוין ניט געווען...

געקומען א היים. איז דאָס ווייב אויף יענקלען ארויפגע־פאַלען:

— וואו ביזט דו דאָס געווען? דער טשאָלענט איז אודאי שוין קאַלט געווארען.

— וואו זאָל מען זיין — זיך פערדרעדט אין בית־מדרש...
האָט יענקעל פערשולדיגט געענטפערט... — אָט גיי איך זיך וואַשען.

דער טשאָלענט איז גראָד געווען הייס, נאָר עסענדיג א־הם, האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער עסט ניט קיין טשאָלענט, נאָר עפּעס א טרפ׳ע זאַך און יעדער לעפעל קאַשע און יעדער ביסען קוגעל האָט זיך איהם געשטעלט אין האַלז און געווארגען איהם.

— ווער ווייס — האָט ער געטראַכט — וואָס איך קען נאָך אָנמאַכען: וואָס הייסט — ניט פאָלגען א דאָקטאָר!...

און ער האָט פון גאַנצען הארצען חרטה געהאַט אויף זיין אויפטהו: איינשרייבען זיך אין „רופאי־חולים“.

— צו וואָס האָב איך געדאַרפט האָבען צו טהאָן מיט די דאָקטוירים — האָט ער זיך גע׳מוסר׳ט...

דאָס אייביגע לעבען.

נאָך איינגעלוויז, אַז ער האָט געהייסען, ניט ווי יעצט ר' בער, נאָר בערעלע, האָט ער זעהט אָפּט געטראַכט וועגען טויט. אַז ער האָט געלערנט די מעשה פון אָדם וחוה, האָט ער זיך שטאַרק אויפגערעגט און עס האָט איהם געאַרט, וואָס אדם וחוה האָבען בעסער ניט געגעסען פון עץ החיים, איידער פון עץ הדעת. אַז זיי וואָלטען א סך געלעבט, וואָלטען זיי סיי ווי סיי קלוג געווען — האָט ער געטראַכט דאַמאָלס, און אפילו, אַז זיי וואָלטען קיינמאָל ניט קלוג געוואָרען, וואָלט אויך קיין אונגליק ניט געווען, אבי אייביג לעבען, בפרט, אַז זיי האָבען געקענט עסען אי פון עץ הדעת, אי פון עץ החיים — א געשעפּט אָבצורייסען אַן עפּעל, בשעת די מלאכים מיט די צווייזייטיגע שווערדען פערקוקען זיך? איהם וואָלטען זיי שוין ניט איינגעהיט. ער וואָלט שוין וויסען ווי אַזוי אראָבצורייסען אַן עפּעל. אי גאָט וואָלט זיך ווידער געבייזערט, נאָר וואָס וואָלט גאָט דאַמאָלס געקענט מאַכען? אַז מען לעבט אייביג קען מען שוין לאַכען פון אַלץ, וואָס קען גאָט טהאָן מיט א מענשען וואָס לעבט אייביג! אַזאַ מענשען קען מען ניט סטראַשען מיט'ן גיהנום, מיט שווערע אַרבייט; צו א מענשען וואָס לעבט אייביג קען מען גאָר ניט צושטעהן — אַזוי ווי צו גאָט אַליין. יעדערער וואָלט דאַן געווען א גאָט! — פלעגט בערעלע ענדיגען זיינע רעיונות. און דעם אמת געזאָגט האָט ער בשעת די דאָזיגע געדאַנקען ניט שטאַרק געהאַלטען פון גאָט, ניט שטאַרק צופריעדען געווען מיט דער גאַנצער וועלט־שאַפונג. אמת טאַקי אין זעקסטען האָט ער בעשאַפען די זון מיט די שטערען, מיט האַק און

פּאַק, אבער וואָס טויג דאָס אַלץ, אז מען דאַרף שטאַרבען און דאָס אַלץ פערלאָזען. אַט למשל איז ביי בערעלען געווען א קליין שוועסטערל, דינה'לע, ער האָט זי אַזוי ליעב געהאַט, און זי האָט אפילו ניט געוואוסט, אז עס איז דאָ א זון מיט א לבנה מיט שטערען מיט פייגעלעך — צו צוויי יאָהר איז זי געשטאָרבען און פאַר איהר האָט גאָט גאָר נישט בעשאפען, מעהר ניט ווי דעם מלאך־המות, וואָס הלואי וואָלט ער ניט בעשאפען געוואָרען.

שפּעטער אבער פאָהרט בערעל אריין אין די ווייטערדיגע סדרות, ער לערנט פרשת נח, וואו גאָט ווייזט זיך ארויס ניט נאָר פאַר א בעשעפער נאָר פאַר א בייזען צושטערער, נעהמט אין מי־טען דערינען און ברענגט א מבול אויף דער וועלט און מאַכט אַלץ חרוב. דעם אמת געזאָגט איז דאָס בערעלען ניט געפעלען. ער, בערעלע, אז ער בויט אוים א שטיבעלע פון קאָרטען און עס פאַלט איין, טהוט איהם וועה דאָס הארץ, כאָטש ער איז ניט שולדיג — דאָס שטיבעלע איז פון זיך אליין איינגעפאלען, און גאָט נעהמט אזא וועלט און מיט די אייגענע הענד מאַכט ער עס חרוב, פערטרינקט עס. אָבער שטאַרק אריינלאָזען זיך אין דעם דאָזיגען ענין האָט שוין בערעלע קיין חשק ניט. מיט אזא גאָט איז שוין א מורא אָנצוהויבען זיך. אבער דאָך ווייס ער, אז אַלץ איז שולדיג דער טויט. ווען אָדם והוה וואָלטען ניט געגעסען פון עץ הדעת, אָדער וואָלטען זיי אראָבגעגנב'עט אן עפּעל אויך פון עץ החיים, וואָלט מען געלאכט פון מבול: ווי באַלד, אז מען לעבט אייביג, טאָ וואָס קען טהאָן א מבול?

נאָך שפּעטער געהט ער אריין אין די נאָך ווייטערדיגע סדרות. ער ווערט שוין מיט גאָט גאָר גוט בעקאַנט, ער קען איהם דורך און דורך: ס'איז א בייזער, א שרעקליך בייזער. ס'איז ניט נאָר א מורא צו זאָגען עפּעס אויף איהם, נאָר פשוט צו טראַכטען. ער ווייס אַלץ, וואָס קומט פאָר אין הארצען און פאַר יעדער קליינינקייט שטראָפט ער.

ווענען דעם טויט טראכט שוין דאמאלס בערעל וויינינגער. אביסעל ווערט ער מיט'ן גערעאנק געוועהנט, און אביסעל פער־שפיעלט ער זיך מיט חדר־איגגלעך: געהט זומער אין וואלד, ווינטער אויפ'ן גליטש און זעהט געניסען פון דעם קורצען לע־בען ווי פיעל עס לאזט זיך און פערגעסט ביסלעכווייז אז אדם מיט חוה'ן, אז עץ הדעת און עץ החיים.

איצטער הייסט ער שוין ר' בער, א איד א פופציגער, האט שוין אויסגעגעבען קידער, לעבט רוהיג פון א קראם, וועלכע עס פיהרט זיין ווייב. ער אליין זיצט איבער זיינע ספרים און לערנט, גריבעלט און זוכט...

און וואס מעהר ער לערנט, גריבעלט און זוכט, אלץ מעהר ספיקות, אלץ מעהר קשיות, אלץ מעהר מחשבות ערוועקען זיך אין איהם; דער עיקר אבער לאזט איהם ניט אב די מחשבה פון טויט. ער דערמאנט זיך, אז, דאכט זיך, גאר ניט לאנג איז ער א קליין אינגעלע געווען, געלערנט די מעשה מיט אדם וחוה און אט איז ער שוין יעצט 50 יאהר. אז ער זאל שוין אויסלע־בען די יאהרען ווי אין פסוק שטעהט: אם בגבורה שמינים שנה, העכסטענס אכציג יאהר, איז איהם אויך סך הכל געבליע־בען א 30 יעהרעלעך. אלץ וויינינגער ווי ביז אהער געלעבט, און נאך שנעלער וועלען זיי פערשווינדען...

ער בערוהיגט זיך אפילו אמאל, אז דאס אייביגע לעבען הייבט זיך ערשט אן אויף יענער וועלט; ס'איז אודאי א גרויסע נחמה. נאר וואו נעהמט מען דעם אמת'ען ריינעם גלויבען דער־רין? ווארום נאך אלע זאכען, נאך זיין גאנצער פרומקייט און תמימות גלויבט ער דאך מעהר אויס מורא, ווי אויס גלויבען. בפרט זייט ער האט אריינגעקוקט אין א פאר פרייע העברעאי־שע ספרים, וואס האבען איהם אזוי צורודערט די מחשבות, איז דער גלויבען אזוי ניט עכט, אזוי געגארט, אזוי וואקעלדיג...

ער ראטעוועט זיך מיט ספרים, מיט'ן פעדאג, מיט'ן תורת אל מות, מיט א ספר פון א גלח פון חסידי אומות העולם, וועל־

כען ער האָט אויסגעשריבען אזש פון ווארשע, וואָס ווייזט אויף, אז ס׳איז יאָ דאָ א יענע וועלט... די אַלע ספרים שטעהען אָבער ניט צו צו זיין נשמה, זיי בערוהיגען זי ניט. די נשמה צאַפּעלט אַלץ און פלאַטערט, ווי א פייגעלע אין א גרויסען פראָסט... נאָך אַלע ספרים און נאָך אַלע הבטחות, וויל דער שווארצער בעגלייטער — דער געדאנק פון טויט — ניט אבטרעטען פון איהם אויף א שריט און די פּראזע: בער, דו וועסט שטאַרבען! קלינגט איהם אין די אויערען ווי א שווארץ גלעקעל פון ערגעץ א ווייטען פערשאָלטענעם לאַנד...

— אמאָל — דערמאָנט ער זיך — האָט ער געלעזען א מעשה׳לע — אויף עברי־טייטש, ס׳איז אבער געווען זעהר א שעהן מעשה׳לע, געקויפט האָט ער עס פאר דער ווייב. זי זיצט א גאנצען טאָג אין קראָם, זאָל זי האָבען וואָס צו לעזען. א אַנדערע האָט דאָך אויך א חשק אין עפּעס ארייננצוקוקען. דאָס דאָזיגע מעשה׳לע האָט ער נאָכדעם אַליין דורכגעלעזען. ס׳איז געווען שוין זעהר לאַנג, דאָך געדענקט ער, אז דארט האָט זיך עפּעס דערצעהלט, ווי אזוי איינער האָט זיך געלאָזען ערגעץ זוייט, ווייט צו א קוואַל, וואָס אז מען טרינקט פון איהם לעבט מען אייביג... ער דערמאָנט זיך יעצט אָן דעם מעשה׳לע און קען ניט געדענקען דעם סוף — האָט יענער געפונען דעם קוואַל צי ניט. עס איז נאַרישקייט — אויב יענער האָט אפילו געפונען, גלויבט ער אויך ניט אין קוואַל. ס׳איז אבער ציקאַווע צו וויסען צי האָט ער געפונען. דאָס מעשה׳לע אַליין איז גלאַט זעהר א שעהנס געווען... שוין עטליכע וואָכען, אז בער זוכט דאָס מעשה־לע צווישען זיינע דיקע ספרים און קען זי ניט געפינען.

— ווייסטו ניט, ביילע, וואו קען זיך ערגיץ וואַלגערען א מעשה׳לע אויף עברי־טייטש? — האָט ער זיך שוין אבגעשעהמט און האָט א שבת בייטאָג א פרעג געטהאָן מיט א מאָדנעם טרויעריגען קול וועגען דעם זיין ווייב.

דאָס ווייב האָט איהם מאָדנע אָנגעקוקט, ניט פערשטע־

הענדיג וועלכעס מעשה'לע ער מיינט.

— איך ווייס ניט וועלכע מיינסטו.

— אָט דאָס מעשה'לע, ווי אזוי איינער א מענש האָט זיך אמאָל געלאָזען זוכען א קוואַל, וואָס אז מען טרינקט פון איהם לעבט מען אייביג.

— אהאַ! איך דערמאָן מיך! — האָט ביילע געענטפערט און איהר פּנים האָט זיך ווי מיט שטראַהלען בעשאָטען — יאָ, יאָ, איך דערמאָן מיך, ס'איז געווען טאקי א שעהן מעשה'לע. איך האָב עס דריי מאָל געלייענט...

— נו, נו, ווייסטו אפשר וואו ליעגט עס ערגעץ? — האָט זיך בער אָנגעכאַפּט מיט א בעהאַלטענער שמחה.

— ווער ווייס? — האָט ביילע געענטפערט — אודאי לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ.

—א שאָד! א שאָד! — האָט בער באמת בעדויערט.—איך דאַרף דאָס גראָד איצט האָבען.. און נאָך א קליינער פויזע האָט ער זיך געווענדעט:

— געדענקסטו ניט, האָט יענער געפונען דעם קוואַל?

— אוי, דאָס האָב איך שוין פערגעסען — האָט ביילע ווי פערשולדיגט געענטפערט.—דער קאָפּ איז אזוי פערדרעהט.

—א שאָד, וואָס די מעשה'לע איז פערפאַלען געוואָרען— האָט בער ווידער בעדויערט און האָט זיך ווידער גענומען זוכען צווישען די דיקע ספרים דאָס קליין ביכעלע פון קוואַל פון אייביגען לעבען, מורמלענדיג דערביי:

— אפשר וועל איך פאָרט געפינען...

ער האָט אָבער ניט געפונען און ער האָט עס אויסגעלעגט ניט צום גוטען...

מיניאַטורען.

געבליבען אליין.

1.

זיצענדיג אויף א באנק אין זאקסישען גארטען, האב איך פאר לאנגוויילע ארויסגענומען פון מיין קעשענע די לעצטע נומער פון א אידישען בלאט און האב אריינגעקוקט אין איהם.

אויף דער זעלבער באנק, אביסעל אבגערוקט פון מיר, איז געזעסען א אידישע רייכע דאמע פון א יאהר 40 מיט א קליינ־מיידעל, א טאכטערל, פון א יאהר 11—12.

אז איך פלעג מינוטענווייז אבווענדען מיינע אויגען פון בלאט און ניט ווילענדיג א קוק טהאן אויף מיינע צוויי חשוב'־דיגע שכנים, פלעג איך זעהען, ווי דאס קליינע מיידעלע שטעלט אויס איהרע גרויסע אויגען און קוקט דא אויף מיר, דא אויפ'ן בלאט.

נאך איהרע בליקען איז מיר געווען לייכט צו דערקענען, אז דאס בלאט איז איהר פרעמד, זי האט אזעלכע ווילדע אותיות קיינמאל ניט געזעהן... יעדער בליק איהרער האט קינ־דעריש פערוואונדערט געפרעגט: וואס איז דאס אזוינס? עפעס ניט קיין רוסיש, ניט קיין פויליש און ניט קיין דייטש?...

און באלד האב איך דערהערט איהר דייטליכע פראגע אין ריין פויליש.

— מאמעניא, צא טען פאן טשיטא?

איך האב א קוק געטהאן אויף די מוטער, אויף די רייכע דאמע און האב דערזעהן, ווי איהר ווייס געזיכט איז דונקעלער געווארען און איהר לאנגער נאז האט זיך פערקרימט אין א זייט; און גלייך נאך דעם האב איך דערהערט א קורצען ברוגז'־דיגען ענטפער:

— נייץ!

דאָס מיידעלע איז אַבער, ווי אַ רייך, געפּעסטעט קינד, איינגעשפּאַרט געוועזן און האָט דורכאויס געפּאָדערט, אַז די מאַמע זאָל איהר זאָגען, וואָס איך לעז אַזוינס.

נאָר די מוטער האָט מיט כעס געשאַרט דעם זאַמד מיט איהר זיידענעם שירם, זיך געבייזערט און ניט געזאָגט, אַזוי ווי זי וואָלט מורא האָבען, מיט'ן אויסזאָגען איהר מויל אומריין מאַכען.

דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט. עפּעס אַן אַלטע וואונד האָט זיך אין מיר אָבגעריסען און האָט שרעקליך וועה געטהאָן, געגאַגט און געצופּט... און פּלוצים, איך ווייס ניט ווי אַזוי, האָט זיך ביי מיר ווי מיט גוואַלט ארויסגעריסען אַן ענטפער:

— טאַ יעסט זשידאָווסקאַ גאַזעטאַ!...

און איידער איך האָב צייט געהאַט זיך אומצוקוקען, וואָס פאַר איין איינדרוק מיין ענטפער האָט געמאַכט, איז שוין די דאַמע מיט'ן מיידעלע פערשוואונדען געוואָרען אין אַ צווייטער אַלעע...

איך בין געבליעבען אליין...

ווארשוי 1900.

2.

ניט קיין איד.

איך געה אין גאַס. ניט ווייט פון מיר געהען צוויי אידישע אינגלעך אין לאַנגע קאַפּאָטקעלעך און שמועסען פרעהליך.

און אָט זעה איך, ווי איינער פון זיי הויבט אויף דאָס הענטעל און ווייזט אָן מיט אַ פינגער אויפ'ן אַלטען פּאָליציס־

טען, וואָס שטעהט אין מיטען נאָס און גיט אכטונג אויף די
ארדענונג.

— דאָס איז אַ אידישער סטאַיקאָווע! — הער איך ווי ער
זאָגט מיט קינדערשען שטאָלץ, און זיינע שווארצע אייגעלעך
גלאַנצען פאַר פרייד.

דאָס צווייטע אינגעלע קוקט אַז זיין חבר ווילד, קען ניט
גלויבען און לאַכט:

— חע—חע—חע! אַ אידישער סטאַיקאָווע!... משוגע־
נער יאַסקע! אַ איד טאָר ניט זיין קיין סטאַיקאָווע...

דאָס ערשטע אינגעלע, דער משוגענער יאַסקע, האַלט זיך
אָבער ביי זיינס און שווערט מיט אַלע כחות:

— אוי, זאָל יאָך אַזוי געזונד זיין! ער דאַווענט אפילו
אַלע שבת ביי אונז אין קלייזעל, ער שאָקעלט זיך אַזוי!...

— ס'אַ ליגען! שפּאַרט זיך דאָס צווייטע אינגעלע, אָבער
שוין אביסעל שוואַכער: דעם חבר'ס הייסע שבועה, און דער
פאַקט, אַז ער זעהט איהם אַלע שבת אין קלייזעל, האָבען גע־
ווירקט אויף איהם.

און דאָס ערשטע אינגעלע בעשטעטיגט נאָך שטאַרקער
זיינע ווערטער דערמיט, וואָס דער אַלטער סטאַיקאָווע טראָגט
אַ באָרד:

— זעהסט סאָרנע לאַנגע באָרד!

דאָס ווירקט שוין אין גאַנצען און דאָס צווייטע אינגעלע
שרייט אויס פרעהליך:

— אוי, טאַקע, טאַקע! אַי ווער אַ איד אַ פּאָליציימאַן!
איך וועל עס פערצעהלען אַלע אינגלעך אין חדר!

אויפ'ן טראַטואַר געהט דערווייל דורך אַ אידישער טרע־
גער מיט אַ גרויסען קאַסטען אויפ'ן פּלייצע. דער פּאָליציסט
שרייט פון ווייטען:

— אראָב פון טראַטואַר!

דער איד הערט ניט.

און דער פּאָליציסט לויפט צו צום טרעגער מיט אימפּעט, פיהרט איהם אראָב פון טראָטואר און בעגלייט איהם מיט זיד־לערייע און סטראַשעט איהם מיט'ן צערקיל.

— גיט קיין איד! גיט קיין איד! — צווינגט זיך אומע־טעג דאָס צווייטע אינגעלע — ער טרייבט א אידען!... ניט קיין איד, איך האָב געזאָגט...

דאָס ערשטע אינגעלע קוקט טרויריג אויפ'ן פּאָליציסטען און קען גאָר נישט ענטפערען...

וואַרשוי 1900.

3.

אין א אידיש געוועלב.

איך געה אריין אין א אידיש געוועלב און בעט איין אכ־טעלע טהעע, אמת'ע פּאָפּאָוו'ס.

— ווי דען, ווי דען? — ענטפערט מיר א איד אין א לאַנ־גער קאַפּאָטע — אודאי אמת'ע! ביי מיר איז גאָר קיין פאלשע גיטאָ, איך האלט עס ניט!

ער דערלאַנגט מיר איין אכטעלע טהעע, איך בעטראַכט עס פון אלע זייטען מיט ספיקות און פרעג איבער נאָך אמאָל:

— עס איז געוויס אמת'ע פּאָפּאָוו'ס?

— א מאָדנער מענש! — ווערט דער איד, ווי אין כעס — אז מען זאָגט אייך געוויס, איז געוויס! איך וועל אייך דען אב־נאַרען? איך האָב נאָך קיינמאָל א אידען ניט אָבגענאַרט.

— נו, אז א איד זאָגט, דאַרף מען איהם גלויבען, — ענט־פער איך מיט שטאַרקער אמונה אין א אידענס עהרליכקייט — א אידען גלויב איך שטענדיג.

אויפ'ן אידענס פּנים בעווייזט זיך עפּעס א מאָדנער שמייכעל, ער גיט זיך א קראַץ אין קאָפּ און זאָגט ארויס:

— מילא, וואס זאל מען טהאן מיט אייך? אז איהר גלויבט אזוי אין א אידען, דארף מען אייך טאקע ניט אבנארען... ווייזט אהער דאס אכטעלע טהעע און נאכט אייך טאקע אמת'ע פאַ־פאוו'ס...

4.

דער פאלשער טאָן.

די נאכט־קאפע, איין איינער פון די רוישענדע גאסען פון שטאדט איז פול מיט געסט. עס איז צוויי דער זייגער ביי נאכט, נאר ווענען שלאפען קלערט דא קיינער ניט. דא שפיעלט די נא־טור זעהר א קליינע ראלע, מיט איהר קעמפען דער וויין, דער שווארצער קאווע און די מוזיק.

אין קאפע הויז איז רוישענד און פרעהליך.

ארום מארמארנע טישלעך זיצען געסט: פרויען מיט מע־נער. די פרויען אין גרויסע היט מיט פיעל פעדערן און בלו־מען — פאלשע, געקינסטעלטע. די געזיכטער זיינען, לויט גע־שמאק — ביי מאנכע ווייס, ביי מאנכע רויט, אבער די ביידע פארבען זיינען פאלשע, געקינסטעלטע... די מענער, וואס זיצען נעבען די פרויען, זיינען, האטש האלב אדער גאנץ פער'שכור'ט, העפליך, נאר די העפליכקייט איז פאלש און געקינסטעלט. זיי רעדען פון ליעבע, בשעת זיי טראכטען פון דעם געמיינסטען פערגניגען.

און די פרויען לאכען פרעהליך און העל און קלינגענדיג. נאר דאס לאכען איז א פאלשעס, א געמאכטעס, אינווענינ אין הארץ טאטשעט זיי אפעס א געדאנק, אז דער סוף זייערער איז פערפוילונג, הקדש און טויט...

און דער וויין, וואס מען טרינקט דא, איז פאלש, און דער שאמפאניער איז פאלש, און מאנכע מטבעות, וואס מען רוקט

אריין דעם קעלנער אין טומעל, זיינען אויך פאליש און פאליש...

קיינער ווייס דאס אבער ניט. ווער האט צייט צו בעטראכ־טען? די נאכט איז אזוי קורץ און די תאוות זיינען אזוי פיעל און אזוי גרויס.

אויפ׳ן עסטראדע, ניט ווייט פון בופעט, וואו עס זיצט א פערפודערטע קאסירערין, שפיעלט דער ארקעסטער. די מוזיקאנ־טען זיינען האלב בשרויישט. די גוטע געסט פערגעסען זיי ניט, און מען איז זיי מכבד פון צייט צו צייט מיט משקה. דער דירי־זשאר אבער איז ניכטער און אנגעשטרענגט. טריי, איבערגעגע־בען, מאכט ער אום מיט זיין שטעקעלע, איינהערענדיג זיך אין יעדען טאן.

פלוצים שפרינגט ער אויף, ווי יעמאנד וואלט איהם געבי־סען:

— בע—מאל! פאלש!

און אבשפיעלענדיג דאס שטיק, ווענדט ער זיך צום מוזי־קאנט, וואס האט זיך טועה געווען, און מוסר׳ט איהם און מוסר׳ט איהם...

און דער מוזיקאנט פיהלט זיך אזוי שולדיג, אזוי שולדיג, און לאזט אראב די אויגען....

דער איינציגער אין דעם נאכט־קאפע...

5.

רחמנות.

איך האב אמאל מיט מיינעם א חבר דיספוטירט וועגען רחמנות. דער חבר האט מיר געוואלט אויפווייזען, אז רחמנות שטאמט אויך פון עגאאיזם, און אט וואס ער האט מיר דער־צעהלט:

„איך בין געגאנגען אין דער ארימער רווישענדער גאס,

וואס וואלט געקענט דערמאהנען אן א מוראוויניק אין וואלד, ווען די מענשען וואלטען ניט אזוי אומריין און די גאס וואלט ניט אזוי שמוציג געווען. די גאס האט ניט פארגעשטעלט א בילד פון לעבעדיגע ברואים, וואס ראנגלען זיך, אום צו לעבען, צו געניסען, נאר א געטימעל פון עפעס בעשעפענישען, וואס לויפען אום דערשלאגענע און צוטומעלטע, ווי פון א ידיעה, אז זיי דארפען אלע באלד אויסשטארבען, און זיי זוכען מיטלען, ווי אזוי אויסצומיידען דעם טויט, פאר וועלכען זיי האבען אזוי מורא. דאס זעהט זיך ארויס דייטליך פון די דערשראקענע אויגען זייערע, פון די בלייכע פנים'ער. —

אין דער צייט האב איך בעמערקט, ווי איך געה נאך, פונקט ווי איך וואלט איהם בעגלייט, א אינגעלע פון א יאהר 14—15, אין א צעריסענער לאנגער קאפאטע, מיט צעריסענע שטיוועלעך, וואס האבען ערוועקט א וואונדער, ווי אזוי פאלען די קליינע פיס ניט ארויס פון אזוינע גרויסע לעכער. אויפ'ן קאפ האט ער געטראגען א גרויסען קארב מיט זעמעל, קענטיג א בעקער. ער איז געגאנגען געשווינד, פונקט ווי די זעמעל האט ער טאקע געטראגען פאר אזוינע, וואס האבען ניט וואס צו עסען און קוקען נאר אויף איהם ארויס.

קוקענדיג אויף איהם האט זיך מיר געדאכט, אז דאס ארים אינגעלע אין זיין צעריסענע קאפאטע און שטיוועלעך ווינטער צייט, מיט דעם גרויסען קארב אויפ'ן קאפ, האלטענדיג איהם אין דער הויך מיט דיביידע דארע הענטלעך, אז אט דאס אינגעלע דארף זעהר אונגליקליך זיין. עס האט עפעס זיך ערוועקט אין מיר א געפיהל, וואס האט מיך געטריעבען צום אינגעלע אונטער געהן און טרייסטען איהם.

— א רחמנות, אזא אונגליקליך בעשעפעניש. וואס האט עס נעבעך אין לעבען? ניט עס ווען א לאך, א זונג, א שפרונג? פערוואגעלטע! האב איך געטראכט, און האב שוין געוואלט אבשטעלען איהם, עפעס א פרעג טהאן איהם, טרייסטען איהם.

זאָל ער ניט מיינען אז ער איז אזוי אונגליקליך... ביי א'הם וועט דאָך א ווארם ווארט אזוי אַנגעלעגט זיין, פון וועמען הערט ער עס? פון זיין בעל־הבית אודאי ניט. און אויסער דעם בעל־הבית — וועמען האָט ער אויף דער וועלט! און איך האָב שוין געוואָלט צוגעהן צו איהם און אַנהויבען מיין „גוטסקייט" בע־ווייזען. נאָר מיין גוטען ווילען האָט אין מיטען א'בערגעריסען עפּעס א פרעהליך געזאַנג, וואָס האָט פערהילכט דעם גאַצען טראָטואַר און אַנגעפילט די דיקע לופט מיט יונגע פרעהליכע טענער.

ווער זינגט עס אזוי שעהן, אזוי פרעהליך?... עפּעס גלויבט זיך מיר ניט, דאַכט זיך דאָס אינגעלע מיט'ן קאָרב — עס קען ניט זיין. ער איז משוגע געוואָרען, וואָס? נאָר געזונגען האָט עס טאַקע דאָס אינגעלע מיט דער צעריסענע קאַפּאָטע, מיט די צע־ריסענע שטיוועלעך אין ווינטער, מיט דעם גרויסען קאָרב זעמעל אויפ'ן קאָפּ. ער האָט געזונגען פרעהליך און לוסטיג, אזוי, אז רחמנות האָבען אויף איהם איז גאָר ניט געווען צום אָרט און צו דער צייט. איך בין געבליעבען מיט מיין „רחמנות" ווי אין דער לופטען, ניט וויסענדיג וואו אהין צו טהאָן עס; איך האָב זיך געפיהלט ווי א סוחר, וואָס האָט גערעכענט אויסברענגען א גוט שטיקעל סחורה און האָט ניט געפונען קיין בעלנים..."

— און דו וועסט גלויבען, האָט מיין חבר געענדיגט מיט א טרוקענעם שמייכעלע, עס האָט מיר די מעשה פערדראָסען. ס'טייטש? **איך** האָב אויף דיר רחמנות, **איך** בין אזא גוטער און **דו** זינגסט!...

6.

הנאה געהאַט.

חיים בער איז א איד א נגיד, געהט אַנגעטהאָן ווי א נגיד, און אָרימע לייט, וואָס שטעהען אויף די גאַסען, שטעלען

איהם שטענדיג אָב, יעדער אויף זיין נוסח.

חיים בער קען זיי שוין אלע מיט זייערע מומים, מיט זייערע מינעס, מיט זייערע קללות. ער האָט זיי פיינד, ווי דעם טוידט, זיי עקלען איהם אלע, אלע. אפילו דער איד, וואָס האָט קיין ברעקעל פוס ניט, וואָס שארט זיך נאָר אויף די זייטען; אפילו דער איד מיט דער ווילד־אויסגעדרעהטער האנד; אפילו דער בלינדער, וואָס בעט די נדבה ווי אַן אויטאָמאַט, אפילו דאָס קליינע אינגעלע, וואָס שרייט אין פלוג אזוי קליגענדיג שעהן:

— ר' איד, א געזונד אין אייך, שענקט א קאָפּיקע — איך וויל עסען...

אלע, אלע עקלען איהם.

אמאָל גיט ער זיי אפילו א קאָפּיקע, אמאָל א פּיערער (רעשט נעמען פון זיי איבעלט ער זיך), אבער גיט פון רחמנות וועגען, ניט ווייל עס האָט איהם געריהרט. נאָר אזוי — אָפּטשע־פּען זיך, אפשר וועלען זיי דעם אנדער מאָל ניט בעטען. און געבען די נדבה, גיעט ער פּאַרזיכטיג, זיין האנד זאָל זיך ניט אַנריהרען אַן דעם בעטלער, און צוליעב דער דאָזיגער פּאַרזיכ־טיגקייט, פאלט דאָס רוב די מטבע אראָב אויף דר'ערד און דער בעטלער זוכט זי, ווער וויים, וואו ער געפינט זי, — אמאָל אין רינשטאָק.

נאָר חיים בער איז דאמאָלס שוין ווייט, און ער מורמעלט:

— געהט צום טייוועל!

און נאָך יעדער נדבה געבען פיהלט ער זיך, ווי ער האָט א מיאוס'ע זאך אָבגעטהאָן און שפּייט אוים.

נאָר מעהר פון אלע אָרימע לייט האָט ער פיינד די אידע־נע, וואָס שטעהט ביי דער רייכער רעסטאָראַציע. אין פלוג א שעהנע אידענע פון א יאָהר פונפציג, נעהט געקליידעט ניש־קשה'דיג, כמעט בעלי־בתיש, אין נאָך גאָר ניט קיין שלעבטער

פּאַטשיילע. בעט א נדבה, דאכט זיך, גאַר בנעימות׳דיג, מיט א ניגון׳דעל, מיט א צובראָכענקייט:

— שענקט, ר׳ איד, א נדבה, האָט רחמנות...

און אָט דער אידענע — ער ווייסט ניט פאַר וואָס — האָט ער בעזונדערס פיינד, און אנשטאָט צו געבען איהר ווען א נדבה, ענטפערט ער איהר שטענדיג מיט א מאָדנעם האַס:

— געהט, געהט! לאָזט צו רוה...

דער דאָזיגער אידענע האָט ער קיינמאָל קיין נדבה נעגע־בען... וואָס האָט ער צו איהר? איין גאָט ווייס!...

און די דאָזיגע אידענע, צי זי דערקענט איהם, צי זי מאכט זיך ניט דערקענען, בעט שטענדיג, ווען זי זעהט איהם דורכגעהן:

— שענקט, ר׳ איד, א נדבה, האָט רחמנות!...

נאָר ער גיעט איהר קיינמאָל ניט... קיינמאָל ניט!..

איינמאָל איז געווען א גרויסער פראָסט, חיים בער, אָנגע־טהאָן אין דעם גרויסען ווארעמען פוטער, איז געגאַנגען אין גאַס, די אָרימע לייט, וואָס זיינען צוליעב דעם פראָסט ווענינער געווען, האָט ער ניט בעמערקט, צי אפשר האָבען זיי איהם פאַר קעלט ניט בעמערקט. געגאַנגען איז ער גיך, ניט ווי זיין שטייגער, און צוקומענדיג צו דער רעסטאָראַציע, וואו די אידענע איז געשטאַנען, האָט ער דעם טריט נאָך פערגרעסערט.

הינטער זיך האָט ער דערהערט א זיפץ און נאָכדעם עפּעס ווערטער און נאָכדעם ווידער א זיפץ. ער האָט זיך אינסטינקטיוו אומגעקוקט און האָט דערזעהן נעבען זיך די אידענע, זי איז איהם נאָכגעלאָפען און געשריען:

— גזלנים! שענקט א נדבה.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט.

קעגען איהם איז געשטאַנען די אידענע און האָט געיאָמערט הויך און די טרערען האָבען געפרוירען אונטער די אויגען.

— שאַ, וואָס וויינט איהר?... וויינט ניט — האָט חיים בער ווי אין כעס גע׳מוסר׳ט.

און ער האָט זיך גענומען גראַבלען אין טאַש. אַבקנעפּלענ־דיג דעם פוטער און סורדוט...

ער האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ זילבערנע מטבע און האָט איהר אַריינגעלעגט גלייך אין האַנד, און נאָך אַמאָל גע־זאָגט:

— ווייִנט ניט, ווייִנט ניט!

און האָט עפּעס געוואָרט.

נאָר די אידענע, ניט נתפּעל ווערענדיג פון דער זילבערנער מטבע, האָט געווייִנט הויך און העכער, און ניט בעקומענדיג קיין ברכה פון איהר, ווי ער איז געוואָהנט פון די איבריגע אָרי־מע־לייט, איז חיים בער אַוועק ווייטער.

גראַבלענדיג זיך אין טאַש אַבגעשפּילעוועטערהייד, איז איהם קאַלט געוואָרען, אויף האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האָט די שפּיץ פינגער פון האַנד אַבגעפּרווירען, נאָר ער איז ניט בייז געוועזן, און עס האָט איהם ניט געעקעלט. דאָס ערשטע מאָל האָט חיים בער געפיהלט נאָך אַ נדבה אַזאַ גוט געפיהל.

— אַ קלייניגקייט, אַזאַ פראַסט! — האָט ער געטראַכט און דאָס ערשטע מאָל האָט חיים בער פון אַ נדבה אַ הנאה גע־האַט...

7.

געשלאָסען אַ געשעפט.

אויף מאָרגען נאָך פּסח.

לייזער שטעהט ביי זיין קליין שטיבעל און קוקט אין דער וועלט אַריין. זיין קוק איז אַ דערשראָקענער, אַ פערצווייפעלטער. די ליעבע זון, וואָס שיט מיט שטראַהלען פון דער פולער האַנד, ווירקט ניט אויף איהם. פערקעהרט, דער שעהנער ליכטיגער טאָג רייצט איהם, לאַכט פון איהם, מאַכט חוזק פון זיין בלאַסען

איינגעשרומפּענעם פּנים, פון זיין קליין בערדיל, וואָס האָט שוין צו פיערציג יאָהר פיעלע ווייסע האָר, און דער היפּש פון זיין סורדוט, וואָס איז כלומר'שט דער יום־טוב'דיגער און האָט סך הכל מיט צוויי לאַטעס און מיט איין ריס וועניגער, ווי דער וואָכענדיגער....

היינט, ווי וואָלט נאָך די זון געלאַכט, ווען זי וואָלט געוואוסט, וואָס ביי איהם „טהוט זיך" אין שטיבעל, אין קעשענע... און אפשר וואָלט זי גאָר קיין האַרץ ניט האָבען דאָן צו לאַכען. זי וואָלט זיך פאַר שרעק אודאי בעהאַלטען, און זי וואָלט דערמיט טאַקי איהם א טובה געטהאָן. זי וואָלט איהם ניט אזוי געשטאָכען מיט איהרע שטראַהלען, זי וואָלט איהם ניט אזוי געוועקט צום לעבען, ווען איהם איז געקומען ממש זיך אויסצוציהען אין גאַס און שטאַרבען.

עס איז אבער גרינג צו ריידען — אויסצוציהען זיך אין גאַס און שטאַרבען. קיין שלעכטע זאַך וואָלט דאָס אפילו ניט געווען — א סוף — און עק, וויפיעל איז דער שיעור צו מוטשען זיך! אבער וואָס טהוט מען מיט'ן ווייב און קינדער! אויסציהען זיך אין גאַס מיט 7 פּאַרשוין, צווישען וועלכע עס געפינען זיך א פּאָר עופעלעך איז עפּעס אביסעל צו שרייענדיג, ווער ווייסט וואָס פאר א רעש עס וואָלט געוואָרען אויפ'ן הימעל פון אזא מעשה, און אפשר אויף דער ערד אויך...

וואָס־זשע טהוט מען אבער פּאַרט? אויף היינט אפילו איז נאָך געבליעבען פון פּסח עטליכע מצות, אביסעל מצה־פאַרפעל און אביסעל בולבע. אין דער פריה נאָך האָט ער געהערט, ווי זיין גרונע האָט זיך גע'חשבונ'ט און בעשלאָסען צו קאָכען א טעפּעל בולבע און פערזופּען מיט מצה פארפיל. שלעכט איז דאָס אפילו ניט, כמעט א יום־טוב'דיגער „וואַרעמס", אבער דאָס איז דאָך נאָר אויף היינט. וואָס וועט ער אבער טהאָן מאָרגען?

די קשה איז א האַרבע, א שווערע און איהר שפּיץ איז מיט נאָדלען אונגעשטעקט און די נאָדלען שטעכען אין האַרץ, אין

קאָפּ און אין אַלע גליעדער. באַלד אָבער ווערט זי נאָך הארבער, נאָך שווערער, נאָך שטעכענדיגער: וואָס וועט ער טהאָן איבער מאָרגען און וואָס וועט ער טהאָן א גאַנצען זומער, דעם לאַנגען גרויסען זומער, אז קיין ארבייט קען ער ניט, קיין קראָם האָט ער ניט און האנדלען איז ניטאָ מיט וואָס און זומער איז ניטאָ וואָס צו האנדלען — טויט!.

און לייזער ווערט ניט אויף גלעכטער אין כעס און ברומט:

— א, ניט געדאכט זאָל ער ווערען, דער זומער!...

און יענקיל-חנן דער מלמד איז אויך ניט אין א בעזונדערע גוטער שטימונג. די ווארימקייט איז אפילו צו זיין הוסט א שטיקעל רפואה, אין א ווארעמען טאָג הוסט זיך לייכטער, און דער עצם הוסט איז א ווייכער, אזש אין דעם הוסטען אליין שטעקט א שטיקעל תענוג, פון דעסטוועגען איז פאָרט ניט גוט, מיט'ן הוסט אליין קען מען ניט לעבען, מען מוז האָבען דערצו א קנעלונג, און זומער בעקומען א קנעלונג איז נאָך שווערער ווי ווינטער צו בעקומען די ליחה.

נאָר יענקיל-חנן איז א איד א בריה. ניט אומזיסט לעבט ער שוין 50 יאָהר אויף דער וועלט און הוסט שוין 35 יאָהר,— און ער לאָזט זיך ארויס אין גאַס זוכען „קינדער".

און זוכענדיג, קומט ער צו צו לייזערן. א גליקליכע אידעע פליהט איהם דורך אין קאָפּ. סטייטש! לייזער האָט דאָך א אינגעל, א חומש'ניק. ער וועט צו איהם צושטעהן, ער זאָל איהם דאָס אינגעל אוועקגעבען. ער מוז איהם אוועקגעבען. פאַר גליק גיעט ער א פאָר מאָל א הוסט און געהט צו גלייך צו זיין קינפּטיגען שפּייזער, צו זיין „בעל הבית", צו לייזער'ן, און נאָכ'ן „גוט מאָרגען" פרעגט ער:

— ווי געפעלט אייך היינטיגער טאָג?

— ניט קיין מאוס'ער טאָג! — ענטפערט לייזער.

— דוקא א שעהנער טאָג! — לויבט יענקעל חנן.

ער ווערט שטיל, גיעט איידעל א הוסט, מאכט גאר אן אנ־דער מינע און שטעהט צו גלייך צו דער זאך.

— וואס הערט זיך מיט אייער „בחור'ל"? האט ער שוין א מלמד?

— האבען האט ער... — ענטפערט לייזער און וויל שטאלץ זיין — גאר איך בין עפעס ניט צופריעדען.

— הייסט עס, האט ער דאך ניט — ווערט יענקיל מלא שמחה.

— אזוי ווי ניט! — איז זיך שוין לייזער האלב מודה.

— היינט וואס־זשע זוארט איהר? — ווערט שוין יענקיל חנן אין גאנצען פרעהליך, די האפנונג צו בעקומען דעם תלמיד איז שוין כמעט ווי ערפילט. און ער הוסט זיך שוין פערנאנדער, ווי געהעריג איז, ווי עס פאסט פאר א מלמד, וואס האט שוין באלד זיין חדר פאר פול.

ער פערגעסט דעם מקח, וויפיעל קינדער האלט ער אין חדר און ווי איז זיין שיטה אין לערנען. יענקיל־חנן ענטפערט אזוי, אז לייזער איז אין גאנצען צופריעדען, און נאך א קורצען ישוב־הדעת זאגט ער ארוים מיט א ברייטקייט:

— מילא, ער וועט געהן צו אייך!

— און איהר וועט זיין צופריעדען! — פערזיכערט יענ־קיל חנן און וויינט שיעור ניט פאר שמחה...

און אז דער מלמד געהט א גליקליכער אוועק, ווערט לייזער אויך רוהיגער און האלב שמייכלענדיג, האלב וויינענדיג ברומט ער ארוים:

— געשלאסען א געשעפט...

8

אלע טאג.

איינגענטליך האט די „פאסט“ אין דעם קליין־שטעדטעלע געקענט זיך בעגעהען גאר אן א בריעפטרעגער, און דאס געלד וואלט בעסער צו ניץ געקומען אויף א גרעסערע שטוב פאר דער קאנטאר. די זאך איז גאר פראסט. די איינוואהער פון שטעד־טעל, וואס האבען געפיהרט א קארעספאנדענץ פלעגען זיך ניט קענען דערווארטען ביז דער בריעף־טרעגער וועט זיי דעם בריעף ברייגגען אין שטוב אריין, און אלע אין דער פריה, ווען די פאסט פלעגט נאר אנקומען, פלעגט שוין דער בריעפטרעגער געפינען אין קאנטאר א פאר מנינים אידען, ווייבער און קינ־דער אפילו, וואס האבען מיט גרוים אונגעדולד געווארט, ביז וואנען ער וועט עפענען דעם זאק, וואו עס ליגען די בריעף.

און חיענע, א יונג ווייבעל מיט א בלאס, דערשראקען פנים, פלעגט קומען נאך מיט א האלבע שעה פריהער, איידער די פאסט פלעגט אנקומען. זי פלעגט מורא האבען, טאמער וועט זי פערשפעטיגען און איהר זאל ניט אויסקומען צו ווארטען ביז צוויי א זייגער ביי טאג, ווען דער בריעפטרעגער, סטעפקע, טראגט ערשט די בריעף פונאנדער.

אויסער דער מורא צו פערשפעטיגען, האט זי גלאט א ווילדען חשק געהאט צו בעקומען דעם בריעף פאר אלעמען אין די אויגען, — זאלען אלע הערען, ווי דער בריעפטרעגער רופט הויך אויס: חיענע עווענציק! — און זאל מען ניט מיינען, אז איהר מאן, חיים, האט שוין טאקי אין אמעריקא א דייטשקע גענומען און האט זי, חיענען, שוין גאר אוועקגעווארפען.

וואס איז? זי האט דאך אמאל שוין בעקומען פון איהם צוויי בריעף, איינעם מיט געלד און דעם צווייטען מיט גוטע ווערטער — נישקשה. עס וועט נאך איהר אנקומען א בריעף, און שונאים וועלען נאך צופוקעט ווערען...

ווי אויף צו להכעיס אבער וויל איהר דער בריעפטרעגער קיין בריעף ניט אבגעבען, און א פערביטערטע, א צוקלעמטע געהט זי אוועק אלע טאג פון פאסט.

— רבונו של עולם! — טראכט זי מיט א פערבלוטיגט הארץ — אזוי פיעל בריעף איז היינט אנגעקומען, אפשר פיער־ציג! — ניט שוין דען איז פאר מיר דארטען קיין בריעף ניט געלעגען?...

און איהר דאכט זיך, אז סטעפקע איז א טריפה'נער ערל, אז ער האט מיט א כיון איהר בריעף, פאהרענדיג, ארויסגע־ווארפען אויפ'ן פעלד. וואס ארט עס איהם? אורזאכען צו חושד זיין איהם זיינען דא גענוג:

אפט, אז זי פרעגט איהם: „יעסט פיסמא"? ענטפערט ער איהר מיט א שמייכעל: „פישעטסיא" — און דאס שמייכע־לע איז חיענען גאר ניט געפעלען. אויסערדעם, וואס דער ארו־מיגער עולם לאכט צופריעדען, און זי ווערט רויט פאר חרפה, ווערט נאך אבער גרעסער איהר שרעק. אז סטעפקע וויל איהר איהרע בריעף ניט אבגעבען.

און דאך געהט זי אלע טאג אויף פאסט און האט נאך די האפנונג ניט פערלארען.

אמת טאקי, ניט גרינג קומט עס איהר אן. יעדעס מאל אריינגעהן אין פאסט האט זי שפיכות דמים. די איבעריגע ווייבער, וואס האבען מאנען אין אמעריקא, קוקען אויף איהר מיט פעראכטונג. אויך מיר איין „אמעריקאנטע"! — ניט געהן אבער קען זי ניט — זי האט קיין כח ניט צו ווארטען ביז צוויי א זייגער. דא אין פאסט האט זי חאטש אן ענטפער: „ניעט" אדער „פישעטסיא", שפעטער ביי טאג, וועט זי דאס אויך ניט הערען, דעם בריעפטרעגער וועט זי אפילו ניט אנזעהן.

אט רופט אויס דער בריעפטרעגער: חאשע דובענציק — חיענען גיט א קלאפ אין הארצען, און עס רייסט זיך ווי אינע־ווייניג עפעס אב — איהר קלינגט אב, אז דאס האט מען אויס־

געּרופען חיענע עווענציק — „יא זריעס"!... הייבט זי אָן צו שרייען, ווי משוגע. דער עולם לאכט, דער בריעפטרעגער שמייכעלט און זאָגט:

— ניע טעביע, גאָלובושקא; טיעביע יעשצע פּישעטסיא...

און דעם בריעף גיט ער אָב ראשע רובענציק — א יונג ווייבעל מיט בליהענדע באקען, וואָס דער מאן שיקט איהר אלע וואָך א בריעף פון אמעריקא, און אלע חודש א 25־ער...

חיענע ווערט אין אזעלכע מינוטען ווי צוטומעלט און קוקט מיט זשעדנע בליקען אויף ראשען, וועלכע עפענט אויף דעם בריעף אויף פּאָסט טאקי און הויבט איהם אָן שוין צו לייענען. חיענע רוקט אריין אין בריעף איהרע אויגען, ווי א הונגעריגער אין א שיסעל געקעכטס, ווען א צווייטער עסט... ראשע רוקט זיך אָב מיט פעראכטונג און פערשטעלט דעם בריעף. חיענע זוכט עפּעס א בעהאלטענע טהיר, וואו זי זאָל קענען ארויס, אז קיינער זאָל זי ניט בעמערקען, און פאר צוטומלונג ווענדט זי זיך צו ראשען און פרעגט מיט הכנעה:

— וואָס שרייבט אייך אייערער?...

ראשע ענטפערט ניט און לייענט ווייטער און חיענעס הארץ בלוטיגט זיך...

און דאָך געהט זי אלע טאָג אויף פּאָסט... אלע טאָג... ענדליך וועט זי איהר בריעף בעקומען... זי שרייבט זיך...

9.

דער מאָלער.

ער איז פּארבייגעגאנגען א גרויס־אלט־הויז אין א לאנגער, ארימער, רווישענדער גאַס. ביי א טהיר פון א וואָהנונג אין דער נידער איז געשטאַנען א יונגע, ארימע פרוי מיט א קינד אויף די הענד, און ביידע, די מוטער מיט דעם קינד, האָבען געקוקט

ערגיץ ווייט, ווייט, איבער די הויכע הייזער, איבער די קוימענס פון פאבריקען, איבער דעם געדיכטען שווארצען רויך, וואס האט פון די קוימענס זיך געטראגען...

און אין ביידענס בליקען האט זיך אויסגערוקט א שטום געבעט: גוואלד, נעהם אונז צו אהין, אהין, דא איז אונזער שווער, מיר ווערען דא דערשטיקט אהן לופט, אהן ליכט...

און אין די בליקען איז אזוי פיעל טרויער געלעגען, אזוי פיעל צער און בענקען, אז דעם מאלער'ס הארץ האט זיך אנגע־גאסען מיט ימים ווייכע געפיהלען.

— דאס איז דער עלענד אליין! — האט ער אין געדאנק גערעדט — ווי שעהן און ערהאבען, ווי ריהרענד דאס בילד איז!... גאט מיינער...

ער איז בעגייסטערט געווארען. ער האט נאך אמאל אויפ'ן לעבענדיגען בילד א בליק געטהאן און האט די זעלבע בליקען בעמערקט, דעם זעלבען טרויער, דאס זעלבע בעטען זיך: אהין, אהין! און ווי געטריבען פון א געהיימע קראפט, איז ער אהיים אוועקגעלאפען.

— איך וועל בעשאפען אזא בילד! — האט ער הויך אויס־געשריען, אריינקומענדיג אין זיין ארבייט־צימער.

און דריי טעג איז ער ווי צום לייוואנט צוגעשמידט גע־ווען, דריי טעג האט ער ניט געגעסען, ניט געטרונקען, קיינעם ניט געזעהען, ער האט געוואלט בעשאפען פונקט אזא בילד, ווי ער האט אין דער ארימער רוישענדער גאס געזעהען.

און עס איז איהם געלונגען!

אז עס איז פערטיג געווארען, האט ער דערויף געקוקט מיט אינוועניגסטער שמחה, ער איז גליקליך געווען, זיינע אויגען האבען געשטראהלט, ער האט, דאכט זיך, ניט קיין בילד, נאר דאס גליק פאר זיך בעשאפען.

ער האט דאס בילד „עלענד" א נאמען געגעבען און האט עס אויף אן אויסשטעלונג אוועקגעשיקט.

די קריטיקער האָבען דאָס בילד בעמערקט, מען האָט עס בעוואונדערט, דאָס פובליקום האָט זיך ענטציקט. א מבין און א ליבהאָבער האָט עס פאַר א סך געלד אָבגעקויפט.

— איהר זענט אונשטערבליך! — האָט איהם אויף מאָרגען א בעריהמטער קריטיקער געזאָגט — אייער בילד וועט אייביג לעבען!

און דער מאַלער איז ווי בעטרונקען פאַר גליק געווען: ער האָט אן אייביגעס בילד בעשאַפען...

אז ער האָט זיך אָבער פון ערשטען גליק אביסעל אויסגעניכטערט, האָט איהם א גיפטיגער געדאַנק אַנגעהויבען צו גאַסט צו קומען.

— וואו איז די אָרימע פרוי מיט'ן קינד?

שפּעטער אביסעל איז דער געדאַנק נאָך גיפטיגער געוואָרען:

— דאָס בילד אויפ'ן לייןוואַנט איז אונשטערבליך — וואו איז אָבער דאָס לעבענדיגע בילד דאָרט אין דער אָרימער גאַס...

און דער געדאַנק איז אַלץ גיפטיגער און גיפטיגער געוואָרען, ער האָט איהם רוהען ניט געלאָזט, ער האָט איהם שאַפען ניט געלאָזט...

און איינמאָל האָט איהם א ציה געטהאָן אהין אין יענער גאַס זעהען די אָרימע פרוי.

נאָר — אוי־וועה! די אָרימע פרוי, וואָס האָט אזוי שעהן געקוקט אין דער ווייט, מיט איהר אָרים, קליין קינד, איז שוין מעהר דאָרטען ניט געווען.

— וואו איז זי? וואו איז זי? — האָט ער פערצווייפעלט נאָכגעפרעגט וועגען איהר.

ווער ווייסט? — האָט מען איהם קאַלט געענטפערט.

— חאַ־חאַ־חאַ! — האָט ער קומענדיג אהיים זיך ווילד פערנאַנדערגעלאַכט — דאָס טויטע בילד אויפ'ן לייוואַנט וועט אייביג לעבען און זי אליין, מיט'ן האַרץ, מיט געפיהלען איז

פערשוואונדען געווארען, קיינער ווייסט פון איהר געביין אפילו ניט, קייענר וועט אפילו איהר נאמען ניט וויסען... חא־חא־חא !..

10.

דער סטאטיסטיק.

דער הער ציפרין, א מענש אין די מיטעלע יאהרען, מיט א נאז, וואס זעהט אויס, ווי א 1, מיט אויגען, וואס זעהען אויס ווי צוויי נולען, בעשעפטיגט זיך ספעציעל מיט סטאטיסטיק.

ער קוקט אויף דער וועלט נאר פון סטאטיסטישען שטאנד־פונקט. מענשען אז און פאר זיך עקזיסטירען ניט פאר איהם. זיי דיענען איהם נאר אלס מאטעריאל פאר סטאטיסטיק. אפילו פרויען, דער שעהנער מין פון דער מענשהייט, וואס האבען אזוי ניט ליעב דאס חשבון'ען, — אפילו זיי זיינען פאר איהם אויך גאר געצייג צו זיין סטאטיסטישער קונסט: וויפיעל נקבות ווע־רען געבוירען אויף יעדע הונדערט זכרים, — און אויב די סטא־טיסטיק קומט אויס מיט דריי פרויען ווענינער פרעהט ער זיך זעהר, אמת ניט פון שנאה צו די פרויען, ער קען צו זיי קיין שנאה ניט האבען, ווייל ער קאן זיי גאר ניט, נאר פון דער חכמה אליין, פון חעם קונצשטיק, וואס אין אזא מין סטאטיסטיק שטעקט, און פון די נוצען, וואס די וועלט קאן דערפון האבען... זאנסט בעציהט ער זיך צו זיין מיסיאן אונפארטייאיש : די פרעהליכע חתונה בעטראכט ער און נאטירט אין זיין ביכעל, ווי די טרויריגע לויה; מיט א שטענדיג גלייכער, זעהר אן ערנסטער מינע, פערשרייבט ער : „פארגעקומען 273 חתונות, געשטארבען 962, געבוירען 319“.

„אויף 300 מענשען, וואס שלאפען אין בעטלעך, געפינען זיך 90, וואס בלאנזשען אין די גאסען, נעבטיגען אונטער'ן הי־מעל: פון 2000, וואס זיינען קראנק געווארען אויף טיפוס, זיי־

נען געשטאָרבען 700. פון 12 טויזענד גאַסען־פרויען, זיינען דאָ 8 טויזענד, וואָס בעגעהען די זינד אויס נויט".

מיט איין וואָרט, אַלעס איז ביי איהם אויסגעצעהלט. א זאַך, וואָס האָט ניט קיין בעוואוסטע ציפער, בעאונרוהיגט איהם. איהם דאַכט זיך, אז אויב די צאַהל וועט ניט גענוי אויסגעפאָרשט ווערען, קאָן דערפון די גאַנצע וועלט ליידען. און ער טאָר דאָס ניט דערלאָזען — און ער נעהמט זיך צו צעהלען.

אַט געהט ער אין גאַס. עס וואָלט געווען א יושר צו מאַכען א סטאַטיסטיק, וויפיעל פרויען געהען מיט די מענער, וויפיעל אָהן די מענער... וויפיעל פאַר א טאָג לייזט די אידענע מיט די בילינע נאַשעריי, וואָס זיצט אויפ'ן שפּיץ טראָטואאַר. וויפיעל קאַטוילען, פאַרבייגעהענדיג דעם גרויסען קאַסטיאַל, נעהמען אראָב דאָס היטעל און צלם'ען זיך, און וויפיעל מאַכען זיך ניט זעהענדיג, ווי עס וואָלט געשטאַנען סתם א הויז, וואו קיינער וואָהנט ניט...

דערווייל אבער געהט ער דורך די בריק, וואו עס שטעהט א בעטלער מיט צוויי הילצערנע פיס. דער בעטלער, דערזעהענדיג ה' ציפּרינען און ניט וויסענדיג, אז ער איז א סטאַטיסטיקער, מאַכט א וויינענדיגע מינע און שטרעקט אויס זיין האַנד מיט דעם היטעל.

ציפּרין געהט פאַראיבער, מיט אמאָל לויפט איהם דורך עפּעס אין קאָפּ.

עס האָט איהם בעהערשט גלייך א סטאַטיסטישע אידעע:

ער וועט שטעהן און קוקען, וויפיעל געבען יאָ און וויפיעל געבען ניט קיין נדבה.

ער ווערט סטאַטיסטיש בעגייסטערט, וואָס דאָס דריקט זיך אויס ניט אין א שמייכעל, נאָר פערקעהרט אין זעהר א שטרענגער מינע, ווי עס פּאַסט פאַר אזא וויכטיגע ארבייט, וואָס ער נעהמט איצט פאָר.

עס געהט איינער פאַרביי. דער בעטלער שטעלט אָן זיין

וויינענדיג פנים, שטרעקט אוים די האנד מיט'ן היטעל. עס ווירקט אבער ניט — יענער געהט פארביי, ווי ניט איהם מיינט מען גאר.

— 1 — ניט! צעהלט ציפרין אין געדאנק און נעהמט זיך ווידער נאכצוקוקען.

ער צעהלט אַן ביז 9 — קיינער גיט ניט. ציפרין איז זעהר צופריעדען: ער וועט דערפון מאכען גאנצע קאמבינאציעס...

ענדליך געהט פאראיבער א פרוי; זי שטעקט אריין די האנד אין קליידעל־טאש, נעהמט ארויס פון דארט עפעס א מטבע און ווארפט עס אריין דעם בעטלער אין היטעל.

— פון צעהן גיט איינע! — ציפרין האפט געשווינד ארויס דאס נאטיץ־ביכעל פון טאש און וויל עס פערנאטירען: נאר באלד פאלט איהם איין א מעהר גליקליכע סטאטיסטישע אידעע:

— ווער גיט מעהר: פרויען, צי מענער? — ער בלייבט שטעהן נאך א לענגערע צייט און די סטאטיסטיק קומט ענדליך אוים אזוי:

. פון 100 דורכגעהענדע געבען א נדבה דעם הינקענדיגען בעטלער 7; פון די 7 זיינען 6 פרויען און 1 מאנסביל.

ער פערנאטירט עס און וויל שוין, א גליקליכער, אוועקגעהן. עס איז ווירקליך זעהר א בעלעהרענדע סטאטיסטיק. ער האפט, אז ווען ער וועט זי פערעפענטליכען, קאן ער קונה שם זיין און אפשר נאך בעריהמט ווערען.

פאר גרוים גליק בעשליעסט ער צו געבען דעם בעטלער א נדבה. זאל עס ניט הייסען, אז ער האט עקספלאאטירט, או ס־גענוצט א בעטלער.

ער לאזט זיך געהן צום בעטלער.

פלוצים האלט איהם עפעס אב; ער הויבט אן צו קלערען.

— אמת, איך בין נאר א סטאטיסטיקער, אבער אין רעכענונג וועל איך דאך געהן אלס מענש. אלזא וועט שוין די סטא־

טיסטיק אנדערש אויסקומען. נעמליך: אויף יעדע 101 מענשען גיבען א נדבה דעם בעטלער 8: זעקס נקבות און שוין צ ו ו י י מאנסבילען.

איהם ווערט עס קשה:

— וואס הייסט? איך וואלט דאך איהם אזוי, ווען ניט אלס דאנק פאר דעם נוץ, וואס איך האב פון איהם, קיין נדבה ניט געגעבען, דארף איך דאך אליין א'ן רעכנונג ניט געהן.

— ניין! — חאפט ער זיך צוריק — ווי באלד איך גיב, נישט קוקענדיג וועלכע סבה מיין געבען האט ארויסגערופען, דארף אויך מ י י ן נדבה אריינגעהן אין די סטאטיסטיק ווארום — ערקלערט ער זיך ווייטער — ווען מען זאל נעהמען קוקען אויף אורזאכען אליין, קאן דאך געמאלט זיין, אז די אלע, וואס האבען די נדבות געגעבען, האבען דאס אויך געטהאן צו־ליעב פערשיעדענע סבות. די וויסענשאפט אבער רעכענט זיך ניט מיט אורזאכען, נאר מיט פארטיגע מעשים...

די לעצטע סברה לעגט זיך איהם אויפ'ן שכל, און ער וויל שוין דעם בעטלער געבען א נדבה. ער דערשרעקט זיך אבער:

— אלענפאלס איז נאך ביי מיר ניט קלאר, צי איך דארף אריינגעהן אין דעם חשבון, צי ניט. מיט מיין נדבה קאן איך אויף אזא אופן קאליע מאכען די סטאטיסטיק. איך טאר ניט געבען! — האט ער שוין פעסט בעשלאסען.

און אומזיסט האט דער בעטלער מיט די הילצערנע פיס און דעם ווייטענדיגען פנים געהאלטען אנגעגרייט זיין היטעל: קיין נדבה האט ער ניט בעקומען. ציפרינען האט אפילו פערדראסען, וואס איהם קומט אוים אויסצונוצען א קאליקען בעטלער, דער־פאר אבער, האט ער זיך געטרייסט, וועט די סטאטיסטיק זיין קלאר...

11.

דאס שליחות.

דער ווירטה פון גרויסען מאנופאקטור מאגאזין, רייכמאן, א הויכער דיקער איד, איז געשטאנען ביי דער קאסע און האט מיט גרויסער כונה געצעהלט פאפיערענע געלד; אז ער איז מיט'ן צעהלען פערטיג געווארען, האט ער געווארפען זיינע בליקען איבער'ן מאגאזין, ווי ער וואלט עמיצען געזוכט, און האט עגדליך א געשריי געטהאן:

—יוסף! — עס איז גלייך אונטערגעשפרונגען א יונג־בחור'ל פון א יאהר אכטצעהן־ניינצעהן, האט זיך אוועקגעשטעלט קעגען פרינציפאל און קוקענדיג איהם טיעף אין די אויגען אריין, האט ער ערווארטעט זיין בעפעהל.

— אט דא האסטו פינף הונדערט רובעל; נעם און טראג עס אוועק גרינפעלד'ן; ווייסט וואו?

— איך וויים... גרינפעלד! איך וויים. ראג דלוגא 17, כ'וויים, גרינפעלד... פון קליידער... כ'וויים!...

נאכ'ן ענטפער פון יונגען בחור האט דער הער רייכמאן פערשטאנען, אז ער איז איבערראשט פון אזא שליחות. ער האט שטאלץ געשמייכעלט און געזאגט:

— שוין טראג עס אוועק, נאר ענטלויף דער מיט נישט קיין אמעריקא! א קשיא אויף היינטיגע יונגאטשעס...

— איך וועל אין אמעריקא נישט לויפען, וואס פעהלט מיר ביי אייך?...

אויסרעדענדיג מיט'ן פרינציפאל אזא לאנגע פראזע, וואס איז נישט שייך צום געשעפט, האט זיך יוסף'ן געדאכט נישט דרך־ארץ, און ער האט דאריבער, פערשעמט ווערענדיג, זיך ארויסגערוקט פון מאגאזין.

דאס געלד האט ער אריינגעלעגט אין בוזעם־טאש, די הוי־

זען־טאַשען האָט ער נישט געטרויט אַזאַ פּקדון און אפילו אין דער זיכערער טאַש האָט ער אַלע ווײַלע געררוקט די האַנט זעהן, צי עס ליגט, און עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער קראַצט זיך.

„מען געטרויט מיר פינף הונדערט רובעל“! אַט דאָס איז געווען דער אַקס, אויף וועלכען עס האָבען זיך געדרעהט יוסף'ס געדאַנקען, טראַגענדיג דאָס געלד.

ער האָט אין זיין לעבען „געלד־שמחות“ אַ סך געהאַט, איין שמחה ווען נאָכ'ן דריי־יאָהריגען אומזיסטען טערמין האָט ער אָנגעהויבען צו נעמען געלד — צעהן רובעל אַ מאָנאַט; ווייטער האָט ער אַמאָל געהענדיג צעהן גולדען געפונען; היינטיגען ווינטער, חנוכה האָט ער מיט אַ חברה „האַנדעלס־אַנגעשטעלטע“ אין קאָרטען געשפּיעלט און האָט געוואונען אַכט גולדען, אבער יעצטיגע שמחה, נישט קוקענדיג, וואָס דאָס געלד איז פרעמדס, איז די גרעסטע ביי איהם. ער האָט יעצט דערפיהלט אין זיך אַזאַ קראַפט, וואָס ער האָט קיינמאָל, קיינמאָל נישט געשפּירט און אויף פיעל אָרעמע פערביינגעהענדע האָט ער געקוקט, ווי אויף קליינע ווערים: „אויך מיר נפשות! פינף הונדערט רובעל!“...

„איצטער קען איך ערשט אָנהייבען וואַקסען“! האָט זיך צווישען זיינע געדאַנקען אַ נייער אַריין געדרעהט — איך בין שוין אַ מענש ווער ווייס? אפשר וויל „ער“ מיר מאַכען פאַר'ן עלטסטען אַנגעשטעלטען“!...

ער וועט דאָס, קומענדיג ביי נאַכט פון געשעפט, דערצעהלען זיין חבר חיים'ן — זאָל ער וויסען! ער בעטראַכט זיך אבער, אַז חיים וועט איהם נישט גלויבען. איהם מאַהלט זיך שוין פאַר די אויגען, ווי חיים שמייכעלט איראָניש און זאָגט: אפשר גאָר אַ מיליאָן וועסטו זאָגען?...

און עס כאַפּט איהם אָן אַ ווילדער פערלאַנג — ש ו י ן אַריין לויפען אויף אַ מינוט צו חיים'ן און ווייזען איהם — זאָל ער זעהן!...

חיים, יוסף׳ס חבר, זיצט שוין צוויי מאנאטען אהן א שטע־לע, זיין ווירטה האט באנקראטירט.

— „חיים“! — גיט יוסף א געשריי, ארייגלויפענדיג אויף זיין ארעמער קווארטיר, א קליין צימעריל ערגעץ, — חיים, ביזט דא?

— וואס איז? — פרעגט חיים מיט א שוואכען, טרויריגען קול — האסט פאר מיר אפשר א שטעלע?

— ניין! — האקט יוסף אב, — איך האב אזוי זיך גע־וואלט דיך זעהן, פרעגען וואס דו מאכסט...

— עט, וואס זאל איך, ברודער, מאכען? נישטא קיין גרא־שען ביי לייב און זעעל, איך וויים גאר נישט וואס וועט זיין דער סוף, כאטש לעג זיך און שטאר!

יוסף קוקט אויף חיים׳ן און קען נישט עפענען דאס מויל צו דערצעהלען איהם דאס פרעהליכע נייעס, און ער בעשליעסט זיך שוין ארויסצוגעהן און נישט בעריהמען זיך, נאר חיים שטעלט איהם אב:

— ברודער לעבען! האסט אפשר א זעקסעריל ביי זיך... אויף פאפיראסען... איך שטארב רויכערן...

— א גראשען נישט... — ענטפערט יוסף — א גראשען נישט!...

— זאגסט נישט קיין ליגען?

— זאל איך דאס, ברודער־לעבען, פערקרענקען, וואס איך האב ביי זיך... — שווערט יוסף מיט הארץ.

און ארויסלויפענדיג פון חיים׳ען איז יוסף אומעטיג גע־ווארען און האט געמורמעלט:

— געה זיי גליקליך, ווען יענער איז אזוי אויף צרות...

12.

דער הייליגער.

א שווערע צייט איז דאמאלס אין דער ארגאניזאציע געווען. מען האט געדארפט איבערפיהרען „ליטערעאטור“ אין די ארומיגע שטעדטלעך און מען האט איינעם נאכ'ן אנדערען ארעסטירט אויף די וואקזאלען. עס האט ניט געהאלפען קיין שום קאנספיראציע, פונקט ווי די מיאוסע זשאנדארען וואלטען אין הימעל א שר געהאט און יענער וואלט אלץ אויסגעזאגט.

נאכדעם ווי מען האט א פינף חברים ארעסטירט, האט די ארטיגע ארגאניזאציע געמאכט א פערזאמלונג צו בעטראכטען אן עצה.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס גאנצע אומגליק בעשטעהט אין דעם, וואס יעדער חבר גיט זיך אליין ארויס מיט זיין אויסזעהען און מיט זיין הילוך, און מען האט אריינגעטראגען א פארשלאג, אז בשעת מען פיהרט „ליטעראטור“, מוז מען מתיר מאכען און אנשטאט א בלוזע טראגען א ווייסע מאנישקע מיט א קראגען.

מען האט גלייך איינעם פון די גענאסען געשיקט אין א גאלאנטעריע־געשעפט צו קויפען א פאפירענע מאנישקע מיט א פאפירענעם קראגען און מען האט געווארפען גורל ווער עס זאל עס אנטהאן לשם קאנספיראציע.

דער גורל איז אויסגעפאלען אויף חיים „דעם אינטעליגענט“.

— אוי וועה! — האט ער אויסגעשריען, דערהערענדיג דעם פינסטערען גורל, און מיט א מינע פון א פער'משפט'ען, האט ער זיך גענומען אנטהאן די מאנישקע מיט'ן קראגען.

נאטירליך איז עס ביי איהם ניט אזוי גוט געגאנגען, און דריי חברים זיינען איהם געקומען צו הילף.

נאכדעם ווי ער איז שוין געשטאַנען אַנגעטהאָן און האָט אויסגעזעהען ווי א חתן, האָט דער עולם איהם בעטראַכט.

— אצינד וועט מען איהם ניט ארעסטירען! — האָט איי־ער געזאָגט. ער זעהט אויס ווי א בעל־הבית'יש בחור'ל.

— צו מאָגער זעהט ער אָבער אויס, — האָט א צווייטער בעמערקט. — דאָס איז אויך זעהר פערדעכטיג.

— נו, דערצו איז שוין קיין מיטעל ניטאָ! — האָט א צווייטער געענטפערט.

דער פּאָרזיצענדער האָט אָבער דארויף זיך אָבגערופען:

— מיר דאַכט, אז עס וואָלט געווען צוועקמעסיג צו האָ־בען אין דער אָרגאַניזאַציע א מיטגליעד, וואָס זאָל אין גאַנצען אויסזעהען ווי א בורזשוי. מיט אזא וואָלט שוין קיין דורכפאַל ביין איבערפיהרען ליטעראַטור ניט געשעהן.

— וואו־זשע נעהמט מען א בורזשוי צווישען אונז? — האָט איינער טיעפזיניג געפרעגט.

און א צווייטער האָט איבערגעשלאָגען:

— וואָס הייסט, וואו נעהמט מען? און אז דו וועסט יא נעהמען, וואָס טויג אונז א בורזשוי? ווי קען מען א בורזשוי אַנטרויען קאָנספּיראַציע?

דאָן האָט דער פּאָרזיצענדער ערקלערט:

— מען מיינט ניט, נאַטירליך, קיין בורזשוי ממש. מען דאַרף נאָר האָבען אזאַ, וואָס זעהט אויס ווי א בורזשוי. ער דאַרף אָבער, נאַטירליך זיין אונזערער א טרייער פּאַרטיימאַן. אזוי ווי אָבער ביי אונז זיינען קיין בורזשויען ניטאָ, דאַרף מען אזא מין זעהן אויסאַרבייטען, פּראָדוצירען, הייסט עס.

די איבעריגע מיטגליעדער האָבען דעם פּאָרזיצענדען ער־שטוינט אָנגעקוקט.

— וואָס הייסט?

דער פּאָרזיצענדער האָט ערקלעהרט:

די זאַך איז איינפאַך. מיר מוזען האָבען אזא מיטגליעד

אין אונזער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען פראַנק און פריי אַרומפאָהרען איבער די באַהנען, זיך געפינען אויף פערשיעדענע וואַקזאַלען און זאָל האָבען אַ מאָוס אויסזעהן, דאָס הייסט אַן אויסזעהן פון אַ קאַמי־וואָיאַזשאָר...

— פוי! — האָבען די מיטגליעדער אויסגעשפּיגען.

— פוי הײַנט, פוי מאָרגען! מען מוז! אַנדערש קען מען ניט טראַנספּאָרטירען קיין ליטעראַטור. די פראַגע איז אָבער, ווי אַזוי ערציהט מען אַזאַ מין נפש? אום אויסצוזעהן ווי אַ קאָמיוואָיאַזשאָר דאַרף מען האָבען אַן אָבגעגעסענעם פּנים, דערצו פאָדערט זיך עסען אַלע טאָג אַ גוטען מיטאָג. הײַנט פרעגט זיך, צי וועט זיך געפינען צווישען אונז אַזאַ מאוסע בריה וואָס וועט זיך ערלויבען, אין דער צייט ווען אַרבייטער הונגערן און לעבען אין דחקות, זיך אָנטהאָן וואָוילטאָג, כדי צו בעקומען אַ פּאָר שעהנע באַקען.

— געוויס ניט!... — האָבען אַלע ווי אײנער אויסגעשאָסען.

— און דערצו — האָט דער פּאָרזיצענדער פאָרטגעזעצט— פאָדערט זיך נאָך צו רויכערן אַ גוטען סיגאַר, שטעהען אין אַ ליכטיגען רייכען צימער אין אַ האָטעל. געפינענדיג זיך אויפ'ן וואַקזאַל, מוז מען שטענדיג זיצען אין ערשטען קלאַס צווישען גראָבע, אָבגעגעסענע בורזשויען...

— אוי, ווי עקעלהאַפט! — האָבען אַלע חברים אויסגעשאָסען.

— אויסער דעם — האָט דער פּאָרזיצענדער ווייטער געדראָהט, — מוז מען אויף יעדען אָרים־געקליידעטען, אויף יעדען הונגעריגען קוקען פון אויבען אַראָב, מיט פעראַכטונג.

— ניין, פאַר קיין פאַל ניט! — האָבען אַלע בייז אויסגעשריען.

— אַלזאָ געפינט זיך צווישען אייך קיינער ניט, וואָס וויל זיך אונטערנעהמען שפּיעלען די דאָזיגע ראָלע?

— קיינער ניט! — האָבען אַלע ווי איינער געענטפערט...

נור פּלוצים האָט זיך איינער אויפגעשטעלט און מיט פרום־פערגלאַצטע אויגען האָט ער געזאָגט:

— איך טהו עס פון דער פּארטיי וועגען... איך נעהם אָן דעם פאָרשלאָג צו לעבען א גוטען טאָג...

די מיטגליעדער האָבען זיך איבערגעקוקט און איינער דעם אַנדערן האָט אויסגערדריקט זיינע התפעלות פון אזא חבר, וואָס וויל זיך אזוי ווייט אויפאָפּפערן פאר דער הייליגער אידעע, און ער איז געוואָרען פּעררעכענט פאר א הייליגען...

די לשון־קודש׳דיגע.

(א שפאס).

1.

ער איז געווען א ציוניסט און א לעהרער פון לשון־קודש. זי איז געווען סתם א בעל הבית׳יש מיידעל, אויך א ציוניסטקע און האט אויך געקענט לשון־קודש, כאטש קיין לעהרערין איז זי ניט געווען.

בעקענט האבען זיי זיך אויף דער ערשטער פערזאמלונג פון דער חברה „דוברי עברית“.

קיין שעהנע מיידעל איז זי ניט געווען, נאר אזוי ווי ער איז געווען א ציוניסט און א העברעאישער לעהרער האט ער אויף שעהנקייט ניט געקוקט. ער איז געווארען ענטציקט פון איהר לשון־קודש רעדען.

— העלמה דוברת צחות בשפת קדשנו — האט ער איהר געמאכט א קאמפלימענט.

זי איז רויט געווארען און האט געענטפערט:

— גם האדון דובר צחות בהשפה היחידה והשרידה...

2.

זיי האבען זיך פערליעבט און האבען א נדר גענומען צו רעדען שטענדיג לשון־קודש. צו זייער דיענסט איז געווען דער שיר השירים. גאנצע פסוקים פלעגען זיי ניט קארגען, אויסצו־דריקען זייער ליעבע איינער צו דעם אנדערען.

ביז אין א העלען פריהמארגען האט זיך דער שיר השירים גיין גאנצען אויסגענומען...

האבען זיי אנגעהויבען אויף דאס ניי.

ביז דער שיר השירים האט זיך א צווייטען מאל אויסגע־נומען.

האבען זיי ווידער אנגעהויבען אויף דאס ניי.

— לבבתיני אחותי כלה באחת מעיניך! — פלעגט ער איהר זאגען.

— דודי צח ואדום! — פלעגט זי איהם ענטפערען.

— שובי, שובי השולמית! — פלעגט ער זי אמאל רופען.

— אני לדודי ודודי לי! — פלעגט זי איהם ענטפערען.

אזוי האבען זיי זיך אויסגעלערענט דעם גאנצען שיר השירים אויף אויסווייניג...

3.

זיי האבען חתונה געהאט — און האבען געגעסען קעסט ביי איהרע עלטערען.

דעם שיר השירים האבען זיי נאר גענוצט דעם ערשטען מאנאט. שפעטער האבען זיי שוין גערעדט מיט'ן לשון פון אהבת ציון, אשמת שומרון.

נאך שפעטער האבען זיי גענוצט דעם חומש.

זיי זיינען אראב פון קעסט.

די לשון קדש'דיגע ווייבעל האט זיך געמוזט נעהמען אליין פיהרען דאס הויז.

דער לעהרער פלעגט קומען שפעט. נאך דער חתונה האט ער געמוזט נעהמען מעהר אוראקען.

— הנני רעב ככלב... פלעגט ער אויסרופען אביסעל ביין.

— אוי ואבוי לי! — פלעגט זי איהם מיט אנטהייל ענט־פערען.

4.

עס איז פערגאנגען א יאהר.

ער האט ליעב געהאט בעבלאך, האט ער אבער ניט גע־

וואוסט ווי אזוי זאָגט מען אויף לשון קודש בעבלאָך. האָט ער נעביך געמוזט עסען אלע טאָג פעריל־גרויפען. איינמאָל האָט ער זיך פערלאָזען אויף גאָט'ס בעראָט און האָט איהר געזאָגט:

— עשי מטעמים כאשר אהבתי!

און אז זי האָט איהם געפרעגט וואָס? — האָט ער גע־ענטפערט:

— לפת.

איהר האָט מען אמאָל געטייטש: לפת — מעהרען. האָט זי איהם געמאכט א מעהרען־צימעס.

ער איז געוואָרען בייז.

— בחול מעהרען־צימעס!... לא נאה...

— הלא אמרת לפת! — האָט זי זיך געוואונדערט.

— לפת!... לפת!... — האָט ער געקריצט מיט די ציינער— הלא לפת בעבליך בלע"ז...

האָט זי אבער גע'טענה'ט, אז לפת איז מעהרען.

איז ער נאָך בייזער געוואָרען: סטייטש, ער איז א העברע־אישער לעהרער, קומט זי און מאכט איהם פאר אן עם־הארץ! און ער האָט דעם ערשטען מאָל אויסגעשריען מיט א פסוק פון איוב. (ביז אהער האָט ער איוב קיינמאָל ניט גענוצט.)

דער פסוק איז געווען א הארבער. אלענפאלס נאָך שיר השירים האָט ער שלעכט געקלונגען. זי האָט איהם געוואָלט אויסזידלען האָט זי ניט געוואוסט ווי אזוי מען זידעלט אויף לשון־קודש. האָט זי א געשריי געטהאָן מאמע לשון:

— ביזט א שטיקעל משוגענער.

— און דו ביזט א נארישע אידענע — האָט ער געענטפערט צוריק מאמע־לשון.

און פון דאמאָלס אָן רעדען זיי אידיש...

די ריהרענדע דרשה.

דאס שטעדטעלע ק. האט געהאט מזל צו מגידים: עס פלעגט ניט אוועק די וואך, איבערהויפט ווינטער־צייט, אז עס זאל ניט קומען אהין א מגיד און בעגליקען עס מיט א פיער־פינף דרשות. די טהירען פון גרויסען בית־המדרש זיינען געווען פערשמירט גראב מיט מודעות, וועלכע פלעגען זיך אנהויבען מיט איין נוסח: „היום ידרוש"; און די שטאדט־גויה, וואס פלעגט וואשען אלע ערב־פסח די טהירען פלעגט נעבעך געניג בעדאר־פען הארעווען אום אבצושייערען די איינגעגעסענע פערטריקענ־טע קליי, וועלכע מען האט געשמירט פון דער פולער האנד אויף קהל'שע הוצאות.

דאס שטענדיגע הערען מגידים האט זעהר שטארק אויס־געפיינערט און ענטוויקעלט דעם געשמאק ביי די צוהערער: עס האבען זיך בעוויזען אין שטעדטעל בעזונדערע טאלאנטען קריטיקער, וואס פלעגען מיט גרויסע געפיהל און בריה־שאפט אבשאצען יעדען מגיד נאך זיין ווערט. די קריטיקער פלעגען הא־בען א גרויסע ווירקונג אויפ'ן איבעריגען עולם, און מען האט גע־דארפט דערום האבען א שטארקע קראפט צו קענען „נעהמען" דעם ק.־ער עולם. זיי פלעגען זיך ניט שעהמען אויסצוזעצען פעה־לער אין אזעלכע מגידים ווי דער „סקידלער", דער „ווידלער", וואס זיי האבען אנגעמאכט א גרויסען רעש „אויף דער וועלט", ווי עס איז בעוואוסט פון די גאזעטען. אויפ'ן גרויסען מטיף, ליע־בערמאן, וואס מיט איהם האט ממש געקלונגען, האבען זיי נאך בעמערקט, אז ער זאגט „ניט שלעכט", אבער ניט נתפעל געווא־רען — זיי האבען בעסערע געהערט!...

מאָוס פלעגט דאָרט, נעבעך, אַבשניידען אַ מגיד פון די „פוס־געהער“, וואָס פיהרען זייערע דרשות צו פוס: שווער פלעגט איהם אָנקומען ביז וואַנען ער פלעגט פועל'ן ביי'ם שמש צו „זאָגען“ און אויף מאָרגען פלעגט איהם דערזעלבער שמש, אפילו ניט מחילה בעטענדיג, גאָר אָפּען איבערגעבען אַז דער עולם פערלאַנגט ניט מעהר זיינע דרשות. דערביי פלעגט ער איהם אין האַנד אריינרוקען אַ פּאָר גילדען, וואָס האָט זיך אויפגעקליבען אין דער „קערה“. אויב דער מגיד פלעגט האָבען די העזה, נאָך אַזאַ קליינעם שכר־תורה, זיך אַ קרים צו טהאָן, פלעגט איהם דער שמש ענטפערען: דאָס שטעדטעל איז גרויס. דאָס איז געווען דער פשט: „איהר קענט נאָך געהן איבער די הייזער“...

איין מאָל אָבער האָט געטראָפען, אַז איינער פון די סאָרט מגידים פון די „פוס־געהער“, האָט אָנגעמאַכט גאָר אַ גרויסען רעש מיט זיינער אַ דרשה. ער איז געקומען ווינטער, אין האַלב־שבט, מאָנטאָג פריה נאָכ'ן דאַוונען. ער איז אריין אין גרויסען בית־מדרש אָהן אַ פּעקעל. ווער ווייסט וואו ער האָט עס אין שטעדטעל איבערגעלאָזט. נאָר דער שמש, וועלכער איז געווען געניט אין מגידים, האָט מיט'ן ערשטען קוק פערשטאַנען, אַז דאָס איז ניט פון די געהויבענע מגידים, געווים אַ „פוס־געהער“, און ער האָט זיך אויף איהם אפילו נישט אומגעקוקט. דער מגיד האָט זיך אַרום איהם אַרום געדרעהט, אונטערברומענדיג עפּעס אַ טרויריג גמרא־נגונ'דעל. עס איז געווען קענטיג, אַז ער וויל זיך פאָרשטעלען פאַר'ן שמש, נאָר ער וואַרט, אַז פריהער זאָל איהם דער שמש געבען שלום. אָבער דער שמש האָט זיך קאַלט־בלוטיג געטהאָן זיינע אַרבייט: פערשלאָסען די ספרים שראַנ־קען, אויסגעלאָשען די לאָמפּען, אויסגעזידעלט אַ פּאָר יונגע ישיבה־בחורים, וואָס זיי רויכערן און אויפ'ן אורח זיך אַלץ ניט אומגעקוקט. און דער אורח האָט זיך אַלץ אומגעדרעהט און אומגעדרעהט, ברומענדיג זיין גמרא ניגונ'דיל... ענדליך האָט

דער אורח נישט אויסגעהאלטען, ער איז שטיל צוגעגאנגען צום שמש און שוואך ארויסגערעדט:

— שלום עליכם... איך בין א מגיד —

— עליכם שלום, — האט דער שמש איהם קאלט געענט־פערט און געוואלט אוועקגעהן.

— וואס, מען וועט קענען זאגען? — האט דער מגיד פער־האלטען דעם שמש מיט א פראגע.

— דאס וועל איך זעהן שפעטער, מנחה־צייט, האט דער שמש מיט א טאן פול גרויסקייט געענטפערט.

אבער דעם מגיד, וועלכער איז שוין אביסעל שטאלצער גע־ווארען דערהערענדיג אז א האפענונג איז פארהאן, האט זיך געשטעלט ברייט:

— איהר דארפט וויסען אז איך האב יענע וואך געזאגט אין מינסק און גאט צו דאנקען איך האב דארטען „נושא־חן" געוועזען, איך בין ניט חלילה פון די גראשענע מגידים...

— אויב אזוי, — האט דער שמש געענטפערט ווייכער שוין, — קענט איהר „זאגען", ממה־נפשך דער עולם וועט הערען.

און באלד איז שוין געוועזען אויפ'ן טהיר צוגעקלעפט א מודעה „היום ידרוש" א. ז. וו.

נאך מנחה האט זיך שוין דער עולם צוזאמען געקליבען פון אלע קלייזלעך — אין גרויסען „בית־מדרש".

נאך מנחה, איז דער מגיד ארויף ווי דערשראקען אויפ'ן בימה, א קוש געגעבען דעם פרכת, א בלעטער געטהאן דאס ספר'ל, וועלכען ער האט מיטגענומען און האט מיט א שוואכען ניגון א זונג געטהאן:

— „רבותי! שלמה־המלך קומט צו געהן אין משלי און זאגט אזוי:

דער מגיד האט געמאכט שלמה־המלך ווי דער אמת איז פאר א גרויסען חכם, נאר אויפ'ן פסוק האט ער אנגעפרעגט פינף הארבע קשיות און אום זיי צו פערענטפערען, האט ער געבראכט

א מדרש, א צוויי אגדתות, דריי „רבי־בר־בר־חנא“, א שטיק פון „יערות־דבש“ ער האָט אַלץ געמישט און געמישט. נאָכהער האָט ער געבראַכט א משל פון א בן־יחיד, וואָס איז געפּאָהרען למדינת־הים. בכלל האָט ער די דרשה אַנגעצויגען אויפ'ן הויכען שניט, ער האָט ערטערווייז פּערטראָגען צו גרויסע מגידים. נאָר דער עולם האָט עפּעס די דרשה ניט גענומען. עס איז שווער געווען צו דערקלערען די סבה דערפון: צי דער ניגון איז זיי נישט געווען געפעלען צי אפשר איז געווען שולדיג אין דעם זיין באָרד. זיין ניגון איז געווען שטיל, נאָר געגוג טרויעריג, און איז אריינגעפאלען ערטערווייז אין א עכט אידישע הייזעריגקייט; די באָרד זיינע איז טאַקע געווען ניט קיין שעהנע, ניט קיין לאַנגע באָרד פון א מגיד, ווי דער עולם האָט ליעב. די „צוהערער“ האָבען מינוטענווייז פערלאָרען אַלץ מעהר דאָס געדולד, אויפגעהערט צו קוקען איהם אין מויל אריין און די „קריטיקער“ האָבען זיך צו־וואָרפען מיט מיינונגען:

— גאָר ניט קיין זאַגער.

— נישטאָ וואָס צו הערען.

— ער האָט גאָר קיין צונג ניט.

— ער האָט גאָר קיין קול נישט.

— ער פּלוידערט.

— עט...

און אין בית מדרש האָט אָנגעהויבען צו זומען, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, ביז עס איז איבערגעגאַנגען אין א געררודער. איינינגע וואָס שטעהען נאָהענט נעבען בימה, רוקען זיך צוריק, צוריק, און ארום דעם מגיד ווערט אַלץ מעהר ליידיגער פּלאַץ, אָט איז שוין א שטיק קיילעכדיגער פּלאַץ לעדיג... הינטען רודערט, דער שמש פּאַטשט...

און דער מגיד שטעהט אויפ'ן בימה א דערשראָקענער: דאָס גערודער, דאָס פונאנדערגעהן זיך, דאָס פּאַטשען פון שמש שלאָגט איהם אראָב פון וועג און ער טומעלט זיך אין די רייד:

אנשטאט שלמה המלך זאגט ער דוד המלך, אנשטאט „דער מדרש" זאגט ער „דער זהר" און פערקעהרט, ער פערכאפט זיך צוריק, נאר דאס פערבעסערט נישט, עס ווירקט נאך ערגער אויפ'ן עולם, וואס האט ליעב עס זאל געהן גלאט; ביסלעכ־ווייז צוגעהט זיך דער עולם, די נעהנטערע רוקען זיך אב, אנ־דערע געניצען... דער גבאי זאגט דעם שמש אויפ'ן אויער: שוין צייט מעריב צו דאווענען, נאר ער זאגט עס אזוי שטיל, אז דער מגיד הערט עס... אפילו דער אלטער משה דער קרעמער וואס האט זיין גאנץ לעבען איין דרשה נישט דורכגעלאזט, וואס שטעהט שטענדיג הארט נעבען בימה און קוקט אין מויל אריין יעדען מגיד און חאפט אונטער בעקאנטע ווערטער פון פסוקים, וועלכע דער מגיד ענדירגט ניט, פערלאזענדיג זיך אופ'ן עולם'ס לומדות, אפילו ער גיט אויך א געניץ דעם מגיד גלייך אין מויל און ריקט זיך אב ניט וועלענדיג א שטיק ווייטער.

און די דרשה ווערט אלץ מעהר אבגעריסען און צופלאנ־טעט. דער מגיד שטעהט דערשראקען. עס איז קענטיג, אז ער זוכט אן עצה, ווי צו בערוהיגען דעם שטורם, ער איז מבטיח, אז באלד איז ער מסים, נאר ער קען נישט ארויסקריכען, ער האט זיך צו שטארק פערדרעהט אין פסוקים, אגדתות און מדרשים, קענטיג ניט נאך זיין כח... דער טומעל וואקסט, אט דאכט זיך שפרינגט ארויס אן עזות־פנים און שרייט: גענוג שוין — מ'דארף שוין מעריב דאווענען... דער מגיד מאכט מיט די הענד, ווארפט זיך אום אין אלע זייטען, ווי ער וואלט עפּיס זוכען א ווארט, וואס זאל קענען פערהאלטען און בערוהיגען דעם עולם, זיי זאלען איהם אויסהערען... זיי זאלען זיך ניט צוגעהן... נאר נישטא אזא ווארט!...

פּלוצים האקט זיך אב די דרשה, דער מגיד ווישט זיך דעם שוויים און קוקט מיט שטארע בליקען אופ'ן עולם, און באלד ברעכט ער אוירס א בער'ן בית־מדרש מיט זיין פערצווייפעל־טער הייזעריגער שטימע: רבתי! איך בין א איד פון אכט

קינדער, איך בין שוין פון דער היים א יאהר, איך האב זיי געלעזאן אהן א גראשען געלד... זיי הונגערען דארטען אוודאי. רבותי, רחמנים בני רחמנים, האט רחמנות אויף א טאטען פון אכט קינדער...

אין בית־מדרש איז שטיל געווארען ווי אויף א בית־עולם. א שוידער איז דורכגעלאפען יעדערן איבערן לייב. צייט מגידים האבען דא געזאגט האט נאך קיינעם אזוי גישט געראטען צו ווירקען אזוי שטארק אויפ'ן עולם. אפילו דער רב, וואס איז בטבע א שונא מגידים, וואס שלאפט שטענדיג אנשפארענדיג זיך אויפ'ן סטענדער, ווען דער מגיד זאגט, האט זיך דערפון אויך אויפגעחאפט, ארויס געלאזען א טיעפען זיפץ, געשאקעלט מיט'ן קאפ און געמורמעלט: נעביך, נעביך...

און איין קריטיקער האט מיט אומעטיגע בליקען א קוק געטהאן אופ'ן צווייטען און געפרעגט:

— האסט געהערט?

— יא, זאט יענער טרויעריג געענטפערט.

— נו, א וועלטעלע, האט א דריטער געזיפצט... — און דארט הינטערן בימה, וואו די קערה שטעהט, איז געווארען א שטופעניש. דאס האט יעדער זיך געשטויסען צו דער קערה אריינצווארפען זיין נדבה פאר'ן מגיד. עס זיינען געפלויגען גריוונעס, גילדענס און פערציגערס, ווי די טויבען...

און אויף מארגען זיינען צוויי שעהנע בעלי־בתים ארומגעגאנגען איבער'ן שטעדטעל צוזאמען קלויבען געלד; עס איז פאר זיי געגוג געווען נור אויסצורעדען, אז עס איז פאר'ן נעבטיגען מגיד, אז מען זאל זיי שראגען די נדבה אנטקעגען. די שענסטע נדבה האט געגעבען יענער „קריטיקער", וואס האט נעכטען געזאגט אויפ'ן מגיד, אז ער פלוידערט. אריינקוקענדיג צו די גבאים אין דאס רויטע פאטציילכען, וואו דאס געלד איז געלעגען, האט ער מיט הארץ געזאגט:

— עס איז א יושר אויפצוקלייבען וואס מעהר: מילא

קען ער ניט זאָגען, אָבער אַ רחמנות איז דאָך. פאַרט, אַ איד אַ למדן — איהר ווייסט — האָט ער געענדיגט צוהיצענדיג זיך אביסעל — איך וואָלט וועלען, אז היינט זאָל מען מיר איהם שיקען אויף וועטשערע. איך וואָלט זיין זעהר צופרידען!

— ניין! — האָט איין גבאי געענטפערט, — יענקיל לייבעס האָט שוין פערבעטען, נאָך אין דער פריה ביים דאַווענען.

יענקעל לייבעס איז דערזעלבער, וואָס האָט נעכ־טען אויפ'ן מגיד געזאָגט אז ער האָט גאָר קיין מויל נישט. —

אינהאלט:

די ארעמע קהלה — — — — — — — 7
די קנעטעריז — — — — — — 15
דער שמעק טאבאק — — — — — — 20
דער אלטער טשעסלער — — — — — 27
ווען עסט חיים מלמד א בוינעל ? — — — — — — 33
דער אורח — — — — — — — 38
בולקעס — — — — — — — 42
א דראמא איבער 5 קארטאפעלס — — — 47
דער קראנקער פינגער — — — — — 54
דעם טאטענ׳ס שטיוועל — — — — — 63
די אידענע מיט׳ן באב — — — — — 68
די מרידה ביי אקדמות — — — — — 72
אויפ׳ן בוידעם — — — — — — 79
דער קליין רעדלער׳ל — — — — — — — 82
מיינע ערשטע האנאראריען — — — — 89
דער גימנאזיסט — — — — — — 95
א אידיש הארץ — — — — — — 101
די נאשעריז — — — — — — 105
מיין באבעס גליק — — — — — — 110
די הייזער — — — — — — — 114
די רעוואלוציע אין קליינעם בית־מדרש — — 121
דער ארעסטירטער קרעמער — — — — 127
א פסח׳דיגער טאטע — — — — — 132
גבירה׳שע מצה — — — — — — 139
ארימע לייט — — — — — — — 152

צוויי שוועסטער — 156
רייזעלע — 167
די נייע לאטע — 177
דער הענדלער און זיין האפנונג — 183
פערמאכט — 187
דאס בענשער'ל — 192
ביי דאקטוירים — 196
דאס אייביגע לעבען — 205

מיניאטורען:

1) געבליעבען אליין — 213
2) ניט קיין איד — 214
3) אין א אידיש געוועלב — 216
4) דער פאלשער טאן — 217
5) רחמנות — 218
6) הנאה געהאט — 220
7) געשלאסען א געשעפט — 223
8) אלע טאג — 227
9) דער מאלער — 229
10) דער מאטעמאטיק — 232
11) דאס שליחות — 236
12) דער הייליגער — 239
די לשון־קודש'דיגע — 243
די ריהרענדע דרשה — 246

ספריה עממית
PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be

כ"ץ, ל.

FIC.

שלעזיר ליציר

507

בעלעטר.

507

APR 2 76

May 14/78

DEC 11

MAR 15/84

Nov 10/85